STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03387

TANAKH VISNSHAFT

Rudolf Kittel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער קעניג פֿון בבל האַמוראַפּי און דער גאָט פֿון דער זון
(אונטן קומט פֿאַרשריבן דאָס געזעץ)

טאָוול I.

פראָפ. רודאלף קיטעל

תנ"ך וויסנשאפט

(די וויכטיקסטע אויספירן)

פון דייטש
ש. ראָזענפעלד

מיט 14 טאָוול-בילדער
און 21 בילדער אין טעקסט

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

PRINTED IN POLAND

וואַרשע 1923, געדרוקט אין 1500 עקז.
געזעצט ביי פאַרביאַרזש = גרינבערג,
געדרוקט „די וועלט“, וואַרשע, נאָוואָליפּיע 7

Prof. A. Kitel, Tanach - Wissenszaft
Wyd. „Kultur - Lige“, Warszawa, 1923

Druk. „Di Welt“ Warszawa Nowolipie 7

א פאָרבאמערקונג

(צו דער ערשטער אויפלאגע)

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זיך דאָס זאקסישע מיניסטעריום פאר קולטור און עפנטלעכן אונטערריכט געווענדעט צו מיר מיט דער פראגע: צי וואָלט איך מסכים געווען, אין א קורס פון זעקס פאָרטראגן פאר לערער פון פאָלקסשולן, זיך ארויסזאָגן וועגן דעם, וואָס מען קאָן ווירקלעך האלטן פאר זיכערע רעזולטאטן פון דער ביבלישער וויסנשאפט? מיט דער פולסטער איבערצייגונג האָב איך דערויף געקאָנט ענטפערן: אז איך קאָן נאָר ווינטשן גליק דער אונטערנעמונג איינצוריכטן קורסן וועגן די רעזולטאטן פון טעאָלאָגישע וויסנשאפטן, און אז איך האלט עס פאר מיין זעלבסטפארשטענדלעכע פליכט, צו ווידמען דער דאָזיקער דורכויס וויכטיקער זאך מיין כח און מיין וויסנשאפטלעכע אויפמערקזאמקייט.

וואָסערע סבות האָבן געבראכט דאָס דערמאָנטע מיניסטעריום צום איינריכטן אזוינע קורסן, איז קלאָר. ווי אזוי אוועקצושטעלן דעם רעליגיאָנס-אונטערריכט אין די שולן, און דערהויפט אין די פאָלקסשולן — איז אין גאנץ דייטשלאנד געוואָרן א ברענענדיקע פראגע. מיר אליין שטייען דאָ, אין זאקסן, פאר א נייעם איינאָרדנען די פאָלקסשול. די וויכטיקסטע און אפשר די טיפגייענדיקסטע פאָדערונג פון די לערער — וועלכע האלט שוין עטלעכע חדשים די געמיטער אין לעבעדיקסטער וואכזאמקייט — באשטייט אין דעם: „אזוי אוועקצושטעלן דעם רעליגיאָנס-אונטערריכט, אז ער זאָל שטימען מיט די געזיכערטע רעזול-

טאטן פון דער וויסנשאפטלעכער פאָרשונג". ווייל דאָס דערמאָנטע מיניסטעריום זיך קלאָר מאכן אָט די פאָדערונג, האָט ער ניט דערציקיין אנדער מיטל, ווי צו ווענדן זיך, קודם כל, צו די פארטרעטער פון דער וויסנשאפטלעכער פאָרשונג אויף דעם געביט, וואָס קומט דאָ אין באטראכט; מוז זי אויסהערן זייער מיינונג וועגן דעם: צי עס זיינען בכלל פאראן אזוינע געזיכערטע רעזולטאטן, און ווי ווייט זיי גרייכן. זעלבסטפארשטענדלעך, אז ביי דער וויכטיקייט פון דער ביבל פארן רעליגיאָנס-אונטערריכט אין דער פאָלקסשול, דארף מען די קורסן אָנהויבן מיט דער ביבלישער וויסנשאפט.

אונזער קורס איז געשאפן פאר די פארטרעטער פון דער פאָלקסשול דערפאר, וואָס זיי זיינען, לויט זייער בארוף, רעליגיאָנס-לערער. ווי-לאנג די פאָלקסשול קוקט אויף דעם רעליגיאָנס-אונטערריכט פון דער יוגנט, ווי אויף איינער פון אירע וויכטיקסטע אויפגאבן; און באזונדערס: ווי-לאנג דער דאָזיקער אונטערריכט, ביז צו דער העכסטער שטופע, ליגט ביים לערער אין האנט, אזוי לאנג האָט די שול און שול-לייטונג צו זאָרגן דערפאר, אז די אנטוויקלונג פונם רעליגיעזן וויסן, גענויער: די אנטוויקלונג פונם וויסן וועגן די געגנשטאנדן פונם רעליגיאָנס-אונטערריכט, זאָלן דעם לערער נישט פרעמד זיין. און אויך דאָס דאָזיקע וויסן, ווי יעדער אנדער מענטשלעך וויסן – קודם כל, ווי ווייט עס שטייט אין באציונג מיט גענויע וויסנשאפטן (ווי געשיכטס-וויסנשאפט, נאטורוויסנשאפט א. ד. ג.), בלייבט עס נישט שטיין אויף איין אָרט. סיי בנוגע זיין פאָזיטיוון דערקענען, סיי בנוגע זיין פארפולקאָמטער אויסדריקלעכקייט און פינקטלעכערער פאָרמולירונג, בילדעט עס זיך אויס אלץ מער און מער. צו קענען די דאָזיקע ווייטער-אויסבילדונג, קיינמאָל זי פון אויג נישט ארויסלאָזן – דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן פאר יענעם, וואָס זיין בארוף איז: דער וואקסנדיקער יוגנט איבערצוגעבן דאָס וויסן פון רעליגיעזע זאכן.

די סיבה, וואָס האָט געבראכט צום איינריכטן אונזערע פאָרטראגן, זי האָט עס אויך דיקטירט די דורכויס אלגעמיין-פארשטענדלעכע פאָרם זייערע, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קאָנען העברעיש כדי זיי צו פארשטיין. זיי זיינען נישט באשטימט פאר דער עפנטלעכקייט, נאָר, אויסשליסלעך, פאר אן ענגערן קרייז לערער און לערערנס (אן ערך 70).

וואָס דאָס מיניסטעריום האָט איינגעלאַדן, וועלכע האָבן זיך שוין פרי-
צער, מיט ערפאָלג, פאַרנומען מיט רעליגיאָנס-אונטערריכט אין דער פאָלקסשול.

נאָך בעתן האלטן די דאָזיקע פאָרלעזונגען אין דער היגער אוניווערזיטעט (סוף סעפטעמבער 1909), און נאָך מער און אנטשיידענער, נאָכדעם, ווי זיי זיינען שוין געווען געענדיקט, האָט מען מיר אויסגעדריקט דעם ווונטש: איך זאָל דעם אינהאַלט פונם געזאָגטן, לאָזן אָפּדרוקן. דאָס וואָלט געגעבן די צוהערער די מעגלעכקייט אליין ווייטער נאָכצודענקען און נאָכצואַרבעטן אויף דער טעמע. דאָס וואָלט אויך דעם ענין צוגענגלעך געמאכט פאַר יענע, וואָס האָבן, צוליב פאַרשיידענע סבות, נישט געקאָנט צוהערן די פאָרלעזונגען, נאָר זיי האָבן אָבער א גרויס אינטערעס צו זיי.

לכתחילה בין איך געווען קעגן דעם דאָזיקן ווונטש. דערהויפּט דערפאַר, וואָס מיר האָט געפעלט יעדע שריפטלעכע פאָרלאַגע דערצו. ביי דער גאַנצער זאָרגפעליקייט, מיט וועלכער איך האָב זיך צוגעגרייט צו די פאָרטראַגן, האָב איך דאָך נישט געקוקט אויף זיי, ווי אויף „פ אָ ר ל ע ז ו נ ג ע ן" אין שטרענגן זין פון וואָרט. אָבער נאָכדעם ווי אייניקע, באַזונדערס אייפעריקע צוהערער, האָבן די פאָרלעזונגען פאַרשריבן און דאָס נאָכגעשריבענע מיר איבערגעגעבן, האָב איך גערעכנט, אַז איך טאָר נישט איגנאָרירן און אָפּוואַרפן אַזאַ היכע מאָס פון פריינטלעכן אָנטיילנעמען. און דאַן האָב איך גענומען אויף זיך די מי, שריפטלעך צונויפצושטעלן דאָס, וואָס איך האָב פאָרגעלעזן אויסעווייניק.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די נאָכגעשריבענע העפטן האָבן געפאָדערט א נייע באַאַרבעטונג און א טיכטיקע רעדאַקציע, ד. ה. דערגענצונגען פון זכרון. איך האָף אָבער, אַז דעם תמצית דערפון, וואָס די צוהערער האָבן געהערט, וועלן זיי דאָ ווידער געפינען. איך האָב די פאָרטראַגן אַזוי צונויפגעשטעלט, ווי איך וואָלט דאָס געטאָן, ווען איך וואָלט זיי איצט נאָכאַמאָל געוואָלט האַלטן.

צו די פאָרטראַגן זיינען צוגעקומען באַשפּרעכונגען און פראַגן מצד די הערער. די תשובות אויף זיי גיבן אָפּט די געלעגנהייט, דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין פאָרטראַג, מער און גענויער צו ער-

קלערן. נעמענדיק אין באטראכט, אז אייניקע פראגן, וואָס זיינען דאָרט געשטעלט געוואָרן, קאָנען אויך דעם לעזער אײנפאלן, האָב איך דאָ פון די באשפּרעכונגען צוגעגעבן דאָס, וואָס עס האָט מיר אויסגעזען, אז עס האָט אן אלגעמיינעם אינטערעס. אייניצלנע בילדער, וואָס זיינען געוויזן געוואָרן די צוהערער, כדי דורך זיי קלאָרערמאכן די פאָרטראגן, וועלן דעם לעזער אויך זיין געוווּנטשן.

זאָל דאָס פאָרגעטראָגענע געפינען ווערן פאר ניצלעך ביים לעזן די גרויסע אנטשיידנדע פראגן, פאר וועלכע אונזער שול שטייט!

לייפּציג, נאָוועמבער, 1909

ר. קיטעל

אינהאלט

זייט

פארבאמערקונג 3

הקדמה. וואס הייסט זיכערע רעזולטאטן? דער גראד פון זיכערקייט . 11

ערשטער חלק. די רעזולטאטן פון די אויסגראבונגען.

דאס ערשטע קאפיטל. בבל=אשורישע פאראלעלן צו די ביבלישע אור=געשיכטעס 18

1. די בריאה און דער ערשטער חטא 19
2. דער מבול 23
3. די אבות 26
4. דער רעזולטאט 28

דאס צווייטע קאפיטל. דער קאדעקס פון האמוראפי און דאס אלט=ישראלשע געזעץ 30

1. די באדייטונג פון קאדעקס האמוראפי . . . 31
2. די פארגלייכונג מיטן געזעץ פון חומש . . . 32
3. דאס אויפקומען פינם ביבלישן געזעץ לויט זיין עלטערער שיכט 35

דאס דריטע קאפיטל. טעל=על=אמארנא. די אויסגראבונגען אין פאלע=סטינע און די אלט=כנענישע קולטור און רעליגיע 42

1. דער אמארנא-אוצר און זיין באדייטונג . . . 42
2. די אויסגראבונגען אין פאלעסטינע 44
3. די אלט=כנענישע קולטור און רעליגיע . . . 56

דאס פערטע קאפיטל. די יידן און די אויסלענדישע הערשער . 66

1. שישק מלך מצרים און מישע מלך מואב . . . 66
2. דער מלך יהוא פון ישראל און שלמנאסר פון אשור . . 73
3. די מלכים פון אשור: תגלת פלאסר דער IV=טער און סרגון . 75
4. סנחריב און נבוכדנאצר 77

צווייטער חלק. רעזולטאטן אויפן גרונט פון ליטערא=טור=קריטיק און ליטעראטור-געשיכטע.

דאס פינפטע קאפיטל. חמשה חומשי תורה 84

1. מהות און באדייטונג פון דער פענטאטאוך=קריטיק . . 84
2. די אנטוויקלונג פון דער פענטאטאוך-קריטיק, אירע הויפט-שולן 92
3. רעזולטאטן און צוקונפטס=אויפגאבן 95

דאָס זעקסטע קאַפּיטל. דער מהות און די מעטאָדע פֿון דער העברעיִשער געשיכטע-שרייבונג . . . 106
1. די פֿאַרשטופֿע פֿון די היסטאָרישע ביכער: פֿאָלקס-דערציילונגען און געזאַנגען וועגן העלדן 106
2. זייער היינטיק געשטאַלט 113
3. זייער ליטעראַרישע אייגנאַרטיקייט 122
4. איר געשיכטלעכער ווערט 126
דאָס זיבעטע קאַפּיטל. די אייגנאַרטיקייט פֿונם נביאישן שרייבן . 129
1. די נביאים אַלס רעדנער, דיכטער און שריפֿטשטעלער . 129
2. דאָס היינטיקע געשטאַלט פֿון „נביאים" . . . 133
דאָס אַכטע קאַפּיטל. די אַלט-העברעיִשע ליריק בכלל און דער תהלים בפרט 136
1. וועלטלעכע און רעליגיעזע ליריק 136
2. דער עלטער און דאָס אויפֿקומען פֿון דער רעליגיעזער ליריק. צי האָט דוד פֿאַרפֿאַסט דעם תהלים? . . . 138
3. דער גלות און די צייט נאָכן גלות. דער פּרט און די געמיינדע 146
4. די הויפּט-מינים לידער, וואָס געפֿינען זיך אין תהלים. . 149
5. די רעליגיעזע באַדייטונג פֿונם תהלים . . . 154

דריטער חלק. רעזולטאַטן אויפֿן יסוד פֿון געשיכטלעכער און רעליגיע-געשיכטלעכער פֿאָרשונג.

דאָס ניינטע קאַפּיטל. די צווי-גרופּענע אָבות . . . 159
1. פֿאַרשיידענע אויסטייטשונגען 159
2. דער פֿאַקטישער געשיכטלעכער באַשטאַנד . . . 165
דאָס צענטע קאַפּיטל. משה און דאָס עגיפּטישע פֿאָלק ישראל. . 171
1. די מדבר-שבטים און די וואַנדערונג 171
2. משה 176
דאָס עלפֿטע קאַפּיטל. די אידעע וועגן רעליגיע און מאָראַל אין דער עלטערער צייט ביים פֿאָלק ישראל . . 181
1. ישראל און די כנענים 181
2. די כנעניזירטע פֿאָלקס-רעליגיע 182
3. די העכערע רעליגיע 191
4. דער מאָראַלישער שטאַנדפּונקט פֿון דער צייט. . . 194
דאָס צוועלפֿטע קאַפּיטל. די גרויסע יידישע נביאים. . . 199
1. זייער באַדייטונג 199
2. די סבות פֿון זייער אויפֿטרעטן 200
3. דער עטישער מאָנאָטעיזם און זיינע אויספֿירונגען . . 207

זייט

4. די אייגנאַרטיקייט פונם נביאישן באַוווסטזיין . . . 213

5. די וויזיאָנערישע איבערלעבונג און דאָס פאַרהאַלטן פון די נביאים צום אָביעקט 215

דאָס דרייצנטע קאַפּיטל. די האָפענונג פונם פאָלק ישראל . . 223

1. איר אינהאַלט, די אידעע וועגן משיחן . . . 223

2. אויסלענדישע פּאַראַלעלן 225

3. איר עלטער און געשיכטלעכע אַנטוויקלונג . . . 229

הוספה. פון די שמועסן, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך די פאָרטראָגן . 237

1. פון דעם שמועס וועגן ערשטן חלק, קאַפּיטל 1 . . 237

2. פון דעם שמועס וועגן ערשטן חלק, קאַפּיטל 2 . . 248

3. פונם שמועס וועגן צווייטן חלק, קאַפּיטלען 5—8 . . 251

4. פונם שמועס וועגן דריטן חלק, קאַפּיטלען 9—11 . . 257

א. די ז׳טלעכע אָנשווינגען 258

ב. שטאָפן, וואָס זענען ניט געווען געשיכטלעך . . 260

הוספות

צום קאַפּיטל 2 § 4 263

צו קאַפּיטל 3 ז. 54 266

צום סוף פונם 2=טן אָפּזאַץ 3 § קאַפּיטל 3 . . . 267

קאַפּיטל 11—דער אויפן און פאַרנעם פונם איינגעמען דאָס לאַנד . 267

הקדמה

וואָס הייסט זיכערע רעזולטאַטן? דער גראַד פון זיכערקייט

איידער איך ערלויב מיר צו רעדן פון די וויכטיקסטע, זיכערע רעזולטאַטן פון דער ביבל- אָדער תנך-וויסנשאַפט — ווי ווייט זיי געהערן דער נייער צייט, — וואָלט אפשר געווען ריכטיק צו שטעלן פריער די גאַנץ וויכטיקע פראגע: וואָס הייסט בכלל: זיכערע רעזולטאַטן? וואָס פאַר א פאָרשטעלונג דאַרף מען פאַרבינדן מיט דעם באַגריף?

דערמיט זיינען מיר דערווייל נאָך נישט אויסן צו פרעגן: צי איז דער אָדער יענער פאַקט, וואָס ווערט געבראַכט אין תנך, באמת געשיכטלעך? א. ד. ג. דערפון וועט נאָך שפעטער זיין די רייד, פאָרלויפיק האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם, אַזוי צו זאָגן, ריין מעטאָדישן — נישט פעדאַגאָגישן, נאָר אַלגעמיין-וויסנשאַפטלעכן פרינציפּ: אין וואָסער אַ זין קאָנען מיר דערוואַרטן זיכערע רעזולטאַטן פון דער ביבלישער און, באַזונדערס, תנך-וויסנשאַפט? און די רעזולטאטן, צו וועלכע מיר קומען דורך איר: צי זיינען זיי אבסאָלוט זיכער, אָדער אפשר זיינען זיי זיכער נאָר אין אַ געוויסער מאָס? צי לאָזן זיך אַלע אירע רעזולטאַטן — אפילו יענע, וואָס מיר, לויט אונזער בעסטער איבערצייגונג, רופן אָן זיכערע אין ווייטסטן זין — מער שוין נישט אָפּפרעגן, אָדער אפשר זיינען אויך דאָ פאַראַן געוויסהייטן, זיכערקייטן פון פאַרשיידענעם גראַד און מאָס, וואָס שטרענג גענומען וואָלטן מיר זיי געדאַרפט פאָרזיכטיק אונטערשיידן איינס פונם אַנדערן?

פאַקטיש איז עס טאקע אַזוי.

אַ זיכערקייט פון ערשטן גראַד, באַקומען מיר אַרויס פון אורקונדן (אַלטערטימלעכע דאָקומענטן), ווי ווייט זיי פאַרדינען דעם נאָמען. — קיין חילוק נישט: צי געפינט מען זיי אין תנך גופא, אָדער זיי זיינען אויסגעקריצט אויף שטיינער, געשריבן אויף פאַפירוס א. ד. ג. — ווי ווייט זיי זיינען אַליין באַגלויביקט און זייער אינהאַלט איז אומצווייдייטיק (די לעצטע באַגרענעצונג איז נוגע יענע פאַלן, ווו מיר האָבן פאַר זיך אַ פאָרטרעפלעכע און דורכויס גלויבנסווירדיקע אורקונדע, אָבער דאָס, וואָס דאָרט איז געשריבן, איז פאַר זיך נישט קלאָר און נישט גענוג דייטלעך, אָדער די ידיעות און די אויסדריקן, וואָס מיר געפינען דאָרט, זיינען פאַר אונז, איצט, נישט פולשטענדיק פאַרשטענדלעך). פון אַזא מין אורקונדע קאָנען מיר אַרויסבאַקומען אַ געוויסקייט פון ערשטן גראַד, אַ געזיכערטן פאַקט און אַ פעסטן רעזולטאַט — אין דעם זין, ווי ווייט די געשיכטע בכלל קאָן רעדן פון אַזעלכע זיכערקייטן און רעזולטאַטן.

דערביי זיינען אָבער פאַראַן זיכערקייטן פון צווייטן גראַד אויך. למשל: אויב די אורקונדע, פאַר־זיך, איז פאָרטרעפלעך, ווי ס'איז פריער געזאָגט געוואָרן — זי איז אָבער נישט אין אַלע אירע טיילן אומצווייдייטיק; אָדער מיר האָבן זי פאַר אונז נישט פולשטענדיק גאַנץ, נאָר צעבראָכן אויף שטיקער, ווו וויכטיקע טיילן פעלן אינגאַנצן. אין אַזוינע פאַלן, קומט די נויטווענדיקייט צו דערקלערן און אויסצוטייטשן דאָס, וואָס איז דאָרט נישט גענוג קלאָר, אָדער צוטראַכטן דאָס, וואָס דאָרט פעלט. דערביי באַנוצט מען זיך אי דערמיט, וואָס מיר האָבן דאָ גאַנץ פאַר אונז, אי דערמיט, וואָס מיר ווייסן וועגן דעמזעלבן ענין: פון אַנדערשוווּ. אָבער דורך די דאָזיקע דערקלערונגען און אויסטייטשונגען, צוטראַכטונגען און דערגאַנצונגען, מישן מיר צו, צו דער אורקונדע, אָדער דערצו, וואָס איז אונז אָביעקטיוו געגעבן, אַ סוביעקטיוון עלעמענט. ד. ה. דאָס פערזענלעכע אָפוועגן, געשטיצט אויף פאַרשיידענערליי וואַרשיינלעכקייטן, לויט אייגענער אויפפאַסונג א. ד. ג.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די זיכערקייט, וואָס מיר באַקומען אויף אַזאַ אופן, קאָן נישט זיין גענוי אַזוי גרויס ווי אין ערשטן פאַל. אָנשטאָט דער ווירקלעכער, היסטאָרישער געוויסקייט, האָבן מיר פאַר

זיך נאָר זייער אַ גרויסע װ אַ ר ש יי נ ל ע כ ק יי ט. אמת, דאָס איז אַזאַ וואַרשיינלעכקייט, וואָס פֿאַר דעם, וואָס האָט אָט דעם שטאָף באַאַרבעט, און אפשר אויך פֿאַר יענע, וועלכע האָבן אים ווי געהעריק באַטראַכט, קאָן זי געגליכן זיין צו אַ געוויסקייט; דערפֿאַר מעגן זיי דאָ, ביי זייער בעסטער איבערצייגונג, רעדן פֿון אַ ז י כ ע ר ן רעזולטאַט. אָבער שטרענג גענומען, איז עס דאָך נישט מער ווי אַ ג ר ו י ס ע װ אַ ר ש יי נ ל ע כ ק יי ט, וואָס האָט פֿאַר זיך די פּערזענלעכע איבערצייגונגען פֿון חשובע פֿאָרשער. וואָרים עס איז זייער גוט מעגלעך, אַז דורך נייע פֿאַקטן, אָדער אַנדערע אויטאָריטעטן, זאָל די דאָזיקע וואַרשיינלעכקייט אָפּגעפֿרעגט ווערן. קורץ, אין דעם דערמאָנטן פֿאַל, האַנדלט זיך בלויז וועגן זיכערקייט פֿון צ וו יי ט ן גראַד.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פֿון פֿיל.

איז אָבער די אורקונדע אַליין נישט פֿון ע ר ש ט ן, נאָר פֿון צ וו יי ט ן ראַנג, ד. ה. זי שטאַמט נישט פֿון די פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך אַליין באַטייליקט אין דעם געשעעניש, פֿון וועלכן ס׳ווערט אין איר דערציילט, און אויך נישט פֿון אַזעלכע, וועמען יענע פּערזאָנען האָבן געהייסן דאָס געשעעניש פֿאַרשרייבן; זי שטאַמט נישט פֿון עדות, וואָס זיינען אַליין דערביי געווען, און נישט פֿון צייט-גענאָסן, וואָס האָבן דאָס אַליין איבערגעלעבט, נאָר זי שטאַמט פֿון אַזוינע מענטשן, וואָס שטייען אין אַלע פּרטים: הן אין צייט, הן אין אָרט און הן לויט דער סביבה, זייער ווייט פֿון דעם געשעעניש — אפֿילו ווען די אורקונדע שטאַמט פֿון אַזוינע קרייזן, וואָס האָבן די בעסטע קענטעניש און די גענויסטע ידיעות פֿון דעם דערציילטן, איז זי דאָך אַ קוועלע נאָר פֿאַר אַ זיכערקייט פֿון צווייטן גראַד. אָדער ווען די אורקונדע אליין איז אפֿילו פֿון ערשטן גראַד, נאָר מען באַנוצט זיך מיט איר צו באַגרינדן אַזוינע געשעענישן, וואָס אין איר גופא זיינען זיי נישטאָ, נאָר זיי זיינען נ אָ נ ט צו די געשעענישן, פֿון וועלכע ס׳איז אין איר די רייד — אין אַזאַ פֿאַל, קאָנען מיר נאָר דעמאָלט רעדן פֿון פֿ ו ל ע ר זיכערקייט, אויב דאָס באַגרינדעטע, אָדער אויסגעדרונגענע (מעג עס זיך אפֿילו האַנדלען וועגן גאַנץ באַרעכטיקטע און נויטווענדיקע אויספֿירונגען פֿון זיכערע פֿאַקטן) קומט אַרויס מיט צ וו י נ ג ע נ ד י ק ע ר נויטווענדיקייט. אָבער אין יעדן אַנדערן פֿאַל, ווו די אויספֿירונג איז נישט גראַד פֿון צווינגענדיקער נויט-

ווענדיקייט, דאָרט האָבן מיר עס צו טאָן מיט אַ זיכערקייט פון צווייטן, אויב נישט גאָר פון דריטן גראַד.

ווארים ס'איז פאַראַן אַ זיכערקייט פון דריטן גראַד אויך. נעבן די אורקונדן פון ערשטן און צווייטן ראַנג, האָבן מיר אורקונדן פון דריטן ראַנג. דאָס זיינען אַזעלכע, וואָס שטייען, בערך, ווייט פון דעם, וואָס זיי דערציילן, אָבער בכלל האָבן זיי נאָך די זיכערסטע ידיעות וועגן דעם; על כל כּנים כּאַר אונז געפינט זיך אין זיי ווערטפולער מאַטעריאַל. און נעבן די אויספירונגען פון צווינגענדער נאַטור, אָדער פון העכסטער וואַרשיינלעכקייט, וואָס ווערן אויסגעפירט פון פעסטע פאַקטן, זיינען דאָ אויספירונגען, וואָס זייער ווערט איז פאַרשיידן: פון זייער הויכער, געוויסער וואַרשיינלעכקייט, ביז אַראָפּ — ביז אַ מעגלעכקייט בלויז, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט מיט מער אָדער ווייניקער געוויסקייט, אָדער זיכערקייט. אין פיל פון דעם אַלעמען איז צו דערקענען די סוביעקטיוויטעט, די פּערזענלעכע איבערצייגונג פון פאָרשער. אַהער געהערט אויך די היפּאָטעזע, ד. ה. אַ וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע השערה, מיט וועלכער יעדע וויסנשאַפט, די ביבלישע אויך אין כלל, באַנוצט זיך זייער פיל, דאָרט, וווּ עס פעלן איר געוויסקייטן אָדער זיכערקייטן פון ערשטן גראַד.

דאָרט, וווּ די אורקינדן ווערן באַנוצט צו זאַכן, וואָס שטייען נישט אין זיי געשריבן בפירוש, נאָר געפינען זיך אויסער זיי, — דאָרט שפּילט אַ גרויסע ראָלע די שאַרפזיניקייט פונם פאָרשער, זיין פאַנטאַזיע, וואָס זעט „מיטן גייסטיקן אויג" דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם, וואָס איז דאָרט בפירוש געשריבן, און צווישן דעם, וואָס איז דאָרט נישט געשריבן. אַזוי וואַקסט אויס די היפּאָטעזע. טאַדלען זי איז אַ נאַרישקייט; אָן איר קאָן מען נישט אויסקומען. און אומעטום, וווּ זי בלייבט אין אירע גרעניצן, איז זי אַ ווערטפול וויסנשאַפטלעך הילפסמיטל. עס איז אָבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז לויט איר גאַנצן מהות נאָך, קאָן זי אונז געבן געוויסקייטן, בלויז פון דריטן, העכסטנס פון צווייטן גראַד. פונדעסטוועגן, קאָנען מיר, ביי געוויסע באַדינגונגען, אויף איר אויך בויען זיכערע רעזולטאַטן. עס זיינען פאַראַן אַזוינע היפּאָטעזן — די וועלט־אָנשויונג פון קאָפּערניק, למשל, איז אויך נאָר אַ היפּאָטעזע — וואָס דורך כלערליי פאַרשיידענע, און אַלץ נייע און נייע פּרווון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן

אין אַ משך פון כמה וכמה יאָרן, האָבן זיי דערגרייכט אַזאַ הויכן גראַד פון וואַרשיינלעכקייט, אַז מען רעדט פון זיי ווי פון פאַקטן, און די וויסנשאַפט אָפּערירט מיט זיי אַזוי זיכער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען פעסטע רעזולטאַטן. דאָס איז אַ פאַרקירצטער שטייגער, אַ מין ריידן אויפן ווונק, באַנוצן אַ פאַרקירצטע שפּראַך, וואָס איז פאַר די קענער גוט פאַרשטענדלעך, פאַר די גרויסע מאַסן — גאַנץ געפערלעך. פונדעסטוועגן, ווערט אָט דער פאַרקירצטער שפּראַך-געברויך זייער אָפט אָנגעווענדט אויך אין פּאָפּולערע ווערק — הגם דאָ וואָלט גלייכער געווען, שטרענג אונטערצושיידן צווישן דעם, וואָס איז װ י ר ק ל ע ך זיכער, און צווישן דעם, וואָס איז געבויט בלויז אויף אַ היפּאָטעזע (השערה). דאָס דאַרף געטאָן ווערן דערפאַר, ווייל נאָך ווייט נישט אַלע היפּאָטעזן האָבן שוין דערגרייכט דעם הויכן גראַד פון זיכערקייט, וואָס די קאָפּערניקאַנישע. און אויך אין דער ביבלישער וויסנשאַפט, איז נעבן אַלגעמיין אָנגענומענע זיכערקייטן, געפינען זיך אַזעלכע, וואָס בלויז דער, וואָס האָט זיי דערפונדן, אָדער זיין נאָנטער קרייז, פאַרהאַלטן זיך צו זיי מיט צוטרוי. און נעבן אַזוינע זיכערקייטן, וואָס גילטן שוין פון לאַנג אָן, ווי דאָס „אייגנטום" פון דער וויסנשאַפט, געפינען זיך אַזוינע, וואָס לעבן נאָך ערשט גאָר נישט לאַנג, אָדער וואָס וועלן נישט לאַנג לעבן.

פון דעם אַלעם איז צו זען, ווי וויכטיק עס איז, אַז ווען מ'פרעגט אויף די זיכערע רעזולטאַטן פון דער תנך-וויסנשאַפט, זאָל מען צוערשט שטעלן די פאָרפראַגע — וועגן דעם מין און דעם כאַראַקטער פון דער וויסנשאַפטלעכער געוויסקייט, אויף אונזער געביט, בכלל. ערשט דערמיט ווערט גענוג צוגעגרייט דאָס פעלד, אויף וועלכן מיר דאַרפן ווייטער אַרבעטן. פון דעם ווייטערדיקן ווערט אָבער אויך קלאָר, ווי גרינג מ'קומט אויף ד ע ם געביט — ווי אויף יעדער אַנדער געביט פון דער וויסנשאַפט — דערצו, אַז אין פּאָפּולערע ווערק, וואָס זיינען באַשטימט פאַר אַ ברייטערן לעזער-קרייז, ווערט מיט אַזאַ לייכטקייט גערעדט פון „זיכערע רעזולטאַטן" דאָרט, ווו אין אמתן, האַנדלט זיך עס נישט דורכויס פון דעם מין זיכערקייטן. אָפט דאַכט זיך אַ פאָרשער, אַז ער האָט מיט געביגנדער וואַרשיינלעכקייט אַרויסגעדרונגען פון פאַראַנענע פאַקטן און ער פערזענלעך איז דערין איבערצייגט, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ זיכערן רעזולטאַט; בעת ווען אַנדערע פאָרשער האָבן וואָס אָנצוווענדן קעגן

דעם. האָבן מיר פאַר זיך אַזאַ פאַל, דאַן מוז אונטערגעשטראָכן ווערן דער שטאַרק היפּאָטעטישער כאַראַקטער פון דער מיינונג. אָבער אַפילו דאָרט, ווו מיר האָבן נישט צו טאָן מיט אַזאַ פאַל, טאָרן מיר אויך נישט פאַרגלעטן די גרענעץ צווישן דער *ווירקלעכער* זיכערקייט און צווישן דער *סובייעקטיווער* געוויסקייט פונם רעזולטאַט.

איך האַלט דעריבער פאַר מיין באַזונדערע אויפגאַבע, אַז ווי ווייט מיינע כּוחות וועלן גרייכן, זאָל איך אין דעם בוך אונטערשטרייכן דעם חילוק צווישן די פאַקטן, וואָס שטייען באמת פעסט, און צווישן יענע אויספירונגען און מיינונגען, וואָס מ'האָט, מיט גרעסערער אָדער קלענערער וואַרשיינלעכקייט, אויסגעדרונגען אָדער אָפּגעלערנט פון זיי. דעריבער וועל איך אויך אָפּשיידן דאָס, וואָס דאָס רוב פאָרשער אָנערקענט, פון דעם, וואָס איז בלויז מיין פּערזענלעכע מיינונג.

זייער אַן אינטערעסאַנטע אויפגאַבע וואָלט עס געווען, איצט שוין אַריינציִען אַהער די פראַגן, וועגן דער פּעדאַגאָגישער מעטאָדיק און באַטראַכטן: ווי ווייט די רעזולטאַטן פון דער *ביבלישער* — *פאַר מיר תּנכישער* — וויסנשאַפט, קאָנען, ביי זייער איצטיקן צושטאַנד, זיין אַ לימוד אין דער פאָלקסשול? אָבער ווייל מיין אויפגאַבע איז: מיטצוטיילן די רעזולטאַטן, וואָס די תּנכישע וויסנשאַפט האָט דערגרייכט, דעריבער מוז איך זיך באַנוגענען בלויז מיט פאָלגנדער באַמערקונג: די זיכערקייטן פון ערשטן גראַד, געהערן, נאַטירלעך, דער שול אויך — ווי ווייט אָט דער לימוד געהערט בכלל דער שול, און אַפילו די זיכערקייטן פון צווייטן און דריטן גראַד, דאַרפן אויך נישט אומבאַדינגט אויסגעשלאָסן ווערן פון איר — ווי ווייט דער לערער אַליין איז אימשטאַנד צו אונטערשיידן די פאַרשיידענע גראַדן זיכערקייט, פון וועלכע מיר האָבן דאָ גערעדט. אַן אַנדערע, ריין לערערשע פאַך־פראַגע איז עס: אין וואָסער אַ מאָס און, דערהויפּט בנוגע צו וואָסער אַן עלטער, געהערן די זיכערקייטן פון צווייטן און דריטן גראַד ביי די לימודים, אויף וועלכע די שילער האָבן אַ רעכט?

גייען מיר איבער צו די בייסטע רעזולטאַטן פון דער תּנך־וויסנשאַפט, רעכן איך דעם שטאָף אַזוי פאָרצולייגן: איך וועל זיך, נאַטירלעך, באַשרענקען בלויז אויף די הויפּט־פאַקטן, אָדער אויף איינצלנע, באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע ערשיינונגען, אַז איך זאָל דורכגיין



מצבות פון גזר



אַ הייליקער בוים אין היינטיקן פּאַלעסטינע

טאָוול II.

ד ר י י הויפּט־געביטן פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס איז שייך צום תּנך, און פון זיי וועל איך אויסקלויבן דאָס, וואָס שיינט מיר צו זיין מער באַדייטנדיק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דערמיט איז דער שטאָף לאַגג נאָך נישט איינגעאַנצן אויסגעשעפּט. אָבער ארויסגייענדיק פון דעם שטאָף, וואָס מיר וועלן דאָ באַהאַנדלען, וועט עס קיינעם נישט שווער זיין צו מאַכן די נויטיקע אויספירונגען, בנוגע צו אַנדערע, ענלעכע אָדער קרובהשע שטאָפן; אָדער, באַנוצנדיק זיך מיט דער ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן צום סוף פון דעם ווערק אָנגעוויזן, וועט עס גרינג זיין נאָך ווייטערע מאַטעריאַלן אַריינצוציען אין קרייז פון דער פאָרשונג.

די דריי הויפּט־געביטן, וואָס מיר האָבן דערמאָנט, זיינען:

די אויסגראָבונגען,

די ליטעראַטור־קריטיק, און

די ג ע ש י כ ט ל ע כ ע, אָדער ר ע ל י ג י ע ז ־ ג ע ש י כ ט ל ע כ ע פאָרשונג.

ערשטער חלק

די רעזולטאַטן פון די אויסגראָבונגען

אויפן יסוד פון די אויסגראָבונגען, פון וועלכע מיר וועלן צוערשט רעדן, זיינען מיר געקומען צו אַ גאַנצער רייע נייע רעזולטאַטן, וואָס האָבן אַנטפּלעקט פאַר אונז נישט בלויז נייע, נאָר, טיילווייז, ממש איבערראַשנד-רייכע האָריזאָנטן צום פאַרשטיין דעם תנך.

דאָס ערשטע קאַפּיטל

בבל-אַשורשע פּאַראַלעלן צו די ביבלישע אור-געשיכטע

קודם כל, וועלן מיר זיך קורץ פאַרנעמען מיט די דערמאָנטע פּאַראַלעלן, און מיט דער באַדייטונג, וואָס זיי האָבן ביים פאַרשטיין די ביבלישע אור-געשיכטע. באַהאַנדלענדיק דאָ אויך אָט די פּראַגע, וועל איך, אפשר, פאַר איינע — גאָר קיין נייס נישט זאָגן, פאַר אַנדערע — זייער ווייניק נייס. וואָרים אַ דאַנק דעם באַוווסטן בבל-ביבל-שטרייט, וואָס דאָס אַרויסטרעטן פון פּראָפעסאָר דעליטש האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויסגערופן, זיינען אָט די פּראַגן באַהאַנדלט געוואָרן אין דער ברייטסטער עפנטלעכקייט. פונדעסטוועגן, קאָנען מיר זיי אויך דאָ נישט אינגאַנצן אויסמיידן. איך באַשרענק זיך אָבער און שטעל זיך אָפּ בלויז אויף הויפּט-זאַכן און קודם כל אויף אַזוינע, וואָס האָבן אַ גרעסערע פּרינציפּיעלע, אָדער פונדאַמענטאַלע באַדייטונג. פאָרלויפיק לאָז איך אינגאַנצן אָן אַ זייט אַלע יענע באַשטעטיקונגען, באַלויכטונגען, צוגאָבן און

באַרעכטיקונגען צו די ביבלישע דערציילונגען פון דער צייט פון די מלכים, וואָס מיר געפינען אין דעם אַשור-בבלשן פלעקל-כּתב. אין פירטן קאַפּיטל וועט דאָס אַלץ אָפּגעשאַצט ווערן.

1. די בריאה און דער ערשטער חטא. מיר הויבן אָן מיט דער בריאה און מיטן ערשטן חטא (פון אדם הראשון). עס דאַרף גילטן ווי אַן אַלגעמיין באַקאַנטע זאַך, אַז נישט בלויז דער תּנך פאַרמאָגט זיין דערציילונג וועגן בריאת העולם, נאר אַז אַ געוויסע צאָל אַנדערע, אַלטע קולטור-פעלקער האָבן אויך פאַרמאָגט געשיכטעס וועגן דעם זעלבן ענין. דערפאַר איז נויטיק זיי צו פאַרגלייכן מיט די, וואָס אין תּנך. אָבער קיין איינציקע פון אַלע יענע דערציילונגען, פאַרדינט נישט דעם נאָמען: פּאַראַלעל-דערציילונג, אויסער איינער — דער בבלשער. די בבלשע דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָבן מיר פאַר אונז אין פאַרשיידענע נוסחאות, וועלכע מיר וועלן דאָ צונויפנעמען אין איינעם.

דער תּוך פון זיי אַלע באַשטייט אין פאָלגענדן: גאָר „בראשית", אָדער אין אָנהויב פון אַלץ, זיינען נישט געווען קיין געטער, נאָר אַ פּליסיקע מאַסע. אָט דער פליסיקער אור-ים, אָדער כאַאָס, איז פאָרגעשטעלט אין צוויי מיסטישע מהותן: אין אָקעאַן (apsu) און אין ים (tiamat). פון זיי קומען ערשט אַרויס די געטער. האָבן די געטער באַשלאָסן: אין דער כאַאָטישער מאסע—אָרדענונג אַריינצוברענגען, ד. ה. שאַפן אַ וועלט. די פאַרטרעטער פונם כאַאָס ווילן דאָס נישט דערלאָזן, זיינען אויפגעבראַכט. דאָס שאַפן די וועלט, קומט אַלזאָ פאָר ווי אַ געוואַלדיקער קאַמף פון די געטער קעגן די עלעמענטן און כוחות, וואָס ווירקן אין דער וועלט, דערהויפּט דער קאַמף פון מאַרדוך, דער גאָט פון דער פרילינגס-זון און פונם שאַפן, געגן טיאַמאַט, געגן אָקעאן, וועלכער ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ פייערדיקע שלאַנג. מאַרדוך איז מנצח די שלאַנג און צעשפּאַלט זי אויף צוויי העלפטן: פון איין העלפט ווערט געמאַכט דער הימל-געוועלב, פון דער אַנדערער — די ערד. נאָכדעם שאַפט ער די הימלשע קערפּער (זון, לבנה, שטערן), די זון און די לבנה לאָזט ער שיינען. דערנאָך ווערן געשאַפן פלאַנצן, חיות און צום סוף דער מענטש.

פאַרגלייכט מען די בבלשע דערציילונג מיט דער ביבלישער, דאַן קאָן מען בשום אופן נישט פאַרלייקענען אַ געוויסע ענלעכקייט

צווישן זיי.ביידע הויבן אָן מיטן כאַאָס („און די ערד”, דאָ הייסט עס די וועלט, „איז געווען וויסט און ליער, תהו ובהו” — שטייט אין חומש, בראשית, א׳ פסוק ב). אין ביידע ווערט די אורפליסיקייט (טיאַמאַט, אין חומש · תהום) געשפּאָלטן אויף אויבערשטע און אונטערשטע וואַסער. אין ביידע קומט פאַר דאָס שאַפן אין איין און דערזעלבער אָרדענונג: פריער די הימלישע קערפּער, נאָכדעם די פלאַנצן, די חיות און ערשט צולעצט דעם מענטשן; אין ביידע, זעט אויס, שפּילט אויך אַ געוויסע ראָלע די פאָרמול: „ער מאַכט עס גוט” (וירא אלהים כי טוב).

אָבער נעבן די ענלעכקייטן געפינען מיר זייער וויכטיקע פאַרשיידנקייטן. אין דער ביבלישער דערציילונג שטייט גאָט אַליין, דער איינציקער און גייסטיקער, אין אָנהויב פון אַלע זאַכן און אַבסאָלוט דערהויבן איבער זיי; אַלס זיין ערשט באַשעפעניש, שאַפט ער דאָס ליכט. אין דער בבלשער דערציילונג — אין עכט געצנדינעריש-פאַנטעיסטישן גייסט — שטייט דער כאַאָס אין אָנהויב פון אַלץ. דאָס ערשטע, וואָס איז פון אים אַרויסגעקומען, ביים באַשאַפן די וועלט, זיינען די געטער. דאָרט איז שוין גאָט פאַראַן פאַר אַלצדינק, דאָ מוז ער נאָך ערשט ווערן. דער געצנדינעריש-פאַנטעיסטישער כאַראַקטער פון דער בבלשער דערציילונג ווערט נאָך בולטער אין דעם טיאַמאַט. דער אָקעאַן ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ לעבעדיקע זאַך, דאָס שרעקן זיך פונם ים און זיין שטעלן זיך אַנטקעגן דער ערד (וועלט), ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ פייערדיקע שלאַנג, און די גאַנצע בריאה—ווי אַ געוואַלדיקער קאַמף, אומגעהויער ראַנגלען, וואָס גאָט ראַנגלט זיך מיט דער נאַטור. מיט גרויס מי קומט אָן דער גאָטהייט דאָס אָרדנדיקע שאַפן. אויך דאָס שאַפן דעם מענטשן באַווייזט דעם קעגנזאַץ צווישן בבל און ביבל: דאָרט, אין חומש, ווערט דער מענטש געשאַפן אין גאָטס פאָרם (בצלם אלהים), און נאָכדעם, בלאָזט גאָט אַריין אין אים זיין לעבעדיקן אָטעם. דאָ, אין דער בבלשער דערציילונג, נעמט מען אַ גאָט און מען האַקט אים אָפּ דעם קאָפּ, און פון זיין בלוט, אויסגעמישט מיט ערד, ווערט געשאַפן דער מענטש. קורץ: דאָ, אין בבל,— פיל-געטעריי, געצנדינסט און נאַטור-רעליגיע, דאָרט — אין חומש, איין גאָט, אַ גייסט-רעליגיע, וועלכע דערגרייכט איר עכסטע מדרגה דערין, וואָס גאָט שאַפט בלויז דורכן וואָרט.

אָבער ווי גרויס און ווי טיף זיינען אויך די פאַרשיידנקייטן; הגם לויט איר גייסט און אינהאַלט שטייט די ביבלישע דערציילונג אָן אַ ערך העכער פון דער בבלשער — איז דאָך די באַרירונג צווישן זיי אַזוי נאָנט, אַז זי פאָדערט אַ דערקלערונג. זאָגן, אַז די ענלעכקייטן צווישן זיי, זיינען נאָר אַ צופאַל, — איז נישט גענוג צו דערקלערן די זאַך. ערגעץ־ווו, און אויף אַ וועלכן ס'איז אופן, האָבן זיי ביידע, לכתחילה, געהאַט אַ געמיינזאַמען קוואַל, איין געמיינזאַמע, מינדלעכע אָדער שריפטלעכע, אַלטע קבלה. עס קאָן נאָר זיין אַ פראַגע: ווי אַזוי און פון וועלכער צייט וועט זיך דאָס אפשר לאָזן דערקלערן. דערצו וועלן מיר זיך נאָך אומקערן, בעת מיר וועלן רעדן פון דער מבול־געשיכטע.

דאָ באַשרענק איך זיך קודם־כל דערמיט: דעם אייביקן רעליגיעזן ווערט פון דער ביבלישער שאַפונגס־געשיכטע אין ליכט אַוועקצושטעלן. אויב מ'זאָל די ביבלישע שאַפונגס־געשיכטע באַהאַנדלען פון אַלע זייטן, וואָלט מען נאָך, אייגנטלעך, געדאַרפט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן איר פאַרהאַלטן צו די רעזולטאַטן פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. דאָס וואָלט אונז אָבער פאַרפירט צו־ווייט פון אונזער טעמע. דער תוך דערפון, וואָס איז נוגע דער נאַטור־וויסנשאַפט, וועט ממילא אויסגעדריקט ווערן אין דעם, וואָס וועט באַלד געזאָגט ווערן. דעם אייביקן ווערט פון דער ביבלישער שאַפונגס־געשיכטע, זע איך אָט אין וואָס: ערשטנס: גאָט אַליין שאַפט, אָבער נישט די נאַטור שאַפט זיך אַליין. דאָ איז אויסגעדריקט דער שאַרפסטער פּראָטעסט קעגן דעם פּאַנטעיזם. צווייטנס: „אָט שאַפט אָן מי, אָן קאַמף. גאָט און וועלט זיינען נישט קיין קעגנזאַצן. דאָ ליגט דער שאַרפסטער פּראָטעסט קעגן דואַליזם. דריטנס: גאָט שאַפט בלויז דורכן וואָרט: די שאַפונג און גאָט אַליין, ווערן פאַרבעשטעלט ריין־גייסטיק. פירטנס: אינם באַשאַפן די וועלט, דערהויפּט דעם מענטשן, אַנטפּלעקט גאָט זיין מהות אַלס מאַכט, אַלס חכמה און אַלס ליבע; דער מענטש איז זיין בילד. —

צו דער ביבלישער דערציילונג פונם ערשטן חטא, האָבן מיר נישט אין דער בבלשער קיין אייגנטלעכן פּאַראַלעל. די געפונענע אַלטע אויסקריצונג, וואָס מ'האָט אַ קורצע צייט, על פי טעות, געהאַלטן פאַרן אָפּבילד פונם ערשטן חטא, קאָן דאָ נישט גענומען ווערן ערנסט. מיר קאָנען נאָר זאָגן,

אַז אין אַלטערטום האָבן אייניקע פעלקער געהאַט די פאָרשטעלונג, אַז אין יענער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, ווען דעם מענטשנס געשיכטע האָט זיך נאָך ערשט אָנגעהויבן, איז געווען אַ גליקלעכער גן־עדן־צושטאַנד, און מ'האָט אים גערן גערופן: ד י ג אָ ל ד ע נ ע צ י י ט. אַזוי איז אויך די דעמאָלטיקע פעלקער באַקאַנט געווען דער געדאַנק, אַז דעם גן־עדן — אָדער דאָס גליק פון יענער ערשטער צייט, האָט דער מענטש דורך זיין אייגענער שולד פאַרשפילט; זיי איז אויך נישט פרעמד געווען די פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז די שלאַנג, אַלס מאַכט, וואָס איז פיינדלעך דעם מענטשן, אָדער אַלס שעדלעכער פרינציפ בכלל, האָט דערביי מיטגעווירקט. דאָס אייגענע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן דער אידעע פונם עץ־החיים א. ד. ג. דאָס זיינען אָבער אַלץ נאָר איינצלנע שטריכן, וואָס זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ערטער; אָבער קיין גאַנצע צוזאַמענגעפאַסטע דערציילונג, וואָס זאָל קאָנען גילטן ווי אַ פאַראַלעל צו דער דערציילונג פון תנך — אַזוינס האָט מען נאָך ביז איצט נישט געפונען. —

גיכער ווי אַנדערע לאָזט זיך נאָך פאַרגלייכן מיט דער ביבל דער בבלשער אַדאַפּ־מיטאָס. ער באַהאַנדלט אָבער בלויז איין איינציקן שטריך פון דער גאַנצער ביבל־געשיכטע און דערצו נאָך אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן. אַ מענטש אַדאַפּ (=אדם?), וועלכן די גאָטהייט האָט באַשאַפן, פאַרשפילט די אומשטערבלעכקייט, וואָס איז אים באַשערט געווען — ער זאָגט זיך אָפּ פונם לעבנס־ברויט און לעבנס־וואַסער, וואָס איין גאָטהייט האָט פאַר אים באַשטימט, כדי ער זאָל אייביק לעבן, ווייל ער לאָזט זיך פאַרפירן פון אַן אַנדער גאָט. דערפאַר קאָן ער נישט מער בלייבן אויפן הימל און מוז אַראָפּ צוריק אויף דער ערד.

אין איין באַשטימטן פונקט, איז אַ געוויסע ענלעכקייט קלאָר צו דערקענען. דאָס איז דער פרווו צו דערקלערן, פאַרוואָס איז דעם מענטשן באַשערט דער טויט. אַ חוץ דעם קלינגט נאָך דורך דער ביבלישער דערציילונג ווי דורך דער בבלשער אַ געמיינזאַמער גרונט־טאָן: פריער איז דער מענטש דורך גאָטס ווילן באַשטימט געווען צום אייביקן לעבן; דאָס זאָל ער באַקומען דורך דעם, וואָס ער וועט עסן פונם לעבנס־בוים. פאַרלירט ער אָבער דאָס גוטס, וואָס איז פאַר אים באַשטימט געווען, מוז ער ווי אַ שטערבלעכער, אויף דר'ערד לעבן און צרות ליידן. עס איז אָבער נישט מער, ווי אַ קלאַנג פון דערווייטן; דאָס קאָן נאָר זיין אַ רמז

אויף אַ ווייטן, געמיינזאַמען וואָרצל ערגעץ אין אַן אַלטער קבלה, אָבער נישט מער. פיל בולטער טרעט דאָ אַרויס די פ אַ ר ש יי ד נ ק יי ט צווישן די ביידע אויפפאַסונגען, און אין איר — די מאַכט פונם מאָנאָטעיסטישן און זיטלעכן גייסט ביי ייִדן, אין פאַרגלייך מיט יענעם פּאָליטעיסטישן מיטאָס.

אַזוי פיל לאָזט זיך זאגן וועגן ד ע ם ענין, אויפן יסוד פון די אויסגראָבונגען. די פאַרשיידנערליי פראַגן, וואָס לאָזן זיך אָנקניפּן אָן דער דערציילונג, ווי אָן דער דערציילונג וועגן בריאת העולם, זיינען דערמיט נישט אויסגעשעפּט. אָבער דער גרעסטער טייל תשובות אויף די דאָזיקע פראַגן געהערט נישט צו די אַלגעמיין־גילטיקע, אָדער „אָנערקענטע רעזולטאַטן”, יעדנפאַלס נישט צו די רעזולטאַטן פון די אויסגראבונגען. ס׳רוב האַנדלט עס זיך אין די תשובות, וועגן דער פערזענלעכער נויגונג, אָדער שטעלונג פונם איינצלנעם פאָרשער. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די דאָזיקע מיינונג איז אַן אויסגעטראַכטע אָדער זי איז אונז גלייכגילטיק. מיין אויפפאַסונג וועל איך אַרויסזאָגן צום סוף פון דעם חלק.

2. ד ע ר מ ב ו ל. פיל בולטער קומט ווידער אויף דער פאַראַלעל ביי דער געשיכטע פונם מבול. די ביבלישע געשיכטע איז באַקאַנט. די בבלשע געפינט זיך אינם אַלט־בבלשן עפּאָס פון גילגאַמעש, וואָס איז אין דער נייסטער צייט זייער באַרימט געוואָרן. דער עפּאָס באַשטייט פון צוועלף טאָוולען און דערציילט פון די מערקווירדיקע גענג און געשעענישן פון איינעם אַ קעניג גילגאַמעש, און פון זיינע הייסע באַמיונגען, וואָס ער האָט זיך באַמיט — וועגן אייביקן לעבן. איין איינציקער עפּיזאָד פון דעם געדיכט — וואָס איז יעדנפאַלס אין אַלטע צייטן געשריבן געוואָרן, אפשר אין אָנהויב פון דריטן יאָר־טויזנט, פאַר קריסטוס — פאַרנעמט דעם עלפטן טאָוול—מיט דער באַשרייבונג וועגן מבול. און אויך די באַשרייבונג, ווי די באַשרייבונג פון חומש, דערציילט פון אַ פרומען מאַן (דאָ הייסט ער: אוטנאַפּישטין און אויך קסיזוטראָס), וועלכן די גאָטהייט וויל רעטן, און דאַרום דאַרף ער זיך בויען אַ שיף, וווהין ער נעמט אַריין אויך אַלערליי חיות, בהמות א. ד. גל. און צום סוף מבול שיקט ער אַרויס פון שיף פריער אַ טויב, נאָכדעם אַ שוואַלב און דערנאָך אַ ראָב.

די ענלעכקייט איז טיילווייז אויך דאָ, ווי מ׳מוז צוגעבן, ממש איבערראַשנד. אָבער די פאַרשיידנקייטן צווישן זיי זעט מען דאָ אויך באַ־

שיינפערלעך. נאָכמער. די פּאַרשיידנקייטן זיינען אויך דאָ פיל גרעסער און דער עיקר, פיל טיפער ווי די ענלעכקייטן, אָדער די באַריִרונגען. מען קאָן נאָר זאָגן, אַז דאָ און דאָרט זיינען צוויי פאַרשיידענע וועלטן: דאָרט — דער דערהויבענער מאָנאָטעיזם, דאָ — די פּילגעטעריי, מיט אַלע אירע שוואַכקייטן און פּאַרפירונגען. די געטער אַליין דערשרעקן זיך פאַרן מבול, אַנטלויפן אין הימל אַריין און פון אַנגסט גייען זיי אַרום דערשלאָגן און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ „ווי די הינט". און אַז „נח" ברענגט זיין קרבן, זאַמלען זיי זיך צונויף אַרום אים, ווי „די פליגן". דערפון איז קלאָר צו זען, אַז אפילו דאָרט, וווּ עס זיינען פאַראַן באַריִרונגס-פונקטן, איז איינעם דערמיט פון איין זייט פאַרגעקומען אַן איבערשמעלצונג און אַ לייטערונג פון העכסטן גראַד, אָדער עס איז פון דער אַנדערער זייט — פאַרגעקומען אַ שטאַרקע פאַרטונקעלונג.

ווי אַזוי איז דאָס אָבער אײנגאַנצן אַרויסגעקומען? כדי דאָס צו דערקלערן, מוזן מיר זיך אומקערן צוריק צו דער שאַפונגס-געשיכטע.

מ'האָט געדרן אָנגענומען, אַז בעתן גלות-בבל, ווען יידן האָבן געלעבט צווישן די בבלים, האָבן זיי זיך באַקענט מיט דער בבלשער מיטאָלאָגיע. ביי דער געלעגנהייט, האָט אַ יידישער כהן צונויפגענומען יענע שטאָפן, און האָט זיי אויף זיין אַרט איבערגעאַרבעט. ווי עס זאָל נישט האַלטן בכלל מיט דער פראַגע, וועגן דער לעצטער אויסבילדונג אָדער פאַרפאַסונג פון אַ באַשטימטן שיכט (דעם פּריסטערשן) אין אונזערע ביבלישע דערציילונגען, איז עס אָבער העכסט אוממוואַרשיינלעך, אַז ערשט אין גלות-בבל זאָלן יידן צום ערשטן מאָל האָבן באַקאַנט געוואָרן מיט דעם בבלשן מיטאָס, און ערשט דאַן זאָלן זיי צום ערשטן מאָל האָבן געהערט פון אים. געפינט מען אַן אויסוועג: נעמט מען אָן, אַז די ביבלישע דערציילונגען זיינען אויפגעקומען אין דער צייט פון די מלכי ישראל: עמרי און אחאב — ווייל אין יענער צייט האָבן זיך יידן געפונען אין שטאַרקער פּאָליטישער פאַרבינדונג מיט אשור און זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון בבלשע קולטור-מוסטערן. ווי לאַנג מ'האָט נישט געוווּסט פון די אַמאַרנאַ-טאָוולען, האָט זיך די מיינונג געלאָזט אָננעמען. אָבער איצט, אַז מיר קענען זיי יאָ און ווייסן, אַז שוין אין זייער צייט, ד. ה. אין 15-טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, האָט מען שוין אין מצרים — און זיכער אויך אין כנען — געלייענט און געלערנט די בבל-

שע מיטן, איצט מוז מען יענע מיינונג אָפּוואַרפן. און זיינען שוין די אַלטע כנענים, איידער נאָך ס'איז געווען אַ פֿאָלק ישראל אויף דער וועלט, באַקאַנט געווען מיט יענע מיטן—אויף וואָסער אַן אופן די כנענים זיינען מיט זיי באַקאַנט געוואָרן, וועט שפּעטער קלאָר ווערן — דאַן רעדט אַלץ דערפֿאַר, אַז שפּעטסטנס האָבן זיך יידן באַקאַנט מיט דער בבלשער פֿאָרם פֿון די געשיכטעס וועגן דער בריאה און וועגן מבול, — באַלד ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד כנען, ד. ה. אין דער צייט פֿון די שופֿטים.

עס איז מעגלעך, אַז אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך די יידן דערוואָרבן די דערמאָנטע געשיכטעס. דורך נביאיש־געזאָנענע מענטשן זיינען זיי מיט דער צייט, ביסלעכווייז, אַלץ מער און מער איבערגעאַרבעט און געענדערט געוואָרן. דער רעזולטאַט פֿון זייער אַרבעט איז — די איצטיקע ביבלישע דערציילונגען. אָט אַזוי שטעלן זיך איינִיקע פֿאָרשער פֿאָר די זאַך. זאָגן, אַז אָט די מיינונג איז זייער וואַרשיינלעך, קאָן איך נישט, על כל פנים נישט — בנוגע דער געשיכטע פֿון מבול. שווער וועלן מיר קאָנען פֿאַרבייגיין די ריכטיקייט פֿון דער ביבלישער קבלה, וואָס גיט איבער, אַז וויכטיקע טיילן פֿונם שפּעטערדיקן פֿאָלק ישראל, שטאַמען פֿונם ווייטן מזרח. און איז דאָס ריכטיק, און האָבן די מזרח־פֿעלקער שוין אין אַלטע צייטן געקענט יענע געשיכטעס פֿונם באַשאַפֿן די וועלט און פֿונם מבול, דאַן איז עס דורכויס וואַרשיינלעך, אַז אויך יענע שבטים און משפּחות, וועלכע האָבן אין דער גרויער אור־צייט אומגעוואַנדערט אין מזרח — וואָס פֿון זיי זיינען נאָכדעם אַרויסגעקומען טיילן פֿונם שפּעטערדיקן פֿאָלק ישראל — האָבן שוין דאַן, איידער נאָך זיי האָבן זיך באַקענט מיט די כנענים, געהערט פֿון יענע געשיכטעס און געווען באַקענט מיט זיי.

און וואָלטן מיר געקאָנט אָננעמען — צו וואָס דער רוב פֿאָרשער איז גענויגט, הגם "איינצלנע זיינען געגן — אַז די קבלה וועגן אַ גרויסן מבול איז אויסגעוואַקסן פֿון אַ היסטאָרישן געשעעניש, נעמלעך: אַז אין די אור־אַלטע צייטן איז געקומען אַ געוואַלדיקע פֿאַרפֿלייצונג אויף גרויסע געביטן פֿון די מזרח־לענדער, דאַן איז עס אַמנאָנטסטן אָנצונעמען, אַז אי די בבלשע מבול־געשיכטע, אי די ביבלשע שטאַמען לכתחילה פֿון איין און דעמזעלביקן מקור, קומען אַרויס פֿון געווויסע

געמיינזאַמע ערינערונגען, — נאָכדעם זיינען זיי פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן צווישן אַנדערע פעלקער אויך,—וואָס האָבן זיך פרי אויסגעמישט מיט לעגענדאַרע שטריכן און פון דאַן אָן האָט זיך יעדע פון זיי זעלבשטענדיק ווייטער אויסגעבילדעט. די ענלעכקייט צווישן די ביידע דערציילונגען איז אַזוי גרויס, אַז מ'מוז אָננעמען, דאָס אַ געוויסן שטיק וועג האָבן זיי דורכגעמאַכט אינאיינעם, און די פאַרשיידנקייט צווישן זיי איז אַזוי גרויס, אַז מען מוז אָננעמען, אַז אַ לאַנגן וועג האָט יעדע פון זיי באַזונדער, פאַר זיך, דורכגעמאַכט.

3. די אבות. צום סוף נאָך אַ וואָרט וועגן די אבות פון תנך. אין חומש, (בראשית, קאַפּיטל ה') האָבן מיר, ווי באַקאַנט, אַ רשימה פון צען אבות — די אור־עלטערן פון דער מענטשהייט! — פון אדמען ביז נחן. די רשימה שטאַמט פון דער פּריסטער־שריפט (פּ) — אַ באַצייכנונג, פון וועלכער ס'וועט נאָך שפּעטער זיין די רייד. — אין אַן אַנדער אָרט, נעמלעך: אין יהויסטישן טייל פון דער אור־געשיכטע (י), (דאָרט, קאַפּיטל ד'), געפינען זיך נאָך 2 רשימות, אָבער נישט קיין גאַנצע נאָר שטיקלעך פון רשימות. איינע איז אַ קורצע: פון אדמען ביז אנושן, די צווייטע — אַ לענגערע: פון אדמען, דורך קין, ביז למכן (נחס פאָטער). קוקט מען זיך צו נענטער צו די לעצטע צוויי שטיקער רשימות, דאַן לאָזט זיך אויפווייזן, אַז אייגנטלעך געהערן זיי איינע צו דער אַנדערער, און ביידע אינאיינעם זיינען בלויז איין רשימה, וועלכע דינט ווי אַ יהויסטישער פּאַראַלעל דער פּריסטערישער.

די ווייטערדיקע גענויע באַטראַכטונג, ווו מ'דאַרף נעמען אין אַכט אי דאָס טייטש־וואָרט פון די העברעישע נעמען, אי די קליינע ענדערונגען אינם שרייבן די נעמען אין העברעישן — ווי זיי קומען אָבער ענלעך פאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן — ברענגט אונז צו דעם זיכערן פאַקט, אַז אויך אָט די צוויי רשימות (די יהויסטישע און פּריסטערישע), שטאַמען, אין אמתן, פון איין אַלטער רשימה. ביידע מאָל האָבן מיר עס צו טאָן מיט איין און דערזעלבער רשימה, נאָר מיט לייכטע ענדערונגען. כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען שטענדיק האָבן אין זינען, אַז דער נומער 4: קין און קינן, זיינען נאָר פאַרשיידענע נוסחאות פון איין און דעמזעלבן נאָמען. דאָס אייגענע גילט אויך בנוגע צום נומער 6: עירד און ירד און אויך צום נומער 8; מתושאל און מתושלח.

דעמאָלט בלייבט נאָך דער חילוק צווישן די ביידע רשימות דערין, וואָס אין איינער קומט דער נאָמען חנוך אין נומער 5 און אין דער אַנדערער אין נומער 7 און אויך דערין, וואָס דער, וועלכער הייסט אין דער פריסטערישער רשימה (נומער 5) מהללאל, הייסט אין דער יהויסטישער רשימה (נומ. 7) מחויאל (זע די טאַבעלע).

חוץ דעם איז נאָך דאָ צו באַמערקן, אַז די ערשטע דריי נעמען: אדם, שת, אנוש האָבן אַלע דעמזעלבן, אָדער כמעט דעמזעלבן טייטש: אדם און אנוש, איז דער טייטש: מענטש. שת איז וואַרשיינלעך טייטש: אַ שפּראָץ, אַ פּאָרטזעצונג. ווען קין קומט, אַלזאָ, איין מאָל פּאָר ווי דער זון פון אנוש, דאָס אַנדערע מאָל ווי דער זון פון אדם, ווערט ער דאָך אָבער ביידע מאָל באַצייכנט ווי דער זון פונם אור-מענטשן. און שוין דאָס גופא באַשטעטיקט נאָך מער די איינהייטלעכקייט פון די ביידע רשימות.

דער עצם ענין באַקומט אַ מערקווירדיקע באַלויכטונג דורכדעם, וואָס די בבלים האָבן אויך געהאַט בקבלה די נעמען פון צען אור-מענטשן, וועלכע זיי האָבן גערופן אור-קעניגן. מיר האָבן זיי אפילו נאָר פון דער שפּעטערער קבלה פון בעראָזוס. אָבער זיין באַגלויבטקייט אין אַלע אַנדערע פּרטים איז אַ גענוגע ערבות פאַר זיינע מיטטיילונגען אויך אין דעם פּרט. איך וועל דאָ אָנרופן נאָר דריי פון די נעמען, וואָס מיר האָבן פון אים בקבלה: נומ. 3 אַמעלו איז טייטש: מענטש. נומער 7 עוועדאָראַנכוס, אָדער ווי עס לאָזט זיך אויף בבלש אויסדריקן: ענמעדוראַנקי — דאָס איז אין בבל דער נאָמען פון אַ ליבלינג ביי די געטער, וואָס האַלטן אים פאַר ראוי צו זיין אין זייער געזעלשאַפט. עס איז דערום קיין ספק נישט, אַז אין עצם, ווען אויך נישט אין נאָמען, איז ער דאָס אייגענע, וואָס חנוך פון חומש. דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן פון קסיזוטראָס, דעם בבלשן נח.

אין בבל שטויסן מיר זיך דערביי אָן אויף אַן אַלטן פאַמיליע-טאָוול, וואָס הגם אין פּרטים גייען זיי זיך פאַנאַנדער, איז עס דאָך אַ דייטלעכער פּאַראַלעל צו דעם ביבלישן. איך גלייב, אז דאָס קאָנען מיר דאָ אויך אָננעמען ווי אַ זיכערן רעזולטאַט. בנוגע דעם אויסטייטשן די פּרטים גייען זיך די מיינונגען פאַנאַנדער. אָבער פון דעם פאַקט גופא איז יעדנפאַלס קלאָר: ערשטנס אז מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן מיט

קיין נעמען און רשימות, וואָס דער דערציילער פון תנך האָט אייגנווי־ליך אויסגעטראַכט, ווי מ׳מיינט אָפט, נאָר די נעמען האָט מען געהאַט בקבלה פון אוראַלטע צייטן, און זיי זיינען דאַן פאָפולער געווען אין די מזרח־לענדער. צווייטנס, איז דאָס, וואָס אין פרטים גייען זיך די רשימות פאַנאַנדער, אַ באַוויַז, אַז די ביבלישע רשימות דאַרף מען נישט אָננעמען ווי אורקונדן, ווי אַ געשיכטע אין שטרענגסטן זינען, וואָס לאָזט זיך באַווייזן אין אַלע אירע פרטים.

די פאָלגנדע טאַבעלע וועט דעם גאַנצן ענין אַמפּשוטסטן באַלויכטן:

	חומש בראשית			בבלש
	(פּ) ה. (י) ד	(פסוק 25 וו.)	(י) (פסוק 17 וו.)	
.1	אדם	אדם	אדם	
.2	שת	שת		
.3	אנוש	אנוש		אַמעלו
.4	קינן		קין	
.5	מהללאל		חנוך	
.6	ירד		עירד	
.7	חנוך		מחויאל	ענמעדוראַנקי
.8	מתושלח		מתושאל	
.9	למך		למך	
.10	נח			קסיזוטראָס

דער רעזולטאַט. מיר מאַכן דעם סך־הכל. ווי א פעסטן רעזולטאַט קאָנען מיר אַרויסשטעלן, אַז צו די וויכטיקע דערציילונגען פון דער ביבלישער אורגעשיכטע געפינען זיך פּאַראַלעלן אויסער דער ביבל. ביי דער גאַנצער זעלבשטענדיקייט פון דער ביבלישער דערציילונג אין אַלעם איבעריקן — גייען נעבן איר די פּאַראַלעלן און גייען אַיין ביז צו געוויסע איינצלהייטן. אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון די ביבלישע דערציילונגען וועגן דער אור־געשיכטע פון דער מענטשהייט (ווייל עס האַנדלט זיך דאָ בלויז וועגן אויסגראָבונגען קאָן מען דערוויל רעדן וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַק־

טער בלויז פֿאַרבײַלויפֿיק) קאָן מען מאַכן דערפֿון דעם אויספֿיר: אַז אויף די דערציילונגען, ווי מיר לייענען זיי, דאַרף מען נישט קוקן ווי אויף אורקונדן אין שטרענגן זין פֿון וואָרט. זיי זײַנען אָבער אויך נישט פּשוט קיין לעגענדעס אָדער מיטן אין געוויינלעכן זין. גיכער דאַרף מען זיי, טיילווייז, שאַצן ווי די שאַפֿונג פֿון אַ קינדיש־נאַיווער צײַט, און טיילווייז ווי אַ שאַפֿונג, וואָס די העכסטע אָרגאַנען פֿון דער נביאישער אַנטפּלעקונגס־רעליגיע האָבן זי טיף דורכגעטראַכט און אָנגעזאַפּט מיט זייער גײַסט. די וויכטיקסטע פֿון זיי (הגם נישט אין אַלע פּונקטן געשיכטלעך; פֿאַרקערט, אייניקע זייערע שטיקער זײַנען אײַנגעהילט אין געוועב פֿון לעגענדע און מיטאָס), ערשײַנען אַלזאָ אין ע צ ם, וואָס פֿאַר אונדז איז דערהויפּט וויכטיק — נישט אין אײַנצלהייטן, נאָר אין די גרויסע גרונטפֿאַקטן — ווי אמתע געשעענישן פֿון העכסטן און אייביקן רעליגיעזן ווערט.

די געשיכטע פֿון מבול דערציילט אונדז פֿון אַ גרויסער פֿאַרפֿלייצונג, וואָס האָט אין דער גרויער אור־צײַט פֿאַרפֿלייצט די מענטשן פֿון יענע געגנטן; איך נביאישן גײַסט זאָגט אונדז די שאַפֿונגס־געשיכטע עדות, אַז דעמאָלט, אין יענער ווײַטער אור־צײַט, ווען באַשאַפֿענע מהותן זײַנען זיך צום ערשטן מאָל באַוווּסט געוואָרן, אַז זיי הייסן מענטשן, און שפּעטער—אַז זײַענען זינדיק, איז בײַ זיי אין האַרצן פֿאָרגעקומען אַזוינס אָדער אומגעפֿער אַזוינס, וואָס די דערציילונג גיט אונדז איבער. אין אַ פּאָעטישער פֿאָרם מאָלט זי אונדז דאָס, וואָס איז מיט אַן אמת געשען: אַז בעת דעם מענטשנס ווילן האָט זיך צום ערשטן מאָל אָפּגעשיידט פֿונעם געטלעכן ווילן, איז אַ טיפֿער אומפֿאַרײַנבאַרער ריס דורכגעגאַנגען דורכן גאַנצן מהות פֿונעם מענטשן. און פֿאַקטיש איז דאָך איינמאָל אין מענטשנס לעבן געוועזן געקומען אַזאַ מאָמענט, ווען די מענטשן האָבן זיך באַקאַנט מיט דער זינד און מיט אירע פֿאָלגן — דאָס שרעקלעכע שיידן זיך פֿון גאָט. אומעטום, וווּ מענטשן מאַכן זיך קלאָר דעם רעכטן ערנסט פֿון בייזן און פֿון זינד, דאָרט מוז זיי אויך קלאָר זײַן, אַז די מענטשן אין דער אור־צײַט—האָבן זיי אויך געמעגט זײַן ווי זיי זײַנען געוועזן, און אַ פֿאַרגאַנגענהייט האָבן, וועלכע זיי האָבן אויך געהאַט — זײַנען דאָך נישט פֿאַרחלומט און נישט שפּילנדיק געקומען צום באַוווּסטזײַן פֿונם בײַזן. פֿאַרקערט: דער איבערגאַנג איז בײַ זיי פֿאָרגעקומען נישט אָן דער שווערסטער דערשיטע-

רונג און נישט אָן דעם טיפן געפיל פון מאָראַלישן פאַלן, און אָ ט ד אָ ס א י ז, אין ווייטסטן זין, דער טיף־היסטאָרישער תוך פון דער דערציילונג — נישט געקוקט אויף די דיכטערישע, לעגענדארישע און אפילו מיטאָלאָגישע שטריכן, מיט וועלכע מ׳האָט די דערציילונג אָדער מיט אַ כּיון באַפּוצט, אָדער די פאָרם אירע בכלל שטאַמט פון פרימיטיוון שטייגער צו דערציילן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

דער קאָדעקס פון האַמוראַפּי און דאָס אַלט־ישראלשע געזעץ

מ׳דאַרף אָננעמען, דאָס אַלע ווייסן, אַז אין 2—1901 האָט מען דורך די פראַנצויזישע אויסגראָבונגען אין דער אַלטפערסישער הויפּט־שטאָט סוזאַ (שושן), געפונען אַ געוואַלדיקן בלאָק דיאָריט (אַזאַ גרינער שטיין) מיט כּלעקל־כּתב באַשריבן. אין גיכן האָט מען ארויסגעפונען, אַז דער א י נ ה אַ ל ט פון דעם כּתב־יד איז: דאָס געזעץ, וואָס דער בבלשער קעניג האַמוראַפּי האָט ארויסגעגעבן אין יאָר 2100 פאַר קריס־טוס־געבורט. ווי קומט די בבלשע אורקונדע קיין אַלט־פערסיען? — דאָס אינטערעסירט אונז דאָ זייער ווייניק, דערום קאָנען מיר דאָ יוצא זיין מיט אַ קורצער באַמערקונג: דאָס אָרט, וווּ מ׳האָט דעם שטיין געפונען, האָט געהערט צום אַלטן מלכות עילם. דער שטיין, וואָס האָט געוויס אַמאָל געגאָלטן ווי אַ ווערטפול הייליקטום, זעט אויס ווי אַ שטיינערנער זייל, אַ מין מצבה, פון אויבן קומט דאָס בילד פונם זונען־גאָט, וועלכער האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, געגעבן דעם קעניג דאָס געזעץ, — און בשעת אַן אָנפאַל, האָבן די עילמער אַוועקגעריבט דאָס בבלשע הייליקטום און דאָס פאַרשלעפּט צו זיך, קיין עילם.

פיל וויכטיקער איז פאַר אונז די פראַגע וועגן דער באַדייטונג פון דעם מערקווירדיקן שריפט־דענקמאָל, בנוגע צו בבל גופא, אָבער נאָך וויכטיקער בנוגע דער תנך־פאַרשונג. אין דעם פּרט קאָן גאָר קיין

שום ספק נישט זיין, אַז מיר זיינען לחלוטין נישט אומשטאַנד זיין באַ־דייטונג געגוג הויך אָפּצושאַצן. שוין פאַר האַמוראַפּי זיינען אין בבל גע־ווען כּלערליי רעכטלעכע דינים. האַמוראַפּי האָט אָבער געשאַפן אַזאַ רעכט, וואָס נעמט אַרום אַלע געביטן פון לעבן. ער האָט אַלזאָ זיין מלוכה געגעבן די מעגלעכקייט, כמעט אין אַלע וויכטיקע אָנגעלעגנ־הייטן צו געפינען אַ גרייטן, גוט־דורכגעטראַכטן געזעץ, וואָס שטרעבט צו דערגרייכן די העכסטע מאָס גערעכטיקייט. און דאָס שאַפן אַזאַ רעכט דאַרף באַצייכנט ווערן ווי די שאַפונג פון אַ זשעני. ביי דער אָפּשאַצונג וועט מען מוזן בלייבן, אפילו נאָכדעם ווי מען וועט געהעריק אָפּשאַצן אַלע יענע חסרונות, וואָס זיינען נאָך, באַטירלעך, פאַראַן אין געזעץ; ווי יעדער רעכט, וואָס איז אין זיך קלאָר און איז פּאַרפּאַסט לויט די יסודות פון גערעכטיקייט, איז אויך דאָס האַמוראַפּישע רעכט געווען אַ גליק פאַר זיין מלוכה. דאָס ווערט פיל מאָל אָפּגעשריבן און פאַרשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער מלוכה.

מיר ווייסן, אַז פון אור־אַ טע ציייטן אָן האָט זיך פּאַלעסטינע, דערהויפּט אירע צפון־טיילן, געפונען אונטער דער הערשאַפט פון בבל. מיר קאָנען נישט זאָגן מיט פולער זיכערקייט, צי אין האַמוראַפּיס צייט האָט אויך בבל געהערשט איבער פּאַלעסטינע, צי נישט — הגם ביי דער הויכער באַדייטונג און מאַכטפולער שטעלונג פון דעם קעניג, איז עס זייער וואַרשיינלעך, אַז פּאַלעסטינע איז געווען אונטערגעוואָרפן צו בבל — מיט פולער זיכערקייט קאָנען מיר אָבער זאָגן, אַז פריי איז דאָס לאַנד געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער בבלשער קולטור, און אַז אָט דער איינפלוס האָט אין גאַנץ סיריען, דערהויפּט אין די צפון־געביטן, געדויערט נאָך הונדערטער יאָרן שפּעטער. עס איז דערום כּלל נישט אומוואַרשיינלעך, אַז אין האַמוראַפּיס צייטן האָט מען אויך אין סיריען — ווייל ס'האָט געהערט צו בבל — געמשפּט לויט יענעם געזעץ־בוך. נאָך וואַרשיינלעכער איז, אַז אויב אפילו סיריען האָט זיך צו יענער צייט, אָדער באַלד נאָכדעם, פּאָליטיש באַפרייט פון בבל, איז דאָך דאָס בבלשע געזעץ אַהין אַריינגעדרונגען און איז געוואָרן דער יסוד פונם דאָרטיקן משפּט. פונקט ווי מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּע־טער, בעת פּאַלעסטינע איז פאָרמעל געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון מ צ ר י ם, געפינען מיר דאָרט די בבלשע שריפט, די בבלשע געטער

און, העכסט ווארשיינלעך, אפילו בבלשע מיטן, פונקט אזוי, און נאך גיט מער רעכט, דארפן מיר אננעמען, אז אין דער אייגענער צייט — פון אמארנא — און שוין פריער, איז דאס האמוראבישע געזעץ באקאנט געווען — מינדלעך אדער שריפטלעך — אין סיריען און פאלעסטינע, און איז אויך פראקטיש באנוצט געווארן. ווארים דאס אוממיטלבארע פראקטישע באדערפעניש, געשטארקט דורך פארשיידענע האנדלסבאציונגען מיטן מזרח, צווינגט, — נאך פיל מער ווי בנוגע צו אבסטראקטע ענינים — איבערצונעמען און אנצווענדן דאס רעכט פון האמוראפי.

אין וואס פאר א מאס דאס דאזיקע איבערנעמען איז פאקטיש פארגעקומען, דאס קאנען מיר גאנץ קלאר זען — נישט רעדנדיק פונם ביבלישן געזעץ — פון איין דערציילונג אין חומש. כדי נאר איין ביישפיל צו באנוצן, דארף מען פארגלייכן די מעשה פון אברהם מיט הגר (חומש, בראשית, לך-לך, קאפיטל ט״ו און וירא קאפיטל כ״א) מיטן סימן 146 פון האמוראפיס געזעץ-בוך: „אויב עמעצער נעמט א פרוי, און זי גיט איר דינסט דעם מאן אירן פאר א ווייב, און זי (די דינסט) געבירט איר קינדער, און דערום האלט זיך די דינסט גלייך מיט דער בעל-הביתטע: ווייל זי האט קינדער געבוירן, זאל די בעל-הביתטע זי נישט פארקויפן פאר קיין געלט, אין קנעכטשאפט זאל זי זי האלטן, צווישן די דינסטן רעכענען". דערפון איז יעדנפאלס צו זען, אז אין דער צייט, ווען די געשיכטע מיט אברהמען איז אויפגעקומען, און דערהויפט, די דערציילונג וועגן הגר — קיין חילוק נישע ווען דאס איז געווען — האט מען ביי יידן געקענט די רעכטלעכע דינים פון בבל.

2. די פארגלייכונג מיטן געזעץ פון חומש.

דערמיט זיינען מיר שוין ממילא געקומען צו דער פראגע: וואס פאר א באדייטונג האט דאס האמוראפישע געזעץ פאר דער יידישער געזעצגעבונג? אז ביי יידן האבן אויך עקזיסטירט געוויסע געזעצלעכע נארמען און רעכטלעכע מנהגים, וואס זיינען אין דער תורה נישט אריין, — דאס איז קלאר צו זען אפילו שוין פונם ביישפיל אברהם און הגר, וואס מיר האבן געבראכט. לאזן מיר אבער אט די פראגע. מיר האבן איצט צו באטראכטן די געזעצגעבונג פון תורת משה, און אין איר דעם, אזוי גערופענעם, „ספר הברית" (שמות כ—כג) און אייניקע קא-



דער גרויסער שטיינערנער מזבח אין צרעה



דער גרויסער שטיינערנער מזבח אין צרעה

טאָוול III.

פיטלעך אין ספר דברים. פאַרגלייכט מען די דערמאָנטע קאַפּיטלעך מיט האַמוראַפּיס געזעצבוך מוז מען אָנערקענען, אַז טיילווייז האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַן איבעררּאַשנדע ענלעכקייט. זי ליגט אויבנאויף, גענוג אויס־קלייבן נאָר עטלעכע ביישפּילן.

צוערשט דאַרף מען פאַרגלייכן די אַלגעמיינע פאָרם, וואָס ווערט אָנגעווענדט אי ביי האַמוראַפּי אי אין ספר־הברית ביי איינצלנע פּסקים: „אויב עמעצער טוט דאָס און דאָס, זאָל מען זיך מיט אים באַגיין אַזוי און אַזוי". נאָכדעם דאַרף מען אַוועקשטעלן איינע אַקעגן די צווייטע פאָלגנדע געזעצן:

האַמוראַפּי (ק. ה.):

פ. 196 ה. ווען איינער האָט דעם אַנדערן אַן אויג אויסגעשלאָגן, זאָל מען אים זיין אויג אויסשלאָגן. ווען ער האָט אים אַ פוס צעבראָכן, זאָל מען אים אַ פוס צעברעכן.

200. ווען איינער האָט דעם אַנדערן זיין־גלייכן אַ צאָן אויסגעשלאָגן, זאָל מען אים זיין צאָן אויסשלאָגן.

201, 199 : ווען ער האָט עמעצנס אַ קנעכט אויסגעשלאָגן אַן אויג אָדער ער האָט עמעצנס אַ קנעכט צעבראָכן אַ פוס, זאָל ער באַצאָלן די העלפט פון זיין פרייז. ווען ער האָט אויסגעשלאָגן אַ צאָן פון אַ פרייגעלאָזענעם, זאָל ער באַצאָלן אַ דריטל מנה געלט.

250. ווען אַ רינד איז געגאַנגען אויפן גאַס, האָט איינעם געשטויסן און געהרגעט, זאָל דאָס געריכט נישט צולאָזן קיין שום תביעה (אויף באַצאָלן).

251. ווען עמעצנס שטויסיקע רינד האָט שוין זיין חסרון, אַז עס איז שטויסיק, אַרויסגעוויזן, און דער אייגנ־

חומש :

קאַפּ. 21, פּסוק 22 ה. : געשעט אַן אומגליק, דעמאָלט קומט־אום אַ לעבן פאַר אַ לעבן, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַ האַנט פאַר אַ האַנט, אַ פוס פאַר אַ פוס.

21, 26 ה.: ווען איינער וועט זיין קנעכט אָדער אַ דינסט אַ קלאַפּ טאָן אין אויג אַריין און דאָס פאַרדאַרבן, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פריי פאַרן אויג, און אויב ער וועט אויסשלאָגן אַ צאָן ביי זיין קנעכט, אָדער ביי זיין דינסט, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פריי פאַרן צאָן.

21, 28 ה. : אויב אַ רינד האָט געשטויסן אַ מאַן אָדער אַ פרוי און יענער איז געשטאָרבן, זאָל מען דעם אָקס פאַרשטיינען, זיין פלייש טאָר מען נישט עסן, און זיין בעל־הבית איז ריין פון שטראָף.

21, 29 : אויב דאָס רינד איז שוין אָבער פון לאַנג אַן שטויסיק געווען, זיין בעל־הבית האָט מען דאָס

טימער האָט אָבער זיינע הערנער נישט ארומגעוויקלט, דאָס רינד נישט צוגעבונדן: ווען דאָס רינד האָט געשטויסן אַ פריי־געבוירענעם און אים געטויט, זאָל יענער אַ האַלבע מנה זילבער באַצאָלן.

252. ווען עמעצנס אַ קנעכט, דאַן זאָל ער (דער בעל־הבית) איין דריטל מנה באַצאָלן.

125. ווען עמעצער גיט צו באַהאַלטן זיין האָב, און דאָרט, וווהין ער האָט דאָס אָפּגעגעבן, ווערט דאָס פאַרפאַלן, דאַרף דער אייגנטימער פון דעם הויז (ביי וועמען דאָס האָב איז באַהאַלטן געווען), דורך אויספאָרשן, ארויסגעפינען דאָס פאַרפאַלענע און פון דעם גנב דאָס אָפּנעמען.

124. ווען איינער גיט דעם אַנדערן, פאַר עדות אין די אויגן, זילבער אָדער גאָלד אָדער עפּעס אַנדערש צום היטן, און דער לייקנט דאָס, זאָל ער אים ברענגען פאַרן געריכט, און דאַן מוז יענער דאָס געלייקנטע באַצאָלן דאָפּלט.

126. ווען עמעצער, הגם זיין גוטס איז ביי אים נישט פאַרפאַלן געוואָרן, טענהט: „מיין גוטס איז ביי מיר פאַרפאַלן געוואָרן”... דאַן זאָל ער זיין (כלומרשטן) שאָדן געניי פאַר גאָט אָנגעבן (אָנקלאָגן). און דעמאָלט (אויב זיין שווינדל איז פון גאָט פעסטגעשטעלט), מוז ער דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרשווינדלען, דאָפּלט באַצאָלן.

אָנגעזאָגט, און ער האָט דאָך דאָס רינד נישט געהיט, און דאָס האָט געהרגעט אַ מאַן אָדער אַ פרוי, זאָל דאָס רונד פאַרשטיינט ווערן און זיין בעל־הבית זאָל אויך געטויט ווערן.

21, 32: אויב דאָס רינד וועט שטויסן אַ קנעכט אָדער אַ דינסט, זאָל זיין בעל־הבית באַצאָלן 30 שקל זילבער און דאָס רינד זאָל מען פאַרשטיינען.

22, 6: ווען איינער גיט דעם אַנדערן געלט אָדער כלים צום היטן, און מ׳האָט דאָס אַוועקגעגנבעט פון דעם הויז, ווו דאָס איז געהיט געוואָרן, איז אויב מען האָט דעם גנב געפונען, דאַרף ער באַצאָלן דאָפּלט.

22, 8: ביי יעדן אייגנטומס־פאַרברעכן: האַנדלט עס זיך וועגן אַ רינד אָדער אַן אייזל, אַ שעפּס אָדער אַ קלייד — צי בכלל וועגן אַ וועלכער ס׳איז פאַרפאַלענער זאַך, ווו איינער זאָגט: „אָט איז ער” (דער גנב), זאָל די אָנגעלעגנהייט פון די ביידע געבראַכט ווערן פאַר גאָט. און דער, וועמען גאָט וועט דערקלערן פאַר שולדיק, דאַרף דעם אַנדערן באַצאָלן דאָפּלט.

נאָך דעם אַלעם קאָן איך דאָ ווידער זיין די פראַגע נאָר וועגן דעם: ווי דערקלערט זיך די אויפפאַלנדע ענלעכקייט, און וואָס קאָנען מיר פון איר אָפּלערנען בנוגע דער פראַגע, — ווי דאָס דאָזיקע ביבלישע געזעץ איז אויפגעקומען?

3. *דאָס אויפקומען פונם ביבלישן געזעץ, לויט זיין עלטערער שיכט.* בכלל, מוז איך דאָ, אין אַלץ, וואָס איז נוגע תורת משה, אָפּשיקן דעם לעזער צו דעם, וואָס עס וועט וועגן דעם ענין שפּעטער געזאָגט ווערן. דאָ באַשרענק איך זיך מיט מיט דעם אַזויגערופענעם: „ספר-הברית", וואָס איינגעם מיט די עשרת הדברות, ווערט ער כמעט דורכויס אָנגענומען ווי דאָס עלטסטע שטיק פון דער תורה. נאָר בעת, אז פריער האָט מען גערעכנט, אַז דאָס בוך שטאַמט פון משהן, אָדער פון דער צייט — נאָנט צו אים, איז די לעצטע צייט אויפגעקומען די מיינונג — און וואָס ווייטער, אַלץ מיט מער זיכערקייט — אַז דער ספר-הברית, ווי די תורה בכלל, געהערט צו לערך אַ שפּעטערער צייט. מען וויל אין איר דערקענען סימנים פון דער צייט, וואָס נאָך די גרויסע נביאים. אייניקע מיינען אפילו, אז ס'זיינען אין איר צו דערקענען שפּורן פון דער לעצטער צייט, וואָס פאַר גלות בבל, די צייט פונם מלך מנשה. אָט די מיינונג גילט פאַר אייניקע ווי אַ זיכערער רעזולטאַט פון אונזער וויסנשאַפט. זיי רעדן פון איר און באַנוצן זיך מיט איר אַזוי פריי, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ פעסטער פאַקט.

צו דער מיינונג מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל געמאַכט ווערן אַ סוף. און וואָס פריער, אַלץ בעסער. זי שטאַמט פון יענער צייט און פון יענער מעטאָדע, ווען מ'האָט דעם תנך באַטראַכט ריין ליטעראַריש און אינערלעך-יידיש, — וואָס איך וועל נאָך שפּעטער קורץ באַלייכטן. ביי *וועלהויזן* האָט די מעטאָדע דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. אָבער פון זינט אָן די אויסגראָבונגען האָבן פאַרברייטערט אונזערע האָריזאָנטן און האָבן אונז אויסגעלערנט אַזעלכע ווייטע און לאַנגע צייטן אַרומצונעמען, וואָס מיט עטלעכע צענדליק יאָר פריער, האָט מען זיי געהאַלטן פאַר אַ Terra incognita, פאַר אומאויסגעפאָרשטע געביטן — פון דעמאָלט אָן איז אויך אונזער שטעלונג צו דער פראַגע געוואָרן אַן אַנדערע. איצט ווייסן מיר, אַז הונדערטער יאָרן פאַר משהן

איז אין אַ קולטור־לאַנד, וואָס איז געשטאַנען מיט כּנען אין פאַרשיידנערליי באַציִונגען, ג לטיק געווען אַ געזעץ, וואָס האָט פיל באַרירונגספונקטן מיטן ספר־הברית; מיר ווייסן ווייטער, אַז פאַר משהן, און קרוב צו דער צייט, ווען ער האָט זיך באַוויזן, איז פאַלעסטינע געשטאַנען אונטערן שטאַרקן, גייסטיקן איינפלוס פון יענעם לאַנד, פון וואַנען דאָס דערמאָנטע געזעץ האָט געשטאַמט; מיר ווייסן נאָך ווייטער, אַז דעמאָלט האָבן בּיבּלישע שטאָפן אי מינדלעך אי שריפטלעך געוואַנדערט קיין פאַלעסטינע. דאָס זיינען אַלץ פולשטענדיק געזיכערטע פאַקטן. נאָכמער. מיר קאָנען ביז אַ הויכן גראַד זיכערקייט זאָגן, אַז אין דער צייט, וואָס פאַר משהן און אין דער צייט, וואָס איז נאָנט צו זיין אַרויסטרעטן, האָט מען אין כּנען געמשפּט לויטן בבלשן רעכט פון האַמוראַפּיס קאָדעקס. האָט דאָך דער דערציילער פון דער געשיכטע מיט הגרן אויך אָנגענומען ווי אַ זעלבּסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אברהם האָט געהאַנדלט לויט אַ גוט־בבלשן רעכטלעכן פרינציפּ.

פון אָט די אַלע פאַקטן האָבּן מיר דאָס רעכט צו מאַכן פאָלגנדע אויספירונג: בּעת משה האָט געזוכט אַ רעכט פאַר זיין פאָלק, וואָס האָט געשטרעבט קיין כּנען, אָדער די יידן, בּעת זיי האָבן איינגעוואַנדערט קיין כּנען און אָנגעהויבּן זוכן רעכטלעכע פרינציפּן, וואָס זאָלן טויגן פאַרן לעבן אין דעם לאַנד — האָבן זיי אין כּנען געפונען אַ לעבּעדיק רעכט, אויף וועלכן זיי האָבּן זיך געקאָנט אָפּשטעלן. אָט דאָס לעבּעדיקע געזעץ האָט געהאַט „ענגע באַציִונגען” מיטן אַלטן קאָדעקס פון האַמוראַפּי. נאַטירלעך, זיינען דאָס נישט געווען קיין באַציִונגען אין דעם זין פון פּשוטן אָפּשרייבּן, אָדער בּלויזן נאָכמאַכן, נאָר אין ד ע ם זין, אַז בּיי דאַנקבּאַרן אויסנוצן האַמוראַפּיס געניאַל ווערק און בּיי פּילפּאַכיקן שטיצן זיך אויף דעם, האָט מען אין כּנען געשאַפן אַן אייגן רעכט, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען און באַדערפענישן פון דעם לאַנד.

קאָנען מיר נאָך וואַרשיינלעך מאַכן, אַז דער יידישער ספר־הברית לאָזט זיך אין אַ געניגנדער מאָס דערקלערן א ו י ס ש ל י ס ל ע ך פון דער לאַגע אין דער פריער, אָדער פ ר י ס ט ע ר צייט פון די יידן אין כּנען — און אין עצם פיל בּעסער, ווי פון דער לאַגע אין דער שפּעטערער צייט, — אַזוי האָבּן מיר דערמיט געוווּנען אַלע פאָרבאַ-

דינגונגען, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו פאַרשטיין דאָס געזעץ (דעם ספר-הברית) פון דעם פאַקט, וואָס עס איז געשטיצט אויף יענעם בבל-כנענישן מוסטער. און דאַן בלייבט אונז נאָך איבער נאָר צו שטעלן די פראַגע: ווי אַזוי האָבן מיר זיך קלאָרער פאָרצושטעלן דאָס אויפקומען פונם ספר-הברית?

קודם כל, אַלזאָ, ווי-אַלט איז דער ספר-הברית פאַר זיך? די מיינונג, אַז דאָס געזעצבוך איז געשאַפן געוואָרן ערשט זייער שפּעט, קאָן זיך שטיצן נאָר אויף אייניקע שטעלן, וועלכע זיינען שפּעטער איבערגעאַרבעט געוואָרן. לאָזט מען אָבער אָט די פאָר שטעלן אָן אַ זייט, דאַן קאָן מען איצט קוקן אויף יענער מיינונג, נאָר ווי אויף דעם פועל-יוצא פון דער גישט דערוויזענער באַהויפּטונג, געמלעך, אַז אין משה'ס צייטן, אָדער באַלד נאָך אים, האָט מען ביי יידן בכלל נאָך נישט גע-קענט שרייבן. וועגן דער באַהויפּטונג גופא וועט נאָך שפּעטער קומען צו רייד. אָבער איינייגעם מיט איר פאַלט אויך, נאַטירלעך, אַלץ, וואָס מ'האָט אויף איר געבויט, אָדער פון איר אויסגעדרונגען.

פאַרגעסט מען יענע מיינונג און מ'לאָזט דעם ספר-הברית, ד. ה. זיינע רעכטלעכע דינים, פּשוט ווירקן אויף זיך, מוז מען אָנערקענען, אַז זיי זיינען באַרעכנט אויף ריין פויערלעכע לעבנסבאַדינגונגען ביי יידן. עס רעדט זיך פון ערד-אַרבעט, פי-צוכט, גאָרטן-און וויין-קולטור, חתונה-קנעכט-פערזאָנען-און זאַכן-רעכט, פון בלוטיקער נקמה: „אָן אויג פאַר אַן אויג" א. ד. ג. פונקט אַזוי, ווי מיר האָבן — לויט אַנדערע קוועלן — זיך פאָרצושטעלן די יידישע לעבנסבאַדינגונגען אין דער ערשטער צייט, בעת ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אין כנען. אין ערגעץ רעדט זיך נישט פון קיין מלך. דערהויפּט נישט, פון קיין צענטראַלער מאַכט. דער „נשיא בעמך", וואָס ווערט דערמאָנט אין פּסוק (שמות כב, פּסוק כז), דאַרף נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי דער פירשט פון פאָלק און שוין גאַנץ געוויס נישט ווי אַ מלך. דאָס זיינען די פּשוטסטע באַדינגונגען פון דער פאַר-קעניגלעכער צייט, ווו יעדער שבט און יעדער משפחה-פאַרבאַנד לעבט פאַר זיך. אַ חוץ דעם, הערט זיך דאָ אַן אָפּקלאַנג פון גאָר פרימיטיווע און פאַר-יידישע לעבנסבאַדינגונגען. נעמט מען אָן, אַז דאָס געזעץ איז געשאַפן אָדער איבערגענומען אין פרי-ער צייט, דאַן איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס יענע אָפּקלאַנגען פון פרי-

מיטיווע לעבנס־באַדינגונגען זיינען דאָ פאַרבליבן. פיל שווערער איז דאָס אָבער צו דערקלערן, אויב מ׳האַלט, אַז דאָס געזעץ שטאַמט ערשט פון אַ שפּעטערער צייט.

צו די לעצטע דאַרף מען צורעכענען דאָס געזעץ וועגן מזבח — וואָס געהערט דאָך יעדנפאַלס צום ספר־הברית (שמות כ׳ פסוק כ״ה), ווו ס׳ווערט גערעדט פון דער מעגלעכקייט, אַז דער שטיין פון מזבח זאָל מיטן שווערד אַרומגעהאַקט ווערן. אָט דער זעלטענער אויסדרוק איז פאַרשטענדלעך, נאָר אויב ער שטאַמט פון אַ צייט, ווען מ׳האָט נאָך נישט געוווסט דעם חילוק צווישן אַ שווערד, אַ מעסער און אַ מייסל ד. ה. פון דער פריער ער לערך שטיין־צייט. ווארים בעת די יידן זיינען אַריינגעקומען אין כנען, האָבן די כנענים אָט די צייט שוין געהאַט איבערגעלעבט, אָדער זיינען שוין געשטאַנען ביים סוף אירן — ווייל איבייגעם מיטן פייערשטיין (קרעמען) באַנוצן זיי זיך פיל מיט בראָנז, און אין אין איינצלנע פאַלן, אויך שוין מיט אייזן. אויף דער אייגענער מדרגה זיינען אויך די יידן געשטאַנען — אויב זיי האָבן זיך נישט באַנוצט מיט אייזן שוין פון פריער אָן (פון מצרים אָדער פון סני־האַלב־אינזל, וואָס פאַרמאָגט פיל אייזן). ממילא, איז יענער אויסדרוק געשאַפן געוואָרן אין אַ פיל פריערער צייט. ווייטער געהערט אַהער דער געבאָט, אַז יעדער בכור געהערט צו גאָט (שמות כב, פסוק כח). מיר ווייסן, אַז פאַקטיש האָבן די יידן פרי און אומעטום ווייכער געמאַכט דאָס געבאָט; אָנשטאָט דעם קינד־אַ בכור, האָט מען מקריב געווען אַ רינד (שמות לד, פסוק כ). יעדער איינציקער פון פאָלק ישראל, וואָס האָט דאָס געבאָט געלייענט, האָט עס, אַלזא, געוויינלעך, אין דעם ווייכערן זין אויסגעטייטשט און מקים געווען. אָבער דער פאַקט, וואָס אין דער תורה איז דאָס געבאָט אַריינגעקומען אָן יעדער באַשרענקונג, באַווייזט, אַז ס׳איז געווען אַ צייט, ווען מ׳האָט דאָס געבאָט וואָרטלעך פאַרשטאַנען און דערפילט. ווייסן מיר דאָך, אַז די כנענים האָבן פאַקטיש געהאַלטן פונם שרעקלעכן מנהג: מקריב צו זיין קינדער־קרבנות. מיר וועלן זיך, אַלזאָ, קוים טועה זיין, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז אויך דאָ, ווי פריער, האָבן מיר פאַר זיך די רעשט פון אַן אַלטן, פאַר־יידישן געבאָט, וואָס איז אַריינגעקומען אין דער תורה.

ווי זשע האָבן מיר זיך פאָרצושטעלן דאָס אויפקומען פון דעם ספר־הברית?

לויט אַלעם דעם, וואָס מיר קאָנען אויסזוכן און אַרויסגעפונען בנוגע דעם ספר־הברית, איז דאָס וואַרשיינלעכסטע, אַז ער איז געשאַפן געוואָרן באַלד נאָכדעם, ווי די יידן זיינען אַריינגעקומען אין כנען, — אין הסכם מיט די לעבנס־באַדינגונגען אין דעם לאַנד. הן לויטן אינהאַלט און הן לויט דער פאָרם שטיצט ער זיך מערערע מאָל אויף דעם אַלט־בבלישן רעכט, וואָס איז געווען אָנגענומען אין כנען. פאַר די יידן פון דער וואַנדער־צייט, בעת זייער אויפהאַלטן זיך אין מדבר, איז דאָס געזעץ נישט באַשטימט. און אַזוי ווי משהן קענען מיר בכלל, ווי דעם געזעצגעבער פאַר יידן, איז נישט צו זען, פאַר וואָס מ׳זאָל נישט קאָנען אָט דאָס פרי־יידישע געזעץ פאַרבינדן מיט משהן. די פאַרבינדונג קאָן געמאָלט זיין אויף צוויי אופנים: אָדער אַז משה, רעכענענדיק זיך דער־מיט, וואָס זיין פאָלק וואַנדערט קיין כנען, האָט אַליין גענומען דאָס רעכט, וואָס האָט געגאָלטן אין כנען, און האָט דאָס באַאַרבעט לויט די באַדערפענישן פון זיין פאָלק, אָדער — און דאָס לעצטע לאָזט זיך נאָך גיכער אָננעמען — אין דער ערשטער צייט באַלד נאָך משהן האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס פאָלגנדיק משהס אָנרעגונגען און פרינציפן, האָבן זיי — אויפן יסוד פון דעם רעכט, וואָס איז גילטיק געווען אין כנען — געשאַפן דעם ספר־הברית. ווי אַלע אַלט־יידישע רעכטס־ביכער, האָט מען זיך דעם ספר־הברית לכתחילה אויך פאָרגעשטעלט ווי דאָס געזעץ פון איין באַשטימטן הייליקטום (זאָגן מיר: בית אל, אָדער שילה).

ווייל דאָ איז די רייד פונם ערעסן אָנהויב פון דער תורה און פון איר שייכות צו משהן, זאָל דאָ נאָך אַ וואָרט געזאָגט ווערן וועגן די עשרת־הדברות. זיי געפינען זיך, ווי באַקאַנט, אין ספר שמות, קאַפיטל כ׳ פסוקים א—יט, אין ענגסטער פאַרבינדונג מיטן ספר־הברית. אין דער ניי־סטער צייט אָבער, באַזונדערס אונטערן איינפלוס פון וועלהויזן *), האָט מען געפרוווט ביז צו אַ דאָגמע דערויהבן די מיינונג, אַז די אייגנ־טלעכע און ערשטע עשרת־הדברות געפינען זיך גאָר אין שמות קאַפיטל

*) אין גרונט גענומען שטאַמט די מיינונג — פון געטעס אַ גייסטרייכן איינפאַל, וואָס האָט אויך געוואָלט און געזאָלט גילטן נאָר ווי אַ המצאה.

לד׳ פסוקים כא—כו. אויף דער מיינונג האָט מען אויך ווייטער געבויט און געקומען צום באַשלוס, אַז אייגנטלעך פאַרמאָגן מיר צ וו יי, גאַנץ פאַרשיידענע, עשרת־הדברות. דאָס הייסט אָבער אויך, אַז קיין זי־כ ע ר ע עשרת־הדברות האָבן מיר אפילו קיין איינע נישט, יעדנפאַלס נישט אזוינע, וואָס זאָלן אומבאַדינגט, געוויס שטאַמען פון משהן.

אָט די מיינונג קאָן איך אָבער אויך נישט אָננעמען פאַר קיין „געזיכערטן רעזולטאַט" פון אונזער וויסנשאַפט. פאַרקערט, איך קאָן נאָר מתרה זיין, אַז איידער מ׳וועט זי פאָרזיכטיק באַטראַכטן, זאָל מען נישט קוקן אויף איר ווי אויף אַ פאַקט. וואָרים אין אמתן איז דאָס, וואָס שטייט געשריבן אין שמות קאַפּיטל ל״ד, קיינמאָל נישט געווען און קיינמאָל נישט געוואָלט זיין קיין עשרת־הדברות. נאָר די אומגעלונגע־נע רעדאַקציע פון דעם טייל האָט אין פסוק כ״ח געגעבן די מעגלעכ־קייט צו דעם טעות, וואָס געטע, און נאָך אים פיל אַנדערע, האָבן זיך ט׳עה געווען. מ כ ר י ע איז אין דער פראַגע, ערשטנס, אַז דער „ויכתוב" אין פסוק כ״ח, דאַרף — מחמת דעם פסוק א׳ — פאַרשטאַנען ווערן אַזוי, אַז גאָט אליין האָט באַשריבן די לוחות, נישט משה. דערפאַר זיינען אין פסוק כ״ז, ווו מ ש ה שרייבט, נ י ש ט געמיינט די לוחות. צווייטנס, קאָן אָט דער גאַנצער טייל (פון קאַפּיטל ל״ד), ביים בעסטן ווילן, נישט איינגעטיילט ווערן אין צ ע ן געבאָט, סיידן מ׳זאָל, אָן יעַ־דער סיבה מצד דעם טעקסט גופא, פשוט מיט געוואַלט אַרויסוואַרפן עט־לעכע גלידער. טוט מען דאָס נישט, דאַן זיינען דאָ און בלייבן 12, אָדער 13 געבאָט. דריטנס, באַטראַכט מען אָט דעם טייל ביים געהעריקן ליכט, זעט מען, אַז ער איז נישט אַנדערש ווי אַ פאַראַלעל צום ספר־הברית גופא, אָדער אַ שטיק פון אַ ספר זיין גלייכן. האָט יענער ספר־הברית געהערט צו אַ באַשטימט הייליקטום, זאָגן מיר: בית־אל, אָדער שילה, דאַן האָט ד ע ר געקאָנט געהערן צו אַן אַנדער הייליקטום: מצפה, אָדער רמה.

פאַלט דערמיט די טעאָריע פון צווייערליי עשרת־הדברות, — האָבן מיר פאַקטיש צו טאָן נאָר מיט די עשרת־הדברות פון שמות קאַפּיטל כ׳. ס׳איז אָבער קיין שום סיבה נישטאָ, פאַרוואָס מ׳זאָל אָט די עשרת־הדברות אָפּנעמען פון משהן. די טעמים, מיט וועלכע מ׳האָט דאָס צייט־ווייליק געהאַט מאָטיווירט, ווי למשל, דער פאַרבאָט צו ערן יהוה אין

בילדער, אָדער דאָס געבאָט וועגן שבת, האָבן נישט קיין צווינגענדע קראַפט. די אַלטע מצריים האָבען אין זייער טויטנבוך אויך געהאַט אַ זאַמלונג פון ענלעכע געבאָטן, און אָט דער פאַקט רעדט שטאַרק דערפאַר, אַז אין דער אַלט-יידישער צייט האָבן יידן אויך געהאַט אַזאַ קורצן גרונטגעזעץ. דער בילדער-פאַרבאָט דערקלערט זיך גענוג מיט דעם קעגנזאַץ צו פיל אַנדערע רעליגיעס, אַזוי גוט ווי מיט דעם פאַקט, אַז אויך אין אייגנטלעכן, *אָפיציעלן* גאָטעסדינסט פון די כנענים איז זעלטן געווען אַ בילד. דערצו איז אין אַלטערטום, אפילו אין דעם גאָר פריען, דער מנהג פון בילדלאָזן גאָטדינסט דורכויס נישט געווען אַזוי אומבאַקאַנט, ווי מ׳שטעלט זיך דאָס פאָר. דערום איז דער בילדער-פאַרבאָט, אויך פאַר משהס צייט, כלל נישט געווען אַזוי אויסטערליש, ווי מ׳האָט אַ לאַנגע צייט געגלויבט. און בנוגע דעם שבת, ווייסן מיר צו ווייניק דערפון, ווי ער איז אויפגעקומען, אַז מ׳זאָל קאָנען באַהויפּטן: אין דער פרי-צייט האָבן יידן *נישט* געוווּסט פון אים! עס איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ שטאַרק-געענדערטן בבלשן מנהג, וואָס משה האָט — לכתחילה, איז אפשר שבת געווען דער הויפּט-יום-טוב — פאַר זיין פאָלק איבערגענומען. דאָס געבאָט וועגן באַגערן (לא תחמוד) דאַרף מען נישט אַזוי פאַרגייסטיקן און נישט אַזוי אויסטייטשן, ווי יעזוס האָט דאָס געטאָן: „ווער עס קוקט אויף אַ פרוי זי צו באַגערן" א. אַ. וו. דאָס איז שוין די פאַרטיפונג, וואָס יעזוס האָט דעם געזעץ צוגעגעבן, און ווי קריסטן מוזן עס *איצט* פאַרשטיין. אָבער פאַר די יידן אין משהס צייט, האָט „באַגערן" געהייסן אַזויפיל, ווי טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי פרעמד גוטס צו זיך ברענגען.

נעמען מיר אויך דאָ צונויף אַלץ אינײנעם, אַזוי קומען מיר צום אויספיר: אַלץ, וואָס מ׳האָט די נייערע צייט אָנגעגעבן ווי „געזיכערטע רעזולטאַטן" בנוגע דעם ערשטן אָנהויב פון דער יידישער געזעצגעבונג, איז אָדער עס פאַרדינט לחלוטין נישט דעם נאָמען, אָדער מ׳קאָן דאָס אָננעמען נאָר מיט גרויסער באַשרענקונג. מיר מעגן אָננעמען ווי אַ פאַקט, אַז פון אַלטע צייטן אָן איז מען אין כנען זייער גוט געוווינט געווען צו געזעץ און געזעצגעבונג. דאָס וואָס מיר האָבן בקבלה, אַז משה האָט געגעבן אַ תורה זיין פאָלק ישראל, און אז דער ספר-הברית געהערט צו דער *פריער* יידישער צייט, האָט אינם דער-

אַנטן פּאַקט אַ שטאַרקע שטיצע. די דאָזיקע שטיצע ווערט נאָכמער געשטאַרקט דורכן כאַראַקטער פון די געזעצן און אויך דורך דעם, וואָס מיר וויסן בכלל פון משהן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

טעל־על־אַמאַרנאַ. — די אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע און די אַלט־כנענישע קולטור און רעליגיע

אַ טייל דערפון, וואָס איז ביז אַהער געזאָגט געוואָרן, געפינט דאָ נאָך אַ העלערע באַלויכטונג. וואָרים ערשט די נייסטע, ערפאָלגרייכע אויסגראָבונגען, וואָס זיינען דירעקט נוגע פּאַלעסטינע, האָבן אונז געגעבן אַ קלאָר בילד פון די דאָרטיקע פאַרהעלטענישן, איידער יהושע האָט אַהין אַריינגעבראַכט די יידן.

1. דער אַמאַרנאַ־אוצר און זיין באַדייטונג. דעם גליקלעכן אָנהויב אין דעם פּרט האָט געמאַכט דער אוצר פון טעל־על־אַמאַרנאַ, אין מיטעלן עגיפּטן. אין ווינטער 1887, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער עפּאָכעמאַכנדיקער פאַקט, אַז אין זאַמד פונם עגיפּטישן מדבר געפינט זיך ביז אויפן היינטיקן טאָג די פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ פון די פּרעהס: אַמענאָפיס דעם דריטן און דעם פירטן, מיט זייערע וואַסאַלן — די פּאַלעסטינישע און פיל אַנדערע מלכים פון פאָדער־אַזיע ביז בבל. די קאָרעספּאָנדענץ איז געפירט געוואָרן אויף ליימענע טאָוולען (איינעם פון זיי קאָן מען זען אויף אונזער טאָוול 4). מיט איינמאָל איז דורכדעם אַ העל ליכט געפאַלן אויף די פּאַלעסטינישע — פּאָליטישע, ווי אַלע איבעריקע—פאַרהעלטענישן, אין דער צייט — אַרום 1400 יאָר פאַר קריסטוס.

פון דער קאָרעספּאָנדענץ זעט מען, אַז דעמאָלט איז גאַנץ סיריען געשטאַנען אונטער דער איבערהערשאַפט פון מצרים. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ פאָרמעלע הערשאַפט, נישט קייןווירקלעכע. אין אמתן

זיינען די פֿיל קליינע מלכימלעך, שטאָטישע, אָדער קרייז-פֿירשטן, וואָס האָבן געהערשט אין סיריען, כּמעט זעלבשטענדיק געווען. קיינעם פֿון זיי איז אָבער נישט געלונגען, די אַנדערע דאָרט צו זיך ווירקלעך אונטערטעניק צו מאַכן. האָט עס געהערשט ווי אַ מין „מלחמה פֿון אַלע קעגן אַלע". דאָס האָט געבראַכט צו כּלערליי קליינלעכער שנאה און רייבונגען, צו שטענדיקן באַקלאָגן זיך און אָנקלאָגן אַנדערע פֿאַרן גרויסהערשער — פֿאַרן מלך פֿון מצרים. די הערשאַפֿט פֿון מצרים איבער סיריען איז אָבער שוין געווען אַזוי צעפֿאַלן, אַז דער פּרעה*) איז נישט אימשטאַנד געווען ערנסט זיך צוצוהערן צו די אַלע קלאָגן און ביטעס וועגן הילף; אַז געוויסע רויבערישע נאָמאַדן-שבטים — וואָס לאָזן זיך פֿאַרגלייכן מיט די עברים, און געוויס אויך נאָענטע קרובֿים זייערע — האָבן אָפֿט זייער גיריק געקלאַפּט אָן די טויערן פֿון לאַנד.

אַזוי וויכטיק, על כּל פּנים, ווי די דערמאָנטע פּאָליטישע באַדינגונגען, איז אויך דער פֿאַקט, וואָס יענע פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ איז אינגאַנצן געשריבן מיט בבֿלשן כּתבֿ און אין דער בבֿלשער שפּראַך — הגם זי איז געשריבן צום עגיפּטישן פּרעה און ס'רובֿ פֿון כּנעניִשע און אירע שכניִשע פֿירשטן, אָדער צו זיי. דערפֿון איז נישט בלויז צו זען, ווי געלויפֿיק דאָס עצם שרייבן איז דעמאָלט געווען אין יענע סיריש-פּאַלעסטינישע לענדער, וואָס האָבן אין גיכן געהאַט אויפֿצונעמען די יידן ביי זיך, נאָר אויך דאָס — ווי שטאַרק און דורכדרינגענד דער בבֿלשער גייסט האָט געמוזט זיין און איז אין יענער צייט נאָך געווען אויף זיי. הונדערטער יאָרן פֿון עגיפּטישער אויבערהערשאַפֿט זיינען נישט אימשטאַנד געווען אָפּצומעקן דעם בבֿלשן קולטור-איינפֿלוס פֿון יענער צייט, ווען אַלט-בבֿל האָט געהאַט די אויבערהערשאַפֿט איבער די געביטן. קיין ספֿק נישט, אַז איינעם דערמיט איז דאָ אויך געווען אַ שטאַרקער שטראָם פֿון עגיפּטישן איינפֿלוס — און וואָס ווייטער צו דרום, אַלץ שטאַרקער — ער געניגט אָבער נישט, כּדי יענעם (דעם בבֿלשן) אַזוי

*) און דאָרט, ווו ער וואָלט אפשר יאָ אימשטאַנד געווען, האָט געפֿעלט דער גוטער ווילן. דאָס איז באַזונדערס געווען צו זען ביי אַמענאָפֿיס דעם IV, וועלכער איז אַזוי געווען פֿאַרנומען מיט רעליגיעזע ספּעקולאַטיווע ענינים, אַז פֿאַר פּאָליטישע פֿראַגן האָט ער מער קיין שום אינטערעס נישט געהאַט.

ווייט אַרויסצושטופּן, אָדער אַזוי הויך יענעם אַריבערצושטייגן, אַז מ׳זאָל זיך דאָ אָנהויבן באַנוצן מיט עגיפּטישן כּתב און מיט דער עגיפּטישער שפּראַך. וואָסער אַ באַדייטונג דאָס האָט געהאַט לטובת דעם פאַרשפּרייטן בבלשע גייסטיקע גיטער — זיין רעכט־און קולטור־פאַרמעגן — אין פּאַ־לעסטינע, האָבן מיר שוין פריער געהערט. דאָ מוז נאָך דערמאָנט ווערן דער וויכטיקער פאַקט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַמאַרנאַ־אוצר שטייט דאָס אויפזוכן דעם בבלשן אַדאַפּאַ־מיטאָס. דאָס איז וויכטיק דערפאַר, ווייל דורכדעם ווערט געזיכערט די אויספירונג, אַז אין פּאַלעסטינע האָט מען געקענט און געשטודירט די בבלשע מיטן. אַן אַנדער באַדייטנדן פאַקט, וואָס האָט אַ שייכות אַהער, וועלן מיר שפּעטער, אין תּענך, באַ־געגענען.

דערמיט זיינען מיר ווי פון זיך אַליין צוגעקומען צו פּאַלעסטינע און צו די דאָרטיקע נייסטע אויסגראָבונגען.

2. די אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע. איך לאָז אָן אַ זייט אַלע יענע אַנטדעקונגען, טיילווייז זייער פּילווערטיקע, וואָס זיינען פריער געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט, און גיי איין נאָר אויף די אַרבעטן פון דער נייסטער צייט. נישט ווייט פון ירושלים, ביים אַלטן וועג קיין יפו, ווו די בערג לאָזן זיך אַראָפּ צום טאָל פון ים־ברעג, ליגט אַ באַרג — די חרובדיקע שטאָט גזר. דאָס איז די שטאָט, וואָס דער פּרעה האָט אַמאָל — בעת שלמה האָט גענומען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב — איינגענומען און זי געגעבן נדן זיין איידעם (מלכים א׳ קאַפּיטל ט. פּסוק ט״ז ו.). זי האָט געמוזט האָבן אַ סטראַטעגישע באַדיי־טונג, און איז געווען, ווייזט אויס, אַן אַלטע שטאָט, וואָס האָט אַ לענגע־רע צייט נישט געהערט צו יידן. די ענגלישע אויסגראָבונגען אויף דעם באַרג דער חורבה, האָבן דעם דאָזיקן פאַקטישן צושטאַנד פולשטענד ק באַשטעטיקט. מ׳האָט דאָ געפונען — ענלעך דערצו, ווי מ׳האָט געפונען אויף די ערטער פונם אַלטן טראָיאַ און אַנדערע — אַ גרעסערע צאָל שיכטן, איין שיכט איבער דער אַנדערער. יעדע שיכט ווייזט אויף א שטאָט, וויכטיקע וווינונגען, קליינע פעסטונגען. און דער שטייגער איז, אַז איין שיכט, די ייִנגערע, איז געבויט אויף די חורבות פון אַן עלטערער שיכט, וואָס איז חרוב געוואָרן פון אַ וועלכער ס׳איז קאַטאַסטראָפע. אַזוי־נע שיכטן האָט מען אויך אַנטדעקט אין תּענך און אין מגידו. דערמיט וואָס

עס איז געלונגען דורכצוגראָבן די בערגלעך־די חורבות ביזן גרונט, איז מען געווען ביכולת אויסצופאָרשן די געשיכטע פון אַזעלכע בערג ביז צום פעריאָד פונם ערשטן מענטשלעכן ישוב. הגם מיר קאָנען נישט גענויער באַשטימען די צייט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען, זיכער איז אָבער, אַז דער ערשטער מענטשלעכער ישוב איז דאָרט פאָרגעקומען פריער, איידער ס׳הויבט זיך אָן די געשיכטע פון פּאַלעסטינע, וועלכע מיר קענען. (פאַרגלייך דאָס בילד I, וואָס ווייזט גענויג דייטלעך די שטעטשיכטן איבעראַנאַנדער, אין פאַרשיידענע צייטן).



בילד 1. דורכשניט דורכן בארג פון דער שטאָט לכיש
אין פּאַלעסטינע.
די ציפערן לינקס — די הויך אין ענגלישע פוס איבערן ים.
די רוימישע ציפערן רעכטס — די שיכטן פון די שטעט.

דאָס באַדייטנדסטע פאַר אונז, וואָס מ׳האָט אין גזר גופא געפונען, איז דאָס מצבה־הייליקטום, וואָס האָט נאָך ביז איצט זיין גלייכן נישט. מיטן נאָמען „מצבות” (Masseben) רופן מיר אָן שטיינערנע זיילן פון פאַרשיידענער גרויס. אין דער אַלטער צייט זיינען זיי יעדנפאַלס געווען זייער מגושמדיק אַרומגעהאַקט. אָבער נישט געקוקט אויף דער גראָבער באַארבעטונג און אויף דער נידעריקער הויך, לאָזן זיי זיך דאָך פאַרגלייכן מיט די עגיפּטישע אַבעליסקן. זיי דינען ווי אַ סימבאָל, — זייער אָפּט,

פריער, ווי דאָס זיץ־אָרט — פון דער גאָטהייט. ביי די כּנענים, ווי עס שיינט, האָבן זיי נויטווענדיק געהערט צו אַ פולשטענדיק געבעט־אָרט. פון די כנענים זיינען זיי, ווי באַקאַנט, איבערגעגאַנגען צו יידן, דערהויפּט אין דער פאָלקס־רעליגיע, דערפאַר ווערן זיי אַזוי אָפט דערמאָנט אין תּנך (זע טאָוול II). אין דער נייסטער צייט, זיינען אַלנפאַלס אַרויסגעזאָגט געוואָרן געוויסע ספקות וועגן דעם: צי האָט זיך דאָרט באמת געהאַנדלט וועגן אַ הייליקטום, צי נישט. די גרעסטע וואַרשיינלעכקייט האָט אָבער, איצט ווי פריער, דאָס אויסטייטשן מצבות ווי הייליקטימער.

כמעט נאָך פון גרעסערער באַדייטונג זיינען פאַר אונז די אויסגראָבונגען ביי תּ ע נ ך, פון פּראָפ. סעלין. דאָס אָרט ליגט עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון דעם נאָך מער באַקאַנטן אָרט מ ג י ד ו, ביים דרום־ראַנד פונם באַרימטן טאָל י ז ר ע א ל. דורך דעם טאָל פליסט דער טייך קישון. דער טאָל יזרעאל איז דער אייגנטלעכער תּבואה־שפּייכלער פון פּאַלעסטינע, דערפאַר האָבן אים די כּנענים אַ לאַנגע צייט פאַר זיך איינגעהאַלטן. ביים שיצן דעם טאָל, האָבן זיי זיך געשטיצט אויף די צוויי באַפעסטיקטע שטעט: תּענך און מגידו, וועלכע זיינען געבויט געווען אויף די בערגלעך, וואָס איבערן טאָל. אַזוי ווערן זיי אויך ביידע אָנגערופן אין שירת דבורה: „אָז נלחמו מלכי כנען בתענך על מי מגידו". „דעמאָלט האָבן די מלכים פון כנען מלחמה געהאַלטן אין תּענך אויף די וואַסערן פון מגידו" (שופטים ה' פסוק י"ט). דאָס וויכטיקסטע, וואָס פּראָפ. סעלין האָט אַנטדעקט אין די חורבות פונם אַלטן תּענך, איז דער אַ ר כ י ו פונם שטאָט־קעניג אישתּאַרוואשור (מ'לייענט דאָס אויך אַשיר את ראַשור). דער אַרכיוו איז געווען באַהאַלטן אין אַ ליימען קעסטל. באַשטאַנען איז ער פון ליימענע טאָוולען, באַשריבן מיט פּיעקל־כּתב אין בבלשער שפּראַך — גאָר אינגאַנצן אין דער ארט ווי די אַמאַרנא־טאָוולען. עס איז דעריבער קיין שום ספק נישט, אַז זיי שטאַמען אויך פון דער אייגענער צייט, וואָס יענע. דער אַרכיוו באַשטייט פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס דער קעניג האָט געפירט מיט זיינע שכנים, קליינע פירשטן. אָט די קאָרעספּאָנדענץ איז די בעסטע און פעסטעסטע ראיה פאַר דער ריכטיקייט דערפון, וואָס עס איז פריער געזאָגט געוואָרן וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס מ'האָט געפונען אין אַמאַרנאַ (זע דאָס בילד אויף טאָוול IV, ביי ז. 48. איניינעם דערמיט גילט דאָס אויך ווי אַ בילד

דערפון — ווי מערקווירדיק ענלעך די תענך-טאָוולען זיינען צו די טאָהלען פון אַמארנאַ).

אָפט איז מען אויסן געווען אָפּצושוואַכן די באַדייטונג פון די אַמארנאַ-טאָוולען מיט דער באַמערקונג: דאָ האַנדלט זיך אום דעם גרויסן דיפּלאָמאַטישן פאַרקער! דאָס, וואָס די אַמאַרנאַ-בריוו זיינען געשריבן אין בבלשער שפּראַך, איז זייער אַ קנאַפּע ראיה אויף אַ טיפן איינפלוס פון דעם בבלשן גייסט און בבלשער קולטור אויף מערב-סיריע. אין אַלטערטום, זאָגט מען, איז די בבלשע שפּראַך געווען די דיפּלאָמאַטן-שפּראַך, ווי די פראַנצויזישע שפּראַך איז ביז נישט לאַנג געווען אין אייראָפּע. אָבער דערפון איז קיין ווייטערע אויספירונגען נישט צו מאַכן. די טאָוולען, וואָס מ'האָט געפונען אין תענך, זיינען לחלוטין מבטל אָט די באַמערקונג. אישתאַרוואַשורס בריוו זיינען נישט נוגע קיין הויך-פּאָליטיק, און זיינען נישט באַשטימט פאַרן ווייטן אויסלאַנד — פאַר בבל, אָדער מצרים. זיי זיינען געווענדט צו די נאָנטסטע שכנים, עטלעכע שעה גאַנג פון תענך, און דאָס טעמאַ — אַלטעגלעכע זאַכן: אַ פּאָר רינדער, עטלעכע סאָלדאַטן, קנעכט א. ד. ג. מיט אַנדערע ווערטער, הייסט דאָס: נישט בלויז די אָנגעלעגנהייטן פונם וועלט-פאַרקער און דעם וועלט-האַנדל און דער הויך-פּאָליטיק זיינען אין בבלשער אַרט באַהאַנדלט געוואָרן, נאָר אויך אַ גרויסער טייל אָנגעלעגנהייטן פונם טעגלעכן לעבן (די איינווענדונגען, וואָס ווערן געבראַכט געגן דעם פון די מאָדערנע פאַרהעלטענישן, האָבן קיין שום ווערט נישט: ביי ענלעכע פאַרהעלטענישן איז אומעטום, ווו ס'ווערט באַנוצט די שפּראַך פון די אַמאָליקע אָדער איצטיקע הערשער, דאָרט איז אויך זייער קולטור מכריע אין לעבן, אפילו ווו די שפּראַך הערשט נישט אין אַלע שיכטן פון פאָלק).

איך וועל זיך נאָך אָפּשטעלן אויף די אויסגראָבונגען פון מגידו. איר לאַגע איז פריער באַשריבן. פריער ווי אַ כנענישע, נאָכדעם ווי אַ יידישע פעסטונג, שפּילט מגידו אַ וויכטיקע ראָלע. אויך דאָ האָט מען זיך דערגראָבן ביז צום נאַטור-שטיין. אויף אים, ווי אין גזר, האָט מען נאָך זייער גוט געקאָנט זען און אויספאָרשן די געביידן פונם עלטסטן מענטשלעכן ישוב און זיין גאָט-פאַרערן אין פּאַלעסטינע. אַ פּראַכטפולע רינג-מויער, מיט גלענצנד-אויסגעפירטע גלאַציסן און פעסטונגס-געביידן, ווייזט אונז, — וואָס עס איז די לעצטע צייט אין יריחו אויך באַשטע-

טיקס געוואָרן — אַז די אַלטע פּאַלעסטינער זיינען געווען גרויסע מייסטער צו בויען שטעט און פעסטונגען, און אז דערפאַר האָבן יידן מיט רעכט מורא געהאַט פאַר זיי. אַ היפּשע צאָל קליינע פעסטונגען, פּאַלאַצן און טעמפּל-געביידן אינעווייניק, אין דער שטאָט-מויער, מאַכן דאָס בילד נאָך פולקאָמענער. דאָ ווי אין תענך און אין גזר, באַקומט דאָס בילד פאַרב און לעבן דורך אַ גאַנצער מאַסע פון כלעריי קונסט-זאַכן,



בילד 2. שניט דורך דער פעסטונג אַרום מגידו

א חוץ דעם—געפעס און צירונג אין שטיין, בראָנז, אייזן און איינציקע זאַכן אויך אין גאָלד. די שענסטע זאַך, וואָס מ'האָט געפונען אין מגידו, איז דער פּראַכטפולער „לייבן-שטעמפּל" פון דעם שעמאַ (און אפשר שאַמאַ), „דעם קנעכט פון ירבעם" (מסתמא דעם צווייטן). ווי ס'ווייזט אויס, איז דאָס דער מלוכה-שטעמפּל, מיט וועלכן דעם מלכס מיניסטער, אָדער ווי-



א בריף פון דעם קעניג אבדיכיבא פון ירושלים
צום קעניג עמינפות פון מצרים



די געטין עשתרת פון תענך



קליינע הויז=געטלעך פון תענך
(פון העל=גריגעם פארצעליי)



א ליים=טאוול פון תענך

טאוול IV.

זיך, האָט זיך באַנוצט אין נאָמען פון זיין קעניג. דערצו דאַרף מען פאַרגלייכן דאָס בילד 2 און דעם טאָוול VI, ביי ז. 80. די שרעגע ליניע אין דעם בילד 2 באַווייזט דעם ראַנד פונם בערגל, איידער מ'האָט דאָס צעגראָבן. אַז מ'האָט אַראָפּגענומען עטלעכע מעטער ערד, האָט זיך באַוויזן די פּראַכטפולע פעסטונג, וואָס פולקאָמענער האָט מען זי זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. איצט פאַרשטייען מיר זייער גוט, ווי שווער איז געווען פאַר די אַריינגעקומענע יידן איינצונעמען גראַד אָט די באַפעסטיקטע שטאָט. זיי דאַרף מען מיט אַן אמת אָננעמען ווי מייסטער־ווערק פון קריגס־קונסט פאַר זייער צייט.

ווי אַזאַ פעסטונג, געבויט אויפן שפּיץ באַרג, האָט אויסגעזען, ווי אַזוי זי איז געשטורעמט און פאַרטיידיקט געוואָרן, דאָס קאָן מען זען אויפן בילד 3. דאָס בילד שטעלט פאָר די באַלאַגערונג און דאָס שטורמען די פעסטונג דאַפור, אין לאַנד חתים. די שטאָט האָבן באַלאַגערט די מצריים, אין די טעג פון רעמסס דעם צווייטן. מ'זעט דאָ קינסטלערישגעבויטע פעסטונגס־טורעמס און באַסטיאָנען. איבער דער אייגנטלעכער פעסטונג דערהויבן זיך איינצל־טורעמס און ווייט געצויגענע באַלקאָנען. אַמאָל קומען אַזויגע באַלקאָנען איינער איבערן אַנדערן, און אַלע זיינען זיי באַזעצט מיט ח"ל, און אויף אַ הויכן שטאַנג איז אין דער לופטן אַרויסגעשטעלט די שטאָטישע פאָן.

צ.לעצט פאַרדינען נאָך דערמאָנט צו ווערן גאָר די נייסטע אויסגראָבונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויפן אָרט פונם אַלטן שומרון און אויך אין יריחו און ירושלים. אַן עקספּעדיציע פון צפון־אַמעריקע האָט געמאַכט די אויסגראָבונגען אין שומרון. עס איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז איר איז געלונגען אויפצודעקן דעם פּאַלאַץ פון די מלכי ישראל: עמרי און אַחאב. די גרויסע באַדייטונג פון דעם אוצר לאָזט זיך ערשט דאַן אָפּמעסטן, ווען מ'דערמאָנט זיך, אַז דער פּאַלאַץ איז דאָס אָרט, ווו אחאב און זיין פרוי איזבל האָבן זייערע אומגעהויערע מעשים אָפּגעטאָן, ווו די כהנים פון בעל, די געוווּנטשענע געסט פון דער קעניגן, פלעגן אַרויס־און אַריינקומען און ווו די התראות און די שטראָף־ווערטער פונם גרויסן קנאי אליהו הנביא האָבן געקלונגען (פאַרגלייך דאָס בילד אויף טאָוול VIII, ביי זייט 112).

אין דעם פּאַלאַץ האָט מען געפונען אַ גרעסערע צאָל כתבים —

באַשרײַבענע לײמענע שאַרבנס, װאָס מ׳רופֿט: אָ ס ט ר אַ ק ן. די קענער פֿון דער גריכישער געשיכטע דערמאָנען זיך אָן דעם אױסטערלישן שרײַב־מאַטעריאַל דערפֿון, װאָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט אַריסטיד פֿון

ב י ל ד 3. די מצרײם באַלאַגערן די פֿעסטונג דאפור (תבור?) אין די טעג פֿון רעמסס דעם צװײטן.

אטען. לױטן משפּט פֿון אָסטראַקיזם, אָדער שאַרבן־משפּט, האָט מען אים װי באַקאַנט, פֿאַרשיקט פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד. אָנשטאָט זיך צו באַנוצן מיט שטים־צעטלעך, האָבן זיך זײַנע ריכטער באַנוצט מיט שערבלעך פֿון

צעבראָכן ליימען געפעס. אין אַלטן עגיפּטן האָט מען געקענט שרייבן מיט טינט און ראָר-פעדער, נאָך אין צווייטן יאָרטויזנט פאַר קריסטוס. זיכער ווי איז דאָס געשטאַנען אין אַלט-ישׂראל מיט דעם אַרט שרייבן — דערפון האָט מען ביז איצט נישט געוווּסט. און פּלוצלינג ווערן מיר געוואָר, אַז לא די, וואָס זיי האָבן בכלל געוווּסט פון שרייבן, נאָר אַז שוין אין דער צייט פון עמרי און אחאב, ד. ה. קורץ נאָכן יאָר 900 פאַר קריסטוס, האָט מען זיך באַנוצט דערמיט. דערמיט באַקומען די „כּתבים" פון שומרון, אַפילו גאָר שוין נישט-רעדנדיק פון זייער אינהאַלט, אַ באַזונדערע, אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג.

און דער אינהאַלט פון די כּתבים, איז ידיעות וועגן ווייַן-און אייל-ליפערונגען. די באַשריבענע שאַרבנס זיינען מסתמא די ליפערונגסשיינען, וואָס מ'האָט בייגעלייגט צו די קריגן מיט סחורה, וואָס זיינען, אַלס אָפּצאָלונגען, געשיקט געוואָרן אין פּאַלאַץ אַריין. אויפן רוב שאַרבענס איז אויפגעשריבן דער נאָמען פונם אָרט, פון וואַנען דער וויין, אָדער דער אייל, איז געשיקט, און דער נאָמען פון דעם שיקער. דערביַיט זיינען זיי פאַר אונז געוואָרן אַ וויכטיקע קוועלע פאַר יידישע נעמען (פון ערטער און מענטשן) פון יענער צייט. פון זיי האָבן אַ באַזונדער באַדייטונג אַזעלכע, וואָס זיינען נוגע דעם נאָמען פונם יידישן גאָט, דאָ הייסט ער יאו, אָדער דעם נאָמען פון בעל. יענער יאו, אָדער יהו, איז אַ פאַרקירצטע פאָרם פון יהוה. גראָד דער אומשטאַנד, וואָס דאָ קומען פאָר ביידע נעמען גאָטס — אי יהוה, אי בעל — באַווייזט קלאָר, אַז מיר געפינען זיך דאָ אין דער צייט פון אליהו הנביא און זיין קאַמף קעגן בעל פאַרן כּבוד פון יהוה. מערקווירדיק איז דאָ אויך אַן אַנדער פערזאָנען-נאָמען, וואָס קומט דאָ פאָר, און לאָזט זיך פאַרטייטשן: „קאַלב איז יהוה", אָדער אפשר: „קאַלב יהוהס". דער נאָמען באַלייכט פאַר אונז דעם געוויינלעכן שטייגער אין ירבעמס צייט, וואָס האָט נאָך געגאָלטן אַפילו אין אליהוס צייט אויך, נעמלעך: פאַרערן יהוה אין בילד פון אַ קאַלב. דער ערשטער טייטש פונם נאָמען (קאַלב איז יהוה), באַטייט, אַז דער, וואָס הייסט אַזוי, האַלט זיך פאַר אַ פאַרערער פון יהוה אין בילד פון אַ קאַלב. דער צווייטער טייטש (קאַלב יהוהס) באַטייט, אַז דער, וואָס הייסט אַזוי, וויל דערמיט זאָגן, אַז ער קומט אַרויס פון דעם געטלעכן קאַלב און דערום איז אויך ער אַליין דאָס „קאַלב יהוהס".

אָבער, ווי געזאָגט, דער ווערט פון די כתבים ליגט מער דערין, וואָס זיי עקזיסטירן, איידער אין זייער אינהאַלט.

דאָס לשון אויף די שאַרבנס איז העברעיִש. געשריבן איז דאָס מיט טינט און ראָר־פעדער. דאָס כתב איז קרוב צו יענעם, וואָס מיר געפינען אויף אַלט־העברעיִשע, אָדער אַלט־כּנענישע שטיינערנע, אָדער מעטאַלענע מצבות. צווישן זיי געפינען זיך די וויכטיקסטע פאַר דער ביבל־פאָרשונג (נאָכן לייבן־שטעמפּל פון ירעבעמס מיניסטער אָדער וויזיר, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן): דער שטיינערנער זייל פון משע דער מלך פון מואָב און דער אַזוי גערופענער שילה־שטיין. דער ערשטער שטעלט פאָר דעם נצחון־דענקמאָל פון משע מלך מואב (ער ווערט דער־מאָנט אין מלכים ב. קאַפּיטל ג.), ווי ער באַרימט זיך מיט די נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער דעם מלך פון ישראל. דער צווייטער שטיין שטאַמט פון דעם קאַנאַל, וואָס לויפט הינטער דעם הר־הבית (נחל שילה) אין ירושלים, און פאַלט אריין אין טייך שלח. דער שטיין דער־ציילט דערפון, ווי דער קאַנאַל איז געבויט געוואָרן און וואָס די בויער זיינען דערביי איבערגעלעבט. דער שטיין פון משע מלך מואב שטאַמט כּמעט גענוי פון דער אייגענער צייט, וואָס יענע געפונענע שאַרבנס (אַרום 860 פאַר קריסט.) דער שילה־שטיין — פון דער צייט פונעם מלך יחזקיהו (אַרום 715). זע די בילדער 4 און 5.

ביז איצט האָבן מיר דאָס כתב געקענט נאָר פון דענקמעלער אין שטיין אָדער מעטאַל. ד. ה. אַלזאָ, וואָס ווערט געמאַכט מיטן מייסל אָדער גראַבשטיכל. איין קוק אויף דיביידע דענקמעלער, וואָס מיר גיבן דאָ (בילד 4 און 5), און אַפילו נישט דער ספּעציאַליסט וועט איינזען, אַז פאַרגלייכנדיק דעם שילה־שטיין מיטן משע־שטיין, מוז מען אָננעמען, אַז דער ערשטער איז יונגער פונעם צווייטן. פאַרוואָס? ווייל די אותיות אין שילה־שטיין ווייזן אַרויס אַ ווייט־ווייניקער שטייפן־שטריך און אַ פיל שטאַרקערע נויגונג צו קורסיוו אָדער ליגנדיקע שריפט. און אָט די נוי־גונג ווייזט אויף גרעסערער און לענגערער איבונג אין שרייבן. וואָלטן מיר געמוזט שאַצן דעם עלטער פון די שומרונער ליים־שאַרבנס, וואָס זייערע כּתב־שטריכן זיינען ביז גאָר ענלעך צו די, וואָס אויפן שילה־שטיין, לויט די לעצטע צוויי שטיינערנע דענקמעלער, — איז נאָך דעם, וואָס דאָ איז געזאָגט, וואָלטן מיר זיי געדאַרפט אַראָפּרוקן ביז צום יאָר

700 (פאַר קריסט.), פאַקטיש שטייען זיי אבער נאָנט צום יאָר 900, ד. ה. זיי זיינען מיט צוויי יאָרהונדערטן עלטער.

• דערפון קאָנען מיר זען, וואָסער אַ גרויסן ווערט ס'האָט דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע דענקמעלער זיינען נישט אין שטיין אָדער מעטאַל געקריצט, נאָר מיט טינט און פעדער געשריבן. ווען מיר פאַרגלייכן אור-



בילד 4. אַ שטיק פון דער נצחון-מצבה פון משע דעם מלך פון מואב (אַרום 860 פאַר קריסטוס)



בילד 5. דער שטיין פונם קאַנאַל שילה ביי ירושלים

קונדן, וואָס זיינען מיט דעם מאַטעריאַל (טינט און פעדער) געשאַפן, מיט אורקונדן, וואָס זיינען געשאַפן מיט שטיין אָדער מעטאַל-שריפט — אויב די אנטוויקלונגס-שטופע פון דעם שריפט איז אין ביידע, ווי דער שריפט פון שילה-שטיין און פון די שומרונישע שערבלעך, גלייך — דאַן איז זיכער, אַז די ערשטע אורקונדן זיינען מיט הונדערטער יאָרן על-טער. ווייל טינט און פעדער ערלויבט גיכער צו אנטוויקלען דעם שריפט

ביז קורסיוו. איז אָבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס שערבל פו א צעבראָכענעם ליימענעם קרוג, איז בכלל נישט יענץ שרייב-מאַטעריאל וואָס פון זיינעטוועגן זאָל מען עס האָבן ערפינדן דאָס שרייבן מיט טינט און פעדער. שרייבט מען מיט טינט און פעדער, דאַרף מען אָננעמען, אַז מ׳האָט געשריבן אויף פאַפּיר. און אָט דער אומשטאַנד לאָזט אונז רעכע נען, אַז אין דער אייגענער צייט, ווען מ׳האָט ביי יידן געשריבן אָסטראַ קאַ, האָט מען אויף פאַפּירוס אויך געשריבן. נאָכמער, נאָך לאַנג פ ר האָט מען ביי יידן געשריבן אויף פאַפּירוס, און אַפילו שוין ווירקלעכ ב י כ ע ר, יעדנפאַלס זיינען אורקונדן אין אַ גרעסערער צאָל און אי אַ גרעסערן מאַסשטאַב אינם אייגענעם כתב געשריבן געוואָרן. וואָרים יענץ שערבלעך-כתב, ווייזט, ווי מיר האָבן געהערט, אויף אַ לאַנג-יעריקער אי בונג אין שרייבן. און דאָס, וואָס מ׳האָט דעם שריפט איבערגעטראָגן אויף ליימענע שאַרבנס, לאָזט אויך משער זיין, אַז עס איז דאָרט בכלל פיל געשריבן געוואָרן.

דערצו ווייסן מיר נאָך אויך פון עגיפּטישע קוואַלן, אַז אַן ער מיט צוויי יאָרהונדערטער פריער, האָט מען אין פּאַלעסטינע זייער פיל גענוצט פאַפּירוס. העכסט וואַרשיינלעך, אַז מ׳האָט דאַרויף געשריבן מיטן אייגענעם היימישן כנעניש-העברעישן כתב. אָט די פאַקטן עפענען פאַ אונז אַ מערקווירדיקן אויסקוק, וואָס איז ביז איצט אַפילו אויפן געדאַ נישט אַרויף, אַז עס איז ניט צו-דרייסט צו ערלויבן זיך די האָפנונג: עס וועט נאָך אַפשר אַמאָל געלונגען צו אַנטדעקן ברוכשטיקער — אַ קאָפּיע אָדער אָריגינאַל — פון יענער עלטסטער יידישער ליטעראַרישער שאַ פונג, פון וועלכער ס׳וועט נאָך שפּעטער זיין די רייד. אויף קיין פאַל אָבער איז עס נישט צו-דרייסט, ווען מיר באַהויפּטן, אַז די נייע אויס גראָבונגען האָבן אונז געבראַכט דעם באַווייז, אַז נאָך מיט 1—2 יאָר הונדערט פריער, אַלזאָ פון יאָר 1100 (פאַר קריסט.) אָן, האָט מען שוין ביי יידן רעכט-פיל געשריבן. ממילא דאַרף מען אָננעמען, אַז אָ נ ג ע ה ו י ב ן שרייבן ביי יידן, האָט מען נאָך מיט אַ צייט פריער.

אין דעם ווידעראַנטדעקטן י ר י ח ו, וואָס איז געמאַכט געוואָר אין די יאָרן 1908—1909, האָט פאַר אונז אַ באַזונדער אינטערעס דאָס גע ביי פ ן דער מויער, וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר יהושע. פאַקטיש אי די שטאָדט פון אַלטע צייטן אָן געוועזן באַפעסטיקט. אין דער צייט פון

דער כּנענישער הערשאַפט, האָט די שטאָט געהאַט אַ דאָפּלטע מויער. דער גאַנצער באַרג, אויף וועלכן די שטאָט איז געשטאַנען, איז געווען אַרומגערינגלט מיט צוויי מויערן. די אינעווייניקסטע מויער האָט געהאַלטן אַן ערך 3,30, 3,70 מ. די ברייט און אַרום איר די אויסנווייניקסטע מויער האָט געהאַלטן אַן ערך אַנדערטהאַלבן מ. די ברייט. דער שונא, וואָס האָט געשטורעמט די שטאָט און איינגענומען די אויסערע פעסטונג האט געמיינט, אַז איצט האָט ער שוין פריי דעם וועג צו דער שטאָט. אָבער באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, אַז ער האָט נאָך ערשט איינצונעמען אַ מויער, וואָס איז 2—3 מאָל שטאַרקער פון דער ערשטער. איצט איז ער געשטאַנען פאַרן אמתן באָלווערק פון די פאַרטיידיקער.

אויב דערפון שוין לאָזט זיך דערקלערן דער שם, וואָס די מויערן פון יריחו האָבן געהאַט — אַלס אַ געוואַלדיקע פעסטונג, איז ווייזט אויס, די שפּעטערדיקע צייט געקומען און דעם שם אויפסניי באַשטעטיקט. די מויער, וואָס שטאַמט שוין פון דער יידישער צייט, נאָכדעם ווי די צעשטערטע שטאָט איז ווידער אויפגעבויט געוואָרן, זעט נאָך איצט אויס ווי אַ באַזונדער מאַיעסטעטיש געביי. זי באַשטייט פון דריי שיכטן: דער אונטערשטער — אַ אָנשיט פון ליים מיט קנאָכן־אַש, דערנאָך — דער מויער גופא, פון ברוכשטיין, וואָס איז הויך פון 4,50 ביז 5,40 מעטער און שטאַרק אויסגעבויעט, און אויף דעם צווייטן שיכט קומט דער דריטער — אַ גאַנץ שטייפע פעסטונגס־מויער פון ליים־ציגל. מיט אַזאַ געוואַלדיק געביי האָט יריחו אויך אין יידישע צייטן געמוזט אויסזען ווי אַ פעסטונג, וואָס עס איז כּמעט אוממעגלעך איינצונעמען.

באַדייטנדע רעזולטאַטן האָבן מיר אויך באַקומען פון די אויסגראָבונגען אויפן הר־הבית אין ירושלים אין די יאָרן 1909—1911. אין דער נאָנט פון אַלטן נחל־גיחון (איצט: מאַריענקוועלע) האָט מען אַנטדעקט אַ גאַנצע נעץ, צום טייל גאַנץ אַלטע, קאַנאַלן. דורך זיי האָט דאָס וואַסער פונם דערמאָנטן קאַנאַל געפלאָסן איבער גאַנץ ירושלים. דאַן איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער שילה־קאַנאַל פון מלך יחזקיהו איז דער יונגסטער אין דער גאַנצער נעץ. אַ חוץ דעם, האָבן מיר אין אַ גרויסער מאָס באַרייכערט אונזערע קענטעניש̇ן בנוגע דער אַלטער באַפעסטיקונג פון ירושלים. אויף דעם שיפּוע פון באַרג האָט מען געפונען

דייטלעכע שפורן פון אַ דאָכל-מויער נאָך פון פאַר דער יידישער צייט. אויסער דעם זיינען פאַרבליבן אין אַ פּראַכטפולן צושטאַנד ליימענע כלים, אַ סימן פון הויכער טעפּעריי־אַנטוויקלונג און איניינעם דערמיט, אויך פון דער ירושלימער אינדוסטריע און קולטור בכלל, שוין אין דריטן יאָר־טויזנט פאַר קריסטוס.

3. די אַלט־כּנענישע קולטור און רעליגיע.

פון דעם אַלעם זיינען מיר אימשטאַנד צו שילדערן די פאַרהעלטעניש, וואָס די יידן האָבן געפונען אין כּנען, קרוב צו משהס צייט.

די כּנענים זיינען שוין דעמאָלט נישט געווען קיין וואַנדער־פאָלק (נאָמאַדן). אויף איין אָרט זיינען זיי געזעסן און זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, פי־צוכט, גאָרטן־און ווייַן־אַרבעט, מלאכה און האַנדל. טיילווייז לעבן זיי אין אָפענע דערפער, טיילווייז אין פעסטע, גוט־אַרומגעצוימטע שטעט. ליבער ווי אַנדערשוואו האָבן זיי די שטעט געבויט אויף בערג־לעך, און געקאָנט מייסטערהאַפט זיי באַפעסטיקן און פאַרטיידיקן. זיי האָבן שוין פאַרמאָגט אייניקע פאַכן און קונסטן. ס׳רוב אַרבעטן זיי לויט פרעמדע מוסטערן, צום טייל איבן זיי זיך אין דער אַרבעט זעלבשטענ־דיק, אַנטוויקלען ווייטער די פאַכן, קיין שלימות דערגרייכן זיי אָבער דערין נישט. אשור־בבלשע מוסטערן גילטן, דערהויפּט אין דרום, איניי־נעם מיט די עגיפּטישע. אין דער טעפּעריי איז נאָך צו באַמערקן דעם איינפלוס פון די אינזלען: קפריסין און כּתים (קרעטאַ), אָדער דעם מעקעניש־עגעישע. צום געפעס און צום וואָפן באַנוצן די כּנענים, אויסער ליים, אויך נאָך שטיין און בראָנז. צו קריגס־צוועקן הייבן זיי שוין אָן זיך צו באַנוצן מיט אייזן אויך. צוליב אורקונדן, אָפּמאַכן, פּסקים און אַנדערע וויכטיקערע מיטטיילונגען — באַנוצן זיי זיך מיט בבלשע שריפט און שפּראַך. ווייזט אויס, אַז אין די אויבערשטע שיכטן, אַפילו צווישן זיך, האָט זי נאָך געשפּילט אַ ראָלע. דאָס פאָלק רעדט, נאַטירלעך, זיין אייגענע, די כּנענישע שפּראַך, וועלכע האָט נאָך—על כּל פּנים אין דער אַמאַרנאַ־צייט — קיין אייגן כּתב נישט געהאַט. ווי ס׳שיינט אָבער האָט מען נישט פיל שפּעטער אויך דעם כּנענישן כּתב ערפינדן. צו־ליב אירע וויכטיקע האַפן־שטעט ביים ברעג ים — צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט ביבלאָס — האָבן די כּנענים פרי אַנטוויקלט דעם אינעווי־ניקסטן און דעם ים־האַנדל, וואָס האָט זיי אַריינגעבראַכט גרויסע רוחים.

מחמת דעם, ווייזט אויס, האָט זיך אומעטום אין די שטעט אויסגעבילדעט אַ רייכער סוחרים-שטאַנד און אַ פאַרמעגלעך בירגערטום. דאָס לעצטע האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם איינפירן אין כנען אייניקע אויסלענדישע קולטור-גיטער און אויך אינם שאַפן אַ בליענדע, היימישע אינדוסטריע. אויב מ'זאָל זיך פאַרלאָזן אויף די עגיפטישע דענקמעלער, האָבן די כנעניִם געמוזט פאַרמאָגן אַ הויך אַנטוויקלטע טעפעריי און וועב-קונסט, וואָס טיילווייז האָבן זיי זי אַליין געשאַפן און טיילווייז איינגעפירט נאָך אויסלענדישע מוסטערן (פאַרגל. טאָוול IX ביי ז. 128). לויט זייער קאָנסטיטוציע, האָבן ביי זיי רעגירט שטאָט-און געשלעכטס-פירסטן, וועלכע האָבן צווישן זיך געלעבט אין שנאה. קיין פעסטע צענטראַל-מאַכט איז נישט געווען. אַפילו די עגיפטישע רעגירונג, וואָס האָט כלומרשט באַהערשט דאָס לאַנד, האָט דאָ אויך כמעט גאָר נישט צו זאָגן.

און דאָך זיינען די כנע.ים נישט די איינציקע איינוווינער פונם אַלטן פאַלעסטינע. נעבן זיי (און, ווייזט אויס, נאָנטע קרובים זייערע) לעבן די אמורים. זייער אָפּשטאַמונג און פון וואַנען זיי זיינען אַהער געקומען, איז נאָך איצט אויך נישט קלאָר. אַ לאַנגע צייט האָט מען געהאַלטן די אמורים און די כנענים פאַר איין און דאָס זעלבע פאָלק. און דאָך האָבן זיי אַמאָל, — לויט אַנדערע,—אַן אייגענעם שיכט געבילדעט. צייטווייליק איז אַפילו געווען אַן אמורישע מלוכה (זע חומש, במדבר, קאַפּיטל כ"א). אַנדערע מיינען, אַז די כנענים זיינען נישט אַנדערש, ווי די רעשט פון דעם אמורישן קעניגרייך, וואָס די חתּים האָבן חרוב געמאַכט. יעדנפאַלס, זיינען אין וויטן צפון, באַזונדערס אין קליין-אַזיען, אין 2-טן יאָרטויזנט פאַר קריסטוס, געווען חתּים. אַ שטאַרקע קולטור-מלוכה האָבן זיי געגרינדעט, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרברייטערט ביז פאַלעסטינע. אין דער אַמאַרנאַ-צייט געפינען מיר חתּים אַפילו אין דרום-פאַלעסטינע (זע חומש, בראשית, קאַפּ. כ"ג). צום סוף פון דער פאַר-יידישער צייט און אין אָנהייב יידישער, געפינען מיר די פלשתּים נעבן די חתּים. פון מערב פון די ברעגן און אינזלען פון עגעישן ים זיינען די פלשתּים (מסתּמא איבער קרעטאַ)אין לאַנד אַריינגעדרונגען, און האָבן געבראַכט מיט זיך אַן אייגנאַרטיקע קולטור. זייער טעפער-אַרבעט איז זייער ענלעך צו די קרעטאַ-מיקענישע מוסטערן. זייערע סאָלדאַטן לאָזן זיך דערקענען אָן זייערע אייגנטימלעכע פעדער-קאַסקעס. זייערע טעמפּלען, ווייזט



ב י ל ד 6. מוסטערן פון טעפעריי־קונסט ביי די פלשתים

אויס, האָבן זיי געבויט לויטן מוסטער פון די קרעטישע פאַלאַצן און טעמפּלען: א ו י ף צ ו ו י י ז ײ ל ן. דערפאַר הערן מיר, אז בעת שמשון הגבור האָט איינגעוואָרפן דעם טעמפּל פון פלשתישן גאָט דגון,



ב י ל ד 7. אָקסן־געשפּאַן ביי די פלשתים

איז אים דאָס געלונגען דורכדעם, וואָס ער האָט אַרויסגערוקט ביידע זיילן, וואָס אויף זיי האָט זיך דער טעמפּל געהאַלטן (שופטים ט״ז, פסוק

כ"ט). זייער טיפּ איז ענלעכער צו גריכישע טיפּן, ווי צו אַזיאַטישע. אין וועג, בײַ זייערע וואַנדערונגען, באַנוצן זיי זיך מיט זעלטענע אָקסן־פורן. מעגלעך, אַז אויף אַזאַ מין געשפּאַן האָבן די פּלשתּים אָפּגעשיקט דעם יידישן ארון פון עקרון קיין בית־שמש (זע שמואל א. קאַפּ. ו, דערצו פאַרגלייך אויך דעם טאָוול VII בײַ ז. 96 און די בילדער 7—8).



בילד 8. פּלשתּישע טיפּן

בײַ זייער גאָט־דינען פאַרערן די כּנענים דעם בעל. ריכטיקער: די אָרטיקע בעלים. דאָס גאָט־דינען פלעגט פּאָרקומען אויף דעם אופן, ווי ס'איז באַקאַנט פון תּנך: אויף מזבּחות, מצבות און אַשרות. די אַשרה דאָס איז דער סימבאָל פון דער ווײַבלעכער געטין, נעבן דעם מענלעכן גאָט בעל. ער, דער בעל, שיצט די מענלעכע פּרוכטבאַרקייט, זי, די אַשרה, שיצט די ווײַבלעכע פּרוכטבאַרקייט. זיי ווערן אויך געשטעלט אין אַ געוויסער באַציִונג מיט דער זון און מיט דער לבנה. דערבײַ זײַנען געווען נאָך אַנדערע גאָטהייטן (אַרמישע), דער גאָט פון וועטער, הדד, אָדער רמון און מסתּמא נאָך אַנדערע. פאַרן שטוביקן, פּריוואַטן גאָט־דינען און כּישופמאַכן (דורך קמעות א. ד. ג.) האָבן זיי געהאַט אַ היפּשע צאָל גאָר קלייניקע געצן. די לעצטע זײַנען, כּמעט אַלע, פון אויסלאַנד איבערגענומען: אָדער פון בבל — ווי די נאַקעטע אישטאַר, די געטין פון פּרוכטבאַרקייט, אָדער פון מצרים — ווי דער גאָט איזיס און בית (Bes). טיילווייז האָט מען זיי פון אויסלאַנד געבראַכט פאַרטיקע, טיילווייז האָט מען זיי נאָך פרעמדע מוסטערן אין לאַנד גופא געמאַכט. עס איז נישט אָנצונעמען, אַז מען האָט זיי באַנוצט בײַם עפנטלעכן גאָט־דינען (פאַרגלייך דערצו די בילדער 9 און 10, די טאָוולען IV און VI, בײַ ז. 48 און 80).

פֿאַרן עפֿנטלעכן גאָט־דינען איז אין העכסטן גראַד כאַראַקטעריסטיש, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אונטערן פֿרייען הימל, אויף די רמות (הויכקייטן), וואָס שטייען געווענדט צו דער זון און צום הימל. ס׳רוב איז דאָס גאָט־דינען פֿאָרגעקומען אָן טעמפּלען און, ווי עס שיינט, אויך אָן גאָטסבילדער. עס איז דאָך, על כּל פּנים, מער ווי אַ בלויזער צופֿאַל, וואָס נעבן דער מאַסע געטלעכע בילדער (בבלשע און עגיפּטישע) פֿאַרן פּריוואַטן געברויך, האָט מען נאָך ביז איצט, אין די אויסגראָבונגען, נישט געפֿונען קיין איינציק געטלעך בילד, וואָס זאָל זיכער און אָן צווייפֿל זיין באַשטימט צום עפֿנטלעכן גאָט־דינען. קודם־כּל האָט מען נישט געפֿונען אַזוינע בילדער פֿון די כנענישע הויפּט־געטער: בעל און עשתורת. דאָס איינציקע, וואָס קאָן אין דעם פּרט ערנסט דערמאָנט ווערן, זיינען עטלעכע קאַלב־בילדער. זיי זיינען אָבער — ווי די גאָלדענע קעלבער פֿון בית־אל, דן אָדער פֿון דער מדבר — נישט די אָפּבילדער פֿון בעל, אָדער ה ד ד, נאָר ריינע ס י מ ב אָ ל ן פֿון דער גאָטהייט. אין אמתן האָבן זיי קיין שום שייכות נישט, נישט צו יהוה און נישט צום בעל און גילטן נאָר ווי אַן אָפּבילד פֿון דעם אַרמישן וועטער־גאָט. די גרויסע באַדייטונג, וואָס דער פּונקט האָט בנוגע דער אַלטקייט פֿונם יידישן געבאָט: גאָט צו דינען אָן בילד — און דאָס איז דאָך אַ הויפּט־פּונקט אין די עשרת־הדברות! — וואַרפֿט זיך פּשוט אין די אויגן.



בילד 9. קליינע עשתורת־בילד פֿון גזר

פֿון די כנענישע זיטן ביים גאָט־דינען זאָל נאָך דאָ דערמאָנט ווערן דער מנהג פֿון קינדער־קרבנות — ווייל דאָס לאָזט זיך, וואַרשיינלעך, דירעקט באַווייזן פֿון די אויסגראָבונגען. דער אופֿן, ווי קינדיש גע-

ביין איז איינגעמויערט — הגם מ׳הערט אַמאָל צווייפלען דערין — ווי אין גזר, אַזוי אויך אין מגידו, רעדט אויסדריקלעך דערפאַר, אַז אַזאַ מנהג — ווי ס׳איז אויך געשריבן אין תנך — איז באמת געווען אָנגענומען ביי די כנענים. דאָס אָרט, אויף וועלכן אַ הויז איז געשטאַנען, האָט מען געהאַלטן פאַרן אייגנטום פון אַ וועלכן ס׳איז גאָט. פאַרן גערויבטן פלאַץ האָט מען דעם גאָט געצאָלט דערמיט, וואָס מ׳האָט אין פונדאַמענט פון דעם הויז איינגעמויערט אַ קינד פון זיינעטוועגן (בילדער 11 און 12). דאָס, וואָס דאָס קינד איז (אין בילד 11) נישט אונטערן דיל פאַרשאַרט, נאָר אַריינגעבעט אין געמויער גופא, ד. ה. אין אמתן איינגעמויערט, לאָזט זיך שווערלעך אַנדערש אויסטייטשן.



בילד 10. דאָס בילד פון עשתרת פון גזר, אין ליים, לויט עגיפּטישן מוסטער. דריי ענגלישע צאָלן די הויך.

אָבער די כנענים און די אמורים זיינען, וואַרשיינלעך, נישט געווען די ערשטע איינוווינער פון פאַלעסטינע, און זייער אַרט גאָט-דינען איז אין דעם לאַנד נישט די עלטסטע. אויף דער ערד געפינט מען געוויסע רעשטן, וואָס זיינען, ווי ס׳שיינט, דאָ געבליבן פון אַ פאַר-סעמיטישער קולטור און ווייזן אויף אַן אור-אַלטער באַפעלקערונג, וואָס האָט דאָ געלעבט פאַר די כנענים. און אונטער דער ערד, אין היילן און אויף פעלזן-פלאַטן — אויף וועלכע מען איז דורך די אויסגראָבונגען אויפמערקזאַם געוואָרן, געפינט מען אויך אַזעלכע מיני ערשיינונגען. און אפשר דאַרף מען אויך די דאָלמען, וואָס מ׳געפינט דאָ אָפט, באַ-

זונדערס, צו מזרח פון ירדן, אויך פֿאַרשטיין ווי איינמויערונגען — אַ מתנה די געטער פֿאַרן פלאַץ, וואָס מ׳האָט ביי זיי אָפּגענומען. דאָס איי־



ב י ל ד 11. אַ קרוג און אין אים דער גוף פון אַ טויט קינד, איינגעמויערט אין דער צפון־פעסטונג פון מגידו

גענע לאָזט זיך אפשר זאָגן אויך וועגן די מענהירן און קראָמלעכן *) — דאָס זייַנען אַלץ שטיין־זײַלן פון אַ באַזונדער אַרט, אין קיי־

*) אויספירלעך וועגן דאָלמענען, מענהירן און קראָמלעכן זע אָבערמייער "דער פאַר־היסטאָרישער מענטש", רוסישע איבערזעצונג, אויסגאַבע: בראָקהויז עפראָן, פעטראָגראַד 1913, זייטן 588—581. ש. ר.

לעכדיקע שטיינער, וואָס מ׳האַלט פאַר ווייגוונגען פון טויטע (דאָס באַ־קאַנטע העברעישע וואָרט ג ל ג ל, וואָס קומט זייער אָפט פאָר ווי אַ נאָ־מען פון אַן אָרט, איז אייגנטלעך דער נאָמען פונם קיילעכדיקן שטיין.) יעדנפאַלס איז כדאי צו באמערקן, אַז זיי זיינען נישט קיין ספּעציפי־שער סימן — ווי די מצבות, למשל — פון סעמיטיש־פאָדער־אַזיאַטי־שער, אָדער מיטל־ים־קולטור, ווייל זיי געפינט מען אויך אין פיל אַנדע־



בילד 12. אַ קינדער־קבר אין דער פעסטונג אַרום מגידו

רע געגנטן פונם ערד־קוגל — פון אינדיע ביז בריטאַניע, אירלאַנד און סקאַנדינאַוויע. עס איז דערום נישט אויסגעשלאָסן, אַז פאַרצייטן זיינען אַמאָל שבטים פון אַן אַנדער ראַסע (אפשר אַרישער) דערגאַנגען אין זייערע וואַנדערונגען ביז פאַלעסטינע; אָט די אַלע רעשטן זיינען עס אַ זכר פון זייער אויפהאַלטן זיך אין דעם לאַנד (פאַרגל. טאָוול VII ביי ז. 96).

אַזוי האָט מען אויך ערשט אין דער נייער צייט אָנגעהויבן — צוליב די אויסגראָבונגען אין גזר און אין מגידו — זיך צוצוקוקן צו געוויסע פרימיטיווע קולטוס־ערטער, וואָס ווייזן דערויף, אַז אין פּאַלעס־טינע האָט עקזיסטירט אַן אַרט גאָט־דינען נאָך פאַר דעם סעמיטיש־כנעניישן בעל־דינסט — ווייל יענע זייגען גראָד ענג פאַרבונדן



בילד 13. שטיינערנער מזבח אין מגידו מיט די טעלער־לעכער אין אים

מיטן אַלערערשטן באַזעצן זיך פון מענטשלעכע באַשעפעניש אין פּאַלע־סטינע. דאָס איז, אַלזאָ, נאָך אַ ראיה דערצו, אַז פאַר די סעמיטן נאָך גאָר אין דער גרויער פאָר־צייט, האָט פּאַלעסטינע געהאַט אַנדערע, נישט־סעמיטישע איינוווינער. זייערע תפילה־ערטער זיינען, ווי ס׳שיינט, ע״ען פעלדער־שטיינער, פעלזן־פּלאַטן, וואָס זענען פריי געלעגן אויפן פעלד און אפשר אויך היילן. די שטעלן, ווהין מ׳האָט אַוועקגעלייגט די קרבנות

דער גרויסער מזבח פֿון בעלבעק



דער צפֿון-שטיין פֿונם שטיינערנעם מזבח אין מגידו

טאָוול V.

וואָס מ'האָט געבראַכט, זיינען געווען אייגנטימלעכע קיילעכדיקע לעכער אָדער שאָלן (טעצלעך), וואָס מ'האָט אין די שטיינער אויסגעהאַקט. די לעצטע צייט רופט מען זיי ס'רוב נאַפּף-לעכער. זייערער געטער זיינען געווען אונטערערדישע; גייסטער, וועלכע וווינען אין און אונטער דר'ערד. זייערע פלעצער: די פּי, היילן און שפּאַלטן, וואָס געפינען זיך אין דעם צעשפּאָלטענעם באַרגלאַנד (פאַרגלייך די בילדער 13 און 15, טאָוו. V ביי ז. 64 און די מערקווירדיקע לעכער אויפן טאָוול III ביי ז. 32).



בילד 14 און 15. דער שטיין פון מאַרמיטאַ מיט די טעלער-לעכער (ער שטאַמט אפשר פון שפּעטערדיקער צייט און האָט אפשר געדינט צו אַנדערע צוועקן; אָבער דאָ לאָזן זיך יענע טעלערלעך (אָדער: שאָלן) באַזונדערט קלאָר דערקענען)

דאָס געגויערע באַשרייבן אַלע פרטים פונם דעמאָלטיקן לעבן וואָלט אונז פאַרפירט צו-ווייט פון אונזער טעמא. גענוג פאַר אונז דאָ פעסטצושטעלן, אַז דאָס בילד פון כנען אין משהס און אין יהושעס צייטן, וואָס דער תנך גיט אונז, האָבן די אויסגראָבונגען אין פאַלעסטינע נישט בלויז באַשטעטיקט, נאָר אויך רייכער און גאַנצער געמאַכט. דערצו גיבן זיי אונז אויך די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין די שפּעטערע צייטן, וואָס איז פאַר אונז זייער וויכטיק. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער, וואָס זיי האָבן אויף אַ מערקווירדיקן אופן געעפנט פאַר אונז די עלטערע און עלטסטע פרי-צייט פון כנען, און—טיילווייז געוויזן, טייל-

ווייז געלאָזט משער זיין, אַז בעת די יידן זיינען אונטער יהושעס פי־רונג אריינגעקומען קיין פאַלעסטינע, האָט שוין דאָס לאַנד געהאַט אי־בערגעלעבט אַ רייכע און פיל־געשטאַלטיקע פאַרגאַנגענהייט.

דאָס פערטע קאַפּיטל

די יידן און די אויסלענדישע הערשער

1. שישק מלך מצרים און מישע מלך מואב. די ערשטע צייט נאָך משהס טויט האָבן די יידן פיל געהאַט צו טאָן כּדי זיך איינצואָרדנען און היימיש צו ווערן אין לאַנד כּנען. פיינטלעכע צוזאַמענשטויסן זיינען דערביי פאָרגעקומען נאָר מיט די כּנענים גופא, אָדער מיט די דערבייאיקע שכנים — די שבטים פון מדבר. די ערשטע האָבן, נאַטירלעך, נישט געוואָלט צולאָזן, אַז די יידן זאָלן פאַרנעמען זיי־ער לאַנד. די לעצטע האָבן געפּרוּווט נאָכטאָן די יידן; אויף די יידן קוקנדיק, האָבן זיי געוואָלט אַריינכאַפּן אַ פּלאַץ פאַר זיך אויך, און אויב ער וועט אַפילו נישט זיין זייער קיין גוטער, וועט ער דאָך אַלץ זיין בעסער ווי זייער איצטיק וווין־אָרט — די אָרעמע מזרח־סטעפּן.

פון די גרויסע אויסלענדישע מלוכות וואָלט נאָר מצרים שטאַרק פאַראינטערעסירט געווען אין די מלחמות, וואָס זיינען געפירט געוואָרן וועגן באַזיצן כּנען. דאָס לאַנד האָט זיך נאָך אַפילו אַלץ געפונען אונטער מצרימס איבערהערשאַפט, ווייניקסטנס פאָרמעל. אָבער די מצרימשע מאַכט איז, על כּל פּנים נאָך רעמסס דעם דריטן (אַן ערך 1170 פ. קר.) געווען אַזוי געפאַלן און דאָס לאַנד פון די פּרעהס איז, צוליב אינעווייניקסטע שטרייטן און קריגערייען, אַזוי שטאַרק פאַרנומען געווען מיט זיך, אַז אַפילו ביים בעסטן ווילן, וואָלט מצרים לחלוטין נישט אימשטאַנד געווען — זיין רעכט אויף כּנען גילטיק צו מאַכן. אַזוי האָט מען די יידן געלאָזט טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. וואָרים, וויבאַלד אַז פּרעה האָט מער נישט גע־האַט קיין דעה אין לאַנד, איז אים אויך קיין חילוק נישט, צי וועלן די בעלי־בתּים פון לאַנד הייסן יידן אָדער אנדערש־ווי.

אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז אונטער יהושען און אין דער צייט פון די שופטים, האָבן די יידן — אומגעשטערט פון אויסן, — זיך

אינגאַנצן געקאָנט אָפּגעבן די מלחמות אויף איינצונעמען דאָס לאַנד, אָדער עס צו פאַרטיידיקן קעגן אָנפאַלן פון די נאָנטסטע שכנים. אפילו אין שאולס צייטן איז אַלץ נאָך געבליבן די זעלבע לאַגע. די מלחמה, וואָס ער האָט געהאַט צו פירן מיט עמון און מיט די פּלשתים, האָט מסתמא נישט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג, אַז מ'זאָל זיך אין פרעהס הויף ערנסט קימערן וועגן דעם. און וואָלט מען זיך דאָרט אפילו יאָ געקימערט און געוואָלט עפּעס טאָן קעגן דעם, וואָלט אויך נישט געווען דערצו די גענוגנדיקע קראַפט. אזוי טיף איז מצרים געווען דעמאָלט געפאַלן.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע געוואָרן בעת דודס מלוכה איז אויפגעקומען. די פּלשתים, וועלכע זיינען אַזוי לאַנג געווען אַ סכנה פאַר יידן, האָט דוד שטאַרק צעשלאָגן און כמעט די גאַנצע מאַכט זייערע צעבראָכן. אַזוי איז ער זיך אויך באַגאַנגען מיט די עמונים, מיט די מואָבים און מיט אַלע אַנדערע יידישע שכנים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פרייוויליק זיך אונטערוואַרפן אָדער שליסן אַ בונד מיט די יידן. גאַנץ דרום-און מיטל-סיריע איז איצט כמעט אינגאַנצן געלעגן אין איין האַנט. יעדנפאַלס האָבן דאָרט יידן געהאַט די דעה און האָבן דאָרט פּאַקטיש רעגירט. דערמיט איז פאַר מצרים געשאַפן געוואָרן אַ נייע לאַגע. וואָרים ווי לאַנג סיריע איז געווען צעבראָקלט, האָט געהערט צו פיל קליינע מלכים, ווו איינער איז שטענדיק געווען דערווידער דעם אַנדערן, האָט מצרים געקאָנט בלייבן רויק און זיך נישט מישן אין די אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן פון כנען. און דאָס, וואָס וואָלט אפילו נישט געווען צום גינסטן פאַרן נילוס-לאַנד, האָט אים דאָך — ווייניקסטנס — נישט געקאָנט שאָדן; דערפאַר האָבן שוין די אינעווייניקסטע מחלוקתן ערב געווען. אַנדערש איז עס אָבער, ווען דאָס גאַנצע לאַנד ליגט אין איין האַנט!

אַ באַזונדער גינסטיקע לאַגע איז עס געווען פאַר יידן, וואָס סיי בעת דוד האָט די מלוכה געגרינדעט, סיי בעת שלמה האָט זי ווייטער דערהאַלטן, האָבן זיי די אויכלענדישע מלוכות דערין קיין שום שוועריקייטן נישט געמאַכט. אויב דאָס, וואָס דוד האָט געשאַפן, האָט אפילו נישט פאַרדינט דעם נאָמען: וועלט-מלוכה (ווי בבל, מצרים), איז דאָס דאָך, פאַר די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן, געווען אַ גרויסע

אָדער אַן אָנגעזעענע מיטעלע מלוכה. דער עיקר איז אָבער געווען דערביי: דער באַזיצער פונם גרעסטן טייל דרום־און מיטל־סיריע — און דאָס זיינען געווען דוד און שלמה — איז ביי אַלע אומשטענדן געווען אַ וויכטיקער און אין פיל פאַ״ן דער איינציקער פאַקטאָר אין פּאָליטישן לעבן פונם פאָדערשטן מזרח. דערין האָט קיין שום ספק נישט געקאָנט זיין — אויב מ׳האָט נאָר גענומען אין אַכט די העכסט־וויכטיקע לאַגע פון פּאַלעסטינע אַלס אַ בריק צווישן מצרים און דעם איבעריקן מזרח.

מיט קוקן פון דערווייטנס האָט מען שוין דאָ נישט געקאָנט יוצא זיין. די פּאָליטיק פון די גרויסע מלוכות — אויב זי האָט בכלל פאַרשטאַנען איר נוצן — האָט דאָ געמוזט שטעלן אַ צוים, ווען זי האָט נאָר פאַרמאָגט די נויטיקע מאַכט דערצו. שוין די עקזיסטענץ אַליין פון אַזאַ געייניקטער יידישער מלוכה, וואָס פאַרנעמט אין סיריע אַזאַ שטעלונג, ווי דוד האָט זי געשאַפן, איז געווען אַ געפאַר פאַרן איינפלוס פון די גרויסע מלוכות אין סיריע. און וואָלט זיך אָט די נייע מלוכה ווייטער אַנטוויקלט אין דער זעלבער ריכטונג, וואָלט זי מיט דער צייט געקאָנט ווערן אַ געפאַר פאַר די אַנדערע מלוכות אַפילו אין זייערע לענדער גופא.

פריער ווי אנדערע איז מצרים געצווונגען געווען שוין פון אָנהייב אָן צו שטערן אָט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג. אָבער ט אָ ן האָט מצרים געקאָנט אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

דאָס איז געווען די יידנס און אויך דודס גליק, — וואָס האָט געהאַט אַ וועלט־געשיכטלעכע באַדייטונג. אַפילו דער זשעני קאָן אויך נישט אויסקומען אָן גליק. די בעסטע געדאַנקען, די דרייסטעסטע באַשלוסן און דאָס גענויעסטע אָפּוועגן און אויסרעכענען פונם גרויסן גייסט קאָנען אין פּאָליטישן לעבן נישט האָבן קיין ערפאָ״ג — אויב עלעמענטאַרע כוחות אָדער פאַרהעלטענישן, וואָס מלוכה אָדער מענטש האָבן אויף זיי קיין שליטה נישט, שטעלן זיך זיי אַנטקעגן. וואָלט מצרים דעמאָלט פאַרמאָגט פולע מאַכט, דאַן וואָלט אַפילו נאָך אַ גרעסערער מיליטער־פירער און נאָך אַ געניאַלערער הערשער, ווי דוד איז געווען, נישט געקאָנט אָננעמען דעם קאַמף מיט מצרים — ווען עס וואָלט געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס.

דאָס אייגענע איז געווען מיט אַשור. אמת, שוין צום סוף פונם צוועלפטן יאָרהונדערט (פ. ק.) איז דאָס חיל פונם גרויסן תּגלת־פּלאסר דעם ערשטן דורכגעדרונגען ביזן לבנון; דערמיט האָט אַשור באַנייט די תּבועה אויף סיריע, וואָס די אַלטע בבלשע מלוכה האָט נאָך מיט אַ צייט פריער געהאַט ארויסגעשטעלט. אָבער נאָך אָט דעם מעכטיקן אָנפאַל אירן אויף סיריע, האָט אַשור אויך געהאַט דורכצולעבן אַ תּקופה פון ירידה. דאָס האָט אויך איר פונקט אַזוי אוממעגלעך געמאַכט ערנסט אויסצושטרעקן די הענט נאָך כּנען, ווי מצרים.

זייגען אָבער אַנדערע צייטן אָנגעקומען. שוין אין די טעג פון דוד המלך, האָט מצרים אָנגעהויבן אויפמערקזאַם צו קוקן אויף יידן און אויף זייער מלוכה. מעגלעך, אַז דעמאָלט שוין האָט פּרעה אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן שאַפן דאָרט פּאָליטישע שוועריקייטן. אַן אייגנטלעכע ענדערונג אין פּרעהס באַציונג צו סיריע און פּאַ־עסטינע איז צו זען שוין אין שלמהס צייטן *), הגם צו קיין ברוך פירט זי נאָך דערווייל אויף קיין פאַל נישט. אין מלאכים א׳ (קאַפּיטל ט׳) לייענען מיר, אַז צווישן שלמהס ווייבער האָט זיך געפונען פּרעהס אַ טאָכטער אויך; אַז פּרעה האָט איינגענומען די באַפעסטיקטע שטאָט גזר, וואָס ליגט ביים ראַנד פונם באַרגלאַנד צו יפו־צו, און האָט די שטאָט אָפּגעגעבן שלמהן אַלס נדן זיין טאָכטער. דאָס איז די אייגענע שטאָט גזר, פון וועלכער מיר האָבן פריער גערעדט. ווי קומט דאָס אָבער, וואָס פּרעה האָט געקאָנט איינגעמען די שטאָט? פאַרוואָס האָט זי שלמה פריער, אָדער דוד נאָך פריער, נישט איינגענומען? ס׳וועט קוים זיין אַ טעות, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז גזר איז נישט געווען דאָס איינציקע אָרט, וואָס פּרעה האָט אין דער געגנט אָפּגעריסן פון די כּנענים און פון די פּלשתּים; אַז מיט דעם גאַנצן מלחמה־צוג איז מען דערהויפּט אויסן געווען ווידער אַמאָל דורך קראַפט צו ווייזן, אַז מצרים האָט אַ תּביעה אויף דעם לאַנד. און שלמה — און אפשר אויך שוין דוד — האָבן עס געהאַלטן פאַר קלוג שטילשווייגנד יענע תּביעות אָנצוערקענען.

דערביי קאָן עס אָבער נישט בלייבן. קוים האָט שלמה צוגעמאַכט די אויגן, איז עס אין דער יידישער מלוכה געקומען צו אַ שפּאַלטונג.

---

*) נאָכדעם ווי אַחיה האָט צוגעזאָגט ירבעמען די מלוכה און שלמה האָט געוואָלט ירבעמען הרגנען, האָט ירבעם געפונען שוץ אין מצרים (מלכים א׳, קאַפּ. י״א פּסוק מ׳).

און גלייך ווי מ׳וואָלט אין מצרים געוואַרט אויף דעם אויגנבליק, האָט



בּילד 16. נצחון=רשימה פון שישק דנב מלך פון מצרים (165 פּאַלעסטינישע שטעט זענען פאַרגעשטעלט ווי מענטשן. געבונדענע ווערן זיי פאַרגעפירט פאַרן קעניג. די פירער זיינען: דער גאָט אמון און די שטאָטישע געטין פון דער שטאָט תיבון). זע טאָוול 10

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך שלמהס טויט שישק, דער מלך פון מצרים, געמאַכט אַ רויבצוג קיין כנען, פון וועלכן יהודה—און מכתמא

אויף אפרים — האָבן שווער געליטן. ער קומט קיין ירושלים, רויבט אַוועק דאָס גאָלד און זילבער פֿון בית-המקדש, איז ער צום גרעסערן טייל גרויס, און זיין סבֿיבֿה ... ער שלעפּט אַוועק קיין מצרים אַלע רייכע אוצרות, וואָס שלמה האָט אָנגעזאַמלט אין בית-המקדש, און איבערהויפּט די גאָלדענע פּאַנצער און שילדן, וואָס שלמה האָט געמאַכט (מלכים א. קאַפּ. י״ד, פּסוקים כ״ה — כ״ח).

די דערציילונג פֿון תּנך וועגן דעם אָנפאַל ווערט פֿולשטענדיק באַשטעטיקט און דערגאַנצט דורך די מאַטעריאַלן, וואָס מיר פֿאַרמאָגן וועגן דעם און וואָס שטאַמען פֿון פּרעה (זיין עגיפּטישער נאָמען איז שעשאָנק) גופֿא. אָט די מאַטעריאַלן האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען נישט די אויסגראָבונגען, נאָר די בייע דאָקומענטן וועגן אַלטערטום. אויף דער דרומדיקער אויסנוואַנט פֿון דעם גרויסן הויף, וואָס ער האָט אויסגעבויט ביים טעמפּל פֿון אָמון, וואָס אין קאַרנאַק (מיטל-עגיפּטן), האָט שעשאָנק אַ פּראַכט-שריפֿט געמאַכט, ווו ער דערציילט פֿון דעם רויב-צוג זיינעם. דערהויפּט ווערן דאָרט אָנגעוויזן די ערטער, וועלכע האָבן פֿון דעמאָלט אָן געמוזט פּרעהן צאָלן מס.

עס איז נישט נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף די איינצלהייטן פֿון יענער אויפֿשריפֿט און נישט אויף די באַזונדערע פֿראַגן, וואָס יענע איינצלהייטן רופֿן אַרויס. אונז איז גענוג דאָ דער פֿאַקט, אַז אין אַזאַ וויכטיקן פֿאַל געפֿינט די ביבלישע דערציילונג אַ פֿולשטענדיקע באַשטעטיקונג און אויספֿירלעכע דערגאַנצונג אין אַלטע עגיפּטישע דענקמעלער. עס איז אויך נאָך כּדאַי אָנצוווייזן אויף די געזיכטס-שטריכן און די האָר-און באָרד-באַפּוצונג פֿון די יידישע געפֿאַנגענע מענער, ווי ס׳איז זיי צו זען אויפֿן טאָוול X (ביי זייט 144). אַזוי אַן ערך האָבן מיר אונז אויך פֿאָרצושטעלן דודס און שלמהס קריגס-לייט, ווי יואָב, אבנר, עמשא און אַנדערע.

אָבער נישט בלויז די עגיפּטישע שטיינער, נאָר אויך די שטיינער פֿונם אַלטן מואב האָבן אָנגעהויבן צו רעדן. אויך זיי האָבן אונז שוין געגעבן אַ ווערטפֿולע צייגניש, וואָס באַלייכט און דערלייטערט די ידיעות, וואָס מיר האָבן פֿון תּנך.

מיט די מואבֿים, וועלכע האָבן געלעבט צו מזרח פֿון יריחו און פֿונם טויטן-ים, האָבן יידן געהאַט פֿאַרשיידענע צוזאַמענשטויסן. נאָכדעם ווי דוד האָט די מואָבים מנצח געווען און זיי אונטערטעניק געמאַכט,

זיינען זיי אַ לענגערע צייט געבליבן רויק. זיי האָבן אָבער אויך באַמערקט, אַז יידן זיינען שוואַך געוואָרן צוליב דער אינעווייניקסטער שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך שלמהס טויט. נאָכדעם, ווי זיי זיינען אַ לענגערע צייט געבליבן פאַררוקט אין דרום-מזרח פונם טויטן ים, זיינען זיי אין דער צייט פון בירגער-קריג ביי יידן, ביסלעכווייז צוזיך געקומען. אונטער דער הערשאַפט פון זייער מלך כמוש (מישעס פאָטער) האָבן זיי ווידער אויפגעריכט זייער מלוכה צו מזרח פון דער דרום-העלפט פונם טויטן ים. דאָס איז געשען אין די צייטן פון די מלכים בעשא און עמרי פון ישראל. דאָס אָרט דיבון, וואָס באַשטייט נאָך איצט אויך — אַ ביסל צו צפון פונם טייך אַרנון, וואָס קומט פון מזרח און פאַלט אַריין אין טויטן ים,—איז דעמאָלט געווען זייער הויפּטשטאָט. דער מלך עמרי, — וואָס מיר קענען אָן דעם אויך פאַר אַ טיכטיקן מענטשן, — האָט דעם פאַרדינסט, וואָס ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס איינדרינגען פון די מואבים אין די גרענעצן פון ישראל. ער האָט זיי צוריק פאַררוקט טיף אין דרום און אויך דאָ האָט ער זיי געצוווּנגען, זיי זאָלן אים צאָלן מס.

אויך אין די צייטן פון אחאָב, עמריס זון, זיינען די מואבים לכתחילה געבליבן אונטערגעוואָרפן, און אַ לענגערע צייט האָבן זיי נישט געוואַגט זיך צו רירן. ערשט ביים סוף פון אחאבס קעניגן האָבן זיי געפּרווט — אונטער דער רעגירונג פון זייער קעניג מישע, — זיך צו באַפרייען פון ישראל. אחאָבס יורש, יהורם, האָט עס נישט געקאָנט צוזען און בלייבן רויק. ער האָט געמוזט פּרוּוון מואב ווידער אונטערטעניק צו מאַכן. דער דאָזיקער פּרווו איז באַשריבן אין מלכים ב' קאַפּיטל ג. פון דאָרט ווייסן מיר, אַז יהושפט, דער מלך פון יהודה, וועלכער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אחאבן, האָט אין נאָמען פון יענעם פריינטשאַפטלעכן אָפּמאַך, איצט געשיקט זיין חיל צו העלפן יהורמען אין דער מלחמה קעגן מואב. יהורם האָט באַלאַגערט מואבס הויפּטשטאָט, אָבער איינגענומען האָט ער זי נישט. אינם געפערלעכן מאָמענט האָט מישע אָנגעווענדט אַ פאַרצווייפלונגס-מיטל, וואָס האָט דערוועקט דעם מוט פון זיין חיל צו אַ געוואַלדיקן העלדן-טאַט: ער האָט, בעמלעך, זיין איינציקן זון אַרויפגעבראַכט אויף דער מויער פון שטאָט, און אין די אויגן פון די באַלאַגערער האָט ער אים מקריב געווען צו

זיין גאָט כמוש. אין ווילדער אויפרעגונג האָבן מישעס חילות דורכגעריסן יהורמס פראָנט, און ער האָט געמוזט אָפּציען זיין חיל צוריק.

מישע האָט געהאַט געניג רעכט זיך צו באַרימען מיט זיין נצחון. ער האָט עס אויך געטאָן — אויף אַ נצחון=זייל, דעם באַרימטן מישע-שטיין (אַרום 960 פ. ק.) ביי דיבון, וואָס איז געבליבן גאַנץ ביז אויף אונזערע טעג. אין יאָר 1868 האָט אים אַ דייטשישער מיסיאָנער דאָרט געזען. נאָר בעת עס זיינען געפירט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען וועגן אָפּקויפן אים, האָבן אים די אַראַבער פון יענער געגנט טיילווייז צעשטערט. די גרויסע טיילן פון אים, וואָס זיינען גאַנץ געבליבן, זיינען אָנגעקומען קיין פּאַריז, אין לוור. דער מישע=שטיין איז נישט בלויז אַ העכסט=וויכטיקער דאָקומענט פאַר דער געשיכטע פונם אַלטן מערב=סעמיטישן אותיות=כּתב (ס'איז שוין פריער גערעדט דערפון), נאָר אויך פאַר דער ביבלישער געשיכטע גופא. ער דערציילט פון מישעס ערפאָלג אין קאַמף מיט די יידן אין דער צייט פון יהורמען. דערביגיט ער אונז אויך אייניקע וויכטיקע מיטטיילונגען וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען פ אַ ר דער מלחמה. אַן אָפּבילד פון דעם שטיין זע אויף אונזער טאָוול XI (ביי ז. 160).

2. דער מלך יהוא פון ישראל און שלמנאסר פון אשור. די מלכים פון יהודה און ישראל, וואָס זיינען געווען נאָך עמרי און אחאב, גיבן אונז אַ רעכטע צאָל נאָך אַנדערע ביישפּילן, פון דעם גרויסן ווערט, וואָס דאָס אויספאָרשן ס'אַלטערטום האָט פאַר דער יידישער געשיכטע.

דער מלך אחאב, ווי באַקאַנט, האָט אויפגערעגט דאָס פאָלק קעגן זיך דערמיט, וואָס ער האָט געדינט דעם צורישן בעל און אויך דערמיט, וואָס ער האָט געלאָזט הרגענען נבות פון יזרעאל — כּדי אָפּצוזירשענען יענעמס ווייגאָרטן. די אויפרעגונג איז פאַרשפּרייט געווען אין ווייטע יידישע קרייזן. אין די קרייזן פון די ערנסטע פּאַטריאָטן האָט זיך באַוויזן אליהו הנביא, וועלכער האָט אויסגעדריקט די שטימונג קעגן אחאבן. נאָך אליהוס טויט נעמט זיין תּלמיד אלישע איבער די דאָזיקע אַרבעט און פאַרווירקלעכט אליהוס צוואה: ער שיקט אין קריגס=לאַגער און לאָזט דאָרט זאַלבן יהואן און אים אויסרופן פאַר אַ מלך אויף יידן (מלכים ב׳, קאַפּיטל ט׳). יהוא נעמט אָן די זאַלבונג, איילט קיין יזרעאל כּדי אַ סוף צו מאַכן צו דער דינאַסטיע פון עמרי און אחאב.

נאָר יהוא, ווייזט אויס, האָט זיך דאָך נישט זיכער געפילט אויף דעם טראָן, צו וועלכן ער איז דורך אַ בלוטיקן וועג צוגעקומען. דער־פאַר בוצט ער אויס די געלעגנהייט, וואָס דער מלך פון אשור, שלמנאסר דער דריטער, מאַכט אַ קריגס־צוג קיין סיריע, און דער־קלערט זיך אונטערטעניק צו אשור. ער האָט געהאָפט, אַז האָבנדיק אָט דעם מעכטיקן גרויס־קעניג פאַר אַ פריינט, וועט ער גיכער קאָנען בייקומען די איבעווייניקסטע שוועריקייטן, פאַר וועלכע די בלוטיקע רעוואָלוציע האָט אים געשטעלט.

געבזיערס וועגן יהואס אונטערוואַרפן זיך, וואָס דער תנך דער־מאָנט נישט, ווערן מיר געוואָר פונם בארימטן אָ ב ע ל י ס ק שלמנאסרס פון נמרוד (זע די טאָוולען: XII XI)‎. פון דעם אָבעליסק ווייסן מיר אויך גענוי דאָס יאָר, ווען שלמנאסר האָט געמאַכט זעם קריגס־צוג (842) און איינעם דערמיט אויך דאָס יאָר, ווען יהוא איז אַרויפגעשטיגן אויפן טראָן — וואָס איז דאָך זייער וויכטיק צו וויסן ביים שרייבן די ביבלישע געשיכטע. דער אָבעליסק באַשטייט פון שוואַרצן באַזאַלט (אַזאַ שטיין). אויסער דער אויפשריפט זיינען אויף אַלע פיר זייטן פונם אָבעליסק פאַראַן אויף יעדער זייט צו פינף בילדער: שליחים פון די פעלקער, וואָס האָבן צו צאָלן מס שלמנאסרן. דאָס צווייטע בילד, פון אויבן, אויף דער אַנדערער זייט, שטעלט פאָר די שליחים פון מלכות ישראל. צוערשט איז דאָ צו זען דעם אָנפירער פון די שליחים, ווי ער וואַרפט זיך צו די פיס פונם גרויס־קעניג, כדי די ערד צו קושן. פאַרן קעניג שוועבן די געפליגלטע זונען־שויבן און דער שטערן פון ווענוס — אַלס צייכן פון זיין הויכן ראַנג. ה י נ ט ע ר אים שטייען צוויי דינער מיטן זונען־שירם און מיטן קעניגס וואָפן, און דעס־גלייכן אויך פ אַ ר ן קעניג, צווישן אים און דעם שליח — גלייך ווי זיי וואָלטן אים אַריינגעפירט צום קעניג. אויף די איבעריקע דריי זייטן איז צו זען דעם לאַנגן צוג פון די שליחים גופא, מיט די מתנות אין די הענט. פאַרויס גייט אויך דאָ אַ הויכער אשורישער באַאַמטער און אַן אשורישער זעלנער.ביידע זיינען פאַרגעשטעלט גרעסער פון די איבעריקע — אַ סימן אויף זייער העכערער ווירדע, אַלס זיגער. וואָס יהואס שליחים ברענגען, דערציילן די אויפשריפטן: „מס פון יהוא, פונם הויז עמרי (ישראל): זילבער, גאָלד, שאָלן(?) פון גאָלד, נעפף (אויך שאָלן)(?)

פון גאָלד, בעכער (?) פון גאָלד, עמער (?) פון גאָלד, בליישטיקער, סקיפּטער פאַרן קעניגס האַנט און באַלזאַם־העלצער (?) (זע אונזער טאָוול XII, ביי זייט 176).

3. **די מלכים פון אַשור: תּגלת פּלאסר דער III און סרגון.** מיט הונדערט יאָר שפּעטער, נאָכן טויט פון ירבעם דעם II, איז אין דער צפונדיקער יידישער מלוכה ווידעראַמאָל געקומען צו גרויסע אומרוען. ירבעם דער צווייטער האָט עס פאַרשטאַנען צו שאַפן אַ בליונגס־צייט פאַר זיין לאַנד, ווי מלכות ישראל האָט לאַנג שוין נישט געהאַט. דערפאַר אָבער נאָך זיין טויט — איז די לאַגע פון זיין לאַנד געוואָרן זייער ערנסט. זיין זון זכריה איז בשום אופן נישט געלונגען צו דערהאַלטן דעם פאָטערס ירושה נישט געריירט. איינער, אַ געוויסער שלום, האָט אים דערהרגעט. שלום האָט זיך אָבער אויך נאָר איין חודש געהאַלטן, נאָכדעם האָט אים איינער מנחם אַראָפּגעוואָרפן פון טראָן. דערמיט האָט זיך נאָך אָבער דער בירגער־קריג נישט געענדיקט. ווי די נביאים פון יענער צייט האָבן אָנגעוויזן, האָט דעמאָלט דער בירגער־קריג דאָרט געווילדעוועט מער ווי אַנדערש־ווען. אַזוי, למשל, זאָגט ישעיה הנביא: „יעדערער פרעסט דאָס פלייש פון זיין אייגענעם אָרעם, מנשה אפרימען און אפרים מנשהן” (ישעיהו קאַפּ. ט. פּסוק י״ט און ווייטער).

מנחמען בלייבט נאָר איין מיטל: זיך ווענדן קיין אַשור נאָך הילף. אין מלכים ב. (קאַפּ. ט״ו פּסוק י״ט) לייענען מיר, אַז אין זיין (מנחמס) צייט איז פול, דער מלך פון אַשור, אָנגעפאַלן אויפן לאַנד. האָט מנחם געגעבן פולן טויזנט ככּר זילבער, אַז ער זאָל אים שטיצן און באַפעסטיקן זיין הערשאַפט. פול — דאָס איז נאָר אַן אַנדער נאָמען פאַרן אַשורישן גרויסן עראָבערער תּגלת פּלאסר דעם דריטן (727—745). דער אַליין דערציילט אויך אין זיינע כתבים, אַז דעם מס פון מנחמען פון שומרון האָט ער דערהאַלטן. דורך זיין אויפשריפט זיינען מיר אויך אימשטאַנד גענוי צו באַשטימען די צייט, ווען זיין אָנפאַל אויף מנחמען איז פאָרגעקומען: עס פאַלט אויס אין 8־טן רעגירונגס־יאָר פון דעם גרויס־קעניג, דאָס איז צ״לזאָ דאָס יאָר 738 פ. ק.

דערמיט האָט די אַשורישע וועלט־מלוכה דאָס ערשטע מאָל אַ פוס געשטעלט אויף ישראלס היימישן באָדן. דאָס איז אָבער נישט

געווען דאָס לעצטע מאָל. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אַז אחז, דער מלך פון יהודה, רופט דעם אייגענעם תגלת־פּלאסר אין לאַנד אַרײַן, באַנוצט ער זיך מיט דער געלעגנהייט נאָכאַמאָל זיך אַרײַנצומישן אין די אינעװײניקסטע, סירישע אָנגעלעגנהייטן, און צו פאַרשטאַרקן דאָרט די שטעלונג זײַנע, וואָס ער האָט געשאַפן פאַר זיך אין מנחמס צײַט. מיט אײנע זעקס יאָר שפּעטער, אין יאָר 732, נעמט ער אײַן דמשק, וואָס האָט געהאַט געמאַכט יד אחת מיט ישראל קעגן יהודה, און מאַכט די גאַנצע געגנט פאַר אַן אַשורשע פּראָווינץ. אָבער אויך ישראלן, דמשקס פאַרבינדעטע, מאַכט אַשור שווערע ווונדן. זײַנע צפונדיקע פּראָווינצן פאַרייניקט ער מיט אַשור, און מיט 10 יאָר שפּעטער טוט אַשור דאָס אייגענע מיטן גאַנצן לאַנד ישראל. אָבער פון זינט אָן דמשק איז געפאַלן, האָט זיך דאָס לאַנד נישט באַרויקט. באַלד נאָך תגלת־פּלאסרס טויט, אין 727, הייבן זיך אָן נײַע אומרוען אין לאַנד. די אומרוען ברענגען דערצו, אַז הושע, דער מלך פון ישראל, הערט אויף צו צאָלן דעם מלך פון אשור זײַן יערלעכן מס. עס קומט צו אַ מלחמה צווישן ישראל מיט אשור. די הויפּטשטאָט שומרון פאַרטיידיקט זיך מיט זעלטענער גבורה. אָבער נאָך דרײַ יאָריקער באַלאַגערונג, האָט דאָך ס ר ג ו ן, אין 722, די שטאָט אײַנגענומען. דערמיט איז אויך שוין דער גורל פון גאַנצן לאַנד באַשטימט געווען: דאָס לאַנד ווערט אַשורס אַ פּראָווינץ.

וועגן אָט די אַלע געשעענישן זײַנען מיר זייער גוט אינפאָרמירט. אויסער די באַריכטן פון תנך, באַקומען מיר טיילווייז נאָך גענויערע באַריכטן פון די אשורישע אויפשריפטן.

תגלת־פּלאסר דערציילט אין זײַנע רשימות: דאָס הויז עמרי'ס (ישראל), אַלץ, וואָס צו אים געהערט, אינאיינעם מיטן גאַנצן פאַרמעגן, האָב איך אַוועקגעפירט קיין אַשור. ווײַל זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם מלך פקח, האָב איך הושען געמאַכט פאַר אַ הערשער איבער זיי. דער אויסדרוק „אַלץ, וואָס צו אים געהערט”, איז אַ גרויסע גוזמא, ווי די מלכים פון אַשור האָבן עס בכלל ליב צו טאָן: די הויפּטשטאָט און די בערג אפרים זײַנען דאָך געבליבן בײַ הושען. אין איבעריקן אָבער, איז אַלץ, וואָס איז נוגע דער פאַרקלענערונג ישראלס, ריכטיק איבערגעגעבן. אויף דער טאָוול X איז צו זען דאָס בילד תגלת־פּלאסר (בײַ ז.144)

וועגן דעם פאַלן פון שומרון דערציילט אונז אויך סרגון אין זיינע רשימות, וואָס ער האָט געלאָזט אויסקריצן אויף די ווענט פון זיין פּאַלאַץ אין קהאָרזאַבאַד בײַ נינוה: שומרון האָב איך איינגענומען... 27,290 מאַן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, האָב איך פון דאָרט אַוועקגעפירט. מענטשן פון אַנדערע לענדער, וואָס איך האָב איינגענומען, האָב איך דאָרט, אין שומרון, געלאָזט וווינען. מס און אָפּצאָלונגען, ווי זיי האָבן שטענדיק געצאָלט אַשור, האָב איך אויף זיי אַרויפגעלייגט. אויך דאָס בילד פון סרגון, וועלכער האָט איינגענומען שומרון, האָט זיך דערהאַלטן ביז איצט (זע טאָוול XI בײַ ז. 160).

4. סנחריב און נבוכדנאצר. נאָכדעם ווי שומרון איז געפאַלן, איז דאָס פיל קלענערע יהודה, כמעט איינע אַליין געשטאַנען קעגן דער וועלט־מאַכט אַשור. דערצו איז נאָך איצט יהודה געוואָרן אַשורס דירעקטער שכן. אמת, זינט יהודה און ישראל האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אַנאַנדער, האָבן זיי אויך געהאַט צווישן זיך גענוג רייבונגען, ביידע האָבן אָבער שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי זיינען געווען ברידער און אַז זיי ביידן געהערט די רעכטע דעה אין אַלע סירישע אַנגעלעגנהייטן. איצט, האָט זיך יעדער צוזאַמענשטויס צווישן סיריע און אשור געמוזט אָפּרופן אויף יהודה און ירושלים. אַזוי איז פאַר יהודה געבליבן צו וועלן איינעם פון די צוויי וועגן: אָדער דאָס אומפאַרמיידלעכע אָננעמען פאַר ליב און אויף אַ לאַנגער צייט פרייוויליק זיך אונטערוואַרפן דעם שוץ און יאָך פון אַשור, אָדער — אפשר אינײנעם מיט מצרים — פּרוּוון צו פאַרייניקן אַ, ע קליינע מלוכה, עך, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין סיריע, כדי מיט פאַראייניקטע קרעפטן זיך צו שטעלן קעגן דער וועלט־מאַכט אַשור.

דער מלך אָחז איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס געגאַנגען מיטן ערשטן וועג. זיין זון, יחזקיהו, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט אויך געפירט זיין פאָטערס פּאָליטיק, איז אין משך פון יאָרן געצוווּנגען געווען זיך צו שטעלן אויפן צווייטן וועג. ווען יחזקיהו האָט דאָס ערשטע מאָל געבראָכן דעם אָפּמאַך מיט אַשור — ווייסן מיר נישט. זיכער איז אָבער, אַז אין יאָר 702 פ. ק. איז שוין דער ברוך געווען אַ געשעענער פאַקט, און אַז יחזקיהו — זעענדיק פאָרויס, אַז עס מוז קומען צו אַ ברוך — האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן זוכן פאַרבינדעטע; און האָט אים עמעצער

באַרגעלייגט, זיך מיט אים צו פאַרבינדן, האָט ער זיך אויפמערקזאַם דערצו צוגעהערט. צו די לעצטע געהערט אויך מראודך־בלאַדן, דער קעניג פון בבל, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אונטער אַשורס הערשאַפט. אין מלכים ב. קאַפּ. כ. ווערט דערציילט, אַז נאָכדעם, ווי יחזקיהו איז געזונט געוואָרן פון אַ שווערער קראַנקהייט, האָט מרואדך בלאַדן געשיקט שליחים יחזקיהון צו באַגריסן. און יחזקיהו האָט ביי דעם צופאַל געוויזן די בבלישע שליחים זיינע אַרסענאַלן און זיינע שאַץ־קאַמערן. דערמיט האָט ער עס געזאָלט באַווייזן און גאַראַנטירן זיין מיליטערישע און פינאַנסיעלע מאַכט. ערשט אָט די לעצטע מיטטיילונג מאַכט קלאָר דעם אמתן צוועק פון דער בבלשער שליחות. עס ווערט אויך קלאָר דערביי, אַז די בבלשע באַגריסונג איז געווען נישט מער ווי אַ נויטיקע דיפּלאָמאַטישע פאָרם, כדי די פאַרבינדונגס־אונטערהאַנדלונגען זאָלן נישט זיין אויפפאַלנדיק. אויף אונזער טאָוול XI (ביי ז. 160) איז צו זען דאָס בילד פון מרואדך בלאַדן.

אין דער אמתן, ווי ווייט די סירישע מלוכות זיינען נאָך נישט געווען קיין פשוטע אַשורשע פּראָווינצן, איז אויך אין פּאַלעסטינע און אין סיריע געקומען צו אַן אויפשטאַנד קעגן אַשור. מצד פּאַלעסטינע איז אויף מזרח־זייט געשטאַנען דער מלך פון בבל, אויף דרום דער מלך פון מצרים. סרגונס יורש, סנחריב, האָט אַלנפאַלס זייער קלוג געטאָן, וואָס ער האָט קודם כל געזוכט צו צעשעדיקן דעם שונא — די אַ״געמיינע פאַרבינדונג — דאָרט, ווו ער האָט פאַר אים געקאָנט זיין אַמגעפערלעכסטן. דאָס איז געווען בבל. און אויב ער האָט געגלויבט, אַז בבל איז דער הויפּט־שולדיקער אין דעם אויפשטאַנד, איז ער אפשר אויך געווען נישט אומגעהערעכט. אין יאָר 702 געלונגט עס אים מנצח צו זיין מרואדך־בלאַדן, און ערשט נאָכדעם, אין יאָר 701, ווענדט ער זיך צו מערב, אויף יהודה.

וועגן דעם דאָזיקן פעלד־צוג פאַרמאָגן מיר — אויסער די וויכטיקע מיטטיילונגען פון תנך (מלכים ב. קאַפּ. 18—19 ישעיהו 36—37)— אויך נאָך אַ ווערטפולן אויספירלעכן באַריכט פון סנחריבן גופא. דער הויפּט־באַריכט געפינט זיך אויף אַ ליים־פּריזמע, דעם אַזוי גערופענעם טײלאָר־צילינדער. פון דעם באַריכט ווייסן מיר, אַז צוערשט האָט סנחריב איינגענומען און אונטערטעניק געמאַכט די כנעניש־

פלשתימשע שטעט, וואָס אויפֿן ברעג ים און די קלענערע שכנים פֿון יהודה: עמון, אדום, מואב, נאָך זיי דעם מלך פֿון אַשקלון, נאָכדעם איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן מצרים און כוש, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס ביי עלטעקע, נישט ווייט פֿון גזה (אָדער גת?). ערשט איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויך דאָ פֿאַרזיכערט פֿון רוקן און פֿון די פֿלאַנקן, ווענדט ער זיך קעגן יהודה און ירושלים. זיין באַפעסטיקטן לאַגער האַלט ער — ווי דער אַשורשער געבנבאַריכט מעלדעט און ווי דאָס איז אויך צו זען פֿון דעם צוגעלייגטן בילד — ביי לכיש, אין טאָ,, וואָס ביים ברעג ים. זע דעם טאָוול XIII ביי ז. 192, אויסערדעם, דאָס בילד 17 און סנחריבס בילד אויף טאָוול X ביי ז. 144.

פֿון דאַנען אָן הויבט זיך אָן די ביבלישע דערציילונג וועגן אַשורס אָנפֿאַל אויף יהודה און ירושלים. דאָס איז אַ באַריכט נאָר וועגן דעם לעצטן אַקט פֿונם גאַנצן קריגס-צוג, ווי ווייט ער איז נוגע סנחריבס אַרויסטרעטן קעגן יחזקיהון. די ביבלישע דערציילונג איז אויך מודה, אַז יחזקיהו איז גרייט געווען זיך אונטערצווואַרפֿן סנחריבן. דאָס לאָזט ער אים אויך מעלדן קיין לכיש — אין דער הויפּט-קוואַרטיר פֿונם גרויס-קעניג. ער שיקט אויך שוין די געפֿאָדערטע קאָנטריבוציע: 300 ככר זילבער און 30 ככר גאָלד (אַן ענלעכע סצענע קאָן מען זען אויף אונזער טאָוול XIII). עס שיינט אָבער, אַז סנחריב האָט זיך דערמיט נישט באַנוגנט; ער האָט נאָך פֿאַרלאַנגט מ'זאָל אים איבערגעבן די הויפּטשטאָט. דאָס האָט יחזקיהו נישט געקאָנט פֿועלן ביי זיך. ער, און מיט אים ישעיה הנביא, זעען אין דער פֿאָדערונג אַ באַליידיקונג פֿאַר גאָט: ירושלים און די הרי-ציון זיינען דאָך נישט בלויז די רעזידענץ פֿונם קעניג, נאָר אויך דאָס וווין-אָרט פֿון יהוה! פֿאַרלאָזן זיי זיך דערום אויף גאָטס שוץ. און ווייל סנחריב האָט געוואָלט נעמען די שטאָט מיט געוואַלט, לאָזן זיי עס קומען ביז צום אויסערסטן.

מען ווייסט, אַז זייער האָפֿנונג האָט זיי נישט אָפּגענאַרט. סנחריב אַליין באַרימט זיך אַפֿילו, אַז ער האָט ביי יחזקיהון אָפּגענומען 46 פֿעסטע שטעט מיט מויערן און זייער פֿיל אַנדערע ערטער. ער וויל אַפֿילו האָבן, אַז „150—200 מאַן, יונג און אַלט, מענער און פֿרויען"



בילד 17. סנחריבס חיל באלאגערט די פעסטונג לכיש

דאָלמע (אזאַ אוראַלטער קבר) פון מזרח זייט פֿון ירדן



אָן אַלט בילד פונם גאָט הדד

דער מלוכה-הערב פֿונם קעניג ירבעם מלך ישראל

טאָוול VI.

האָט ער פֿון דאָרט אַרויסגענומען אַלס קריגסרויב. „אים אַליין (יחזקיהון) האָב איך איינגעשלאָסן אין זיין רעזידענץ ירושלים ווי אַ פֿויגל אין שטייג, און ווער עס איז פֿון זיין שטאָט־טויער אַרויסגעקומען, דעם האָב איך באַשטראָפֿט". ער דערמאָנט אויך אַ גרויסע קאָנטריבוציע. אָבער נאָך זעלבסטרעדנדיק, ערלויבט ער זיך דאָך נישט צו זאָגן, אַז ער האָט ירושלים, אָדער איר מלך, אין זיין האַנט געהאַט. אַזוי איז דער גאַנצער הויכקלינגענדיקער באַריכט, ביי נענטערער באַטראַכטונג, נישט מער ווי אַ געשיקט־פֿאַרדעקטע מפּלה, וואָס ער האָט געהאַט ביי ירושלים, ווו ער איז געצוווּנגען געווען אַראָפּצונעמען די באַלאַגערונג און אָפּציִען פֿון דאָרט דאָס חיל. פֿאַרוואָס? אין תּנך ווערט דערציילט, אַז אַ גרויסע מגפֿה האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין אַשורס חיל און דער גריכישער היסטאָריקער הערא־דאט באַשטעטיקט די מיטטיילונג.

אַזוי איז ירושלים און יהודה גליקלעך ניצול געוואָרן פֿון אַ גרויסער סכּנה. קעגן יעדער ערוואַרטונג זיינען זיי געראַטעוועט געוואָרן פֿון אונטערגאַנג. און דאָך איז אויך זייער צייט אין גיכן געקומען! פֿריער האָט נאָך אַשור אַליין געהאַט אַריבערצוטראָגן די שטראָף פֿון דער וועלט־געשיכטע. שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט ירושלים געשטעלט אין געפֿאַר, איז שוין אַשור גע־עגן צווישן די טויטע. אין יאָר 606 האָט נבופּלאסר, דער קעניג פֿון בבל, געבראַכט די וועלט־מלוכה אשור צום אונטערגאַנג. מיט אים הויבט זיך אָן די נייע בבלשע וועלט־מלוכה און נאָך זיין טויט גייט דער טראָן איבער צו זיין זון, נבוכדנאצר.

מיר ווייסן, אַז מיט נבוכדנאצרן האָט יהודה געהאַט צו פֿירן דעם לעצטן קאַמף פֿאַר זיין אַומאָפּהענגיקייט און אַז דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט חורבן־ירושלים און מיט גלות־בבל. ביי די אומשטענדן, דערהויפּט נאָך ווען מען באַטראַכט דאָס שווערע אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן די הייליקע שטאָט און דעם בית־המקדש, דאַן איז עס פֿאַרשטענדלעך, אַז די יידישע מסורה האָט פֿאָרגעשטעלט נבוכדנאצרן פֿיל ערגער, ווי ער איז אין אמתן געווען. ווי ווייט מיר קאָנען זיך פֿאָרשטעלן זיין געשטאַלט, לויט די בבלשע קוועלן, איז ער אויף קיין פֿאַל נישט געווען קיין גרויסהאַלטער, קיין לוינענהאַפּטיקער און נישט קיין מוטוויליקער טיראַן — ווי דער ספר דניאל שילדערט אים. אין דעם פּרט איז די געשיכטע, ביז איצט, געבליבן אומ־

געראכט קעגן נבוכדנאצרן. פֿאַקטיש איז זיין צייט געווען פֿאַר בבל אַ בליונגס־צייט. און קודם כּל — ווי די ניטלאַנגאָניקע דייטשע אויסגראָבונגען באַווייזן — האָט נבוכדנאצר געמאַכט בבל פֿאַר דער גלענצנדסטער שטאָט פֿון דער אַזיאַטישער קולטור־וועלט.


דבר יהוה אשר היה אל
יואל בן פתואל׃ שמעו
זאת הזקנים והאזינו כל
יושבי הארץ ההיתה
זאת בימיכם ואם בימי
אבתיכם׃ עליה לבניכם
ספרו ובניכם לבניהם

בּילד 18. מוסטערן פֿון אַ פּעטערבורגער תּנ״ך־שריפֿט פֿון 916 (יואל א׳, א-ג)

צווייטער חלק

רעזולטאַטן אויפן גרונט פון ליטעראַטור=קריטיק און ליטעראַטור=געשיכטע

ביז איצט האָבן מיר געפרוווט צו שאַפן אַ בילד לויט יענע רע=זולטאַטן פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, צו וועלכע מיר קאָנען קומען, שטיצנדיק זיך אויף די נייע אויסגראָבונגען גופא, אָדער באַנוצנ-דיק זיך דערהויפט מיט זיי. די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אַרום דעם תנך האָט זיך אָבער כּלל נישט באַשרענקט נאָר מיט אויסגראָבונגען. זי האָט אויך נישט געוואַרט אויף זיי. זיי זייגען דאָך אין עצם ערשט נישט לאַנג אויף דער וועלט געקומען, בעת אַז די תנך=וויסנשאַפט האָט שוין פון לאַנג אָן לחלוטין אומאָפּהענגיק פון די אויסגראָבונגען אַנטוויקלט איר אַרבעט. די ,יטעראַטור=קריטיק און ליטעראַטור=געשיכטע, דאָס הייסט, דאָס באַטראַכטן דעם תנך ווי אַ שאַפונג פון דער אַלט=העברעיִשער לי-טעראַטור, איז לאַנג שוין אַ וויכטיק באַאַרבעט פע.ד פון דער וויסנשאַפט.

דאָס, וואָס אַ וויכטיקער טייל פון דער ביבלישער פאָרשונג, בנוגע איר ליטעראַרישער זייט, ווערט גערן אָנגערופן מיטן נאָמען ליטעראַרישע קריטיק, דאַרף קיינעם נישט אויסזען משונה און נאָך ווייניקער דאַרף דאָס וועמען שרעקן. היסטאָרישע פאָרשונג אָן קריטיק איז אוממעגלעך. קריטיק באַטייט: אָפּטיילן, אָפּשיידן, באַטראַכטן — אָפּשיידן די ריכ=טיקע מיינונגען, וואָס מיר האָבן בקבלה, פון די אומריכטיקע און באַטראַכטן און פעסטשטעלן וואָס אמתע. דאָס אייביקע אין דעם קוק אויף דער ביבל, וואָס מיר האָבן בירושה פון אבות=אבותינו. אָן קריטיק, אין דעם

זין, ווי מיר האָבן עס דאָ געזאָגט, איז לחלוטין אוממעגלעך פעסטצושטעלן וועלכע ס'איז געשיכטלעכע פאַקטן. אויב ס'טרעפט, אַז דאָס אָנווענדן די קריטישע מעטאָדן ברענגט אַמאָל צו צו־גיכן אָפּלייקענען ריכטיקע קבלות: אַז אויך די קריטיק, ווי אַנדערע גייסטיקע אַרבעט, כאַפּט אַמאָל אַריבער די מאָס און דורכדעם ברענגט זי צו אַזוינע רעזולטאַטן, וואָס האָבן קיין קיום נישט, — ענדערט עס נישט די זאַך גופא און שוואַכט נישט אָפּ די נויטיקייט קריטיש צו פאָרשן. דאָס דערמאָנט אונז נאָר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פאָרזיכטיק און באַטראַכט אָנצווענדן יענע מעטאָדן.

טרעטן מיר צו נענטער צו אונזער געגנשטאַנד, דאַן דאַרפן מיר צוערשט איינטיילן די גאַנצע ביבלישע ליטעראַטור אויף די אַלע פאַרשיידענע געביטן, אויף וועלכע די שריפטשטעלערישע אַרבעט ביי יידן איז געטאָן געוואָרן. מיר קענען: *אַ געזעצלעכע* ליטעראַטור (תורה), וואָס איז אויך פאַרבונדן מיט דערציילונגען, *אַ געשיכטלעכע* (ראשונים), *אַ נביאישע* און *אַ פּאָעטישע*. פון יעדערן פון אָט די צווייגן ליטעראַרישער אַרבעט, זיינען אין תנך געבליבן באַדייטנדע רעשטן. אין דער אָרדנונג, ווי מיר האָבן זיי דאָ אויסגערעכנט, וועלן מיר זיי עטוואָס נענטער באַטראַכטן.

דאָס פינפטע קאַפיטל

חמשה חומשי תורה

1. מהות און באַדייטונג פון דער „פענטאַטאַוך"־קריטיק. די *געזעצלעכע* יידישע ליטעראַטור (תורה) געפינען מיר אין די פינף ספרים פון חומש. ביי די אַלטע גריכישע שרייבער הייסן זיי אַלע אינאיינעם גענומען: „פענטאַטאַוך" ד. ה. פינף־בוך. די קריטישע פאָרשונג זייערע רופט מען דעריבער אויך „פענטאַטאַוך־קריטיק". (אָדער, ווייל דאָס ערשטע בוך נאָכן חומש, יהושע, איז ענג פאַרבונדן מיט די פינף חומשים, רעדט מען אויך גערן פון אַ זעקס־בוך; אָדער העקסאַטאַוך, און דאַן הייסט אויך די קריטיק: העקסאַטאַוך־קריטיק.)

אויב איך רוף אָן אָט ד י אָפּטיילונג פון תּנך קורץ, ווי דאָס יידנטום טוט עס, דאָס געזעץ (העבר. תּ ו ר ה), און רעד דאָ פון דער ג ע ז ע צ ן-ליטעראַטור, אַזוי איז מיט דעם נאָמען באַצייכנט נאָר דער ה ו י פּ ט-כאַראַקטער פון ד ע ם טייל תּנך. עס איז דאָך באַקאַנט, און באַלד וועט דערפון זיין די רייד, אַז דאָ געפינען זיך אויך פאַרשיידענע דערציילונגען. זיי זיינען אָבער כמעט שטענדיק ענג פאַרבונדן מיט די געזעצן.

לאַנגע יאָרהונדערטן האָט מען די תּורה געהאַלטן פאַר משהס ווערק, און קיינער האָט דערין נישט געצווייפלט. אין דער נייער צייט האָבן זיך אַלץ מער און מער ספקות געלאָזט הערן קעגן דער אָנגענומענער מיינונג. איצט דאַרף עס אָנגענומען ווערן ווי אַ פאַקט, אַז ד י תּ ו ר ה, אינגאַנצן גענומען, א י ז נ י ש ט מ ש ה ס ו ו ע ר ק.

די וויכטיקסטע טעמים דערצו זיינען אומגעפער פאָלגנדיקע. אין דער תּורה גופא איז אין ערגעץ נישט געזאָגט ב פ י ר ו ש, אַז די פינף חומשים האָט משה געשריבן. נאָר וועגן אייניקע, גאַנץ באַשטימטע שטיקער, ווערט געזאָגט, אַז משה האָט זיי געשריבן. אָבער אין פאַרגלייך מיטן גאַנצן חומש זיינען דאָס קליינע שטיקלעך. אפילו די געעריקע פסוקים אין ספר דברים (באַזונדערס, קאַפּ. ל״א פסוק ט, ווו עס שטייט געשריבן: „ו י כ ת ו ב מ ש ה א ת ה ת ו ר ה ה ז א ת״, אָדער ווייטער, פסוק כ״ד: ויהי כ כ ל ו ת מ ש ה ל כ ת ו ב א ת ד ב ר י ה ת ו ר ה הזאת״; אָדער קאַפּ. כ״ז, פסוק ח׳: „וכתבת על האבנים את כל דברי התורה הזאת״; אָדער קאַפּ. כ״ח פסוק נ״ח: „אם לא תשמר לעשות את כל דברי התורה הזאת, ה כ ת ו ב י ם ב ס פ ר ה ז ה״ און אין פסוק ס״א: „אשר לא כתוב בספר התורה הזאת״), וואָס רעדן פון משהס שרייבן די תּורה, זיינען אויך לכתּחילה — ווי ווייט די דאָזיקע פסוקים גופא זיינען נישט געשאַפן געוואָרן ערשט באַדייטנד שפּעטער — נישט שייך געווען נישט צום גאַנצן חומש און נישט אפילו צום גאַנצן ספר דברים. זיי האָבן געהאַט אַ שייכות בלויז צום לערך ק׳ יינעם בוך, פון וועלכן ס׳איז שפּעטער א ו י ס ג ע ו ו אַ ק ס ן דער ספר דברים. בנוגע די געזעצן שטייט עס זייער אָפט: „וידבר ד׳ אל משה״, „ויאמר יהוה אל משה״ ויצו א. א. וו. אָבער דערמיט איז מען דאָך נאָר אויסן געווען אָנצוווייזן, אַז דער אינהאַלט פון דעם געזעץ ש ט אַ מ ט פון משהן און פון יהוהן, אָבער נישט, אַז משה אַליין האָט דאָס אויפגעשריבן.

און אויך די אויסדריקן: „תורת משה״ אָדער: „ספר תורת משה״, וואָס מיר געפינען אין די שפּעטערע ספרים פון תנך, דאַרפן, ויט זייער כּוונה, נישט פאַרשטאַנען ווערן אַזוי, אַז משה האָט די תורה ג ע-ש ר י ב ן — הגם עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיט יענע ווערטער האָט מען די מיינונג יאָ פאַרבינדן. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַלנפאַלס אויסגעבילדעט די מיינונג, אַז די גאַנצע תורה, דאָס הייסט: אַלע פינף חומשים האָט משה אַליין אָנגעשריבן. אין דער שפּעטערער צייט האָט מען ליב געהאַט יעדע איינציקע גרופּע פון די הייליקע שריפטן אָנצורופן מיט אַ באַזונדער נאָמען. אַזוי רופט מען דעם תהילים קירץ: „דוד״, אָדער „ספר דוד״ — ווייל אַ גרויסע צאָל קאַפּיטלען אין תהילים ווערן צוגעשריבן דודן. אָדער, למשל, די ביידע ספרים ש מ ו א ל, האָבן באַקומען זייער נאָמען פון דער הויפּט-פּערזאָן אין שמואל א׳, הגם אין שמואל ב׳ שפּילט ער שוין גאָר קיין ראָלע נישט. אויפן זעלבן אופן האָט מען אויך די פינף חומשים, ווו משה שפּילט די הויפּט-ראָלע, קורץ אָנגערופן ת ו ר ת מ ש ה — מ ש ה ס ת ו ר ה. נאָר די ר א י ו ת דערצו באַווייזן זיך ערשט אין שפּעטערע שריפטן. די לעצטע שטייען אָבער אַזוי ווייט פון משהס צייט, אַז זיי קאָנען אויף קיין פאַל נישט גילטן ווי ערנסטע היסטאָרישע באַווייזן פאַר יענער דערמאָנטער מיינונג. זיי דריקן פּשוט אויס דעם שטאַנדפּונקט פונם שפּעטערן יידנטום.

און אַנדערש דאַרף מען אויך נישט פאַרשטיין די ווייניקע אויס-דריקן וועגן דעם ענין, וואָס מיר געפינען אין עוואַנגעליום, ווו יעזוס רעדט פון משהן, אָדער דערפון, אַז משה האָט די תורה געשריבן. יע-זוס אַליין איז דאָך זיכער נישט אויסן געווען ליטעראַטור-געשיכטלעך אונז צו לערנען, ווער ס׳האָט געשריבן די תורה. ער רעדט פון תורת משה, ווייל אַזוי איז דאָס אין זיין צייט געווען אָנגענומען. ער רעדט פון תורת-משה אַזוי גוט, ווי ער רעדט פון זון-אויפגאַנג און זון-אונטער-גאַנג און איז דערמיט כּלל נישט אויסן אונז צו לערנען דאָס, וואָס איז ערשט קאָפּערניקן באַשערט געווען, נעמלעך, — אַז די דאָזיקע אויס-דריקן זיינען נישט גענוי. אַזוי אַז דערמיט, וואָס עס שטייט אין לוקאס (4 פּסוק 17), אַז יעזוס האָט געעפנט דעם ספר פון ישעיה הנביא קאַ-פּיטל 61 פּסוק א׳ און האָט פון דאָרט געלייענט, איז ער נישט אויסן געווען אונז שטערן אָנצונעמען די מיינונג, אַז די ווערטער געהערן אָן

ג י ש ט ישעיהן, נאָר אַן אַנדער נביא, וואָס האָט געלעבט אין בבל, פונקט אַזוי ווייניק דאַרפן מיר זיך אויך דאָ פילן געבונדן פון אַ מיינונג, וואָס איז נאָר דורך אגב אַרויסגעזאָגט געוואָרן. דאָס אייגענע דאַרף אויך גילטן פון יוחנן, קאַפיטל 5 פסוק 46, ווו עס רעדט זיך נישט וועגן דער פראַגע: ווער האָט די תורה ג ע ש ר י ב ן, נאָר וועגן אינהאַ ט אירן.

קאָנען מיר אַלזאָ פון דעם נאָמען, וואָס מ'האָט דער תורה געגעבן (תורת מ ש ה), גאָרנישט אָפּלערנען בנוגע דער פאַרפאַסונג פון חומש, דאַן זיינען מיר אינגאַנצן אָפּהענגיק בלויז פון די א י נ ע ו ו י י נ י ק ס ט ע ב אַ ו ו י י ז ן, ד. ה. פון דעם אינהאַלט פון חומש גופא האָבן מיר זיך קלאָר צו מאַכן די פראַגע: ווער איז זיין פאַרפאַסער.

באַטראַכט מען גענויער דעם אינהאַלט פון חומש, דאַן קומט מען קודם כל צו דער זיכערער איבערצייגונג, אַז די תורה, אַזוי ווי מיר האָבן זי איצט, א י ז נ י ש ט ד י ש אַ פ ו נ ג פ ו ן א יי ן א ו ן ד ע ר ז ע ל ב ע ר פ ע ר ז אָ ן. דאָס ווייזט זיך אַרויס אויף שריט און טריט, סיי אין די דערציילונגען, סיי אין די געזעץ-טיילן. וואָס איז שייך צו די דערציילונגען געפינען זיך אין זיי אַ גרויסע צאָל דאָפּל-ערציילונגען (איין זאַך ווערט דערציילט צוויי מאָל). אַזוי איז, למשל, צוויי מאָל דערציילט דערפון, ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן (בראשית, קאַפּ. א׳ און ב׳). די געשיכטע פון מבול ווערט אַזוי איבערגעגעבן, אַז אָפט הויבט זי זיך אָן פון דאָסניי, כדי צו דערציילן זאַכן, וואָס זיינען שוין דערציילט געוועזן (פאַרגלייך, למשל, בראשית קאַפּ. ו׳ פסוקים ה—ח, מיט די פסוקים ט—יג אינעם זעלבן קאַפיטל; אָדער קאַפיטל ח, פסוקים כ—כב, מיט קאַפיטל ט פסוקים יא—יז א. א.). אייגצלנע צופאַלן מיט אברהמען און יעקבן ווערן מערערע מאָל איבערדערציילט, איינצלנע נעמען ווערן עטלעכע מאָל און פאַרשיידן אויסגעטייטשט (פאַרגלייך בראשית קאַפּ. 21 פסוק ל״א מיט קאַפּ. 26 פסוק ל״ג; קאַפיטל 32, פסוק כ״ט מיט קאַפּ. 35 פסוק י׳; קאַפּ. 28 פסוק 18 א. וו. מיט קאַפּ. 35, פסוק 14 און וו.).

אמת, דאָס דערציילן איין זאַך צוויי מאָל אָדער עטלעכע מאָל א. ד. ג. איז נאָך ווייט נישט קיין צווינגענדע ראיה קעגן דעם, אַז איין מענטש זאָל האָבן געמאַכט דעם באַריכט וועגן זיי. שטענדיק לאָזט זיך דענקען די מעגלעכקייט, אַז איין און דערזעלבער באַריכטס-אָפּגעבער

זאָל צוויי מאָל איבערחזרן איין זאַך: צי מיט אַ כּיון, כּדי מ׳זאָל דאָס דערציילטע בעסער געדענקען, אָבער אָן אַ כּיון, נאָר ווייל דער שרייבער האָט אַזאַ מאַניר אָדער אַ פּערזענלעכע שוואַכקייט אַזאַ, בּיי געלעגנהייט נאָכאַמאָל איבערצודערציילן, וואָס ער האָט שוין איינמאָל דערציילט. אַזאַ דערקלערונג לאָזט זיך אָבער אָננעמען נאָר דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך דער עיקר נאָר, וועגן פּשוטן איבערחזרן. זיינען אָבער מיטן איבערחזרן פאַרבונדן פאַרשיידנקייטן אין אויספּאַסן דאָס דערציילטע, אַזוי אַז די אייגענע זאַך ווערט דאָס אַנדערע מאָל איבערגעגעבן פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט, דאַן הייבט מען ממילא אָן צו צווייפלען: צי איז דאָס איין און דערזעלבער באַריכט-אָפּגעבער. און זיינען ווייטער די פאַרשיידנקייטן אַזוי גרויס, אַז ס׳איז נישט מעגלעך, דאָס ביידע זאָלן זיי זיך געפינען אין איין באַוווסטזיין, דאַן ווערט עס לחלוטין אוממעגלעך, אַז מיר זאָלן אין ביידע פאַלן האָבן פאַר זיך איין און דעמזעלבן דערציילער.

און פאַקטיש איז עס אַזוי. די צווייטע דערציילונגען וועגן באַשאַפן די וועלט און דעם מענטשן לאָזן צוערשט דעם מ ע נ ט ש ן באַשאַפן ווערן, און נאָכדעם, אים צו הילף, ווערן געשאַפן די חיות און דאָס ווייב (בראשית, קאַפּ. ב׳ פּסוקים ז, ח, און יט—כא), בעת די ערשטע, ווי באַקאַנט, לאָזט דעם מענטשן, ווי די קרוין פון דער גאַנצער בריאה, באַשאַפן ווערן שפּעטער, נ אָ ך די פלאַנצן און די חיות. דער צווייטער דערציילער קוקט אויפן מענטשן ריין געאָצענטריש, ד. ה. פון דעם שטאַנדפּונקט אויס, אַז די ע ר ד איז דער מיטל-פּונקט פון גאָר דער וועלט. דער ערשטער אָבער קוקט אויפן מענטשן פון קאָסמאָצענטרישן ד. ה. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמענגענומען, דער מענטש אויך אין כּלל. די פּאַראַלעלע דערציילונגען וועגן מבול אונטערשיידן זיך פונאַנאַנדער דערמיט, וואָס לויט איינער האָט דער מבול געדויערט אַ יאָר מיט עלף טעג (פונם 17-טן טאָג אין חודש ביזן 27-טן טאָג אין זעלבן חודש איבער אַ יאָר), בעת לויט דער צווייטער דערציילונג האָט דער מבול אינגאַנצן געדויערט נאָר 68 טעג. און נאָך איינס. לויט איין דערציילונג האָט נח גענומען מיט זיך אין דער תיבה אַריין צו איין פּאָר פון י ע ד ן מין חיה, לויט דער אַנדערער האָט ער גענומען נאָר פון די ריינע ד. ה. פון יענע, וואָס מ׳קאָן

געמען פאַר אַ קרבן, צו 7 פּאָר פון יעדן מין. דאָס לעצטע לאָזט זיך באַטירלעך דערמיט ערקלערן, וואָס איין דערציילער האַלט, אַז אין דער אורצייט האָבן קיין קרבנות נישט עקזיסטירט, און דער אַנדערער האַלט, אַז קרבנות זיינען יאָ געווען (פאַרג. בראשית קאַפּ. ז. פסוק כ״א; ח׳ פסוק ג—ה, יג און וו. מיט קאַפּ. ז. פסוק ד, י. יז; קאַפּ. ח. פסוק ו, י, י״ב און ווייטער, קאַפּ. ז׳ פסוק ב׳ א. וו. מיט קאַפּ. ו׳ פסוק י״ט; קאַפּ. ז׳ פסוק ח א. וו. פסוק י״ד. א. וו.).

ענלעכע באַאָבאַכטונגען לאָזן זיך אויך מאַכן ביי דער געשיכטע מיט יוספן: איין מאָל ווערט יוסף פאַרקויפט צו מדינים, דאָס אַנדערע מאָל צו ישמעלים, דאָס איינע מאָל טרעט ר א ו ב ן אַרויס בראש פון יוספס ברידער, דאָס אַנדערע מאָל — יהודה. דאָס זעלבע קומט פאָר אין דער געשיכטע מיט משהן, אין שמות א. וו. דאָך באַגנוגן איך זיך דאָ נאָר אויף איינס אויפמערקזאַם צו מאַכן. ווער ס׳לייענט פאַר זיך דורך די מעשה וועגן מתן־תורה אויפן באַרג סיני, ווי זי ווערט דערציילט אין חומש שמות, און פון דער דערציילונג וויל ער זיך קלאָר מאַכן: ווי איז דאָס אַ.ק לויט דער פאָרשטעלונג פון דעם דערציילער פאָרגעקומען, — דער וועט אָן שוועריקייטן דערקענען, אַז אויף ד ע ר פראַגע איז בכלל נישט אַזוי גרינג צו ענטפערן. און אָט דער פאַקט לאָזט זיך דערקלערן נאָר מיט פיל דערציילער, וואָס זייערע דערציילונ־גען זיינען שפּעטער דורכגעגאַנגען דורך איין רעדאַקציע. איין און דער־זעלבער באַריכטאָפּגעבער וואָלט זיך, נאַטירלעך, באַמיט דאָס פאָרגעקו־מענע אַזוי צו שילדערן, אַז אַלע פּרטים פון אים זאָלן ווי אויף איין פּאָדים אויפגעשנירט ווערן. און דאַן וואָלטן אויך מיר, לייענענדיק, אימשטאַנד געווען דעם פּאָדים צו באַמערקן דורך אַלע איינצלנע ער־שיינונגען. פאַקטיש איז עס אָבער נישט אַזוי. ווער ס׳וויל זיך האַלטן אָן דעם גאַנג פון די ערשיינונגען, דער זעט באַלד, אַז דער פּאָדים רייסט זיך אַלע מאָל אָפּ, און אַביסל שפּעטער ווערט אָנגעשפּיגט אַ נייער פּאָדים; עס געלונגט אונז אָבער קיינמאָל נישט, דעם אַלטן פּאָ־דים נאָכאַמאָל צו געפונען. משה שטייגט אַרויף אויפן באַרג, נאָכאַמאָל ווידער אַראָפּ, דאַן ווידער אַרויף און ווידער אַראָפּ, כדי נאָכאַמאָל אַרויף צו שטייגן. דערין איז אויגנשיינלעך נישט צו זען דעם זין פון דער ערשטער, אורשפּרינגלעכער דער־

ציילונג, נאָר די שפּורן פון אַ פּילפּאַכיקן באַריכטאָפּגעבן.(1

מאַכן מיר דעם ס ך ה כ ל, אַזוי קאָן מען שוין ביי דער דערציילונג זאָגן, אַז אויב מיר זאָ‑ן אָננעמען, אַז זי האָט איין מענטש געשריבן, דאַן בלייבט פיל אין איר טונקל און עס וואַקסן אויך אויס פאַר אונז נישט ווייניק עסטעטישע און זאַכלעכע פעלער. קוים אָבער פועלן מיר ביי זיך צו קוקן אויף איר ווי אויף אַן אַרבעט, אין וועלכער פיל דערציילער האָבן זיך באַטייליקט, דאַן ווערט אונז ממש אַ ליכט אין די אויגן, און פיל דערפון, וואָס איז פריער טונקל געווען, ווערט פון זיך אַליין העל.

און וואָס עס גילט בנוגע ד ע ר ערציילונג, גילט אויך בנוגע די טיי‑ן פון געזעצן. מיר טרעפן זיך דאָ מיט דער זעלבער דערשיינונג. וועגן קרבנות, ימים־טובים, כהנים און לויים און אייניקע אַנדערע זאַכן ווערן נישט איינמאָל, נאָר עטלעכע מאָל געמאַכט פאַראָרדנונגען. דאָס איז אָבער געמאַכט אַזוי, דאָס עס איז אוממעגלעך, אַז אַלע זאָלן זיי זיין געגעבן אין איין צייט. ביי איין און דער זעלבער רעליגיעזער און קולטור־מדרגה.

עטלעכע ביישפּילן וועלן דאָ געננוגן.

אין שמות, קאַפּ. כ׳ פסוק כ״ה ווערט דערלויבט צו בויען אַ

---

*) שמות קאַפּ. י״ט פסוק ג. גייט משה אַרויף אויפן באַרג; י״ט פסוק י״ד גייט ער אַראָפּ צום פאָלק; י״ט פסוק כ׳ אַרויף; י״ט, פסוק כ״א, כ״ה אַראָפּ; קאַפּיטל כ׳ פסוק כ״א אַרויף אין די וואָלקן; קאַפּ. כ״ד, פסוק א׳ אויפן באַרג אַליין; כ״ד פסוק ג׳ אַראָפּ צום פאָלק; כ״ד, ט׳ אַרויף; כ״ד, י״ב און ווייטער נאָכאַמאָל אַרויף; כ״ד, י״ח נאָכאַמאָל אַרויף (כדי מקבל צו זיין די תורה); ל״א, פסוק ז׳ ט״ו אַראָפּ; ל״ב, פסוק ל״א גייט ער צו יהוה (אויפן באַרג?); ל״ד, פסוק ב, ד, אַרויף; ל״ד, כ״ט אַראָפּ. די אָנווייזונגען, וואָס ער האָט דאַן ערהאַלטן, פירט ער אויס לויט די קאַפּיטלעך ל״ד — מ. דערנאָך ערהאַלט משה געזעצן פון אוהל מועד אויס (ויקרא, קאַפּ. א—ג). נאָכדעם ערהאַלט ער ווייטערע געזעצן, נאָר דאָס א ר ט, וו ער האָט זיי ערהאַלטן, איז נישט באַשטימט (קאַפּ. ד׳ פסוק א), אָבער ווי עס שיינט, נישט אין אוהל־מועד, ווייל לויט קאַפּ. ד׳ פסוק ג׳ דאַרף ער מיטן פאָלק אהין קומען. עס קומען נאָך ווייטערע געזעצן פון דער זעלבער אַרט. ויקרא קאַפּ. י״א — ט״ז, י״ז — כ״ד און כ״ה פסוק א׳ איז משה פּלוצלינג ווידער אויפן באַרג סני, און לויטן פסוק מ״ו אין קאַפּ. כ״ו, און עסוק ל״ד אין קאַפּ. כ״ז ווערט דער דריטער ספר ויקרא אַזוי אָפּגעשלאָסן גלייך ווי אַלע געזעצן, וואָס זיינען דאָרט געשריבן, זיינען אויפן באַרג סני געגעבן געוואָרן.

מזבח צו מקריב זיין קרבנות, א ו מ ע ט ו ם , ווו יהוה האָט געבראַכט דערצו, אַז זיין נאָמען זאָל דאָרט דערמאָנט ווערן, ד. ה. ווו ער האָט צוגעזאָגט מ׳זאָל דאָרט קרבנות מקריב זיין, ווייל דאָס אָרט איז אָנערקענט פאַר הייליק. און אין דברים, קאַפּ. י״ב פּסוק ה׳ און ו. ווערט קלאָר באַשטימט, אַז קרבנות קאָן מען מקריב זיין נאָר אין יענעם אָרט, וואָס יהוה וועט האָבן אויסגעוועלט און נאָר דאָרט אליין. ווייטער, אין שמות, קאַפּ. כ״ג, פּסוק י״ד און ו. אין קאַפּ. י״ד פּסוק כ״ג רעדט זיך פון ד ר י י הויפּט-ימים-טובים, וואָס יידן דאַרפן אַלע יאָר פּייערן דורך עולה-רגל זיין אַהין, ווו דאָס הייליקטום געפינט זיך: פּסח, שבועות און סוכות. און אין ויקרא קאַפּ. כ״ג און במדבר קאַפּ. כ״ח און ו. ווערט גערעדט פון פ י נ ף גרויסע יערלעכע ימים-טובים, וואָס דאַרפן זעלבסטפאַרשטענדלעך — ווייניקסטנס ווי ווייט אין זיי ווערן קרבנות געבראַכט — פאָרקומען דאָרט, ווו דאָס הייליקטום געפינט זיך. און נאָך איין ביישפּיל, דער לעצטער: אין דברים, ווו ס׳האַנדלט זיך וועגן כהנים, רעדט מען פון „לויים-כהנים״. דערביי פאַרשטייט מען די לויים בכלל, און מען מאַכט נישט דערביי דעם שטרענגן אָבער געוויינלעכן חלוק צווישן כהנים און לויים. אָבער אַנדערע ערטער פון דער תורה, למשל: במדבר קאַפּ. ג. פּסוק ה׳ און ו.; קאַפּ. י״ח, פּסוק א׳ און ו. און אַנדערע, שיידן גאַנץ שאַרף אָפּ די כהנים, אהרנס זין, פון די איבעריקע לויים, וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפן די כהנים, און די לויים ווערן צוגעצויגן צום מזבח, נאָר כדי צו ה ע ל פ ן די כהנים ביי דער אַרבעט. די פאַרשיידנקייטן לאָזן זיך נישט דערקלערן מיט די פאַרשיידענע פּעריאָדן פון משהס ווירקן און זאָגן: דאָס איינע האָט ער געבאָטן צום אָנהויב וואַנדערן אין דער מדבר, דאָס אַנדערע—צום סוף. וואָרים דער אונטערשייד בנוגע דער צאָל ערטער פאַר קרבנות, און אויך בנוגע אהרן און לוי, האָבן אַזאַ גרויסע פּרינציפּיעלע באַדייטונג, אַז ס׳איז אַזוי גוט ווי אויסגעשלאָסן, אַז דער אייגענער מענטש, וואָס האָט געמאַכט די ערשטע פאַראָרדנונג, זאָל זי אַזוי שטילשווייגנדיק כלאחר יד מבטל זיין צוליב דער אַנדערער. אַזעלכע זאַכן דערקלערן זיך בלויז דורכדעם, וואָס צ י י ט ן בייטן זיך און מיט זיי בייטן זיך פון גרונטאויס אויך די פאַרהעלטענישן און אָנשויונגען.

2. ד י אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג פ ו ן ד ע ר פ ע נ ט אַ ט אַ ו ך-

קריטיק. אירע הויפּט-שולן. דער ערשטער, וועמען ס'איז איינגעפאלן דער באמת עפּאָכע-מאַכנדיקער געדאַנק, אַז אין תורת-משה דאַרף מען אונטערשיידן פאַרשיידענע, פריער-אַמאָל זעלבשטענדיק-געווזענע, אורקונדן, איז געווען כלל נישט קיין פאַכמאַן אויפן געביט פון אונזער וויסנשאַפט. דאָס איז דער לייב-דאָקטאָר פונם פראַנצויזישן קעניג לודוויק דעם XIV, יאָהאַן אַסטרוק (1753). אמת געניאַל איז ער אַרויסגעגאַנגען פון איין באַאָבאַכטונג, וואָס, נישט-קוקנדיק אויף אַלץ, וואָס איז — מיט רעכט אָדער אומרעכט — געזאָגט געוואָרן קעגן איר אײנגאַנצן אָדער כדי זי צו באַשרענקען, האָט זי זיך דאָך, אין עצם, אַרויסגעוויזן ריכטיק ביז אויפן היינטיקן טאָג. דאָס איינזען, אַז אין די דערציילונגען אין סוף בראשית — און מיט בראשית באַנוגנט ער זיך — ווערט גאָט אָנגערופן אַמאָ, יהוה און אַמאָל אלהים, און ווייזט אויס גאַנץ מוטוויליק — דורכן פשט אויף אַן אָרט לאָזט זיך דאָס נישט דערקלערן — האָט אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז דאָ זיינען צוויי זעלבשטענדיקע טעקסטן (אורקונדן אָדער קוועלן) צוזויפגעשמאָלצן געוואָרן. אַזוי האָט ער דאָ אָנגענומען אַן אלהיסטישן טעקסט און אַ יהויסטישן. נאַטירלעך, אַז פאַרבונדן האָט זיי אַ דריטער, וואָס איז דאָ געווען דער רעדאַקטאָר (ר.). די באַאָבאַכטונג, אַז די צוויי מענטשן האָבן געהאַט צוויי, לחלוטין פאַרשיידענע רעליגיעזע אָנשויונגען און אויב אַזוי האָבן זיי אויך אָנגעהערט צו פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע קרייזן, האָט דאַן פאַרשטאַרקט דאָס ערשטע אײנזען און פאַרגרעסערט זיין געוויסקייט. אַז מיר האָבן דאָ צוויי באַזונדערע טעקסטן פון צוויי פאַרשיידענע צייטן ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מען נעמט: שמות קאַפּ. ו. פסוק ג' און מ'פאַרגלייכט אים מיט בראשית קאַפּ. ד' פסוק כ"ו. פון איין זייט (אין שמות) שטייט געשריבן: „איך האָב זיך באַוויזן צו אַברהם, צו יצחק און צו יעקב ווי אל שדי (דער אַלמעכטיקער) און מיין נאָמען יהוה האָב איך זיי צוויסן נישט געגעבן". און אין בראשית שטייט: „אָז הוחל לקרא בשם יהוה" ד. ה. אַז שוין דעמאָלט, אין דער צייט פון די אָבות, האָט מען גאָט אָנגערופן מיטן נאָמען יהוה. אָט די ביידע מיינונגען קאָנען נישט האָבן געהערט איין-און דעמזעלבן מענטשן און נישט איין-און דיזעלבע קרייזן.

און דאָך איז די לעצטע צייט אונטערשטריכן געוואָרן — צוליב

טעמים, וואָס קאָנען דאָ נישט גענויער באַטראַכט ווערן — אַז גראָד בנוגע די נעמען, וואָס מ׳האָט גאָט געגעבן (אלהים אָדער יהוה), לאָזט זיך אין די טעקסטן אויפווייזן אַ געוויסע אומזיכערקייט. דערויף איז כדאי זיך אָפּ־צושטעלן, אָבער דעם פּרוּוו, דורכדעם די גאַנצע טעאָריע אַסטרוקס אונטערצוגראָבן, דאַרף מען רעכענען פאַר נישט געלונגען. דער פּרינציפּ בלייבט, אפילו ווען אין איינציקע פאַלן איז דער נאָמען גאָטס אומזיכער. אָבער קודם כל צווינגען אונז די פאַרשיידנקייטן אין אינהאַלט אָנצונע־מען, אַז פאַרשיידענע פאַרפאַסער פון פאַרשיידענע קרייזן האָבן געהאַט בקבלה און איבערגעגעבן פאַרשיידענע נסחאות. וואָלטן מיר אפילו גאָטס נעמען: יהוה און אלהים־אינגאַנצן געלאָזט אָן אַ זייט, בלייבן דאָך די ראשי־תבות: י(הוה) און א(להים) באַשטיין און באַצייכענען י ה ו ד ה ש ע און א פ ר י מ ש ע טעקסטן.

אַסטרוקס באַאָבאַכטונג, אַז מיר האָבן אין די דערציילונגען פון תנך צוויי אורקונדן, אָדער „קוועלן”, האָט שפּעטער דער פּראָפּ. א י ל ג ן נאָך פאַרברייטערט (1798). ער האָט געהאַלטן, אַז די אלהיסטישע שטעלן גופא לאָזן זיך אויך טיילן אויף צוויי שיכטן: אויף אַן עלטערער און אויף אַ יונגערער. די שפּעטערע האָבן איינע פון אָט די צוויי אלהיסטי־שע שיכטן אָנערקענט ווי אַ פּריסטערשן טעקסט, אָדער פּריסטערשן קאָדעקס. אזוי איז עס געקומען צו דרייערליי דערציילונגס־און גע־זעץ־שריפטן, וואָס זאָלן האָבן געלעגן פאַרן רעדאַקטאָר פון חומש: אַ יהויסטישע (י), אַ אלהיסטישע (א) און אַ צווייטע אלהיסטישע, וואָס איז אויך אַ פּריסטערלעכע שריפט, אָדער פּריסטער־קאָדעקס (ווערט אָנגערופן: פּ. און אויך פּ. ק.).

פּ. הויבט אָן מיט דער וועלט־באַשאַפונג, אין בראשית קאַפּ. 1, דערציילט פון מבול און דאַן די ווייטערע געשעענישן גאָר בקצור. פיל פון זיי נאָר סקיצנהאַפט, כדי וואָס גיכער איבערגיין צום „תורת־כהנים”, אָדער צו די פּריסטערלעכע (כהנישע) געזעצן. זיי הויבן זיך אָן אין שמות קאַפּ. כה—לא, לה—מ, אין ספר ויקרא און פאַרנעמען דעם גרעסטן טייל פון במדבר. י. דערציילט פונם באַשאַפן די וועלט, פון גן־עדן אין בראשית קאַפּ. ב. און ג. נאָכדעם פונם מבול און פונם דור הפלגה. אים געהערן אויך די שיינע מעשיות מיט אברהמען, יעקבן און יוספן אין בראשית קאַפּ. י״ח, כ״ד א. ו. בעת אין די געזעצן האָט ער נאָר זייער

אַ קלײנעם אָנטײל. א. הײבט ערשט אָן פון בראשית כ״ו (נישט־רעכ־ נענדיק עטלעכע פסוקים אין קאַפּיטל ט״ו) און גײט דורך כמעט דעם גאַנצן חומש פּאַראַלעל נעבן י. פון געזעצן געהערט אים אָן דער ספר הבּרית, אָדער בונדעס־בוך (ב. ב.). אַ חוץ דעם בוך און אַ חוץ דעם גרויסן פּריסטער־געזעץ פון פּ, געהערן נאָך צו די געזעץ־שריפטן: דער ספר דברים, אָדער דויטעראָנאָמיום (ד), און דאָס אַזוי גערופענע הײליקײטס־געזעץ — אַ באַזונדער װערק, ויקרא פון קאַפּ. יז ביז כה (ה), װאָס איז שפּעטער אַרײנגענומען געװאָרן אין פּ.

אַ לאַנגע צײט האָט מען פּ. געהאַלטן פאַרן עלטסטן בוך — װײל מיט זײן דערצײלונג הײבט זיך אָן דער חומש און אַז י. און א. און ד. אָדער א. און י. און ד. זײנען געקומען נאָך אים. אַן אַנדער טיפע װענדונג הױבט זיך דאָ אָן דורך דער אַזױ גערופענער, הגם נישט מיט פולן רעכט, גראַפישער השערה (גראַף איז געװען אַ פּראָפעסאָר אין מײסען). ברײטע קרײזן װערן באַקאַנט מיט דער השערה ערשט דורך איר נײעם באַגרינדער: װעלהױזן (1878), װאָס האָט זײן נאָמען, נאָכאַמאָל נישט מיט פולן רעכט, איבערגענומען—בעת אירע אײגנטלע־ כע ערפינדער זײנען געװען: עדואַרד רויס, און נעבן אים — װאַטקע און געאָרג. די השערה באַשטײט, בקצור, אין פאָלגענדן: פּ. װאָס מ׳האָט פריער געהאַלטן פאַר דער גרונט־שריפט און ממילא פאַרן עלטסטן טעקסט פון חומש, איז פאַקטיש די יונגסטע און שטאַמט פון דער צײט פון גלות־בבל און נאָכן גלות ד. ה. אַלזאָ פון דער צײט, װאָס נאָכן חורבן ירושלים און חורבן בית־המקדש דורך נבוכדנאצרן.

נאָכדעם װי װעלהױזן האָט אָנגענומען אָט די השערה און האָט זיך אויף אַ גלענצענדן אופן גאָר פון דאָס נײ באַגרינדעט, האָט זי גע־ האַט אַ גרויסן ערפאָלג און אַ באַגײסטערטע צושטימונג. פונדעסטװעגן, האָבן שוין פון אָנהײב אָן נישט געפעלט אויך אַזעלכע, װאָס האָבן אַרויסגעזאָגט זײערע ספקות װיכטיקע פונקטן קעגן און אָנגעװיזן אויף די שװאַכקײטן אין װעלהױזנס שיטה. איצט, נאָכדעם װי פון יענער צײט אָן זײנען שוין פאַרבײ כמעט גאַנצע 40 יאָר, קאָן מען פרוּװן מאַכן דעם סך־הכּל, און אָביעקטיװער װי אין יענע טעג, װען ס׳האָט גע־ קלונגען דער לאָזונג: „פאַר און קעגן װעלהױזן״, אָפּװעגן רעכט און אומרעכט אין װעלהױזנס טעאָריע. דאָס דאַרף, גלויב איך, געזאָגט װערן

ניִשט פֿאַרקלענערנדיק די פֿאַרדינסטן פֿון איין זייט, און ניִשט איבער־טרייבנדיק זיי פֿון דער אַנדערער. די וויסנשאַפֿט פֿון תּנך האָט אויף דעם געביט און אויף אַנדערע געביטן צו פֿאַרדאַנקען וועלהויזן מער ווי וועמען עס איז אַן אַנדערן פֿון צווישן די לעבעדיקע. אָבער זיין טעאָריע וועגן חומש, אין דער פֿאָרם, ווי ער האָט זי פֿאַרטיידיקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן ניִשט לעבנספֿעיק. וואָס ווייטער, אַלץ דייטלעכער האָט זיך אַרויסגעוויזן די ריכטיקייט פֿון די ספֿקות, וואָס אייניקע געלערטע, צווישן זיי אויך דער שרייבער פֿון אָט די שורות, האָבן פֿון אָנהייב אָן אַרויסגעזאָגט קעגן וויכטיקע פּונקטן פֿון דער טעאָריע.

אמת איז, אַז דאָס שטרעבן פֿון פֿאַר 25 יאָר כמעט אַלע ביבלישע טעקסטן אַראָפּצורוקן ביז דעם ערך נאָך שפּעטע צייטן, האָט איצט אָפּגעטרעטן זיין אָרט אַ געזונטערער אויפֿפֿאַסונג. אָבער לויט דער דעמאָלטיקער לאַגע פֿון דער וויסנשאַפֿט איז עס באַגרייפֿלעך — הגם אייניקע איינגעהאַלטענערע האָבן זיך שוין דעמאָלט סקעפּטיש באַצויגן צו דער שטרעבונג. די דעמאָלטיקע פֿאָרשונג איז אין עצם געווען אָנגעוויזן בלויז אויף די ביבלישע קוועלן גופֿא. שוין אפֿילו אָט די קווע־ן, לאָזן אָבער ניִשט אָננעמען יענע מיינונג ווי וואַרשיינלעך. פֿונדעסטוועגן איז זי דאָך געווען פֿאַרשטענדלעך — ווייל מיר האָבן זיך געקאָנט באַנוצן נאָר מיט זייער אַ קליינער צאָל אויסער־ביבלישע מאָסשטאַבן. איצט איז אונזער האָריזאָנט פֿיל ווייטער און ברייטער געוואָרן. מיר האָבן אין אונזער רשות אַ גאַנצע מאַסע פֿאַקטן, וואָס זיינען ־ריער געווען אומבאַקאַנט, און דער עיקר גיבן זיי רעכט יענער ריכטונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן ביי מעסיקייט.

---

3. רעזולטאַטן און צוקונפֿטס־אויפֿגאַבן.

דערמיט זיינען מיר, שוין פֿון זיך אַליין, צוגעקומען צום ענין פֿון פֿעסטע רעזולטאַטן און קומענדיקע אויפֿגאַבן פֿון דער תּנך־קריטיק.

פֿון דער גאַנצער ליטעראַר־קריטיק איז קודם־כּל צו זאָגן, אַז אין ערגעץ פֿאַרמאָגן מיר דאָ ניִשט קיין דירעקטע „אורקונדן" אין שטרענגסטן זין. מיר פֿאַרמאָגן ניִשט קיין דירעקטן באַווייז דערויף, אַז ס'האָבן עקזיסטירט מערערע שריפֿטלעכע קוועלן בכלל, און אַז עס איז געווען איין שריפֿט פֿון אַ אלהיסטישן שרייבער, איינע פֿון אַ יהויסטישן און איינע פֿון

אַ פּריסטערלעכן. בפרט אַזאַ מין אורקונדע וואָלטן מיר געהאַט נאָר דאַן, ווען עס וואָלט פּלוצלינג געלונגען צו אַנטדעקן אַ שטיק פון דער יהויסטישער אָדער אלהיסטישער שריפט אַליין, אין אָריגינאַל, אָדער אין אַ זיכערער קאָפּיע אויף לעדער אָדער פּאַפּירוס. אָבער ווילאַנג אָט די באמת אויסערסט וויכטיקע — הגם איצט נישט מער אַזוי וויכטיק ווי פאַר עטלעכע יאָרן — ווייטע מעגלעכקייט, איז נישט געוואָרן קיין פאַקט, האָבן מיר צו טאָן בלויז מיט אַ השערה. ד. ה. מיט אַן אָנגענומענע מיינונג, וועלכע מ׳האָט אויסגעדרונגען פון פאַרשיידענע באַאָבאַכטונגען און פאַקטן. אַלנפאַ׳ס האַנדלט זיך עס אָבער וועגן אַזאַ השערה, וואָס שטיצט זיך אין פי׳ פּרטים אויף אַזעלכע גוט־באַגרינדעטע באַאָבאַכטונגען, און העלפט צו דערקלערן אזוי פיל דערשיינונגען, וואָס אָן איר בלייבן זיי אַ רעטעניש — אז מיר גיבן איר צו אַ הויכע וואַרשיינלעכקייט. דאָס גיבן מיר איר צו אין דעם זין, ווי ווייט מיר האָבן רעכט מיט יעדער היפּאָטעזע, וועלכע מ׳האָט אין אַ משך פון צענדליקער יאָרן אויסגעפּרווּט, זיך צו באַנוצן ווי מיט אַ זיכערן רעזולטאַט פון דער וויסנשאַפט, און אַזוי זי אָנצורופן. זאָלן אָבער קעגן יעדער ערוואַרטונג אַנטדעקט ווערן אַזעלכע פאַקטן, וואָס וועלן זי מבטל זיין, וועלן מיר זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן מיט זיי צו רעכענען.

צו די זיכערע רעזולטאַטן פון דער פּענטאַטאַוך־קריטיק, אין דער־מאָנטן זין, רעכן איך קודם־כל דעם פאַקט: אַז ס׳זיינען פאַראַן מעדערע אורקונדן, הן דערציילנדיקע, הן געזעצלעכע, פון וועלכע דער איצטיקער חומש איז צונויפגעשמאָלצן. ווייטער, אַז די הויפּט־קוואַלן פאַר דער אורגעשיכטע, אַזוי אויך פאַר דער געשיכטע פון די אָבות און פון משהן, זיינען: י. א. און פּ. אַז די צוויי ערשטע זיינען אינגאַנצן אָן ע׳טערער שיכט ווי די לעצטע — אַן אָנגענומענע מיינונג, וואָס איז פאַר מיר פעסט געשטאַנען דורך גראַפן, איידער נאָך וועלהויזן איז אויפגעטרעטן. אין דעם געזעץ, פאַר זיך גענומען, איז דער ספר הברית (ב״ב) (בונדעס־בוך) דער עלטסטער שיכט, וואָס שטאַמט פון זייער אַ פריער צייט. נאָכן ספר־הברית קומט דער ספר דברים (ד), און דאָס היליקייטס־געזעץ (ה), בעת אַז פּ, על־כל־פּנים אינגאַנצן גענומען, מאַכט־אויס דעם יונגסטן שיכט פון דער געזעצגעבונג. ווי אַ זיכערער רעזולטאַט איז עס אויך פאַר מיר, אַז די צייט ווען י, און א. זיינען

טיפּן פֿון פֿעלקער אין אַלטן סיריען און פּאַלעסטינע

טאָוול VII.

באַארבעט געוואָרן — וויניקסטנס ווי ווייט ס'איז נוגע זייערע אייגנטלע־כע פּאַרפאַסער, געהערט צום נײַנטן אָדער אַכטן יאָרהונדערט. (איבריקנס, זאָל דאָ שוין נישט פאַרשוויגן ווערן, אַז גראָד ביי די צוויי שרייבער לאָזט זיך אויפווייזן אַ באַזונדערס גרויסע מאָסע עלטערע און גאָר על־טערע קוועלן און פאָראַרבעטן. דערפאַר איז עס נישט קיין ווונדער, וואָס אין דער לעצטער צייט האָבן זיך געפונען געלערנטע, וועלכע ווילן האָבן, אַז י. און א. גופא שטאַמען שוין פון אַ גאָר פריער צייט).

בנוגע די דערמאָנטע פּונקטן זיינען די פאָרשער בעצם געקומען צו איין דעה. אָבער אין אנדערע פּונקטן זיינען פאַראַן צווישן זיי גרוי־סע חלוקי־דעות. חוץ דעם, וואָס די תנך־קריטיק האָט שוין אויפגעטאָן, האָט זי נאָך אין דעם פּרט אין דער צוקונפט גרויסע אויפגאַבן צו דער־פילן. ס'וואַרט נאָך אויף אַן ענדגילטיקן ענטפער די פראַגע וועגן דער געשטאַלט און באַאַרבעטונג פון ספר דברים, און די פראַגע וועגן דער אַלטקייט פון פּ. די ביידע פראַגן זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. פון גראַף און וועלהויזן אָן, און אפילו נאָך פאַר זיי, האָט געגאָלטן ווי אַ פעסטע אַקסיאָמע, אַז דער סוף דברים איז דער פעסטער פּונקט, פון וועלכן די אַלטקייט פון פּ. לאָזט זיך באַשטימען. און נאָך איינס: אַז די־צייט, צו וועלכער יענער פעסטער פּונקט געהערט, איז די רעגירונגס־צייט פון יאשיהו המלך, גענויער, דאָס יאָר 621 פ. ק. און קוים איז פּ. יונ־גער פון ד. דאַן קומט מען שוין ממילא צום אויספיר, אַז פּ. איז פאַר־פאַסט בעתן גלות בבל אָדער באַלד נאָך אים.

עס לאָזט זיך אָבער באַווייזן, אַז דער ספר דברים איז נישט פאַר־פאַסט אין דער צייט פון יאשיהו און איז נישט קיין גאַנצע אין זיך אָפּ־געשלאָסענע זאַך. און אויב אַזוי, דאַן קאָן ער מער נישט גילטן פאַר אונז ווי אַ פעסטער אויסגאַנגס־פּונקט, כדי דורך אים צו באַשטימען ווי אַלט פּ. איז. ווייל די דאָזיקע באַהויפּטונג האָט זייער אַ וויכטיקע באַדייטונג, מוז איך מיר ערלויבן אַביסל אויספירלעכער זי צו באַגרינדן.

דער ספר דברים (דויטעראָנאָמיום). דאָס געפינען אים און ווי אַלט ער איז. אין מלכים ב. קאַפּ. כ״ב און כ״ג לייענען מיר, אַז בעתן רעמאָנטירן דאָס בית־המקדש, האָט דער כהן גדול חלקיה געזאָגט דאָרט האָבן געפונען אַ תורה. באַלד האָט מען דערקענט, אַז דאָס איז תורת־משה. נאָכדעם ווי מ'האָט זי פאָרגעלייענט פאַרן מלך

יאשיהו, האָט מען אויפן יסוד פון דער תורה אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן ווי צו רעפאָרמירן דאָס גאָט-דינען. דער וויכטיקסטער פּונקט איז: מבטל מאַכן די במות, אָדער די פּראָווינץ-הייליקטימער לטובת דעם בית-המקדש אין ירושלים.

האָט אָט די ערציילונג אַ געשיכטלעכן ווערט? יאָ! דער באַריכט איז אַפילו אין שטעלן איבערגעאַרבעט. אָבער בכלל איז ער נישט אָנגע-רירט און איז גוט געשיכטלעך. אָבער וואָסער אַ געזעץ אַ תורה מיינט ער? און ווי אַזוי איז דאָס געזעץ געשאַפן געוואָרן? אַ לאַנגע צייט האָט מען געמיינט, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער גאַנצער תורה. אָבער שוין דער אומשטאַנד אַליין, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט איז דאָס גאַנצע בוך מערערע מאָל פֿאָרגעלייענט געוואָרן, באַווייזט, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַזאַ גרויס ווערק ווי די גאַנצע תורה איז, אָדער נאָר אַפילו ווי דער גאַנצער געזעצלעכער טייל פון דער תורה איז. עס קאָן דאָ זיין די רייד נאָר פון לערך-נאָך אַ קורצן בוך. און נאָך איין אומשטאַנד רעדט דערפאַר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן בלויז מיטן ספר דברים: יאשיהוס רעפאָרם אויפן יסוד פון דעם ניי-געפונענעם געזעץ — הייבט זיך גראָד אָן מיט דער אָנגעלעגנהייט, וואָס איז דעם געזעצגעבער פון דברים גאָר וויכטיק — נעמלעך, צו פאַרייניקן די קרבנות אין דער הויפּט-שטאָט און אויסראָטן די פּראָווינץ-הייליקטימער מיט זייערע מזבחות, מצבות און אשרות.

ווי אַרום איז אָבער דאָס בוך געקומען אין בית-המקדש אַריין? און נאָך: ווי איז דאָס געשאַפן געוואָרן?

עס ליגט ביי דער האַנט און קיין פיל שאַרפזיניקייט איז נישט בויטיק, כדי מ׳זאָל קומען צום געדאַנק, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ גע-וואַלדיקער מיסטיפיקאַציע, וועגן אַ וועלט-געשיכטלעכער פעלשונג. קיין וואונדער נישט, וואָס די לעצטע צייט האָט מען זיך טאַקע די זאַך אַזוי פאָרגעשטעלט. חלקיה הכהן, וועלכער האָט דאָס בוך געפונען, אָדער איי-נעם פון זיינע מקורבים, שטעלט מען זיך פאָר ווי דעם מחבר פון בוך. יעדנפאַלס האָט ער געוווּסט דערפון, אַז ערשט נישט לאַנג צוריק איז דאָס בוך געשאַפן געוואָרן און האָט עס אין בית-המקדש אַריינגע-שמוגלט. נאָך דעם האָט ער עס, נאַטירלעך, אָן שוועריקייט „געפונען", כדי לאָזן דאָס אָנקומען צום קעניג, און ווייל ס׳איז גרינג אויף אים צו

ווירקן, וועט מען מיט זיין הילף דורכפירן די וויכטיקע רעפאָרם.

אָט די אָנשויונג — וואָס איך קאָן נאָר באַדויערן, וואָס זי ווערט ווידער און ווידער איבערגעחזרט — איז געוויס נישט ריכטיק. וואָלט חלקיה, אָדער איינער פון זיינע מקורבים, געווען דער פאַרפאַסער פון דעם געזעץ, דאן וואָלט דאָס געמוזט רעדן גאַנץ אַנדערש ווי עס רעדט איצט. דאָ געפינט זיך אַ באַשטימונג (דברים קאַפּ. י״ח פסוקים: ו, ז.), לויט וועלכער די אַראָפּגעזעצטע פּראָווינציעלע כהנים, ווייל זיי זיינען געבליבן אָן ברויט, קומען צום הויפּט-היילקטום — פּאַקטיש, אַלזאָ, אין בית המקדש — און דאָרט קאָנען זיי פריי מקריב זיין און אויך העלפן מקריב זיין קרבנות. זאָל מען זיך אָבער פאָרשטעלן: אין דער רוימיש-קאַטוילישער, אָדער ריכטיקער, אין דער איטאַליענישער קירכע, האָט מען געפונען אַ געזעץ-באַשטימונג, אַז די פּראָווינציעלע גייסטלעכע פון גאַנץ איטאַליען זאָלן פאַרלאָזן זייערע קירכעס, און קומען קיין רוים; זייער חיונה, ווייל זיי האָבן פאַרלוירן זייערע היימישע הכנסות, זאָלן זיי באַקומען דערפון, וואָס אין רוים וועלן זיי אַלע איניינעם האָבן אַ חלק אין די הכנסות פון וואַטיקאַן, דערהויפּט אָבער אין דעם פּעטערספּעניג. צי לאָזט זיך אָננעמען, אַז אַזאַ געזעץ זאָל לכתחילה אַרויסקומען פון וואַטיקאַן און פון פּויפּסט גופא?

ווי אַזוי חלקיה און זיינע קרייזן האָבן זיך אין אמתן פאַרהאַלטן צו דעם דערמאָנטן געזעץ, און, ממילא, ווי אומגעפער אַזאַ געזעץ וואָלט אויסגעזען ווען ע ר וואָלט אים פאַרפאַסט — דאָס זעען מיר גאַנץ קלאָר פון אַן אַנדער שטעלע. אין מלכים ב׳ (קאַפּיטל כ״ג, פסוקים ח. ט.) לייענען מיר אויסדריקלעך, אַז נאָכדעם, ווי יאשיהו האָט די רעפאָרם דורכגעפירט און האָט אויך בנוגע די פּראָווינציעלע כהנים געוואָלט האַנדלען לויטן געזעץ, האָבן די כהנים פון בית-המקדש פּראָטעסטירט קעגן דעם און אים געשטערט דערין. וואָרים אויב מיר לייענען דאָרט, אַז די כהנים פון די במות זיינען אַפילו געקומען קיין ירושלים, אָבער צום מזבח האָבן זיי קיין צוטריט נישט געהאַט — דאן האָבן מיר אַלע רעכט פון צווישן די שורות אַרויסצולייענען, אַז די מיינונג פון דער העראַרכיע צוליב דעם אייגננוצן פון די אָנגעזעענע כהנים אין דער הויפּט-שטאָט איז אין דעם פרט געווען קעגן דעם קעניג, וועלכער האָט אויך דאָ געוואָלט דעם געזעץ טריי בלייבן. איז אָבער אויך די בעסטע

ראיה, אַז חלקיה קאָן נישט זיין דער פאַרפאַסער פון דעם גע־זעץ.

דעם פאַרפאַסער דאַרף מען בכלל נישט זוכן אין די קרייזן פון דער כהנים־אַריסטאָקראַטיע אין ירושלים. פאַרקערט, גיכער איז צו גלויבן, אַז ער האָט געלעבט אין די קרייזן פון די קליינע נידעריקערע כהנים. ביי זיין גאַנצער רעליגיעזער און זיטלעכער גרויסקייט, ביי זיין העכסטער גייסטיקער באַדייטונג, איז ער דאָך, ווייזט אויס, אַ מאַן, וואָס האָט פאַר־נומען אַ נידעריק אָרט אין דער געזעלשאַפט, אַ זשעני, פון דעם אַרט, וואָס ירמיהו הנביא. איז יענער דאָך געווען דער זון פון אַ פשוטן כהן אין אַ פאָרשטאָט און דאָך אַ גייסט פון ערשטער גרויס.

ווען איז דאָס בוך פאַרפאַסט געוואָרן? כדי צו קאָנען ענטפערן אויף דער פראַגע, מוזן מיר קודם־כל געדענקען, אַז דאָס איצטיקע ד. בכלל קאָן נישט זיין דאָס בוך, וואָס מ׳האָט געפונען אין יאשיהוס צייט. ד. אַנטהאַלט אויך יענץ בוך. ס׳איז אָבער נישט איינס און דאָס זעלבע. עס לאָזט זיך גיכער אָננעמען, אַז דאָס בוך, וואָס מ׳האָט אין יאשיהוס צייטן געפונען, האָט דורכגעמאַכט אַ שטאַרקע איבעראַרבעטונג, און ערשט פון דעם איז אַרויסגע־ומען דער ספר דברים. דאָס געפונענע בוך האָט געקאָנט פאַרפאַסט ווערן אין יחזקיהוס צייט. וואָרים אין יענער צייט, אַזוי שיינט עס, איז אויסגעוואַקסן דער געדאַנק — אין איין אָרט צו פאַרייניקן די קרבנות און דאָס גאָט־דינען. עס דאַרף אָבער ווי זיכער אָנגענו־מען ווערן, אַז דאָס בוך האָט נישט ערשט דעמאָלט אָנגענומען זיין ערשטע געשטאַלט. דאָס הייליקטום פון ירושלים, ווי יעדער גרעסער הייליקטום, האָט פון פאַרצייטן אָן געהאַט זיינע רעגעלן, זיינע געזעצן. דאָרט האָט זיך געפונען דאָס וויכטיקסטע בנוגע קרבנות, דאָרטיקע מנהגים און ווי ס׳דאַרפן זיך אויפפירן יענע, וואָס קומען אַהין גאָט בעטן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אויך די געזעצן פון די הייליקטימער אַנטוויקלען זיך מיט דער צייט, פאַרברייטערן, ענדערן זיך און ביסלעכווייז ווערן זיי אויך ניי־באַ־אַרבעט. אַזוי איז אין יחזקיהוס צייטן דאָרט צוגעקומען די פאָדערונג: דאָס הייליקטום זאָל פאַרייניקט, פאַריינהייטלעכט ווערן. אַנדערע געבאָטן זיינען עלטער פון דער לעצטער. דאָס גאַנצע, ווייזט אויס, זאָל זיין געבויט אויף אַ בוך, וואָס איז אַ פאַראַלעל צום ספר הברית, דערפאַר זאָגט מען אויף משהן, אַז ער האָט דאָס געשריבן, מיט דער צייט זיינען

אָט די רעגעלן, וואָס חלקיהו האָט מיט רעכט אָנגערופן „ספר התורה" (געזעץ-בוך), פאַרנאַכלעסיקט, אָדער גאָר פאַרפאַלן געוואָרן. צוליב דעם רעמאַנט פון בית-המקדש, האָט מען אָט די תורה ווידער געפונען.

אַזוינע זאַכן צו געפינען איז בכלל נישט קיין אומגעוויינלעכע ערשיינונג. שוין אין אַלטערטום האָבן עגיפּטישע אורקונדן געלעגנטלעך דערציילט, אַז מ'האָט די אַלטע רעגעלן פון אַ הייליקטום איינגעמויערט און מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער האָט מען זיי ווידער אַנטדעקט. און נאָך אין אַ פיל שפּעטערער צייט, ווייסט אָריגענס פון אַן ענלעכער „מציאה" אין יריחו. אָבער אַרויסצודרינגען דאָס אייגנטלעכע אויסזען פונם אַ טן ספר דברים דערפון, וואָס חלקיהו האָט געפונען, אַזוי גוט ווי פון דעם, וואָס ליגט אין יסוד פון דעם, עצטן, — דאָס איז אַ צוקונפטס-פראַגע פאַר דער וויסנשאַפט, מיר, איצט, שטייען נאָך ערשט גאָר ביים אָנהויב פון איר לעזונג.

דער פריסטער-קאָדעקס. דערמיט, ווי איך גלויב, איז גענוג דערוויזן, אַז ד. איז נישט פאַר זיך קיין איינהייטלעך און פעסט בוך, נאָר אַז דאָס בוך גופא איז אויך אַרויסגעקומען פון עטלעכע פאַרייניקטע שיכטן. דערפון איז קלאָר, אַז צו דער ראָל, וואָס מ'האָט אים פריער געלאָזט שפּילן — ער זאָל דינען ווי די מאָס, לויט וועלכער מ'קאָן באַשטימען ווי אַלט די איבעריקע ביכער פון חומש זיינען, דערהויפּט דער פריסטער-קאָדעקס — טויג ער כלל נישט. דער געדאַנק וועגן פאַרייניקהייטלעכן דאָס גאָט-דינען דאַרף איצט ווי פריער גילטן פאַר דער מאָס, אין איבעריקן אָבער מוזן געזוכט ווערן זעלבסטשטענדיקע סמנים, כדי לויט זיי צו באַשטימען: ווי אַלט דאָס איינע אָדער דאָס אַנדערע בוך איז.

קודם כל פאַרדינט דאָ אויפמערקזאַמקייט דער פאַקט, אַז פּ. אַזוי גוט ווי ד. איז אויך נישט קיין פעסט, פולקאָמען איינהייטלעך ווערק. דאָס בוך איז אָן ספק אויך צוזאַמענגעשטעלט פון פילערליי, פאַרשיידענע עלעמענטן. ראשית, שטעלט זיין געזעצלעכער טייל פאָר אַ פילגעשטאַלטיק כהנים-ריטואַל, וועלכער איז אַליין ווידער געשאַפן געוואָרן אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן. דאָס געזעץ-און געשיכטס-בוך, וואָס מיר באַצייכענען מיטן אות פּ. אין זיין איצטיקן געשטאַלט, און אייניקע פון זיינע טיילן, שטאַמען פון דער צייט פון גלות אוי פון

דער פריִער נאָך־גלות־צייט. דאָס איז דער ריכטיקער קערן פון גראַף וועלהויזנס השערה אָדער היפּאָטעזע. עס איז אָבער שטאַרק איבערגעטריבן, אויב מ׳ווי׳ יענעם זאַץ אָנווענדן צום גאַנצן פּ. בכלל. דאָס קאָן נישט־גערעכנט ווערן פאַר קיין זיכערן רעזולטאַט פון אונזער וויסנשאַפט. און מ׳דאַרף נישט אויפהערן איבערצוחזרן, אַז מיט אַ גאַנץ הויכער מאָס וואַרשיינ׳עכקייט לאָזט זיך באַווייזן, דאָס גרעסערע טיילן פון הייליקטומס־בוך (ה), און באַזונדערס פון די געזעצן וועגן קרבנות (ויקרא א׳ א. ו.) געהערן אין עצם צו גאָר אַ פריִער צייט.

זייער אָפט ווערט מיט זיכערקייט באַהויפּטעט, אַז יענע געזעצן האָט מען פאַרשריבן, אָדער גאָר געשאפן, ערשט ווען די מלוכה איז אונטערגעגאַנגען און מ׳האָט געטראַכט וועגן ווידעראויפבויען זי. אָט די מיינונג האָט זיך נישט אויף וואָס צו שטיצן. אָבער אַלץ איז דערפאַר, אַז אַזוי גוט ווי ביי אַנדערע פעלקער, בנוגע זייערע הייליקטימער, אַזוי אויך ביי יידן, זיינען אַלע אָנגעלעגנהייטן, וואָס זיינען נוגע גאָטדינען, קרבנות מקריב זיין און כהנים, שוין גאָר פרי שטרענג רעגולירט געווען. און ווייל אומעטום, ווו מ׳האָט בכלל געשריבן, האָט מען זיך אין די קרייזן פון די כהנים אַממייניסטן באַנוצט מיטן שרייבן, דערפאַר איז זייער נאַטירלעך אָנצונעמען, אַז אויך די געזעצן זיינען גאָר פרי פאַרשריבן געוואָרן. דאָס אייגענע לאָזט זיך זאָגן פון דער פּריסטלעכער דערציילונג. מיר דאַרפן זיך נאָר דערמאָנען, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן בריאת העולם כדי צו באַקומען דעם איינדרוק, אַז אויך אויף דעם טייל פון פּ. דאַרף מען נישט קוקן ווי אויף אַ שפּעטערדיקע שאַפונג — הגם וועגן אייניקע דערציילונגען לאָזט זיך דאָס יאָ זאָגן. אויב אַפילו דער איצטיקער נוסח פון בראשית קאַפּיטל א׳ — וואָס איך האַלט פאַר וואַרשיינלעך — איז אָנגענומען געוואָרן ערשט אין גלות בבל, איז עס אָבער כלל נישט אויסגעשלאָסן, אַז די זעלבע דערציילונג האָט עקזיסטירט אין אַ פיל פריערדיקער פאָר־געשטאַלט אויך. בנוגע צו פּרטים, שטייט אויך דאָ נאָך ערשט אַ פרייַ פעלד פאַר דער פאָרשונג. און בנוגע צו זיי זיינען מיר נאָך גאַנץ ווייט פון געזיכערטע רעזולטאַטן.

יהויסט און אלהיסט. ענלעך האַלט עס אויך מיט

די צוויי, אין עצם, עלטערע דערציילער, דעם יהויסט (י) און אלהיסט (א), ווו מיר שטייען אויך נאָך פיל נענטער צום אָנהייב פון דער אַרבעט ווי צו איר סוף. ס'רוב באַנוגענען זיך אונזערע געלערנטע דערמיט, וואָס זיי טיילן אויס איינציקע פסוקים, אָדער האַלבע פסוקים, וואָס געהערן צו י. אָדער צו א. און נאָכדעם קאָנסטאַטירן זיי: דאָ רעדט י, דאָ רעדט א. אָבער ערשטנס, איז וואָס מער אָט די אויסטיילונג דרינגט אַריין אין איינצלהייטן, אין פרטים, און באַנוגנט זיך נישט מיטן אַרומנעמען גרויסע, זעלבסטשטענדיקע, אַלגעמיינע דערציילונגס־גרופּן, אַלץ אומזיכערער, אַלץ סוביעקטיווער ווערן זיי. צווייטנס הויבט זיך ערשט דערמיט אייגנטלעך אָן די אַרבעט. מיר ווילן וויסן: פון וואַנען האָט י. אָדער א. גענומען זיין שטאָף? צי האָבן זיי געאַרבעט פריי, אָדער נאָך אַ פאָרשריפט? און פריער ווי אַלץ: ווי האָבן מיר זיך זיי פאָרצושטעלן אַלס פערזענלעכקייטן, ווי ליטעראַרישע כאַראַקטערן, צי ווי רעליגיעזע? נאָר כדי נישט אָפּצווייכן ווייט פון דער טעמע, וויל איך דאָ נאָר קורץ אָנווייזן, ווו איך זוך אַן ענטפער אויף די פראַגן.

מיר האָבן אַ גרויסן טעות, אויב מיר נעמען אָן—ווי איצט איז דער שטייגער—אַז י. איז נישט קיין פערזאָן, נאָר אַ זאַמל־באַגריף, וואָס צייכנט אָן נאָר אַ „שול”, אַ ריכטונג. ווי זיכער עס איז, אַז ער האָט געהאַט נאָכפאָלגער, תלמידים און חברים, פּאַקטיש אַלזאָ — אַ שול, אַזוי איז עס אויך זיכער, אַז ער איז געווען אַ מענטש פון פלייש און בלוט; נאָכמער, ער איז געווען זייער אַ קלאָרע, בולטע פערזענלעכקייט. אָנגע־פונקט אַזאַ טעות האָבן אויך יענע, וואָס גיבן אים אָן בלויז פאַר אַ זאַמלער פון לעגענדעס. אויך דאָס איז ער נישט. ריכטיק איז, אַז דער יהויסט איז אין איין פערזאָן געווען אי אַ זאַמלער פון געירשנטן גוטס, אי אַ דערציילער, אי אַ פּאָעט, אי אַ פילאָזאָף, אי אַ רעליגיעזער לערער פון זיין נאַציע.

אַלס זאַמלער ווייזט ער זיך אַרויס דערמיט, וואָס ער שטעלט צו־נויף אַלדאָס גייסטיקע גוטס, וואָס מ'האָט אין זיין צייט געהאַט בקבלה, סיי אייגנס, סיי פרעמדס. אין כנען האָבן יידן געפינען זייער פיל דער־ציילונגען, וואָס זיינען פון דער גרויער אור־צייט אָן פאַרבונדן געווען מיט פאַרשיידענע כנענישע ערטער. אַזוי, למשל, די געשיכטע וועגן דעם, ווי דער טויטער ים איז אויפגעקומען און ווי סדום און עמורה זיינען

אונטערגעגאַנגען. די געשיכטע איז אַפילו געבויט אויף אַן ערינערונג פון אַ פּאַרצייטיקער געוואַלדיקער נאַטור־געשעעניש, וואָס איז פּאָרגעקו־מען נ אָ כ ד ע ם , ווי דער טויטער ים איז לאַנג שוין געווען; צוליב דעם געשעעניש האָט זיך אָבער דער טויטער ים מער אויסגעגאָסן צו דרום. מיט אַ באַשטימטן פּונקט אין כּנען איז אויך פאַרבונדן געווען די דערציילונג ווי יעקב האָט אין מחנים, צו מזרח פון ירדן, געמוזט קעמפן מיטן מלאך און אים בייגעקומען. פּרי, אפשר נאָך אין דער צייט פונם זאַמלער, האָט מען די געשיכטע אויפגעפּאַסט סימבאָליש, און דעם קאַמף האָט מען אויסגעטייטשט ווי אַ גייסטיקן קאַמף אין תּפילה־טאָן. מעגלעך, אַז ווען נישט אָט די אויסטייטשונג, וואָלט די גאַנצע געשיכטע נישט גע־ווען אָנגעקומען צו אונז. אָבער אין איר אורגעשטאַלט, האָט מען זי אויך אַמאָל געהאַלטן פאַר אַווירקלעך געשעעניש.

אַנדערע שטאַפּן האָבן יידן שוין אין דער אַלטער צייט, ווי מיר ווייסן, אויסגעבילדעטע אונטערן איינפלוס פון בבל. אויך זיי האָט י. גע־האָט פאַר זיך אין זייער אַלטער אורגעשטאַלט, ער זאַמלט זיי און באַ־אַרבעט זיי. אַנדערע שטאָפּן ווידער זיינען, לויט זייער גאַנצער אַרט נאָך, אַזוי באַשאַפן, אַז מ׳קאָן אָננעמען, זיי זיינען פריער פאַרבונדן געווען מיט די סטעפּן פון דרום ־ פּאַלעסטינע און מיט דעם סיני־האַלב־אינזל. זיי קומען אַרויס פון אַ וועלכער ס׳איז נאַטור־ערשיינונג, וואָס איז אין יע־נע געגנטן באַקאַנט, און פון דאָרט זיינען זיי געקומען קיין כּנען. דאָס וואַנדערנדע פאָלק האָט זיי אַהין געבראַכט. דאָ האָט זיי י. געזאַמלט און פאַרוועבט מיט דער געשיכטע וועגן משהן. דאָס אייגענע האָט ער אויך געטאָן מיט יענע דערציילונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער גע־שיכטע פונם ברענענדיקן דאָרן, דעם פייער־זייל און וואָלקן־זייל; דאָס אייגענע איז אויך געשען מיט די דערציילונגען פון בראשית קאַפּיטלען ב. און ג.; אויך דאָ האָט י. געהאַט בקבלה אַן עלטערן שטאָף און אים באַאַרבעט.

בנוגע די אַלע מאַטעריאַלן איז י. אַ זאַמלער. אָבער נישט אַזעלכער, וואָס שרייבט מעכאַניש צונויף די שטאָפּן, נאָר, וואָס גיט זיי אַ נייע פאָרם, אָבער דערביי טוט ער זיי קיין צוואַנג נישט אָן. אומעטום שפּירט מען זיין האַנט, וואָס פאָרמירט דעם שטאָף און ווירקט אויף אים מיט זיין פּאָעטישן גייסט. און דערביי שפּירט איר די פּיעטעט צו אַזוי־

נע רעליגיעזע אָנשויונגען, וואָס פאַר אים זיינען זיי שוין לאַנג אָפּגעלעבט. און סבלנות מערקט איר דאָ צו אַזוינע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט, וואָס געהערן שוין אייגנטלעך צו אַ לאַנג פאַרגאַנגענער קולטור-שטופע. אין פוילן באַוווסטזיין, אַז ער שטייט ווייט העכער פון אַזעלכע אָנשויונגען לאָזט ער אָן מורא גאָט אַראָפּגיין אויף דער ערד, טאָן אויף איר פאַרשיידענע זאַכן, און מיטן מענטשן אויסערלעך צו רעדן און האַנדלען ווי אַ מענטש. דאָס אַלץ געשעט אַזוי פריי און נאַטירלעך, אַז לאַנג האָט מען געמיינט, און פיל מיינען נאָך איצט אויך, אַז דאָ זאָגט ער עס אַרויס זיין אייגענע מיינונג און ער איז נישט מער ווי אַ מענטש, וואָס דערציילט געשיכטן מיט פאָלקסטימלעכער נאַיוויטעט.

ווי ווייט ער איז פון צו זיין אַזאַ מין געשיכטן-דערציילער, דאָס ווייזט ער אַם קלאָרסטן דאָרט, וווּ ער אַליין טרעט אַרויס ווי אַ דערציילער. דאָרט באַווייזט ער זיך נישט בלויז ווי אַן אמתער ק י נ ס ט ל ע ר און פּאָעט, וואָס פאַרמאָגט דעם אומדערגרייכבאַרן כּשוף פון חן און פרישקייט, די איבערטרעפלעכע קונסט צו שילדערן, נשמות צו מאָלן און דאָס לעבן צו צייכנען, נאָר דאָ טרעט ער אַרויס אויך ווי אַ בולטע, אייגנאַרטיקע ר ע ל י ג י ע ז ע פּערזענלעכקייט. דאָרט גייט גאָט נישט אַרום אויף דר'ערד, נאָר אין הימל איז ער, און אפשר נאָר דורכן קוק אָדער דורך שליחים שטייגט ער אַראָפּ אויף דער ערד. דאָרט איז ער נישט צוגעבונדן צו איין אָרט, נאָר ער באַגלייט יעקבן און אליעזרן קיין ארם-נהרים, משהן און זיין פאָלק ישראל — אין דער מדבר, פּלאָגט פּרעהן אין מצרים, קורץ: אומעטום, וווּ דער פרומער זוכט אים און דאַרף אים, דאָ געפינט ער אים גרייט מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם. און גראָד אָט די שטריכן העלפן אונדז דערקענען דעם חילוק צווישן די שטיקער, וווּ ער אַליין דערציילט, און צווישן יענע, וואָס ער האָט פאַרטיקע אויפגענומען.

און דאָרט, וווּ ער ווייזט אונדז אַרויס זיין אמתן מהות, דאָרט זעט מען מיט פולער קלאָרקייט, אַז ער איז אויסן צו זיין מ ע ר ווי נאָר אַ דערציילער, און אַפילו מער ווי אַ געניאַלער קינסטלער. נישט געקוקט אויפן עסטעטיש-כּשופדיקן איינדרוק, וואָס זיינע דערציילונגען מאַכן, איז דאָך פאַר אים די קונסט נישט דאָס העכסטע. דער חן, וואָס זיי פאַרמאָגן, דער תענוג, וואָס זיי פאַרשאַפן אייך, זיינען פאַר אים נישט קיין

זעלבסטצוועק, נאָר מ י ט ל ע ן צו העכערע צוועקן. דאָס, וואָס ער דערציילט, איז אָפטמאָל נישט סתּם אַ געשיכטע, נאָר אַ פּראָבלעם. דאָס איז פילאָזאָפיע אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג.

און אַזוי איז ער, סוף כּל סוף, נישט אַנדערש ווי דער פילאָזאָף און דער רעליגיעזער לערער פון זיין פאָלק. די לעצטע פראַגן, וואָס קאָנען אַ מענטשנס האַרץ באַוועגן: פון וואַנען קומט עס, וואָס די מענטשן מוזן שטאַרבן? פון וואַנען זיינען חרטה און ליידן און דערהויפּט די זינד געקומען אויף דער וועלט? פאַרוואָס מוז דער מענטש זיין ברויט עסן דווקא מיטן שווייס פון זיין פּנים? פאַרוואָס מוז די פרוי די גליקלעכסטע שעה פון איר לעבן אויסקויפן דווקא מיט די ביטערסטע שמערצן? ווי אַזוי זיינען עס די מענטשן, וועלכע זיינען דאָך ברידער, און פון דער היים אויס — איינס, אין שפּראַכן און פעלקער געטיילט, אַזוי אַז איינער פאַרשטייט נישט, וואָס דער אַנדערער רעדט? — די און ענלעכע פראַגן, וואָס האָבן אים טיף גערירט, און דאָס, וואָס ער, אַלס חכם, אָדער ריכטיקער, אַלס דער גרעסטער חכם צווישן די חכמים פון זיין פאָלק, האָט געוווסט צו ענטפערן אויף זיי, דאָס האָט ער אַריינגעלייגט אין זיינע אורגעשיכטעס און דערין קניפּט ער אָן די ווייטערדיקע געשיכטע.

נישט אַלץ איז פון זיין גייסט געבוירן. נאָך ווייניקער איז דאָס אַ ל ץ די פרייע שאַפונג פון זיין פאַנטאַזיע. נאָר דאָס, וואָס איז צו אים אָנגעקומען, — פונם זינגען און זאגן אין דער גרויער אור-צייט, אָדער פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט, דאָס נעמט ער אויף און גיט עס די רעכטע פאָרם. און אַלע מיטן און דערציילונגען, אייגענע און פרעמדע, וואָס ער האָט געפונען: וועגן דער שלאַנג, גן-עדן, עץ-החיים און עץ-הדעת אָדער וועגן דור-הפלגה — דאָס אַלץ נוצט אים ווי אַ יסוד פאַר זיינע דערציילונגען. און אַמאָל פאַרווענדט ער דאָס אַזוי, אַז ס'זאָ, אים גילטן ווי אַן אָנשפּאַר פאַרן ווייטערדיקן. פון דעם שטאָף, אָדער מיט דער הילף פונם שטאָף, שאַפט דער רעליגיעזער זשעני, וואָס האָט זיין גלייכן נישט, אַ מייסטער-ווערק פון דער עולמשער און רעליגיעזער ליטעראַטור פון אַלע צייטן. און ווי לאַנג אמתע שיינקייט און אמתע פרומקייט וועט הויך געשעצט ווערן אויף דער וועלט, אַזוי לאַנג וועט אויך דאָס ווערק גילטן ווי אַ פּערל צווישן אַלע אַנדערע שאַפונגען פון מענטשלעכן גייסט.

און פאַרטיפנדיק זיך אין יענע לעצטע פראַגן, שטייגט ער אַרי-

בער די הויפּנס מיטן, און הייבט אויף זיין פאָלק צו אַזאַ מין רעליגיעזער הויך, צו וועלכער נאָר נביאים זיינען מסוגל. ער האָט געקאָנט קומען דערצו נאָר פאַרטיפנדיק זיך אין דעם מהות פון גאָט און אין דערקענטעניש פון גאָט — דעם גאָט פון ישראל, וועלכער איז אויך אונזער גאָט, — און ווי אַלע פראַגן, וואָס האָבן אים אָנגערירט, האָט ער אויך זיין ג אָ ט געלאָזט זיך נאָנט צום האַרצן נעמען און האָט זיי ענג פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט פון גאָט, און מיטן זיטלעכן געבאָט, וואָס האט אים פון זיין גאט אַרויסגעשטראַלט. אַזוי שאַפט ער אַ בילד, ריכטיקער, אַזוי ווערט אים געשענקט אַ בילד, וו מיטן און לעגענדעס זיינען, אמת, פאַרוועבט, וואָס איז אָבער אומענדלעך מ ע ר. דעריבער קאָן מען נישט זאָגן: עס איז ד אָ ס, אָדער עס איז י ע נ ץ. מיר אַליין קאָנען דאָס נאָר דאַן אָפּשאַצן, ווען מיר רופן עס אָן: אַ נביאישער קוק, אַ נביאישע שאַפונג, אָדער גאָר אַ נביאישע אַנטפּלעקונג.

דערמיט, וואָס עס איז דאָ ביז איצט געזאָגט געוואָרן, איז אויך שוין דערוויזן, אַז אויב דאָס ווערק פון י. זאָל אַפילו שטאַמען פון דער צייט פון אליהו הנביא, שטיצט עס זיך דאָך אָבער אויף עלטערע און, צום טייל, אויף פ י ל עלטערע שריפטן. דאָס אייגענע גילט, אין עיקר, אויך פאַר א. עס וואָלט, נאַטירלעך, געווען פון העכסטן ווערט, ווען מיר וואָלטן אָט יענע אַלטע שריפטן געקאָנט גענויער באַשטימען, דערהויפּט באַשטימען זייער צייט. אָבער דאָ האַלט נאָך אַלץ כמעט ערשט ביים וו ע ר ן. נאָכמער, ביז איצט האָט נאָך די פאָרשונג כמעט ווי נישט אָנערקענט, אַז דאָ ליגט פאַר אונז אַן אייגנטימלעך פעלד צום באַאַרבעטן, שוין נישט צו רעדן דערפון, אַז מ׳זאָל שוין ווי געהעריק האָבן צוגעטרעטן צו דער ארבעט. אייניקע באַמערקונגען וועגן דעם ענין וועט מען אין קומענדיקן דריטן חלק געפינען.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

דער מהות און די מעטאָדע פון דער העברעישער געשיכטע-שרייבונג

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר קאָנען נישט דערוואַרטן צו געפינען אין תנך קיין געשיכטע-שרייבונג אין אונזער הייגטיקן זין. די, וואָס האָבן דעמאָלט פאַרשריבן די פּונקטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָבן עס נישט געהאַלטן פאַר זייער אויפגאַבע, שטרענג-היסטאָריש צו קריטיקירן דאָס, וואָס זיי האָבן באַקומען בקבלה, און אָפּשיידן דאָס אמתע פון דעם, וואָס איז ווייניקער אמת, וואָס איז נישט מער ווי אַ לעגענדע. און ווי ווייט זיי וואָלטן אפשר יאָ אָפּגעשיידט דאָס פאַלשע פון דעם ריכטיקן, וואָלטן זיי עס העכסטנס געטאָן אין דעם זין, וואָס זיי וואָלטן אינגאַנצן פאַרשוויגן דאָס, וואָס עס וואָלט זיי אויסגעוויזן נישט-אמת. זיי זייגען אָבער גאַנץ ווייט פון יענע פיינערע אונטערשיידן צווישן פאָלקס-לעגענדע און שטרענגער געשיכטע: וואָס עס ווערט דערציילט, דאָס דאַרף אויך גילטן ווי אַ פאַקט. און דאָרט, ווו די פאַרפאַסער, אָדער ריכטיקער, די זאַמלער, האָבן זיך יאָ פאַרנומען מיט קריטיק, האָבן זיי עס געטאָן, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אין אַן אַנדער זין. ס'רוב האָבן מיר דערום צו טאָן מיט דערציילונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק און פון גרויסע מענער, מיט קבלות, וואָס זייגען פאַרשפּרייט געווען אין פאָלק, וועלכע מ'האָט ביסלעכווייז צונויפגעזאַמלט. און ס'רוב איז שוין אונזער אייגענע אויפגאַבע אויסצופּרוּוון: ווי ווייט דאָס אַלץ דאַרף גילטן ווי קוועלן פאַר אונזער קענען די ווירקלעכע געשעענישן.

1. **די פאָרשטופּע פון די היסטאָרישע ביכער: פאָלקס-דערציילונגען און געזאַנגען וועגן העלדן.** ווי אַלע אַנדערע ליטעראַטורן, אַזוי איז אויך די יידישע געשיכטע-שרייבונג — און בכלל אַלע געשיכטלעכע פאַרפאַסונגען אין פּראָזע — אַרויסגעוואַקסן פון דער פּשוטער מינדלעכער דערציילונג פון איין זייט און פונם ליד און געזאַנג וועגן העלדן פון דער אַנדערער זייט. דאָס אַלטע ישראל האָט געמוזט זיין אַ שטאַם, וואָס האָט זייער

ליב געהאַט צו זינגען. ביי יעדער געשעעניש אין לעבן קומט באַלד אויף ביי אים ליד און געזאַנג: כדי צו הויבן די שטימונג און כדי אויסצודריקן דאָס, וואָס רעגט זיך אין האַרצן. חתונה און טויט, נצחון און רויב, תּבואה־שניט און וויין־טריט, יום־טוב און אַ פריילעכער מאָל־צייט — אַלץ ווערט באַגלייט מיט לידער. ווען דער פעלדמאַרשאַל קערט זיך אום פון דער מלחמה נאָך אַ גרויסן נצחון, וואָס ער האָט אָפּגע־האַלטן איבערן שונא, ווערט ער אַהיים געפירט מיט סטרונען־שפּיל, געזאַנג און טענץ. און ווען גרויסע מעשים ווערן אין פאָלק געטאָן, ווערן זיי געריימט און געלויבט דורך העלדן־געזאַנגען. אָט אַזוי לעבט דער העלד און זיין טאַט אין זכרון פון פאָלק אויך נאָכדעם, ווי דער העלד איז לאַנג שוין אויף דער וועלט נישטאָ.

אַז די יידן זיינען אריבערגעגאַנגען דעם ים־סוף, האָבן אהרן און מרים — אַזוי שטייט געשריבן — געזונגען אַ ליד פון נצחון, וואָס איז נאָך דערהאַלטן ביז איצט:

שירו ליהוה, כי גאה גאה
סוס ורכבו רמה בים (שמות ט״ו, כא.)

און אַז ברק און דבורה האָבן געענדיקט יענע געוואַלטיקע מלחמה, וואָס האָט אויף שטענדיק באַפרייט די יידן פונם יאָך פון די כנענים, — דעמאָלט זאָל דבורה האָבן געזונגען יענץ גייסטיק־מעכטיקע נצחון־ליד, וואָס טראָגט נאָך איצט איר נאָמען („שירת דבורה״) און האָט יענע באַ־פרייונגס־מלחמה אומשטערבלעך געמאַכט (שופטים ה׳). אַז שאול און יהונתן זיינען אין אַ הייסער פעלד־שלאַכט געפאַלן אויפן באַרג גלבוע, האָט דוד גענומען זיין האַרפע און האָט זיי באַוויינט און האָט אויף זיי אַ העלדן־ליד געזונגען. די דאָזיקע קינה און דאָס דאָזיקע ליד זיינען נאָך איצט דער בעסטער באַווייז ווי גרויס דודס אייגענע נשמה איז גע־ווען, ווי גרויס זיין פּאָעטיש... טעני, און דאָס מאַכט אויך ערע זיי־נע אומגליקלעכע געגנער (שמואל ב׳ א. י״ז און ו.). און אַז דוד אַליין האָט זיך אומגעקערט פון שלאַכט־פעלד נאָך גרויסע העלדן־טאַטן, האָבן אים די יידישע פרויען געזונגען דאָס ליד:

הכה שאול באלפיו
ודוד ברבבותיו (שמואל א. כ״א, כ״ב און ו.)

דאָס זיינען געווגנדיקע ראיות דערצו, וואָסער ראָלע דאָס העל־

דן־ליד האָט געשפּילט אין לעבן פון דעם אַלטן ישראל. מיר האָבן זי־
כער קיין טעות נישט, ווען מיר שטעלן זיך פאָר, אַז אומעטום איז גע־
ווען צו געפינען דעם היימישן אָדער דעם וואַנדערנדיקן ז י נ ג ע ר
אָדער ד ע ר צ י י ל ע ר , וועלכער איז געווען א וויכטיקער באַשטאַנד־
טייל פונם עפנטלעכן לעבן. אַזוי איז געווען ביי אַנדערע פעלקער,
אַזוי אויך ביי יידן. אַזוי איז עס אינם איצטיקן מזרח, אזוי איז עס
אויך געווען אין אַלטערטום. בעת די יום־טובים — ביי די הייליקטימער;
בעת ירידים און מערק — אויף די פאַרזאַמלונגס־ערטער, אויפן פרייען
פלאַץ פאַרן טויער פון שטאָט; אויף דער לאַגער־שטעלע, בעת דער
וואַנדערונג, ביים קעניגלעכן טיש און ביים מאָלצייט פון די גרויסע —
קורץ: אומעטום און צו יעדער צייט, ווו ס'איז נאָר געווען דערצו אַ
געלעגנהייט, געפינען מיר, אָן צווייפל, דעם זינגער און דערציילער, ווי
ער זינגט וועגן די טאַטן פון די העלדן, וועגן דער געשיכטע פון דעם
אָדער יענעם הייליקטום און וואָס דורך אים איז געשען; פון די שונ־
אימשע, אָנפאַלן און ווי אַזוי מ'האָט זיי אָפּגעשלאָגן אָדער ער דערציילט
פונם ,עבן פון די עלטערן און ווי יהוה האָט פאַרצייטן אָנגעפירט מיט
זיי און זיי געפירט אין לאַנד אַריין. אַזוי ווי איצט נאָך אין מזרח,
ווו עס פעלן ביכער און צייטונגען, קומט אָנשטאָט זיי דער זינגער און
דערציילער, וועלכער באַפרידיקט דאָס נאַטירלעכע באַדערפעניש נאָך אונ־
טערהאַלטונג און גייסטיקער אָנרעגונג, אַזוי איז עס געוויס געווען אויך
אין אַלע צייטן.

ווען און צו וועלכע צילן האָט מען די דערציילונגען דערציילט?
דאָס קאָנען מיר גאַנץ גוט זען פון אונזערע טעקסטן גופא: ביי פסח, למשל,
שטייט געשריבן (שמות י״ב כ״ז): „און אויב אייערע קינדער וועלן אייך
זאָגן: וואָס פאַר אַ מנהג האָט איר דאָס? זאָלט איר זיי ענטפערן...”
און דאָ זאָל דערציילט ווערן די מעשה פון יציאת־מצרים, און ווי יידן
זיינען געראַטעוועט געוואָרן. די דערציילונג קומט אַלזאָ אין אַ נאַציאָ־
נאַלן יום־טוב, כדי די ערינערונג פונם געשעענעם ווייטער איבערצו־
געבן פון דור צו דור. ענלעכס דאַרף מען זיך פאָרשטעלן בנוגע די גע־
שיכטע פון די אבות: די דערציילונג פון יעקבס וואַנדערן קיין בית־אל
און וואָס עס איז דאָרט מיט אים געשען. אין אַלטע צייטן איז אין בית־
אל געשטאַנען אַ הייליקער שטיין, וועלכן מען פ,עגט זאַלבן מיט אייל.

און שפּעטער איז דאָס געוועזן זייער אַ באַרימט הייליקטום, פיל פלעגן דאָס באַזוכן און אַהין פלעגט מען אַפילו צו יהוה מעשר ברענגען. און אין גרויסע ימים־טובים, ווי סוכּות, למשל, ווען אַ גרויסע מאַסע מענטשן פלעגט אַהער עולה־רגל זיין, איז איינער פון צווישן זיי, אָדער גאָר אַ כּהן פון בית־אל גופא, אַרויסגעטראָטן און האָט דערציילט דער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט פרום צוגעהערט, וואָס עס איז פּאַרצייטן אין דעם אָרט געשען: ווי יעקב אבינו איז אַהערגעקומען, דאָ, אויף אָט דעם שטיין, וועלכן ס׳איז נאָך געווען צו זען, האָט ער איבערגענעכטיקט, און ווי ער האָט דאָ אין הייליקער חלום־זעונג געזען דעם הימל אָפן און ווי גאָטס מלאכים שטייגן אַרויף און אַראָפּ, וואָס דאַרף באַווייזן, אַז אויף דעם אָרט האָט זיך גאָט מיט אַ באַזונדערס גליקלעכן באַנד פאַרקניפּט מיט זיינע פרומע, מיט וואָסער אַ ברענענדיקן עקסטאַז זיי האָבן די געשיכטע אויפן אָרט גופא אויסגעהערט און מיט וואָסער אַ באַגייסטערונג האָבן זיי, קומענדיק אַהיים, איבערגעגעבן די זעלבע געשיכטע זייערע קינדער און קינדס־קינדער — דאָס לאָזט זיך זייער גרינג פאָרשטעלן.

ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָט מען געקאָנט דערציילן פון אברהם אבינו, פון יוסף הצדיק, פון משה רבינו, פון דבורה, פון גדעון — ביז וואַנען די ערשט־נישט־לאַנג אויפגעקומענע מלוכה האָט אין שאולן און אין יהונתן, דערהויפּט אָבער אין דודן און אין די זייניקע, געשאַפן נייע געשטאַלטן און זייער לעבן און זייערע טאַטן האָבן געגעבן זייער פיל נייעם שטאָף פאַר דערציילונגען.

אַזעלכע געשיכטעס און געזאַנגען גייען איבער פון מויל צו מויל, פון דור צו דור — און וואָס פעסטער זייער פאָרם איז געשמידט, אַלץ טרייער און פּינקטלעכער ווערן זיי איבערגעגעבן. דאָס איז די מעלה פון דער געבונדענער רעדע. די פּשוטע דערציילונג ווערט ביים אויסעווייניקדיקן איבערגעבן ס׳רוב געענדערט אין איינציקע פּונקטן — סיידן דער אינהאַלט אירער איז הייליק, און דערום איז מען זייער מדקדק ביים איינחזרן זי, און אויף דעם אופן ווערט זי קינסטלעך אָפּגעהיט אין אַלע קלענסטע פּרטים. צוליב די דאָזיקע ענדערונגען, וואָס פאַלן אַריין אין אַ דערציילונג ביים אויסעווייניקדיקן איבערגעבן, קומט עס צומאָל צו דאָפּל־דערציילונגען, וואָס זיינען אָפט נישט מער ווי פאַראַ-

לעכן, אָדער בלויז פאַרשיידענע נוסחאות פון א י י ן הויפטדערציילונג. ביים ליד און געזאַנג קאָנען אויך אַמאָל איינציקע גלידער צוּוואַקסן אנדערע, ווען אויך זעלטענער, פאַרשיידן געזונגען ווערן. די פעסט־געבונדענע פאָרם איז אָבער אַ גרויסע שטיצע פאַרן זכרון און ממילא אויך שוין פאַרן פינקטלעכן ווייטער־איבערגעבן — ווייל די פאָרם שיצט דאָ די דערציילונג פון צופעליקער און נישט־צופעליקער ענדערונג. דאָס אייגענע איז מסתמא נישט בלויז מיט די לידער, אָדער טיילן פון זיי, נאָר אויך מיט די עלטסטע אָפגעפאַסטע דערציילונגען פון דודס און שאולס העלדישע מעשים, אויסטערלישע געענג און צופאַלן, וועגן די מעשים און נצחונות פון די שופטים און פון די מענער פון דער העלדן־צייט, דערהויפט אָבער פון משהן און פון די אָבות. וואַנדערנדיקע דערציילער און זינגער האָבן די אַלע געשיכטעס פון אָרט צו אָרט געטראָגן, זינגער־און דערציילער־קרייזן האָבן זיי צווישן זיך אויפגעהאַלטן, און פון דור צו דור ווייטער פאַרפלאַנצט. מיר וועלן קיין טעות נישט האָבן, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז די דערציילונגען פון חומש: י. און א. פון וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט, ווי אויך אייניקע פון די דערציילונגען, וואָס זיינען באַאַרבעט געוואָרן אין שופטים און אין שמואל, זיינען פון מינדלעכער אָפשטאַמונג און מערסטנטיילס אין געבונדענער רעדע געהאַלטן געוואָרן. צום טייל וואַקסן זיי אַלזאָ פון אַ מין ע פ י ש ע ר ד י כ ט ו נ ג. זייער עלטער איז, נאַטירלעך, זייער פאַרשיידן, אָבער איינצלנע צווישן זיי, און בפרט ביי י. און א. קאָנען דערגרייכן ביז אין דער גרויסטער פאָרצייט. ביי אַנדערע פעלקער האָבן מיר ביישפילן דערפון, ווי שטאַמביימער (יחוס־רשימות) און הייליקע טעקסטן זיינען אויף אַזאַ אופן, אויסעווייניק, הונדערטער יאָרן לאַנג, פון דור צו דור איבערגעגעבן געוואָרן.

אָבער אפילו דאָס ליד און דאָס געזאַנג פאָדערן אויך ביי מינדלעכן איבערגעבן זייער גרויסע פינקטלעכקייט און פאָרזיכטיקייט, כדי זיי טריי און אומגעענדערט צו דערהאַלטן. דערפאַר — איז וויבאַלד אין אַ פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן דאָס געשריפטס, ציט מען פון אים דעם נוצן—צו ערשט בלויז צו העלפן דעם זכרון, בנוגע דעם אויסעווייניקדיקן פאָרטראָגן, אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַרנעמט דאָס שרייבן דעם אָרט פונם אויסעווייניקדיקן געדענקען. פון דער אויסעווייניקדיקער קבלה



סעמיטן פון דרום־פּאַלעסטינע, וועלכע האָבן — מחמת אינעווייניקסטע מלחמות און אומגערעטעניש אין פּאַלעסטינע — אויסגעוואַנדערט קיין מצרים; אַ הוילער באַאמטער נעמט זיי אויף



חורבות פונם ניי־געפונענעם פּאַלאַץ פון מלך אחאב אין שמרון

טאוול יז״ו.

ווערט אַ **שריפטלעכע**. זי הייבט אָן מיט פאַרשרייבן איינצלנע לידער און געזאַנגען, איינצלנע קבלות וועגן הייליקטימער; אָדער זי הייבט אָן מיט געשיכטן וועגן העלדן און נצחונות; מיט געשיכטן וועגן דעם, ווי ס׳זיינען געגרינדעט געוואָרן „הייליקע ערטער” און וועלכע מ׳האָט אין די דאָזיקע הייליקע ערטער גופא באַהאַלטן; מיט רשימות פון קריגסלייט, גבורים און זייערע מעשים, שרים און מלכים; מיט איינצלנע פאַלן אָדער גאַנצע פאַמיליען־געשיכטן פונם לעבן פון גרויסע מענטשן און דאָסגלייכן. וועגן דעם נאָך שפּעטער — אויספירלעכער.

אָט אַזוי, דאַרפן מיר זיך פאָרשטעלן, זיינען געשאַפן געוואָרן יענע עלטסטע טיילן, פון וועלכע ס׳באַשטייען די **געשיכטלעכע ביכער**, וואָס מיר האָבן אין תנך. די דאָזיקע ביכער, ווי מיר האָבן זיי איצט פאַר אונז, זיינען, נאַטירלעך, נישט קיין איינהייטלעכע שאַפונגען, שטאַמען נישט אויסשליסלעך פון פריע צייטן און זיינען אויך נישט געשאַפן געוואָרן גלייכצייטיק מיט די געשעענישן, פון וועלכע זיי דערציילן. גיכער דאַרף מען אָננעמען, אַז צו זייער **היינטיקער** פאָרם זיינען זיי געקומען ערשט בערך אין אַ שפּעטערער צייט. אָבער אין זיי האָבן מיר פאַר אונז, אַלע יענע אַרטן פון די עלטערע און עלטסטע פאָרשטופן פון געשיכטע־שרייבונג.

2. **זייער היינטיק געשטאַלט**. אויך דאָ געפינען מיר לידער און געזאַנגען פון דעם אַרט, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט; מיר געפינען רשימות פון דודס גבורים, שלמהס שרים און אַלערליי העלדן־טאַטן און שטיקלעך פון זיי; מיר געפינען דאָ קבלות וועגן דער געשיכטע פונם געטלעכן אַלטן אָרון און אייניקע שווערע אומגליקן, וואָס האָבן מיט אים געטראָפן און וואָסער אַ נצחון ער האָט סוף כל סוף אָפּגעהאַלטן איבער די שונאי־ישראל. מיר לייענען דאָ וועגן די מעשים פון די שופטים און באַזונדערס פון ברק און דבורה, גדעון און אויך זיין זון אבימלך, פון יפתח און שמשון, מיר לייענען דודס פאַמיליען־געשיכטע, ווי פאַר זיינע עברות האָט מען פון אים אַליין און פון זיין גאַנצן הויז נקמה גענומען. מיר לייענען דאָ וועגן די מלחמות און נצחונות פון דעם גרויסן מלך, פון שמואל און וועגן דער גייסטיקער קראַנקהייט פון דעם אומגליקלעכן קעניג. אָט די און ענלעכע דערציילונגען זיינען דער אייגנטלעכער יסוד, אָדער דער עיקר פון דער

עלטערער געשיכטלעכער ליטעראַטור, אויסער דעם חומש, וואָס מיט זיי־נע דערציילער, און בפרט מיט י. און א., קומען די דערציילער פון שופטים און שמואל זייער אָפט אין שטאַרקער באַרירונג. צו די דערציילונגען קומען שפּעטער צו ווייטערע: וועגן שלמהן, זיינע אוצרות, זיין חכמה און זיין גערעכט־קייט; וועגן די נביאים און מלכים און זייערע מעשים אין יהודה און אין ישראל; וועגן די פרעמדע פעלקער, וואָס האָבן זיך אַריינ־געמישט אין די יידישע אָנגעלעגנהייטן: צווערשט די סיריער, נאָכדעם אַשור, בבל, און וועגן דעם גורל פון די ביידע מלוכות, ביז וואַנען זיי זיינען אונטערגעגאַנגען.

נישט אַלץ האָבן מיר דאָ אויסגערעכנט. וואָס מיר האָבן דער־מאָנט, איז נישט מער ווי אַ קורצער איבערבליק איבער די וויכטיקסטע שטאָפן, וואָס זיינען א י צ ט דער עלטערער אינהאַלט פון די ערשטע היסטאָרישע ביכער: שופטים, שמואל און מלכים. און וואָלט אַפילו אונ־זער רשימה געווען אַ פולשטענדיקע, וואָלט זי אויך ווייט נישט געקאָנט אויסרעכענען אַלע די לידער, געזאַנגען, רשימות, אורקונדן און געשיכ־טעס אַלערליי, וואָס זיינען אמאָל געווען ביי יידן. מיר ווייסן, אַז אַזעלכע שטאָפן זיינען אַמאָל געווען ביי יידן אַ סך מער ווי איצט. וואָרים מיר האָבן שפּורן פון עטלעכע ביכער און זאַמלונגען, וואָס האָבן אַנטהאַלטן די גרויסע מעשים פון די אַלט־יידישע העלדן — „ספר הישר״, ד. ה. דאָס בוך פון די מוטיקע העלדן, און וועגן די מלחמות פון דער העלדן־צייט — „ספר מלחמות יהוה״. און אויסערדעם קאָנען מיר מיט זיכער־קייט משער זיין, אַז אַ חוץ די דאָזיקע ביכער, וואָס ווערן בפירוש דער־מאָנט, זיינען געווען נאָך אַנדערע זאַמלונגען אויך; יעדנפאַלס האָבן זיך דאַן געפינען פיל לידער און געשיכטן, וואָס זיינען צו אונז נישט אָנגע־קומען.

דערמיט זיינען מיר שוין ממילא געקומען צו דער פראַגע וועגן דער ר ע ד אַ ק צ י ע, וועלכע האָט יענע ביכער געגעבן ד אָ ס גע־שטאַלט, אין וועלכן מיר זעען זיי איצט פאַר אונז. די פאַרשיידענע שטאָפן, וואָס מיר האָבן דאָ פריער אָנגערופן, זיינען — הן לויט דער צייט און דעם אָרט, ווו זיי זיינען אָפּגעפאַסט געוואָרן, הן לויט זייער אינהאַלט, סטיל און אייגנאַרטיקייט—שטאַרק פאַרשיידן פון אַנאַנדער. אין דעם פרט אָבער זיינען זיי אַלע גלייך, נעמלעך: די שפּעטערע זאַמלער

האָבן זיי אַלע גלייך געפונען פאַר ווירדיק איבערצולאָזן פאַר די קומענדיקע דורות. און דעם פאַקט אַליין האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען, וואָס זיי זיינען צו אונז אָנגעקומען. ווי קומט דאָס אָבער, און מיט וואָס האָבן זיך דערבײַ די זאַמלער גערעכנט?

ווען מיר זאָלן אַ ביסל גענויער באַטראַכטן די ספרים: שופטים, שמואל און מלכים, ווי מיר לייענען זיי איצט, דאַן לאָזט זיך אָן שווערייקייטן דערקענען, אַז די ביכער, אין זייער היינטיקן געשטאַלט, זיינען אַ רעזולטאַט פון גרינדלעכער אַרבעט פון זאַמלער און רעדאַקטאָרן. די דערשיינונג, וואָס איז ביים חומש צו זען, אַז דאָס איינע אָדער אַנדערע בוך א י ז נ י ש ט — ווי עס וואָלט לכתחילה געקאָנט אויסזען — פון אָנהויב ביזן סוף אַרויסגעקומען פון איינער און דערזעלבער האַנט, נאָר אַז פאַרשיידענע, יעדע פאַר־זיך זעלבשטענדיקע, אורקונדן זיינען דורך אַ דריטן צונויפגעוועבט געוואָרן מיט אַנאַנדער, — די אייגענע דערשיינונג טרעפן מיר דאָ אויך. הגם דאָס איז פאָרגעקומען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, וואָס לאָזט זיך נאָר טיילווייז פאַרגלייכן דערמיט, וואָס איז אין דעם פרט פאָרגעקומען ביים חומש. נאָכדעם, וואָס עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן וועגן אייניקערליי שטאָפן, וואָס זיינען פאַרווענדט געוואָרן אין די דאָזיקע ביכער, ווערט עס שוין פאָרויס זייער וואַרשיינלעך, אַז נישט א יי ן מענטש האָט די אַלע ביכער געשריבן.

דאָס אייגנאַרטיקע אין די ביכער איז דער אַרט, ו ו י אַ ז ו י דער זאַמלער, — און גלייכצייטיק, אויך שוין די רעדאַקטאָרן — האָבן געאַרבעט. אַמקלאָרסטן לאָזט זיך דאָס זען אין ש ו פ ט י ם און אין מ ל כ י ם. פון ביידע ביכער, און פונם לעצטן נאָך קלאָרער ווי פונם ערשטן, טראָגן מיר אַרויס דעם איינדרוק, אַז דער איצטיקער פאַרפאַסער פונם בוך האָט דאָ אַרויסגעפירט פאַרן לעזער געוויסע, פאַר אים אין עצם שוין פאַרטיק געוועזענע, בילדער — לעבנסבילדער פון איינצלנע ריכטער, אָדער בילדער פון זייער צייט און פון זייערע טאַטן. דאָס טוט ער אָבער אַזוי, אַז די בילדער ווערן איינגעפאַסט אין גאַנץ באַשטימטע ר אַ מ ע ן. דאָ דערמאָנט מען זיך אָן אַן אמת, וואָס איז די לעצטע צייט שטאַרק אָנערקענט, דערהויפּט אויפן געביט פון קונסט, נעמלעך: כּדי אַז אַ בילד זאָל האָבן די ריכטיקע ווירקונג אויף דעם באַטראַכטער, און ער זאָל דאָס פאַרשטיין אַזוי, ווי דער קינסטלער האָט באמת פאַרלאַנגט,—

איז עס כּלל נישט אַלץ איינס אין וואָסער אַ ראַם מ׳האָט דאָס אַרייַנגעשטעלט, און וואָסער אַן ערקלערונג ס׳ווערט אים דורך דער ראַם געגעבן. נאָר דאָ, אין אונזער פאַל, איז די לאַגע אַזאַ, אַז נישט דער קינסטלער אַליין מאַכט די ראַם, נאָר אַן אַנדערער, וועלכער פאַרבינדט דעם גאַנצן ציקל בילדער אינאיינעם, דורך אַן אייַנהייטלעכער, שטימונגספולער ראַם, וועלכע זאָל שוין לכתחילה שאַפן פאַרן באַטראַכטער די ריכטיקע פערספּעקטיוו.

אַזוי האָט דער פאַרפאַסער פונם איצטיקן בוך שופטים אַלע זייַנע פּראָלאָגן און עפּילאָגן צו די געשיכטעס פון אייַנצלנע שופטים געשריבן כמעט מיט די זעלבע סטערעאָטיפּישע פאָרמולן, וואָס דאַרפן גילטן ווי ראַמען צו די געשיכטעס. דערמיט איז ער אויסן געווען שוין פון אָנהייב אָנצוווינקען זייַנע לעזער, ווי זיי האָבן צו פאַרשטיין און ווי צו שאַצן דעם שטאָף, וואָס ער האָט זיי מיטגעטיילט: „די בני ישראל האָבן געטאָן דאָס, וואָס איז יהוה נישט געפעלן, און זייַנען אָפּגעפאַלן פון אים און געדינט דעם בעל און עשתרות. דערפאַר האָט זיי גאָט איבערגעגעבן אין די הענט פון זייערע שונאים, וועלכע האָבן זיי אונטערדריקט אַ געוויסע צייט. ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן אָנגעהויבן שרייַען צו גאָט, און האָבן זיך אומגעקערט צו אים, שיקט ער זיי אַ העלפער...” אָט אַזוי, אומגעפער, הייבט זיך אָן כמעט יעדע אייַנציקע געשיכטע. די ראַם, דאָס איז די מאָראַליש-רעליגיעזע סכעמע, אין וועלכער די געשעענישן ווערן אייַנגעפאַסט, דורך דעם היסטאָרישן פּראַגמאַטיזם פון איינעם, וואָס מעסט די געשיכטע פון פאַרצייטן מיט דער מאָס פרומקייט פון פאָלק. דאָס אייגענע איז אין מלכים. „דער מלך N האָט געקיניגט אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָר. ער האָט געטאָן דאָס, וואָס איז יהוה ווילגעפעלן, נאָר די במות האָט ער נישט אָפּגעשאַפט”. אָדער: „ער האָט געטאָן דאָס, וואָס איז יהוה נישט געווען געפעלן — ווייל ער האָט געמאַכט זינדיקן דאָס פאָלק אויף די במות”. אויף דעם אופן, ווערט שוין פאָרויס יעדער מלך אונטערגעוואָרפן זייַן אורטייל און זייַן געשיכטע ווערט דערמיט געשטעלט אין אַ געוויסער באַלויכטונג, וואָס געהערט צו אַ גאַנץ באַשטימטער סכעמאַ. דאָ האַנדלט עס זיך וועגן געדאַנקען, וואָס האָבן געשטאַמט פון יענע קרייַזן און צייַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן אייַנפלוס פון ספר דברים (דעוטעראָנאָמיום): אַז יעדעס גאָט-דינען, נישט אויף

דעם אײנציקן אָרט, װאָס יהוה האָט געװעלט דערצו, איז אַ זינד און פֿירט צום פֿאַרדאַרבן.

דערמיט האָבן מיר דערקענט דעם גײַסט פֿון דער רעדאַקציע, און אײנײנעם דערמיט אױך שױן דעם פּרינציפּ, לױט װעלכן זי האָט די שטאָפֿן אָנגענומען אָדער אָפּגעװאָרפֿן, מיט פֿולן רעכט רופֿט מען אָט די באַאַרבעטונג פֿון די עלטערע שטאָפֿן: ד ע װ ט ע ר אָ נ אָ מ י ש, אָדער ד ע װ ט ע ר אָ נ אָ מ י ס ט י ש. קודם כּל איז זי נוגע די אַרײַנפֿירן און אַרױספֿירן צו די דערצײלונגען, אַלזאָ איר אײגנאַרטיק אַרומראַמען און פֿאַרקניפּן צװישן זיך די אײנצלנע בילדער, כּדי דורך דעם צו שאַפֿן פֿון זײ אײן אַלגעמײן בילד. אָבער דערמיט אַלײן באַנוגנט זי זיך ניש. בײַ געלעגנהײט האָט זי אױסגעשטרעקט איר האַנט אױך צו די עלטערע דערצײלונגען גופֿא, אָדער זי האָט צו זײ צוגעגעבן גאַנצע שטיקער — אָבער שטענדיק פֿון יענעם שטאַנדפּונקט אױס, פֿון װעלכן מיר האָבן פֿרײַער גערעדט. דערמיט איז איבער דעם גאַנצן שטאָף פֿון די דערצײלונגען אױסגעגאָסן אַ גײַסט פֿון טיפֿן זיטלעכן ערנסט און אַ פֿײַערלעכע, כּמעט אימה־פֿולע, שטימונג: אַלטע, פֿרײַער װילד־געװאַקסענע דערצײלונגען באַקומען דורך דעם אַ פֿרומען כאַראַקטער, װאָס דערהױבט דאָס מענטשלעכע געמיט. דאָס איז דער גײַסט פֿונם ערנסטן באַטראַכטן־זיך, װאָס איז געשאַפֿן געװאָרן דורך די שװערע אומגליקן, װאָס האָבן דאָס פֿאָלק געטראָפֿן, און אױך דורך דעם, װאָס מ'האָט געזוכט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײט, — דערהױפּט פֿון די צײַטן, װאָס פֿאַרן אונטערגאַנג פֿון דער מלוכה, — אַ מוסר אָפּצולערנען, כּדי די קינדער און אײניקלעך צו פֿאַרשפּאָרן „גאָטס משפּט”, װאָס מען האָט קלאָר דערקענט אין דער געשיכטע פֿון די עלטערן.

אָט אין דעם ליכט האָבן די אָנפֿירנדע מענער פֿון דער צײַט געזען די פֿאַרגאַנגענהײט און אין דעם אײגענעם ליכט זאָלן זי אױך די קומענדיקע דורות זען — כּדי פֿון איר זיך צו לערנען און זיך לאָזן פֿון איר װאָרנען. מען זעט: מיר האָבן דאָ נישט פֿאַר זיך קײן אײגנטלעכע, ה י ס ט אָ ר י ש ע שטאַנדפּונקטן, פֿון װעלכע מ'זאָל אַרױסגײן, נאָר פּ ר אַ ק ט י ש ע אױסזיכטן. די געשיכטע־שרײַבונג איז נישט קײן זעלבסט־צװעק, נאָר זי װערט מיט אַ כּיון און מיט פֿולער קראַפֿט געמאַכט פֿאַר אַ לעבנסלערערן. מען דערצײלט נישט די פֿאַרגאַנגענהײט בלױז צוליב דעם, כּדי מענטשן זאָלן װיסן, װי ס'איז אַמאָל צוגעגאַנגען, װי ס'האָט

אַמאָל אויסגעזען, נאָר מען דערציילט זי צוליב דעם, אַז מענטשן זאָלן עס אין דער צוקונפט בעסער מאַכן ווי פריער און זאָלן זיך היטן פון די שלעכטע וועגן פון דער פאַרגאַנגענהייט. נאַטירלעך ווירקט דאָס אויף דעם אויסקלייבן. אַ רעדאַקציע, וואָס טראַכט אַזוי, קאָן נישט אויסנוצן אַלע שטאָפן: די, וואָס פאַסן איר, די וועט זי נעמען, און יענע, וואָס ווייזן זיך איר אויס, אַז זיי פאַסן נישט צו אירע צוועקן, וועט זי לאָזן אָן אַ זייט — אויב עס איז נישט גרינג זיי אַוועקשטעלן אין געהעריקן ליכט.

אין דער אַלטער רעליגיע פונם פאָלק ישראל, און בפרט אין דער פאָלקס-רעליגיע, געפינט זיך, ווי מיר וועלן נאָך זען, אייניקעס, וואָס קאָן שוין מער נישט געפעלן דעם געלייטערטן רעליגיעזן באַוווסטזיין. דערפון, וואָס איז דאָ ערשט געזאָגט געוואָרן, ווערט קלאָר פון זיך אַליין, אַז דאָרט ווו ס'האָט די רעדאַקטאָרן פון די דאָזיקע זאַכן, אויסגעזען ניצלעך אָדער מעגלעך, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אינם ליכט פון זייער פאַרגעשריטענער רעליגיעז-מאָראַלישער באַטראַכטונגס-אַרט. אין דעם פּרט, איז דאָס צווייטע קאַפּיטל פון שופטים, און דער איבערגאַנג פון איין דערציילונג אין דעם בוך צו דער אַנדערער, זייער באַלערנד. דורך דעם אַרט רעדאַקטירן האָבן זיי אָפּגעשוואַכט דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס דער אינהאַלט פון אייניקע אַזעלכע שטיקער מאַכט. עס שטעלט זיך אָבער אויך אַרויס, אַז דאָרט, ווו די זאַמלער האָבן נישט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט גיין מיטן דערמאָנטן וועג, האָבן זיי די מיטיילונג אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן. זיי איז דאָך נישט וויכטיק געווען, אַז עס זאָל נישט זיין קיין חסר אין דער דערציילונג, זיי איז אויך די דערציילונג בכלל נישט וויכטיק געווען, זיי זיינען נאָר אויסן געווען: דעם מוסר אָפּצולערנען, דאָס געמיט צו דערהייבן, דאָס האַרץ צו בעסערן. וואָס גייט זיי דען אָן די געשיכטע, נאָר אַלס געשיכטע? זיי האָבן נישט געהאַט דעם ווילן און נישט דעם ערגייץ צו זיין געשיכטע-שרייבער; העלפער האָבן זיי געוואָלט זיין, דערמונטערן און באַנייען זייער געזונקען פאָלק, — זיינען זיי אויסן געווען.

איצט קאָנען מיר פאַרשטיין, פאַרוואָס אַזוי פיל איז פאַרלאָרן געוואָרן, פאַרוואָס האָט מען אונז אַזוי פיל דוקא אין אַן אייגנאַרטיקער באַלויכטונג מיטגעטיילט.

אָפּטמאָל האָבן קיין סוף נישט געהאַט די תּביעות און דאָס טאַדלען, וואָס מ'האָט זיך ערלויבט, בנוגע דער ענגהאַרציקייט פון יענע דוטעראָנאָמישע רעדאַקטאָרן. צוליב זייער באַשרענקטקייט, — האָט מען געטענהט — איז לא די וואָס דאָס פאַראַנענע איז צו אונז אָנגעקומען אין אַן איינזייטיקער באַלויכטונג, נאָר זייער פיל איז פאַרפאַלן געוואָרן אַזוינס, וואָס הן געשיכטלעך, הן קולטור-געשיכטלעך לאָזט זיך דאָס גאָרנישט אָפּשאַצן. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין סענטימענטאַלע אָנפאַלן, בפרט ווען מ'האָט גערעד'ט פון „ספר הישר", אָדער „ספר מלחמות יהוה" א. ד. ג. ביכער, וואָס זיינען אויף אייביק פאַרפאַלן געוואָרן דערפאַר, וואָס די זאַמלער האָבן זיי געלאָזט אויף הפקר — ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי זיינען נישט ווערט מ'זאָל זיי באַהאַלטן. אָבער דאָ גילט אויך דער כלל: „פאַרשטיין, הייסט, מוחל זיין". אָנשטאָט מיט כעס אָדער ווייטאָק צו באַקלאָגן דאָס פאַרלאָרענע, זאָלן מיר זיי בעסער דאַנקען פאַר דעם, וואָס מיר האָבן. און עס איז ווערט אַ דאַנק, אָט אַזוי ווי עס איז, דוקא מיט זיין איינזייטיקייט און באַשרענקטקייט. וואָרים גראָד די איינזייטיקייט, גראָד די באַשרענקטקייט און נאָר זי אַליין, האָבן פון יענע מענטשן געמאַכט זאַמלער און היטער דערפון וואָס מיר פאַרמאָגן. נאָר צוליב זייער — מ'קאָן זאָגן: בלינדן — פאַנאַטיזם לייגן זיי בכלל אַ ווערט אויפן זאַמלען דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר רעליגיעז ווערטפול. מעקן מיר אים אויס, דאַן פעלט אַ געוויסע צייט, וועלכע האָט דעם באַגריף „געשיכטע", אין אונזער זין, נישט געקענט לחלוטין — דאָס שטרעבן פאַר די קומענדיקע דורות איבערצולאָזן ידיעות פון דער פאַרגאַנגענהייט. וואָלטן מיר נישט געהאַט אָט דאָס, וואָס מיר האָבן, און האָבן מיר דאָס נישט גראָד אָט אַזוי, ווי מיר האָבן עס — דאַן וואָלטן מיר, זייער וואַרשיינלעך, בכלל גאָרנישט געהאַט פונם אַלטן ישראל — און דאַן וואָלטן מיר אויך קיין שום סיבה נישט געהאַט זיך צו באַקלאָגן אויף די רעדאַקטאָרן, וואָרים אין אַלגעמיינעם נעפּל פון דער געשיכטסלאָזער פאַרגאַנגענהייט, וואָלטן דאָך אויך זייערע שפּורן אויף אייביק פאַרשוווּנדן.

מיינע לעצטע ווערטער קלינגען אפשר משונהדיק. כדי זיי צו דערקלערן, מוז איך אַ ביסל מאריך זיין.

די געוואַלדיקע, גראַנדיעזע איינזייטיקייט, מיט וועל-

כער די יידישע נביאים האָבן אַלץ — אַפילו דאָס געוויינלעכסטע, אַפילו דאָס טאָג־טעגלעכע געשעעניש — געמאָסטן, אויסשליסלעך מיט דער רעליגיעזער מאָס — דאָס האָט זיי גרויס געמאַכט, דאָס האָט זיי אויך פעיִק געמאַכט אין זייער שטאַרבנדיקן פאָלק ניי לעבן אַריינצובלאָזן. נאָכמער. דאָס האָט זיי געגעבן די מאַכט און די מעגלעכקייט אויך נאָכן אונטערגאַנג פון דער מלוכה זייער פאָלק צו דערהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג. נאָר דאָס פאַרהעלטעניש צו גאָט האָט ביי זיי אַ ווערט, אַלץ וואָס האָט נישט קיין שייכות צו גאָט האָט קיין שום ווערט נישט. אָבער דערמיט, וואָס זיי האָבן אין זייער פאָלק אָט דעם גייסט איינגעהויכט, האָבן זיי אים אין דער סביבה פון געצנדינער, געשיצט פון אַלע געצנדינערישע שוואַכקייטן. אַזוי האָבן זיי דאָס געראַטעוועט פון אויסמישן זיך מיט די געצנדינער, אַזוי האָבן זיי דאָס אויך דורכן גאַנצן גלות דורכגעפירט. וואָרים נאָר דאָס גלויבן אין גאָט האָט די יידן ביים לעבן דערהאַלטן — פונקט ווי נאָר די קירך האַלט איצט נאָך אויף אייניקע קליינע פאָליטיש־טויטע נאַציעס אין מזרח (אַרמעניע, גריכן, וואָס לעבן אין טערקיי א. ד. ג.).

דאָס איז די גרויסקייט, וואָס ליגט אין זייער שוואַכקייט, די זעענדיקייט, וואָס ליגט אין זייער בלינדקייט. וואָרים די נביאים זיינען כּלל נישט געווען קיין געוויינלעכע דורכשניטס־מענטשן מיט אַ צוגעמאָסטענע פיינע דערציִונג. כאַראַקטערן זיינען דאָס געווען! מענטשן מיט טעמפּעראַמענט און האַרבסטער ליידנשאַפט. און דאָס האָבן זיי געמוזט זיין — ווייל נאָר אַזוי האָבן זיי פאַר אַזאַ פאַרווילדערטן פאָלק געקאָנט זיין עפּעס גאַנצס. מיט אַ כּיון זיינען זיי שניידיק, מיט אַ כּיון זיינען זיי „בלינד", זיי ווילן זיין איינזייטיק.

און וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט וועגן זיי — שפּעטער וועלן מיר דאָס אויספירלעכער באַגרינדן—לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן זייערע שילער, די נביאיש־געשטימטע זאַמלער פון יענע טעקסטן, פון וועלכע מיר רעדן דאָ. וואָרים וואָלטן אָט די מענטשן געהאַט „אָביעקטיווע" היסטאָרישע אינטערעסן; וואָלטן זיי, פריי פון אַלע פאָרורטיילן, די אַלטע היסטאָרישע באַריכטן צוזאַמענגעשטעלט אין אונזער היינטיקן זין, נעמלעך, אין זין פון אַ וועלטלעכער געשיכטע— דאַן, לאָזט זיך משער זיין, וואָלט צו אונז אַפילו קיין איינציק אות נישט געווען אָנגעקומען. ווייסן מיר

דאָך גאָרנישט פון די ארכיוון, וואָס זיינען געוויס אין יענער צייט געווען ביי די כנענים, צורים, אַרמים, פלישתים א. א. דאָס אייגענע וואָלט אויך געווען מיט ישראל: די שטורעמס אין די פאַרשיידענע צייטן, דער אונטערגאַנג פון די מלוכות וואָלט זי אַזוי גרינדלעך, אַזוי זיכער און פולשטענדיק אויסגעראָט, ווי זיי האָבן אויסגעראָט די געצנדינערישע אורקונדן. די יידישע אורקונדן האָט נאָר און אויסשליסלעך דער רעליגיעזער געדאַנק זייערער דערהאַלטן, און דוקא אין יענער, גאַנץ אייגנאַרטיקער, איינזייטיקער אויפפאַסונג. דער אייגענער גייסט אָדער די אייגענע מאַכט, וואָס האָט באַהערשט די זאַמלער, האָט אויך באַהערשט די יידן אין גלות: די באַגייסטערונג פאַרן ה י י ל י ק ן געדאַנק, פאַר די ה י י ל י ק ע ספרים. ז י י נעמט מען מיט אין גלות, אַפילו ווען מ'מוז צוליב דעם האָב און גוטס מפקיר זיין; מיט לעבנס־געפאַר איז מען זיי מציל פון געראַבטע שטעט און מ'טראָגט זי מיט זיך, און מ'היט זיי הונדערטער און טויזנטער יאָרן־לאַנג — אָבער אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַן א י י נ ז י י ט י ק ן, ה י י ל י ק ן אינהאַלט. פאַר „וועלטלעכע" געשיכטע וואָלט מען קיין לעבנס און פאַרמעגנס נישט מפקיר געווען.

דערפון ווערט אָבער אויך קלאָר דער אייגנאַרטיקער ווערט פון די דאָזיקע, דעוטעראָנאָמיסטישע זאַמלער, און וואָסער אַ ווערט אייניקע שטיקער, וואָס שטאַמען פון זיי, האָבן פאַרן א ו נ ט ע ר ר י כ ט פאַר קליינע קינדער און פאַר דערוואַקסענע. זיי זיינען עס דאָך די, וועמען די געשיכטע, אַ ל ס ג ע ש י כ ט ע , גייט אָן ווייניקער, ווי דער זיטלעכער און רעליגיעזער ווערט אירער. נישט די פאַקטן אַלס פאַקטן אינטערעסירן זיי, נאָר גאָטס ווירקן אין דער געשיכטע און זיין רעטונגספלאַן פאַרן מענטשן, וואָס ער פירט דורך אין איר. און אויך פאַרן אונטעררילכט קאָן די יידישע און ביבלישע געשיכטע נישט זיין קיין זעלבסטצוועק, נאָר אַ מיטל צום צוועק — צו דערקענען גאָטס רעטונגס־פלאַן אין ישראל און די פאָרבערייטונג צו דער פולשטענדיקער זיינטפלעקונג. דער רעליגיעזער פראַגמאַטיזם פון די געשיכטלעכע ביכער קאָן דאָ, אין פיל פרטים, באַנוצט ווערן ווי אַ וויכטיקער וועגווייזער. דערפון איז נאַטירלעך נישט צו דרינגען, אַז מיר דאַרפן נאָכגיין די רעדאַקטאָרן אַפילו דאָרט, וווּ זיי זינדיקן קעגן דעם פאַקטישן, געשיכטלעכן אמת. מיר לעבן —

נישט ווי זיי! — אין א צייט פון היסטאָרישער קריטיק און האָבן התחיבותן קעגן איר, אָבער אפילו היטנדיק פּולשטענדיק די דאָזיקע פליכטן אונזערע, קאָנען מיר אַלץ נאָך פון יענע מענער לערנען, אַז די געשיכטע און אירע איינצלנע געשעענישן זיינען פאַר דער רעליגיע נישט דאָס העכסטע און נישט דאָס לעצטע. דאָס העכטע און לעצטע פאַר דער רעליגיע איז דאָס זיטלעכע און רעליגיעזע אויסטייטשן די געשיכטלעכע פאַקטן און זייער באַציונג צום רעליגיעזן ציל פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

3. **זייער ליטעראַרישע אייגנאַרטיקייט.**
פון דעם געזאָגטן לאָזט זיך שוין אָפּלערנען, אַז די איינצלנע טיילן, פון וועלכע די יידישע דערציילונגס-ליטעראַטור, ווי די געשיכטלעכע ליטע-ראַטור, איז צונויפגעוועבט, זיינען לויט זייער שריפטשטעלערישער — און טיילווייז נאָך פריער, לויט זייער מינדלעכער — אייגנאַרטיקייט שטאַרק פאַרשיידן צווישן זיך.

דאָ טרעפן מיר אַלטע לידער און לידער-ביכער, אָדער רעשטן פון זיי, וואָס טיילווייז זיינען זיי אונז נאָך דערהאַלטן אין זייער אַלטער, דיכטערישער פאָרם, אָבער דעם אינהאַלט זייערן האָבן די דערציילער איבערגעאַרבעט אין פּראָזא, און שוין ווי א פשוטע דערציילונג איז זי ווייטער פאַרשפּרייט געוואָרן. אַזוי, למשל, האָבן מיר איינעם מיט דער שירת-דבורה, אין שופטים ה', א פּראָזאישע דערציילונג אין שופטים ד' וועגן דעם זעלבן געשעעניש. נאָר מיר האָבן אים דאָ אין פרייער אויסבילדונג, אויפן גרונט פון מינדלעכן דערציילן.

נעבן די דיכטערישע שאַפונגען און נעבן די דערציילונגען, וואָס קומען פון זיי אַרויס, געפינען מיר אַלערליי פאָלקסטימלעכע דערציילונגען, וועלכע ווילן שוין פון אָנהויב אָן נישט זיין מער ווי אונטערהאַלטונגס-געשיכטעס, וואָס דערציילן אונז די פאַרגאַנגענהייט. איין טייל פון די דאָזיקע געשיכטעס באַהאַנדלט די אור-צייט און די לעגענדעס וועגן די אבות, אַן אַנדער טייל — די צייט, וואָס יידן זיינען געווען אין מצרים, יציאת-מצרים און די וואַנדערונגען אין דער מדבר. דערהויפּט זיינען אָט די שטאָפן אויפגענומען געוואָרן אין די אַלטע לע-גענדע-ביכער פון י. און א., ווו יענע צייטן ווערן באַהאַנדלט. אַן אַנדער טייל ווידער דערציילט פון די מלחמות, וואָס זיינען געפירט געוואָרן ביים

איינגעמען דאָס לאַנד און פון די העלדן אין יענער פּאָרצייט, וואָס האָבן די דאָזיקע מלחמות דורכגעפירט. און נאָך אַנדערע דערציילן פון שמואל, שאול און דוד ווי אויך פונם אויפקומען און ערשטן גלאַנץ פון דער מלוכה. די געשיכטעס, וואָס באַהאַנדלען הייליקטימער און רעליגיעזע געשעענישן, פלעגט מען אַמליבסטן דערציילן יום-טוב-צייט אויף די הייליקע פלעצער פון די דאָזיקע הייליקטימער גופא. בנוגע צו אַנדערע געשיכטעס קאָן זיין, אַז נאַציאָנאַלע ערינערונגס-יום-טובים, וואָס מייסטנס פלעגן אויך זיי אָפּגעהיט ווערן נאָר ביי די הייליקטימער — האָבן געגאָלטן ווי אַ וויכטיקע סיבה דערצו, זיי זאָלן ווייטער פאַרשפּרייט ווערן.

אָפּט און דערהויפּט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן לאַנג-פאַרגאַנגענע צייטן, האָט די נאַיווע **פאָלקס-לעגענדע** געליפערט דעם שטאָף צו די געשיכטעס. אין דער לעגענדע האָט, נאַטירלעך, די פאַנטאַזיע פון פאָלק און די פאַנטאַזיע פונם דערציילער, זייער אַן אָנגעזעענעם חלק. אַלע פּרטים וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס ווערן פון פאָלק און זיינע שבטים איז פאָרגעקומען; ווי די שכנישע פעלקער: אדום, מואב און ישמעאל זיינען אויפגעקומען; פיל פּרטים פונם לעבן פון די אבות און ענלעכס — דאָס אַלץ געהערט דער נאַיווער פאָלקס-לעגענדע. אָבער וואָס מער די דערציילונג — אפילו ווען זי איז פאָלקסטימלעך דערציילט — דערנענטערט זיך צו די צייטן, בפרט צו די מענטשן, וואָס זיינען, דעם ערך נאָך, נאָנט געשטאַנען צו דער געגנוואַרט פונם דערציילער, אַלץ מער באַקומט זי — הגם זי איז פאָלקסטימלעך דערציילט — דעם כאַראַקטער פון **געשיכטע**. עס מאַכט נישט אויס, וואָס די אָדער יענע שטריכן פון דער דערציילונג און אַמאָל אפילו גאַנצע שטיקער געהערן דעם דיכטער, וועלכער האָט דעם שטאָף דיכטעריש פריי ווייטער אויסגעבילדעט: די הויפּטשטריכן זיינען אָבער, ס׳רוב, ריכטיק איבערגעגעבן, און נישט געקוקט אויף דער דיכטונג, באַקומען מיר דאָך אַ ווירקלעך בילד פון דער פּערזאָן און פון זיין געשיכטע. די לעגענדע לאָזט אָפּט די פּערזאָנען און די געשעענישן פאַרשווינדן אין האַלב-טונקל, אַזוי אַז פון דעם **פּרט** זעען מיר נאָר אומבאַשטימטע אויסערע שטריכן, דערפאַר אָבער קאָנען מיר די אַלגעמיינע צושטאַנדן דייטלעכער דערקענען, בעת אַז די פאָלקסטימלעכע דערציילונג, צוליב איר שטאַרקערער בייגונג צום פאָרגעקומענעם, צו געשעענישן גופא, אַלזאָ צו דער ווירקלעכקייט

פון לעבן — זי פאַסט טרייער אויף דעם קערן פון די געשעעגישן און די כאַראַקטערן פון די פערזאָנען.

די דערציילונגס-קונסט ביי יידן האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע אין די צייטן פון דוד המלך. דער אויסוווּקס פון דער נאַציע, דורכן גרינדן די מלוכה און דורך דודס נצחונות, האָט צוגעגעבן א געוואַלדיק נייעם פלוג דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן לעבן און דערהויפּט דער ליטעראַטור. מ ע ן פ י ל ט ז י ך ו ו י אַ נ אַ צ י ע און די נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען וויל מען באַשרייבן — ווייל מ׳האָט דאָס באַוווסטזיין. אַז נישט בלויז איינצלנע, וויכטיקע געשעענישן שפּילן זיך דאָ אָפּ, נאָר אַז דאָ ווערט געמאַכט ג ע ש י כ ט ע! דאָס זאָל פעסט. געהאַלטן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות. אַזוי דערציילט מען די געגנוואַרט און די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט, נאָכדעם ווענדט מען זיך אויך צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער די שטאָלצע געגנוואַרט איז אַרויסגעוואַקסן.

אַזוי זיינען אויפגעקומען די געשיכטעס וועגן דער צייט פון דודס רעגירונג, און קודם כל יענע, וואָס דערציילט וועגן אבשלומס אויפשטאַנד. א חוץ דער געוואַלטיקער אומפּאַרטייִשקייט, האָבן מיר דאָ אויך צו באַוווּנדערן די פעיִקייט פונם דערציילער זיך צו פאַרטיפן אין די נשמות פון די באַהאַנדלענדיקע פערזאָנען: ער וויל נישט יוצא זיין נאָר מיט באַשרייבן די פאַקטן, — ווי די עלטערע דערציילער פלעגן טאָן. די פאַקטן וויל ער פון אינעווייניק, פון דער נשמה און כאַראַקטער אויס פון זיינע העלדן פ אַ ר ש ט יי ן, און דורכדעם שילדערן זייער גורל, אין זייער אינעווייניקסטער נויטוועגדיקייט: דוד האָט ג ע מ ו ז ט איבערלעבן זיינע ליידן, מחמת זיין תאווה און זיין שוואַכקייט; אבשלום האָט ג ע מ ו ז ט אַריינפאַלן אין אומגליק צוליב זיין פוסטער גאווה וועגן. און ווייל דער דערציילער שטייט זייער נאָענט צו די זאַכן, וועלכע ער דערציילט, דערצו שילדערט ער דאָס אַלץ העכסט מייסטערהאַפט, דערפאַר איז דאָס שוין עכטע ג ע ש י כ ט ע, אין בעסטן זין פון וואָרט — הגם מיר טרעפן נאָך דאָ אַ פאָר מאָל קליינע פרטים וואָס די פאַנטאַזיע האָט פריי געמאָלט.

און האָט דער קינסטלער — אין וועלכן מ׳וויל מיט רעכט זענען איינעם פון דודס מקורבים — זיין קראַפט אויסגעפּרוווט אין דער פאַמיליענגעשיכטע, האָט ער שוין, וואַרשיינלעך, געשריבן אויך די איבערי-

קע לעבנס־און רעגירונגס־צייט פון זיין העלד. זיינע שילער און גייסטי־קע חברים שפינען דעם ראַם ווייטער און ווייטער, זיי גרייכן ביז שאול און שמואל און ווייט איבער זיי, ביז איינצלנע שופטים, ווי גדעון. צו די בעסטע פון דער שול געהערן אויך יענע, אונז שוין לאַנג באַקאַנטע, זאַמלער און דערציילער פונם לעגענדע־אוצר פון דער אורצייט: דער יהויסט און דער אלהיסט. שטייענדיק אויף די אַקסלען פון יענעם מייסטער אין דער דערציילונגס־קונסט, האָבן זיי זיין קונסט טייל־ווייז נאָך אַריבערגעשטיגן.

אָבער מיטן אויפקומען פון דער מלוכה, האָט די יידישע געשיכטע־שרייבונג באַקומען וויכטיקע אָנרעגונג נאָך פון אַן אַנדער זייט אויך. צווישן דעם קעניגס הויכע באַאַמטע שפּילן אַ גרויסע ראָלע: דער מלוכה־שרייבער און מלוכה־קאַנצלער. וואַרשיינלעך האָבן ביידע, יעדנפאַלס אָבער דער לעצטער, געהאַט אַ נאָענטע שייכות צום אָפיציעלן פאַרצייכענען די וויכטיקסטע געשעענישן. ווי די קעניגן פון אַנדערע מלוכות אין יענער צייט, אַזוי האָבן אויך די יידישע מלכים, דורך אייגענע באַאַמטע, געזאָרגט דערפאַר, אַז דער זכר פון זייערע מעשים זאָל באַהאַלטן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות. מיט איינקריצן אין שטיינער האָבן זיך אַפילו יידן ווייניק באַנוצט — ווייניקער ווי די בבלים; למשל, אָבער אינגאַנצן פעלט דאָס שטיין־איינקריצן ביי יידן אויך נישט. דער שילוח־שטיין (זע דאָס דריטע קאַפּיטל) באַווייזט דאָס, און דער שטיין פון משע מלך מואב (זע דאָרט) לאָזט דאָס משער זיין. אָבער אַ פיל גרע־סערע ראָלע האָבן, ווייזט אויס, אין דעם פּרט, געשפּילט די מלוכה־כראָניקעס, וואָס זיינען אין ביכער פאַרשריבן געוואָרן. מעגלעך, אַז די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער מלוכה, און קודם כּל די מעשים פון קע־ניג, האָט מען פריער קורץ פאַרצייכנט אין טאָג־ביכער, דערנאָך האָט מען זיי אויספירלעך באַשריבן — שטענדיק, נאַטירלעך, פונם שטאַנדפונקט פון הויף. אין מלכים ווערן די דאָזיקע באַשרייבונגען זייער אָפט דערמאָנט.

וואָס דער קעניג און דער הויף האָבן געטון פאַר זיך און פאַר דער מלוכה, דאָס אייגענע האָבן אָן ספק אויך די טעמפּלען געלאָזט דורך די כּהנים באַזאָרגן פאַר זייערע קרייזן. מעגלעך, אַז די אַלטע הייליקטי־מער, ווי שילה און בית־אל, האָבן לאַנג־שוין געהאַט זייערע טעמפּל־כראָ־ניקעס, יעדנפאַלס אָבער, פון שלמהן אָן און ווייטער האָבן אין ירושלים

און אין שומרון אַזעלכע כראָניקעס עקזיסטירט. אייניקע
שטעלן אין מלכים לאָזן דאָס, מיט אַ געוויסער זיכערקייט, משע־
זיין (מלכים א׳ ו. ז., מלכים ב׳ יא׳ יב׳; ט״ז; כב). אויסער די רשימות
פון כהנים און כהנים גדולים, נדרים און נדבות, האָבן דאָ די הויפּט־
ראָלע געשפּילט: די וויכטיקסטע געשעענישן, וואָס זיינען אין טעמפּל פּאָר־
געקומען און די געשיכטע, ווי אַזוי דער טעמפּל איז געגרינדעט גע־
וואָרן.

אַ נייע ריכטונג האָט די געשיכטע־שרייבונג אָנגענומען אונטערן
איינפלוס פון דער נבואה און דערהויפּט דעם דעוטעראָנאָמיום (דברים).
וועגן זיי איז שוין גערעדט געוואָרן. דאָס באַזונדערע און פּאָלקאָמע
נייע, וואָס איז פון איצט אָן צו באַמערקן — אייניקע אויסנאַמען אויס־
געשלאָסן — באַשטייט דערין, וואָס דער שטאָף ווערט אויף אַ אייגנאַר־
טיקן אופן דורכגעלויכטן מיט אַ רעליגיעז־זיטלעכער אידעע. די פּאַקטן
ווערן אַוועקגעשטעלט אין א גאַנץ באַשטימטער באַלויכטונג, און פון אי־
אויס אויסגעטייטשט. די געשיכטע־שרייבונג ווערט געשטעלט אונטערן
געשיכטס־פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט.

4. איר געשיכטלעכער ווערט. פון דעם, וואָס
עס איז דאָ ביז איצט געזאָגט געוואָרן, לאָזט זיך אָן שווערקייטן באַשטימען
דער געשיכטלעכער ווערט, וואָס אונזערע ביכער האָבן. אַז דער ווערט פון
די דויטעראָנאָמיסטישע שטיקער ליגט נישט דער עיקר אויפן געביט פון
געשיכטע, — און נאָך ווייניקער פון דער פּאָליטישער געשיכטע, — נאָר
אַנדערשוווּ, האָבן מיר שוין פריער געהערט. דערפאַר האָט עס געקענט
געשען, אַז מלכים, וואָס זייער פּאָליטישע טעטיקייט, ווי ווייט עס לאָזט
זיך משער זיין, איז געווען זייער באַדייטנד, איז אָדער מ׳קומט זיי אָפּ,
ווי ירבעם דעם צווייטן, מיט עטלעכע ווערטער, אָדער מ׳דערמאָנט זיי,
ווי אחאבן, בלויז מיט זלזולים. אָבער גראָד טאַקע דערפאַר, איז פיל
העכער די געשיכטלעכע באַדייטונג פון אייניקע שטאָפן, וואָס מיר האָבן
פון די דויטעראָנאָמיסטן. לידער, ווי די שירת־דבורה, אָדער קינת־דוד אויף
שאול און יהונתן, זיינען דאָקומענטן פון העכסטן ווערט. און נישט פון
קלענערן ווערט זיינען אויך אַזוינע דערציילונגען, ווי די, וואָס דערציילן
פון גדעון (שופטים ח׳) און פון אבימלך (שופטים ט׳); און קולטור־און
רעליגיע־געשיכטלעך איז אויך העכסט וויכטיק די דערציילונג דערפון, ווי

דער שבט דן האָט אַרומגעוואַנדערט (שופטים י״ז, י״ח). קודם כל פאַרמאָגן מיר אָבער וויכטיקע דאָקומענטן פון ערשטן ראַנג אין דער געשיכטע פון דודס מלחמות און אין די געשיכטעס וועגן די טרויעריקע געשעענישן אין דודס פאַמיליע, וואָס שטייען אין פאַרבינדונג מיט דער ערשטער (שמואל ב׳ ט—כ און מלכים א׳ א—ב). זיי מוזן שטאַמען — ווי ס׳איז שוין פריער דערמאָנט געווען — פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך נאָענט באַטייליקט אין די אַלע זאַכן און האָט געהאַט די בעסטע ידיעות וועגן אַלץ, וואָס איז אין הויף פאָרגעקומען. און אַפילו איצט נאָך קאָנען מיר נאָר מיט שטוינען און פאַרווונדערונג אָנווייזן אויף דער הויכער מאָס אומפּאַרטייִשקייט, מיט וועלכער דער דערציילער שילדערט דודן. ער זאָגט אָפן, אַז ער איז אַ גרויסער פאַרערער פון דעם גרויסן קעניג, וואָס זיין גרויסע נשמה לאָזט ער אַרויסשיינען מיטן גרעסטן ליכט, אָבער אין דער אייגענער צייט, פּרובט ער אַפילו נישט צו פאַרווישן די שוואַרצע שאָטנס, וואָס זיינען געוויס פאַראַן אין דעם קעניגס בילד. פאַרקערט: דעם קעניגס פאַרברעכערישע מעשים און זיינע שוואַכקייטן שילדערט ער מיט דער גרעסטער אָפנקייט און אומברחמנותדיקייט, אַזוי ווייט, אַז ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלט מען דאָס געקאָנט אָננעמען פאַר האַס אָדער כעס פון אַ פאַרינטערעסירטן צד. געשיכטלעך העכסט-באַדייטנד זיינען אויך פיל גרעסערע און קלענערע שטיקער אין מלכים. אייניקע פון זיי זיינען, צו אונזער גרויסער איבערראַשונג, באַשטעטיקט געוואָרן פון שטיין-אויפשריפטן, דערהויפּט אַשורישע, ווי ס׳איז שוין פריער דערמאָנט געווען (בעת אַז אַנדערע שטיקער אין מלכים זיינען נישט אַזוי גענוי, ווי די אויפשריפטן אויף די שטיינער).

אויב אָט די אלע קאָנען מיר רעכענען פאַר אורקונדן פון ערשטן גראַד, האָבן מיר אָבער אויסער זיי אַ גרויסע צאָל אַנדערע שטיקער, וואָס הגם מיר קאָנען זיי אָננעמען נאָר פאַר אורקונדן פון צווייטן אָדער גאָר דריטן גראַד, אַנטהאַלטן זיי דאָך פיל ווערטפולן, טיילווייז העכסט וויכטיקן געשיכטלעכן מאַטעריאַל. אַהער געהערן אייניקע פאָלקסטימלעכע דערציילונגען וועגן דודס אויפהאַלטן זיך אין חברון און ירושלים — אין אָנהייב שמואל ב׳; אַהער געהערן אויך די דערציילונגען וועגן שאולס אויפקומען און זיינע ערשטע מעשים, וועגן אחאבן און אַנדערע מלכים; אַהער רעכענען מיר אויך שאולס שפּעטערדיקע געשיכטע און זיין פאַר-

האַלטן צו דודן — הגם די דערציילונג איז געשאַפן געוואָרן פיל שפּע־טער ווי די געשעעניש איז פאָרגעקומען, — שמואלס געשיכטע, די גע־שיכטע פון אליהון און אייניקע אַנדערע. נאָך אַלצדינג מעגן מיר זאָגן, אַז נישט קוקנדיק אויף די באַדייטנדע חסרן, וואָס זיינען דאָ אין דעם מאַטע־ריאַל, וואָס מיר האָבן באַקומען בנוגע די וויכטיקסטע צייט־פונקטן און געשעענישן, האָבן מיר דאָך וועגן דער יידישער געשיכטע גאַנץ גוטע און בעסערע ידיעות, ווי וועגן די געשיכטעס פונם רוב אַנדערע פעלקער אין יענער צייט.

נאָר איין וואָרט וויל איך נאָך דאָ זאָגן וועגן דער שפּעטערדיקער ג ע ש י כ ט - ש ר י י ב ו נ ג. אין ד ב ר י ־ ה י מ י ם האָבן מיר פאַר זיך אַ פאַראַלעל צו אַ גרויסן טייל פון יענע עלטערע דערציילונגס־ביכער. די דברי הימים האָט אָבער אַ ווייט קלענערן ווערט, ווי די לעצטע. דאָרט, וווּ דער דברי־הימים גייט זיך מיט זיין אייגענעם וועג, האַלט ער זיך אָפּט אָן זייער אַ שפּעטיקער קבלה, וואָס איר מיינונג וועגן מענטשן און געשעענישן זיינען געווען ווייט נישט אָן פניות. די שפּעטערע טראַ־דיציע באַהאַנדלט אָפט דעם אַלטן שטאָף זייער פריי; נישט קיין שיינע אָדער שטערנדע שטריכן, איז אָדער זי וואַרפט זיי אין גאַנצן אַרויס, אָדער זי דרייט זיי אום אַזוי, אַז עס קומט אַרויס גאָר אַן אַנדער בילד, ווי דאָס, וואָס די פאָרלאַגע ווייזט. קודם כל שטייט דער דברי־הימים אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון באַשטימטע כהנים־אינטערעסן אַזוי, אַז אויך אין דער ריכטונג ווערט די אַלטע קבלה איבערגעאַנדערשט. נאָר אויב ביים באַנוצן זיך מיטן דברי־הימים, ווי מיט אַ געשיכטלעכן קוואַל, דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק, דערפאַר איז אָבער עזרא און נחמיה, וואָס געהערן, ווייזט אויס, אויך צום אייגענעם פאַרפאַסער, שוין גאָר פון אַן אַנדער אַרט. אמת, אין עזרא און נחמיה זענען אויך פאַראַן שטיקער, וואָס פאָדערן גרויס פאָרזיכטיקייט, אָבער וויל דאָ ווערט בכלל באַ־האַנדלט אַ ווייט־שפּעטערדיקע צייט, ווי אין דברי הימים, דערפאַר איז דאָ דער דערציילער געווען אין דער גינסטיקער לאַגע, וואָס ער האָט געקאָנט דערציילן וועגן זאַכן, צו וועלכע ער אַליין און זיין צייט זיינען פיל נענטער, ווי צו דעם, וואָס ווערט דערציילט אין דברי־הימים.



א מוסטער פון אַלט־כּנענישער קולטור. כּנענים אין טייערע, פאַרשידנאַרטיק אויסגעאַרבעטע קליידער, ברענגען רייכע מתּנות, דערהויפּט קונסטפול געפעס, קיין מצרים.

טאָוול XI.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

די אייגנאַרטיקייט פונם נביאישן שרייבן

נעבן דער געזעצלעכער און געשיכטלעכער ליטעראַטור, איז די נביאישע ליטעראַטור, ווי מיר האָבן געזען, אַן אייגנאַרטיקער צווייג אין דעם העברעישן ליטעראַרישן שאַפן. דאָס איז אויך נאַטירלעך. וואָרים אויב די נביאות בכלל איז אַ אייגנאַרטיקע דערשיינונג אינם יידישן פאָלקסלעבן; אויב זי פאַרנעמט אינם דאָזיקן לעבן אַ גאַנץ זעלבסט־שטענדיקע שטעלונג, וועלכע קאָן נאָר פון זיך אויס פאַרשטאַנען ווערן, איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פון דער ליטעראַטור, וואָס ווערט איר, אין אַ באַזונדער זין, צוגעשריבן, דאַרף מען אויך דאָס אייגענע דער־וואַרטן. וויל מען אָבער אָט די ליטעראַטור פאַרשטיין, מוז מען קודם כל אָפּשיידן דאָס איצטיקע געשטאַלט פון די נביאישע שריפטן, ווי זיי זע־נען אין תנך, פון די נביאישע (שריפטלעכע) שאַפונגען אין זייער עלטסטער פאָרם.

1. די נביאים אַלס רעדנער, דיכטער און שריפטשטעלער.

כדי דאָס לעצטע צו פאַרשטיין, מוזן מיר פרווון די נביאים גופא צו באַטראַכטן אַל רעדנער, דיכטער און שריפטשטעלער. וואָס די נביאים זיינען געווען לויט זייער אינווייניקסטן מהות און זייערע נייגונגען, — דערמיט וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער האָבן צו פאַרנעמען, אין אַ באַזונדער באַטראַכטונג. דאָ נעמען מיר נאָר אַוועק דעם רעזול־טאַט פון יענער באַטראַכטונג. נעמלעך: זיי האָבן געוואָלט זיין מענער פון דער גאָטהייט, וואָס שפּירן אין זיך דער באַפעל, יהוהס ווילן דעם פאָלק מודיע צו זיין. דאָ, ווו מיר האָבן עס צו טון מיט דער יידישער ליטעראַטור, אינטערעסירן זיי אונז נאָר ווי שריפטשטעלער און נאָר ביי יענע טעטיקייט זייערע, פון וואַנען אויס די שריפטשטעלערישע אַרבעט זייערע איז אַרויסגעוואַקסן. דערפאַר זיינען פאַר אונז דאָ וויכטיק נאָר יענע נביאים, פון וועלכע מיר האָבן ביכער אָדער כתבים.

ווען מ׳פרעגט זיך: אויף וואָסער אַן אופן האָבן די נביאים, — די פריערדיקע ווי די שפּעטערדיקע, וואָס האָבן זיך געפילט ווי אָנזאָגער פון

גאָטס ווילן דעם פאָלק — די דאָזיקע אויפגאַבע זייערע אויסגעפירט? — דאַן וועט מען ממילא קומען צום געדאַנק, אַז „פון שטוב אויס", ווי מ'זאָגט, האָבן זיי געמעגט נישט זיין קיין שריפטשטעלער, אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט, זיינען זיי עס, מיט אַ געוויסער נויטווענדיקייט, געוואָרן. וואָרים וואָס מער די צייט, אין וועלכער זיי לעבן, הייבט אָן צו ווערן ליטעראַריש; וואָס מער די ווייטערע קרייזן פון דער נאַציע הייבן זיך אָן צו באַנוצן מיט שרייבן און הייבן אָן צו קענען לייענען, אַלץ מער האָבן, נאַטירלעך, אויך די אָנזאָגער פון גאָטס-ווילן זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן מיטל, וואָס ווערט אַלץ אַלגעמיינער, אַלץ וויכטיקער ביים פאַרשפּרייטן געוויסע געדאַנקען אין ווייטערע קרייזן. וואָרים קוים האָבן זיי געוואָלט דערפילן זייער הויכע אויפגאַבע, דאַן האָבן זיי, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין יעדער צייט זיך געמוזט באַנוצן מיט יענע מיטלען, וואָס האָבן אין ד ע ר צייט אַמבעסטן געטויגט איבערצוגעבן אַנדערע די געווינטשטע געדאַנקען. קוים איז די קונסט פון לעזן געוואָרן אַן אַלגעמיינע קענטשאַפט, ווערט דאָס שרייבן — נאָכן לעבעדיקן וואָרט, — ממילא דאָס בעסטע מיטל ווי זיך צונויפצורעדן מיט מענטשן.

דער עלטסטער אַרט טעטיקייט פונם נביא איז געווען: דאָס קורצע וואָרט, אָדער שפּרוך, און דערביי דער צ ײ כ ן, די סימבאָלישע האַנדלונג. כּדי צו רייצן די אויפמערקזאַמקייט, טוט דער נביא עפּעס אויסטערלישס, וואָס ציט צו צו אים לייטישע אויגן און ברענגט זיי צום פרעגן: „פאַר וואָס טוט ער דאָס?" ס'ווערט אויסגעקליבן אַזאַ סימבאָל, וואָס קוים דערקענט מען, אַז דאָס א י ז אַ סימבאָל, לאָזט ער זיך שוין פון זיך אַליין אויסטייטשן און פאַרשטיין. דערצו דאַרף מען נאָר ווייניק ווערטער פון נביא. אויף אַזאַ אופן האָבן עס די נביאים פאַרשטאַנען ווי צו מאַכן אַזוי, אַז זייערע געדאַנקען זאָלן אַריינדרינגען צו יענעם אין מוח אַריין און אַז אפילו דער פּשוטער מענטש זאָל זיי אויך קאָנען תּופס זיין. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אפילו די נביאים פון דער שפּעטערער צייט, האָבן אויך ליב געהאַט דווקא אָט ד י פאָרם פון איבערגעבן זייערע געדאַנקען. ווי ביישפּילן קאָנען אפשר דינען: וואָס אין דער צייט פונם מלך אחאב האָט דער נביא אָנגעטאָן הערנער, כּדי ער זאָל קאָנען זאָגן דעם מלך: „מיט אַזעלכע וועסטו שטויסן אַרם" (מלכים א' קאַפּ. כב' פּסוק יא); וואָס ישעיהו איז אַ צייט-לאַנג אַרומגעגאַנגען האַלב-נאַקעט

און באָרוויס, ווי געפּאַנגענע פלעגן אומגיין, כּדי ער זאָל קאָנען אָנזאָגן יהודה, וואָס עס וועט געשען מיט מצרים און אפשר אויך מיט יהודה (ישעיה קאַפּ. כ׳); אָדער ווי ירמיה טוט אָן אויפן האַלז דאָס געשטעל פון לאַסט־רינדער (יאַרמאָ) און יחזקל מיטן ציגל־שטיין, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעמאָלט אַ באַלאַגערונג. ירמיה האָט געוואָלט אָנ־ווייזן אויף גלות בבל (דער יאָך אויף יידן), יחזקאל — אויף דער באַ־לאַגערונג פון ירושלים (ירמיה כ״ז פּסוק א׳, יחזקאל ד׳ פּסוק א׳).

אָבער הגם די שפּעטערדיקערע נביאים האָבן זיך אויך און נישט גאַנץ זעלטן באַנוצט מיט סימבאָלישע האַנדלונגען—שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיט זייער מגושמדיקייט, וואַרפן זיי זיך מער אין די אויגן — פונדעסטוועגן איז אַ חילוק צווישן זיי און די פריערדיקע. וואָרים אייני־נעם מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונם עפנטלעכן לעבן, זיינען די נביאים געוואָרן ר ע ד נ ע ר. זיי באַנוגענען זיך שוין מער נישט מיט קורצע ווערטער אָדער שפּרוכן, און דער צייכן אָדער סימבאָל פאַרבייט שוין מער נישט די אויספירלעכע רעדע, נאָר ער גילט בלויז ווי אַן אָנ־רעגונג, אָדער אַ „אילוסטראַציע״ צו איר.

אָבער אויך פאָלקס־רעדנער זיינען זיי נישט געוואָרן מ ט איין מאָל. אין די אַלטע צייטן, אפילו ווען מ׳האָט שוין געברויכט דאָס לע־בעדיקע וואָרט, האָט מען זיך אויך ליבער באַנוצט מיט דער ווייניקער אַנטוויקלטער פאָרם, מיר פאַרמאָגן נאָך אייניצלנע סימנים דערפון, ווי מ׳האָט ביי יידן, אַזוי גוט ווי אַנדערש־ווו, די וויזיאָנערישע איבערלע־בונגען נישט זעלטן אויסגעדריקט דורך אייניצלנע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, אָדער פראַזן. אָבער שוין פריי איז געוואָרן דער שטייגער, אַז דאָס, וואָס דער נביא — ווי ישעיה, למשל, — זעט אָדער הערט, בשעת דער וויזיאָן, בלייבט ביי אים אויך דאַן, בעת ער איז אין וואַכן באַוווסטזיין, און דאַן גיט ער דאָס איבער אַנדערע — אין קורצע שפּרוכן אָדער אין לענגערע רעדעס. וואָרים אויב נישט בלויז ווייניקע זאָלן זיינע ווערטער פאַרנעמען, נאָר דאָס פ אָ ל ק זאָל זיי הערן, דאַן מוז ער דאָך דאָס פאָלק אויפזוכן דאָרט, ווו ער האָפט צו טרעפן מענטשן — אין פאָדערהויף פון טעמפּל, אויפן פּלאַץ פאַר דעם שטאָדט־טויער, אָדער ערגעץ־אַנדערש, ווו מענטשן פאַרזאַמלען זיך. זיין רעדן, צי קורץ, צי לאַנג, ווערט א ר ע ד ע, ער אַליין — אַ ר ע ד נ ע ר.

און דער רעדנער, וועלכער וויל נישט, אַז זיינע ווערטער זאָלן פאַרקלונגען ווערן אין דער לופט, וועלכער וויל זיך נישט באַנוגענען מיט צופעליקע צוהערער, נאָר ער וויל, אַז זיינע ווערטער זאָלן פאַרשפרייט ווערן אין ווייטערע קרייזן — ד ע ר רעדנער ווערט אומבאַדינגט אַ שריפטשטעלער — באַלד ווי נאָר די צייט פון לייענען איז אין פאָלק געקומען, ווי מיר האָבן פריער געוויזן. דערביי איז עס גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די נביאים האָבן נישט אָ נ ג ע ה ו י ב ן מיט ביכער שרייבן, נאָר לכתחילה האָט זיך זייער שריפטשטעלעריי באַנוגנט מיט פשוטערע פאַרמען. אַ שפרוך, אַן איינצלנע קירצערע, אָדער לענגערע רעדע. אַ פּאָר שטיקלעך פון איינעם אָדער אַנדערן מין האָבן געקאָנט פאַרשריבן ווערן, כדי די הערער זאָל האָבן די מעגלעכקייט דאָס געהערטע אין דער היים נאָכאַמאָל איבערצולייענען און אויך אַנדערע איבערצוגעבן. עס קומען צו אַנדערע פון דעם זעלבן אַרט – ווי, צום ביישפיל, פונאַנדערגעבן פלוגבלעטער א. ד. גל. — און מיט דער צייט דערוועקט זיך דאָס באַדערפעניש: די איינצלנע, פונאַנדערגעוואָרפענע שטיקער צונויפצוזאַמלען, צוערשט באַווייזט זיך די קליינע, איינצלנע זאַמלונג און ביסלעכווייז, דורך פאַרייניקן עטלעכע קליינע זאַמלונגען, קומט מען צום גרעסערן בוך.

מ׳זעט פונם געזאָגטן, אַז דאָס אויפקומען פון די נביאישע ביכער איז, טיילווייז על כל פנים, אַ רעזולטאַט פון זייער אַ פאַרוויקלטן פּראָצעס — הגם נישט שטענדיק איז עס אַזוי פאַרגעקומען, אָבער ביים רוב ביכער קאָנען מיר דאָס באַווייזן. פון דעם געזאָגטן זעט עס אויך אויס וואַרשיינלעך, אַז דאָס זאַמלען די איינצלנע שטיקער, ווי דאָס שפּעטערדיקע פאַרייניקן די איינצלנע זאַמלונגען אין גאַנצע ביכער און אפשר אפילו דאָס בלויזע אויפצייכענען די שפּרוכן און די רעדעס—האָבן נישט שטענדיק געטאָן די נביאים אַליין, נאָר ערשט זייערע שילער. און דאַרפן מיר אונז אַזוי פאָרשטעלן די טעטיקייט פון די נביאים, אַז שוין ביים לעבן זיינען זיי געווען אַרומגערינגלט פון אַ קרייז תלמידים, און נאָך זייער טויט האָבן די תלמידים ווייטער פאָרטגעזעצט זייער רבינס אַרבעט — דאַן לאָזט זיך זייער גרינג פאַרשטיין, אַז גראָד דאָס פאַרשרייבן די טעקסטן האָט געעפנט אַ פעלד פאַר דער טעטיקייט פון דער „שול״, פון די תלמידים.

אויף דעם וועג ווערן אויך פאַרענטפערט אייניקע פראַגן בנוגע דער „עכטקייט“ אָדער „אומעכטקייט“ פון איינצלנע שטיקער. אַן אַנדער שטיק, ווו ס׳זיינען צו דערקענען שפורן פון אַן אַנדער האַנד, אויסער דעם נביאס, קאָן פונדעסטוועגן זייער גוט געהערן דעם נביא גופא, די פאָרם זיינע ווייזט נאָר, אַז ער איז דורכגעגאַנגען דורך דער האַנט פון אַ תלמיד און ער ערשט האָט אים פאַרשריבן.

2. דאָס היינטיקע געשטאַלט פון „נביאים“.

דאָס **היינטיקע געשטאַלט** פון די נביאים שטימט זייער גוט מיט דעם, וואָס איז דאָ ביז איצט געזאָגט געוואָרן. קוקט מען זיך גענויער צו צו זיי, דאַן פילט מען — דערהויפט דער, וואָס איז נישט קיין פאַך-קענער — ווי שווער אייניקע פון זיי — אַזוי, למשל, ביי ישעיה און ירמיה — איז צו לייענען כסדר, אין אַ צוזאַמענהאַנג, — ווייל די איינצלנע שטיקער זייערע זייגען אָפט נאָר זייער שוואַך פאַרבונדן צווישן זיך; און זייער אָפט איז לחלוטין אוממעגלעך אַרויסצובאַקומען פון דאָרט אַ קלאָרן, פעסטצוגעשטעלטן, פעסטאָפּגעפּאַסטן געדאַנקען-גאַנג. די דאָזיקע באַמערקונג איז דורכויס ריכטיק. ביי גענויערער, ווייטערער אונטערזוכונג, געפינט מען דאַן אָפט, אַז קלענערע שטיקער פון איין נביא, וואָס האָבן אָבער פאַרשיידענע כאַראַקטערן און געהערן צו פאַרשיידענע צייטן, שטייען איצט נעבנאַנאַנדער, בעת אַז דער **ווירקלעכער** המשך פון אַ שטיק מוז געזוכט ווערן גאָר אין אַן אַנדער שטעלע פונם איצטיקן בוך.

נאַטירלעך לאָזט זיך די דאָזיקע באַאָבאַכטונג דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס די איינצלנע שטיקער זייגען נישט אָנגעקומען צו אונז אין דער ריכטיקער אָרדנונג, פונקט ווי בכלל האָט זיי נישט דער נביא אַליין צונויפגעשטעלט אין דער אָרדנונג, וואָס מיר לייענען זיי איצט. דערמאָנען מיר זיך נאָכאַמאָל דאָס, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט וועגן דעם אופן, ווי די זאַמלונגען זיינען צושטאַנד געקומען; דערמאָנען מיר זיך אַן דער השערה, וואָס מיר האָבן געהערט וועגן דער טעטיקייט פון אַ נביאס אַ „שול“, דאַן ווערט די זאַך דערקלערט דורכדעם, וואָס מיר וועלן אָננעמען: אַז ס׳רוב האָבן מיר עס צו טון מיט **איינצלנע** זאַמלונגען; לכתחילה, האָט איין זאַמלונג אַנטהאַלטן אין זיך איין שטיק, די אַנדערע — אַן אַנדער שטיק, ביז אַ שפּעטערע צייט האָט זיי — פון

פּיטעט וועגן צו די געפונענע זאַמלונגען — אַוועקגעשטעלט איינע נעבן דער אַנדערער, אַזוי ווי דער צופאַל האָט זיי איר אָנגעבאָטן.

נאָכמער. אַ גענויערע אונטערזוכונג לאָזט מער נישט איבער קיין שום ספק וועגן דעם, אַז אין אייניקע פון אַנדערע ביכער „נביאים" זיינען אַריינגענומען געוואָרן גרעסערע אָדער קלענערע שטיקער, וואָס פאַקטיש געהערן זיי גאָר נישט דעם נביא און נישט אַ נאָנטן שילער פון דעם נביא און מ'רופט דאָס שטיק מיט דעם נביאס נאָמען נאָר דערפאַר, וואָס מ'האָט דאָס על פי טעות אַריינגענומען אין זיין בוך. דאָס באַקאַנטסטע, אָבער נישט איינציקער ביישפיל אין דעם פרט, איז דער גאַנצער צווייטער טייל ישעיה פון קאַפּיטל מ׳ ביז סו׳. פון אָפּנאַרעריי אָדער פעלשונג קאָן דאָ קיין רייד נישט זיין. דער פאַקט באַווייזט אָבער, אַז דאָס צונויפשטעלן די איצטיקע נביאישע שריפטן פאַלט אויס — צום טייל על כל פנים — אין אַזאַ צייט, ווען מען האָט שוין נישט גאַנץ קלאָר געוווסט, וואָסער אַ גייסטיק גוטס געהערט ווירקלעך דעם אָדער יענעם נביא. און אין אַנדערע פאַלן לאָזט זיך דאָס אַריינקומען פון פרעמדע עלעמענטן אין אַ בוך אַריין דערקלערן דערמיט — וואָס אַזוי גוט ווי דאָס געזעץ און די געשיכטלעכע ביכער, אַזוי זיינען אויך די נביאישע כתבים דורכגעגאַנגען דורך אַ שפּעטערער האַנט, וואָס האָט זיי איבערגעאַרבעט.

דאָס, וואָס עס איז ביז איצט געזאָגט, גילט אָן ספק בנוגע דעם רוב פון די נביאישע כתבים. פון זיי לאָזט זיך מיט זיכערקייט זאָגן, אַז לכתחילה זיינען זיי געווען מינדלעכע רעדעס פון די נביאים. עס לאָזט זיך אָבער אויך נישט לייקענען, אַז וואָס מער מ'האָט זיך באַנוצט מיט שרייבן; וואָס שווערער דאָס אויפטרעטן פון די נביאים אַלס פאָלקסרעדנער איז, מיט דער צייט, געוואָרן — מ'דאַרף זיך נאָר דערמאָנען אָן דער גלות-צייט, ווו אַזאַ אויפטרעטן איז אפשר גאָר אוממעגלעך געווען — אַלץ מער קומט די נביאישע רעדע אויף בלויז שריפטלעך. עטלעכע קאַפּיטלעך אין יחזקל און אין זכריה קאָן מען זיך בכלל נישט כאָ־שטעלן, ווי מינדלעכע רעדעס. אָבער אַפילו ביי ישעיה פון גלות איז עס אויך אַ פראַגע, צי האָט ער דאָס גאַנצע בוך זיינס, אָדער אַפילו נאָר גרעסערע טיילן פון אים, אין רעדעס געהאַלטן. אין די יאָרהונדערטן, ווען די צייט פון דער לעבעדיקער נביאישקייט איז געווען פאַרביי אין

זי האָט אַלץ מער און מער געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט די סופרים, האָט זיך דער איבערגאַנג צו דער נייער צייט אויסגעצייכנט אויך דערמיט וואָס די נבואה איז פון דער לעבעדיקער רעדע איבערגעגאַנגען, אויסשליסלעך, אָדער על פי רוב, צו דער ליטעראַרישער פאָרם, צו בוך־נבואה.

אַ פראַגע, אַרום וועלכער מ'האָט פיל געשטריטן און מ'שטרייט נאָך איצט אויך, איז די, צי באַשטייען די נביאישע שריפטן פון *פאָעזיע*, אָדער פון *פראָזע*. דער פאַקט, וואָס אין נביאים געפינען זיך אַמאָל לידער (ישעיה ה' א. און ווייטער), קומט נישט אין באַטראַכט. לאָזן מיר זיי אָן אַ זייט, דאַן באַגעגענען מיר, אָן ספק, שטיקער נאָך שטיקער, וועלכע מען קען נישט אָנרופן אַנדערש ווי פראָזאַ — הגם אָפט איז דאָס אַן אַנדער ארט פראָזאַ, נישט ווי די פשוטע, דערציילנדיקע. דער געגנשטאַנד ברענגט עס מיט, וואָס די שפּראַך ווייזט אַ געוויסע „באַוועגונג", וואָס שטימט מיט דער געהויבענער פייערלעכער רעדע; עס טרעט אַלזאָ אויף די *רעטאָרישע* פראָזאַ. זעען מיר דאָך אויך ביי אונז, אַז די עפנטלעכע רעדע — קיין חילוק נישט, צי זי איז אַ רעליגיעזע, אַ פּאָליטישע, צי אַ וועלכע עס איז אַנדערע — הגם זי ווערט נישט קיין דיכטונג, איז דאָך אַ גרויסער חילוק צווישן איר און דער טעגלעכער רעדנסאַרט, אָדער אַפילו דער פשוטער, דערציילנדיקער פראָזאַ. דער חילוק ליגט אין דער געהויבנקייט און געוויסן ריטמוס, מיט וועלכער די עפנטלעכע רעדע צייכנט זיך תמיד אויס.

דערמיט איז נאָך אָבער די פראַגע נישט ערלעדיקט. גרעסערע טיילן פון דעם נביאס רעדע, שטייען, אָן ספק, העכער פון דער געהויבענער פראָזאַ, און זיינען כמעט *אַגעבונדענע* רעדע, אין שטרענגסטן זין פון וואָרט. די פראַגע, וויפל געפינען זיך אַזעלכע שטעלן, למשל, אין ירמיה צי אין חגי, מעג בלייבן אָפן; דעם פאַקט איז אָבער נישט צו לייקענען. ער שטימט אויך דורכויס דערמיט, וואָס מיר קאָנען ערוואַרטן פון פאַרשיידענע פאַרגלייכונגען, אָדער אַנאַלאָגיעס. אויב די לענגערע רעדע איז — ווי מיר האָבן געזעען — אַרויסגעקומען פון דעם קורצן שפּרוך, און איז דאָס אויפקומען פון דער נביאישער רעדע און פונם שפּרוך געגליכן, אויסערלעך על כל פנים, צום אויפקומען פונם אוראַלטן, אַנטיקן אָראַקל־און זעער־שפּרוך, — דאַן וועט זיך די פאָרם אויך

לאָזן פאַרגלייכן מיט דער פאָרם פונם אַנטיקן אָראַקל- און זעער-שפּרוכן. אָבער די אַנטיקע אָראַקל און די זעער האָבן עס ליב געהאַט אַרויסצוטרעטן אין אַ געבונדענער רעדע, ווי דיסטירא, עפּיגראַמען א. ד. ג. און די נביאישע רעדע איז פון דער אַנדערער זייט אָפּט געפּלאָסן פון אַ שטאַרק באַוועגטער זעלישער שטימונג — דאַן איז אָנצונעמען, אַז נישט זעלטן וועט זיך די געהויבענע שטימונג אָפּשפּיגלען אין אַ ווירקלעכן ריטם פון דער רעדע.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

די אַלט-העברעיִשע ליריק בכלל און דער תהילים בפרט.

1. **וואָכעדיקע און רעליגיעזע ליריק.** מיר האָבן שוין פריער געהערט, אַז אַלט-ישראל האָט זייער ליב געהאַט דאָס זינגען, ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איינציקן וויכטיקן פריילעכן אָדער טרויעריקן מאָמענט אין לעבן, וואָס ער זאָל אים נישט באַזינגען אין אַ ליד. צוערשט האָט אונז באַשעפטיקט דער דערציילנדיקער געזאַנג, דאָס העלדן-ליד, און דאָס רימען ישראלס מעשים אין דער אַלטער צייט. אָבער דערפון, וואָס דער תנ"ך דערציילט, אָדער ווינקט אָן, איז אָנצונעמען, אַז לפּחות פּונקט אַזוי רייך איז אויך די אייגנטלעכע ליריק געווען אַנטוויקלט. עס זיינען געווען ליבע- און רום-געזאַנגען, וווּ איינער רימט זיך אַליין אָדער ער רימט אַנדערע, מיט זייער העלדישקייט און ווילדער תאווה צו נקמה בנוגע אַלע, וואָס וואָלטן אים געקאָנט עפּעס בייז טון — ווי דאָס האָט, למשל, געטון למך (בראשית, קאַפּיטל ד' פּסוק כ"ג און ווייטער). און געווען זיינען אויך קללה- און טאַדל-געזאַנגען, ווי דאָס האָבן אויך די אַראַבער ליב, — אין אַ ליד דעם געגנער צו ערנידעריקן. אַזוי זיינען אויך ראובן, שמעון און לוי געטאַדלט אין יעקבס ברכות; אַזוי זיינען אין שירת-דבורה פאַרשאָלטן די פוילע און אייגנזיכטיקע שבטים, וואָס זיינען נישט געקומען צו הילף ברקן און דבורהן (זע

בראשית, קאַפּיטל מ״ט, פּסוק א און ווייטער; שופטים, קאַפּיטל ה׳, פּסוק ט״ז; זע אויך במדבר, קאַפּיטל כ״א פּסוקים: כז—ל). עס זיינען אויך געוועזן לידער פון שניט-צייט, ווו מ׳האָט אויסגעדריקט די פרייד מיטן געראָטעניש אין פעלד (שופטים ט׳ פּסוק כ״ז; ישעיה, קאַפּיטל ט. פּסוק ב); ברונען-לידער, וואָס מ׳האָט געזונגען גייענדיק צום ברונען און אפשר אויך בעתן גראָבן דעם ברונען (במדבר כ״א, פּסוק י״ז און ווייטער) און טיש-לידער, וואָס מ׳האָט געזונגען ביי פייערלעכע מאָלצייטן (ישעיה ה׳ פּסוק י״ב; עמוס ו, פּסוק ה׳; שמואל ב׳—י״ט פּסוק ל״ו).

אָבער די וויכטיקסטע געלעגנהייטן צו אַנטוויקלען די דיכטערישע טאַלאַנטן זיינען, קודם כל, געווען: חתונה און ליבע — פון איין זייט, טויט און קבורה — פון דער אַנדערער זייט. „שיר השירים", וואָס איז פאַלשלעך צוגעשריבן געוואָרן שלמה המלך, איז פון אָנהייב אָן געווען נישט מער, ווי אַ זאַמלונג פון ליבע-לידער, אָדער חתונה-לידער, טיילווייז זיינען זיי אַפילו צו נאַטירלעך, — וואָס מ׳האָט אין יענער צייט נישט געהאַלטן פאַר אַ חסרון, — אָבער אינאיינעם דערמיט פאַרמאָגן זיי די העכסטע פיינקייט פון עמפפינדן און דעם געשמאַק פון די צאַרטסטע ריחות. אין אַ צייט, ווען מ׳האָט די מגושמדיקע נאַטוויטעט זייערע מער שוין נישט געקאָנט פאַרשטיין, האָט מען די לידער אויסגעטייטשט סימבאָליש. אָבער גראָד אָט דער פאַלשער אויסטייטשונג האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען, וואָס די דאָזיקע פּרעכטיקע לידער-זאַמלונג, פול מיט אמתער פּאָעזיע און ריינסטער שיינקייט, איז אונדז דערהאַלטן געוואָרן. די לעצטע צייט האָט מען אויך די דאָזיקע לידער געוואָלט גאָר אַ שפּעטערער צייט צו שרייבן. וואַרשיינלעך אָן גרונט. אייניקע סמנים באַווייזן, אַז דער יסוד פון אָט דער זאַמלונג געהערט צו דער אַלט-איזראַעליטישער צייט.

נישט קיין קלענערע ראָלע האָט דאָ אויך געשפּילט דאָס באַוויינען די טויטע און די קינה. דאָס הויכע, ליאַרעמדיקע קלאָגן נאָכן טויטן איז נאָך איצט אויך אַ וויכטיקער טייל פון די פייערלעכקייטן, וואָס מ׳איז זיך אין מזרח נוהג בעת דער קבורה. אַזוי איז דאָס שוין געווען אין אַלטערטום. און זייער אָפט, קאָן זיין, האָט מען אינם הויכן קלאָגן אויסגעדריקט נישט בלויז דעם ווייטיק נאָכן טויטן, נאָר אינאיינעם מיט אים, אויך נאָך אַלערליי איבערגלויבערישע פאָרשטעלונגען. פון דעם טומלדיקן

קלאָגן און קרעכצן קומט מיט דער צייט אַרויס אַ ריטמיש־מעלאָדישער, און אין ווערטער געפאַסטער אַרט פון קלאָגן, קומט אַרויס דער קלאָג־שפּרוך און דאָס קלאָג־ליד. דער שענסטער ביישפּיל פונם אייגנטלעכן טרויער־ליד איז דודס עלעגיע אויפן טויט פון שאול און יהונתן, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן. נאָך איר, — אָבער נאָר עטוואָס נידעריקער פון איר, — קומען די „קינות", וואָס באַוויינען דעם חורבן ירושלים, די ליידן פון דער באַלאַגערונג און שילדערן דעם רויב, וואָס נבוכדנאצרס חילות האָבן געמאַכט אין שטאָט, אין זייער פּלאַסטישע אויסדריקן.

אָבער וויכטיקער פון די אַלע לידער און זאַמלונגען פון לידער, דאָס זיינען ביז איצט דערמאָנט, איז געוואָרן יענע לידער־זאַמלונג, וואָס מיר רופן מיטן נאָמען תהילים. אין אַלע יענע לידער האַנדלט עס זיך וועגן וועלטלעכער ליריק, דער תהילים איז אַ זאַמלונג פון רעליגיעזער ליריק, וואָס איז לכתחילה געווען ביי יידן געלויפיק, און מיט דער צייט איז עס געוואָרן דאָס לידער־בוך, אָדער דאָס געזאַנג־בוך פון דער יידישער עדה. ווי אַזוי איז דאָס בוך אַנטשטאַנען?

2. דער עלטער און דאָס אויפקומען פון דער רעליגיעזער ליריק. צי האָט דוד פאַרפאַסט דעם תהילים?

כדי צו קענען ענטפערן אויף דער פראַגע, זיינען מיר געצוווּנגען צו שטעלן פריער אַן אַנדער פראַגע: וועגן דעם עלטער און אויפקומען פון רעליגיעזער ליריק ביי יידן בכלל.

אונטערן איינפלוס פון יענער נייגונג — וועלכע מיר האָבן פריער דערמאָנט, בעת מיר האָבן באַהאַנדלט די געזעצן־ליטעראַטור, אויספירלעך אָפּגעשאַצט אַ גרויסן טייל פון אונזער תנך־ליטעראַטור און אַראָפּגעצויגן אין דעם שפּעטסטער איזראַעליטיש־יידישער צייט, — האָבן נייערע פאָרשער, מיט וועלהויזן בראש, דעם תהילים כמעט אינגאַנצן געוואָלט צושרייבן דער צייט, וואָס נאָך גלות־בבל. אַלס וויכטיקע סיבה פאַר דער הנחה שטעלט מען אַרויס פאָלגנדיקן זאַץ: דאָס אַלטע ישראל האָט בכלל פאַרמאָגט נאָר אַ וועלטלעכע ליריק; די רעליגיעזע ליריק, וואָס דער תהילים איז אַ וויכטיקער טייל פון איר, איז בכלל געשאַפן ערשט נאָכן גלות בבל.

אָט דעם זאַץ, וועלכער איז זייער פאַרשפּרייט, קאָן איך אויף קיין

פאַל נישט אָננעמען, ווי אַ געזיכערטן רעזולטאַט פון אונזער וויסנשאַפט, נאָר פאַרקערט, איך מוז קוקן אויף אים ווי אויף אַ פועל יוצא פון אַ גרויסן, אומגליקלעכן טעות.

פאַקטיש וועט די רעליגיעזע ליריק ביי יידן — ווי אומעטום אין אַלטערטום — אַזוי אַלט זיין ווי די וועלטלעכע. און זאָל באמת יאָ זיין אַ חילוק צווישן זיי ביידע אין דער עלטער זייערער, דאַן וואָלט עס נישט געווען דער חילוק, וואָס איז געמיינט אין פריער דערמאָנטן זאַץ, נאָר אַ אומגעקערטער: גיכער איז דער רעליגיעזער געדאַנק עלטער פון דעם וועלטלעכן, איידער יונגער. אָבער דעם גלויבן, אַז די רעליגיעזע ליריק האָט ביי יידן געדאַרפט האָבן כמעט גאַנצע טויזנט יאָר, כדי זיך צו אַנטוויקלען פון דער וועלטלעכער ליריק, אָדער נעבן איר, דעם גלויבן, זאָג איך, קאָן איך זען נאָר ווי אַ פאַרבלאָנדזעניש. דאָס רעליגיעזע לעבן האָט ביי יידן שטענדיק געהאַט די גרעסטע באַדייטונג. עס איז כלל נישט נייטיק צו מיינען, אַז ערשט דורך גלות בבל איז דאָס רעליגיעזע לעבן וואַך געוואָרן. דורכן גלות איז עס נישט געוועקט געוואָרן, נאָר אין אַנדערע וועגן אָנגעהויבן גיין, אַן אַנדער ריכטונג אָנגענומען. און דער פולס פונם רעליגיעזן לעבן האָט אין אַלטערטום געשלאָגן ביי יידן אַזוי גוט, ווי אין דער שפּעטערדיקער צייט. עס מוז דערום אין העכסטן גראַד משונה אויסזען, ווען די דיכטונג, וואָס האָט זייער פרי אָנגעהויבן באַגלייטן די פרייד און דעם טרויער, די העלדן און די מלחמות, זאָל נישט אין דער אייגענער צייט אויך דעם גאָט פון די העלדן און פון די מלחמות האָבן באַגלייט.

דערפון איז צו זען, אַז פאַקטיש איז דער אויסלענדישער מוסטער פון רעליגיעזער דיכטונג כלל נישט נייטיק, כדי ערשט דורך אים ווארשיינלעך צו מאַכן די טיפע עלטער פון דער רעליגיעזער ליריק ביי יידן. פונדעסטוועגן, זאָלן אויך אַזוינע מוסטערן דערמאָנט ווערן. אין מצרים, למשל, איז שוין אין זייער פריער צייט געווען אַזאַ מין רעליגיעזע דיכטונג, ווי דער יידישער תהילים; און אין פיל ברייטערע קרייזן איז באַקאַנט דער בבלשער תהילים, דערהויפּט די תשובה־פּסאַלמען, וואָס געהערן דעם דריטן יאָרטויזנט פאַר קריסטוס. נאָך אָט די אַנאַלאָגיעס, און ביי דער אייגענער באַציִונג, וואָס איז געווען צווישן די לענדער, לאָזט זיך נאָך ווייניקער אָננעמען וועלהויזנס דערמאָנטע מיינונג.

אָבטר אַ חוץ דעם ווערט יענע גײַנונג אָפּגעפרעגט דורך געוויסע פאַקטן, וואָס מיר טרעפן ביי יידן גופא.

אין איינעם פון די שטאַרקסטע לידער וועגן דעם צער פון גלות בבל, דערציילט דער זינגער:

„על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון. על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו. כי שם שאלונו שובבנו...: שירו לנו משיר ציון. איך נשיר את שיר יהוה על אדמת נכר" (תהילים קאַפּ. קל'ז, פסוק א — ד) *). וואָס זיינען דאָס פאַר „לידער פון ציון"? דאָס זיינען יהוהס לידער, ד. ה. לידער, ווו דער גאָט פון ישראל ווערט געלויבט, — רעליגיעזע לידער. און אַזעלכע לידער זינגען אין פרעמדן, געצנדינערישן לאַנד, וואָלט געהייסן פאַרשוועכן דאָס הייליקע געזאַנג. דערפון איז מיט נויטווענדיקייט געדרונגען, אַז ביי זיך אין דער היים האָט מען די לידער יאָ געזונגען. מיט אַנדערע ווערטער: אַז אויך פאַרן גלות, — און דעמאָלט, אָן ספק, אויך אין בית המקדש און בעת גאָט-דינען האָט מען ביי יידן געזונגען רעליגיעזע לידער.

דאָס אייגענע זאָגט אויך עמוס. בעת ער באַקלאָגט דעם צושטאַנד, וואָס דאָס גאַנצע גאָט-דינען איז ביי יידן נישט מער, ווי אַ אויסערלעכע צערעמאָניע, שרייט ער אויס:

„הסר מעל המון שיריך
וזמרת נבליך לא אשמע" **)

דער גאַנצער צוזאַמענהאַנג רעדט פון עפנטלעכן גאָט-דינען: ווי יום טובים און הייליקע פאַרזאַמלונגען, ווו מ'ברייגט עולות און זבחים, מנחות און שלמים, אַזוי ווי דאָס פאָלק איז געוויינט זיי צו ברענגען — זיינען פאַר יהוה אַ גרויל, און נישט ווייניקער גרויל זיינען אויך זייערע לידער. אָבער דערמיט קאָן מען דאָך אויסן זיין נאָר רעליגיעזע לידער, וואָס מ'זינגט ביים מקריב זיין אַ קרבן, ד. ה. דאָס, וואָס מיר רופן

---

*) דאָס איז טייטש: „אַרום די טייכן, אין בבל, דאָרט זיינען מיר געזעסן און געוויינט — דערמאָנענדיק זיך אָן ציון. אויף די ווערבעס דאָרט האָבן מיר אויפגעהאָנגען אונזערע פידלען — ווייל אונזערע פאַנגער האָבן פון אונז געפאָדערט: „זינגט אונז לידער פון ציון!" ווי קאָנען מיר אָבער יהוהס לידער זינגען אין א פרעמדן לאַנד?"

**) דאָס איז טייטש: „טוט אָפּ פון מיר דעם טומל פון אייערע לידער און דאָס געריוש פון דיינע האַרפן קאָן איך נישט הערן".

תהילים, אָדער פּסאַלמען. אין דער צייט פון עמוס און אין בית-אל, ווו ער האָט זיינע נביאות געזאָגט, האָט מען, אַלזאָ, יאָ געקענט רעליגיעזע ליריק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס אייגענע איז אויך געווען אין יהודה און אין ירושלים.

געוויס. מיר קאָנען נאָך צוריק, ווייטער-אַרויף שטייגן. דוד האָט דעם הייליקן ארון געבראַכט אויפן באַרג ציון און האָט דערביי איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע פּראָצעסיע: „מיט געזאַנג, מיט פידלען, מיט האַרפּעס און מיט פּויקן". עס איז קיין צווייפל נישט, אַז אויך דאָ זיינען די געזאַנגען געווען נאָר רעליגיעזע, ווי יהוה, און זיין הייליקער ארון, זיינען באַזונגען געוואָרן (שמואל ב' קאַפּ. ו' פּסוק ה' און ו. די ריכטיקייט פון טעקסט איז באַוויזן). נאָכמער, אפילו די שירה פון דבורה, הגם זי איז אַ נצחון-ליד, איז זי דאָך געזונגען געוואָרן צום גאָט פון ישראל, ד. ה. אַלזאָ, אַ שטיק רעליגיעזע ליריק. און נאָך מיט מער רעכט לאָזט זיך דאָס אייגענע זאָגן פונם נאָך עלטערן נצחון-ליד, וואָס מרים האָט געזונגען, נאָכדעם ווי די יידן זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ים-סוף (שמות ט"ו, פּסוק כ', כא). דאָס זיינען נישט אַ ל ע ראיות, אָבער ס'קאָן שוין געניגן — ווייל דער פאַקט, אַז נאָך פאַרן גלות-בבל איז ביי יידן געווען אַ רעליגיעזע דיכטונג; אַז זי איז נישט געווען קיין איינצלנע, נאָר זי איז געווען פונקט אַזוי רייך אַנטוויקלט ווי די וועלטלעכע, דאָס קאָן, נאָך מיין מיינונג, אויף קיין פאַל נישט אָפּגעפרעגט ווערן. מען קאָן אפילו מיט אַ רויק געוויסן גיין נאָך ווייטער און זאָגן קורץ: דאָס רעליגיעזע ליד, דער תהלים, איז אַזוי אַלט ווי דאָס פאָלק ישראל אַליין. שוין ביי זיין וויגל איז ער דעם פאָלק געזונגען געוואָרן.

יידן האָבן אַלזאָ אין אַלטערטום געקענט די רעליגיעזע דיכטונג. דערמיט איז נאָך אָבער כּלל נישט געזאָגט, אַז גראָד די אייגענע לידער, וואָס מיר געפינען איצט אין תהלים, אָדער אפילו נאָר אַ טייל פון זיי, געהערן עס צו יענע רעליגיעזע לידער, וואָס זיינען ד ע מ אָ ל ט געווען אָנגענומען ביי יידן. פאָרלייפיק איז נאָר באַוויזן, אַז דאָס איז מ ע ג ל ע ך אָנצונעמען. צי שטימט דאָס מיט דער ווירקלעכקייט, — דאָס דאַרף נאָך ערשט באַזונדער באַטראַכט ווערן. מיר מוזן זיך אַלזאָ ווענדן צו אונזער תהילים גופא. קודם-כל דאַרף מען באַטראַכטן די פראַגע: אין וואָסער אַ מאָס איז באַגרינדעט די טראַדיציאָנעלע מיינונג, אַז ד ו ד

האָט אַ גרויסן חלק און דער תּהילים־דיכטונג?

לויט די איבערשריפטן אויף די איינציקע לידער (קאַפּיטלעך) קומט אויס, אַז נישט ווייניקער ווי דריי און זיבעציק לידער, ד. ה. מער ווי די העלפט פונם גאַנצן תּהילים, געהערן דודן. אמת, ס'איז נישט גאַנץ זיכער, אַז פון שטענדיק אָן איז מען מיט די איבערשריפטן אויסן געווען אָנצווייזן דעם פאַרפאַסער. שפּעטער אָבער האָבן דאָס אַלע אַזוי אויסגעטייטשט. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זיך צוליב דעם אַנטוויקלט די טראַדיציאָנעלע מיינונג, אַז דוד האָט אַלע לידער פון תּהילים געזונגען. פיל מאָל טרעפן מיר אויך, אַז דער תּהילים ווערט קורץ אָנגערופן: „תּהילות דוד". דאָס אייגענע איז אויך פאָרגעקומען ביי אַנדערע פעלקער. פאַקטיש זיינען די איבערשריפטן נאָר זייער אַ טונקעלע קוועלע. עס לאָזט זיך באַווייזן, אַז די איבערשריפטן האָבן בכלל נישט אָנגעהערט צום עלטסטן טעקסט פון תּהילים, נאָר זיי זיינען ערשט פיל שפּעטער צוגעקומען. נאָכמער. עס לאָזט זיך באַווייזן, אַז פיל פון די לידער, וואָס צוליב דער איבערשריפט האָט מען זיי געהאַלטן פאַר דודס, איז, לויט זייער אינהאַלט, אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן שטאַמען פון אים. עס איז דערום בעסער די איבערשריפטן בכלל לאָזן אָן א זייט און די פראַגע וועגן דער אויפפאַסונג פון תּהילים זאָל באַטראַכט ווערן לויט אינערלעכע מאָטיוון, דאָס הייסט אַלזאָ לויטן אינהאַלט פון די לידער. דאָס הייסט גאָך נישט, אַז יענע איבערשריפטן האָבן גאָר קיין שום ווערט נישט; אַלנפאַלס שטעלן זיי פאָר אַ באַדייטנדע טראַדיציאָנעלע מיינונג, נאָר ווי זעלבסטשטענדיקע ראיות קאָנען זיי נישט גילטן.

נאָך דעם געזאָגטן, ווי האַלט עס מיט דער טראַדיציאָנעלער מיינונג וועגן דודן?

עס דאַרף אָנגענומען ווערן ווי אַ פאַקט, וואָס שטייט געשיכטלעך פעסט, אַז דוד איז געווען „אַ דיכטער פון גאָטס גענאָד". די דערציילונג אין שמואל קען אים נישט בלויז פאַר אַ זינגער, וואָס האָט אַ שם — און ס'רוב איז דער זינגער שוין אַ דיכטער אויך — נאָר מיר האָבן אויך געווויסע (הגם נישט פיל) לידער, אויסערן תּהילים, וואָס ווערן מיט די בעסטע ראיות אים צוגעשריבן. געהערט אים אפילו נאָר דאָס איינע— אָן שום ספק עכטע — ליד, וואָס ער האָט געזונגען אויף שאולס און

י נתנס טויט, איז דאָס גענוג, אַז ער זאָל פאַרשריבן ווערן, ווי אַ גרויסער דיכטער. ווען עס וואָלט עס עמיצער אונטערגענומען צונויפצוזאַמלען די פערל פון דער וועלט-ליטעראַטור פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער, וואָלט ער דאָס ליד נישט געקאָנט שטילשווייגנד פאַרבייגיין.

ווי אַ פאַקט, וואָס שטייט געשיכטלעך פעסט, דאַרף אויך אָנגענומען ווערן, אַז דוד איז געווען אַ טיף-רעליגיעזע נאַטור. דודס מענטשלעכער כאַראַקטער איז פול מיט שוואַרצע שאָטנס. דער ביבל-פאָרשער האָט עס נישט נייטיק זיי צו פאַרשענערן. בת-שבען האָט ער פאַרפירט. איר מאַן, אוריה החתי, האָט ער דערהרגט ווי אַ פשוטער מערדער. אויסערדעם, איז ער אויך נישט פריי געווען פון דעספּאָטישער לויגע און מענטשלעכער שוואַכקייט. אָבער דאָס אַלץ ווייזט נאָר, אַז ער איז געווען אַ מענטש פון פלייש און בלוט, ווי די צייט און דער קעניגלעכער טראָן האָט זיי געשאַפן. עס ווייזט אויך ווייטער, אַז אונזערע דערציילער האָבן אים אונז געשילדערט מיטן פולן אמת און, אין די הויפּטשטריכן, פונקט אַזוי ווי ער איז געווען איןווירקלעכן לעבן, נישט ווי אַ שאַבלאָן און נישט ווי אַ געוויינלעכן דורכשניטס-מענטשן. דערפאַר האָבן מיר אויך דאָס רעכט זיי צו גלייבן דאָרט, ווו זיי שילדערן אים אין זיין מענטשלעכער גרויסקייט.

און דאָ מאָלן זיי אים ווי אַ גייסטיקן ריז; טורעם-הויך איבער די געוויינלעכע געשטאַלטן, צווישן די מענטשן אין זיין זייט. אַזוי שטייט ער פאַר אונז, סיי אַלס מענטש, סיי אַלס רעליגיעזער כאַראַקטער. אַלס מענטש, פול מיט עכטער זעלנגרויסקייט, קלאָגט ער אין שניידיקע טענער פון אומבאַפּוצטן צער אויפן טויט פון זיין ערגסטן שונא; בלייבט ער ריטערליך-טריי דעם פריינט זיינעם, אַפילו שוין נאָך יענעמס טויט און אויפריכטיק איז ער זיך, פאַרן נביא, מתודה אויף זיין זינד. און אַלס רעליגיעזער כאַראַקטער איז ער אַפילו — אין הסכם מיט זיין צייט — נישט פריי פון אַבערגלויבישע און רעליגיעז-עקסצענטרישע בייגונגען. ער איז געבונדן צו זיי מיט זיין גאַנצער קרעפטיקער, טעמפעראַמענטפולער נאַטירלעכקייט — אַפילו מער נאָך ווי אַלע אַנדערע פון זיין גלייכן אין יענער צייט, אַפילו מער נאָך ווי אַנדערע אין זיין אייגענער סביבה — אָבער אויך דאָ ווייזט ער זיך אַרויס, ווי אַ גאַנצער מאַן און ווי אַ פילזאַפּטיקע, שטאַרק-בלוטיקע נאַטור. וואָס ער טוט אין דעם פּרט, פליסט

בײַ אים אַרויס פון אמתער רעליגיע. עס איז דער אויסדרוק פון אַ שטאַרקער, עכטער, טיף אין אים לעבעדיקער פרומקייט. פון דער פרומקייט זײַנער האָבן מיר געגוג באַוויזן. הגם אַ מלך, בייגט ער זיך דאָך פאַר יהוהס שטראָף־וואָרט. יהוהס כבוד איז אים טײַערער פון אַלץ, אַפילו פון זײַן אייגענעם כבוד (זע שמואל ב׳ קאַפּ. ו׳ פסוק כב). כדי גאָטס ערע איר רעכט צו טאָן, איז דאָס ערשטע וואָס דוד טוט: יהודס ארון — וועלכן שאול האָט פאַראכטעט, האָט אים געלאָזט שטיין אָן אַ זײַט, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין לאַנד — ברענגט ער אין זײַן הויפּטשטאָט. נאָכמער: זײַן אייגענע הויפּטשטאָט לאָזט ער מאַכן פאַרן פאָרנעמסטן וווין־אָרט פון זײַן גאָט. די מיינונג, וואָס מיר האָבן בקבלה, אַז דוד אַליין האָט געטראַכט צו בויען אַ בית־המקדש און האָט אויפסניי אײַנגעאָרדנט דעם שטייגער פון גאָט־דינען, און דערבײַ האָט ער אויך נישט פאַרגעסן אָן דעם מוזיקאַלישן טייל (פאַרגלײַך שמואל ב׳ קאַפּ. ו׳ פסוק ה׳, די ריכטיקייט פון טעקסט איז באַוויזן מיט עמוס קאַפּ. ו. פסוק ה׳), האָט אַלנפאַלס אַ וועלכן עס איז יסוד.

נאָך דעם אַלעם, האָבן מיר פיל רעכט אָנצונעמען דודן פאַר אַ רעליגיעזן דיכטער אויך. נאָכמער: עס וואָלט דאָך געמוזט זײַן אויפפאַלנד, ווען ער וואָלט נישט באַנוצט זײַן האַרפּע אויך לכבוד יהוה, וואָס איז אים געווען אַזוי טיף אײַנגעבאַקן אין האַרצן. און אויב אין הסכם דערמיט, טרעפן מיר אי אין תהילים, אי אויסער אים אַ שטאַרקע קבלה, וואָס פאַרבינדט דודן מיטן תהילים, האָבן מיר פולשטענדיקע רעכט איר צו גלויבן.

אָבער דערפון איז ווידעראַמאָל נאָך נישט געדרונגען, אַז ווען אין איצטיקן תהילים איז אַ געוויסע צאָל לידער צוגעשריבן דודן, מוזן אַלע אָדער אַ טייל פון זיי, גראָד טאַקע שטאַמען פון דודן. עס איז זייער מעגלעך, אַז די אמתע שטיקער דודס זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן, אָדער מחמת שפּעטערער איבערדיכטונג, זײַנען זיי מער נישט צו דערקענען. און פאַרקערט ווען אין תהילים געפינען זיך שטיקער, וואָס לויט זייער פאָרם און אינהאַלט שײַנט עס, אַז זיי געהערן צו דודס צײַטן, איז נישטאָ קיין שום סבות, פאַרוואָס מ׳זאָל זיי דווקא מוזן אָפּנעמען פון דודן. נאַטירלעך, מוזן עס זײַן אַזעלכע לידער, וואָס ס׳לאָזט זיך נישט לייקענען, אַז מיר האָבן פאַר זיך, נעבן דער דיכטער־



תגלת־פלאסר דער 4־טער אין זיין מלחמה־וואָגן



דער מלך סנחריב (?) אויף זיין קריגס-פערד

איינציקע בילדער פון פאָרטרעטער פון די איינגענומענע שטעט אין פאַלעסטינע
פון שישקס מצבה

שער קראַפט און אייגנאַרטיקייט — ווי מיר קאָנען זיי פון שמואל ב׳ קאַפּ. א. פסוק יז׳ און ווייטער — אויך אַ געוויסע, אומגעבראָכענע נאַטירלעכקייט און אַ האַרב ווילדגעוויקס פון רעליגיעזן דענקען, ווי מיר טרעפן עס אַנדערש־ווו ביי דודן. אָבער אַזעלכע מיני לידער געפינען מיר אין אונזער איצטיקן תהילים אויך. פריער האָבן געקאָנט זיין מער אַזעלכע.

אַלס ביישפּיל וועל איך דאָ דערמאָנען די צווייטע העלפט פון קאַפּיטל כד (ז—י). אין אַ הויכקלינגנדיק געזאַנג, ווערט צוערשט פון די אַלטע טויערן ירושלימס, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע מענטשן, געפאָדערט, זיי זאָלן זיך אויסשטרעקן אַזוי הויך, ווי נאָר זיי קאָנען, און שטאָלץ זאָלן זיי זייערע קעפּ אויפהויבן, כדי דער מאַיעסטעטישער קעניג זאָל קאָנען דורך זיי אַריינקומען. זיין מאַיעסטעט איז אַזוי דערהויבן, דאָס די טויערן, ווי הויך זיי זאָלן נישט זיין, זעען זיי אויס צו נידעריק אין פאַרגלייך מיט אים. דער געוואַלטיקער קעניג דראָט זיי אויפצורייסן. דאָס זינגט איין כאָר, דער אַנדערער פרעגט:

„— ווער איז דען דער מאַיעסטעטישער קעניג?"

און דער ערשטער ענטפערט:

„— דאָס איז יהוה, שטאַרק און פול מיט קראַפט; יהוה דער קריגס־העלד!"

עס איז קיין ספק נישט, אַז דאָס ליד פייערט דאָס אַריינברענגען דעם ארון, דאָס אומקערן זיך פונם קריגסגאָט פון זיין זיגרייכער מלחמה. ס'איז שווערלעך אָנצונעמען, אַז פון שלמהס צייטן אָן און ווייטער זאָל מען אַלץ נאָך מיטגענומען דעם ארון אין אַ מלחמה אריין, אָבער אין דודס צייטן אין דאָס זייער גוט מעגלעך. מעגלעך, אַז מיט דעם ליד האָט מען באַזונגען זיין אומקערן זיך. דאָס איז נישט קיין שפּעטערדיקע נאָכאָמונג; דאָ ווייט די לופט פונם אַלטן ישראל און פונם „ספר מלחמות יהוה"!

אָדער לייענען מיר דאָס קאַפּיטל כ"ט. דאָ ווערט פון די „בני אלים" געפאָדערט, זיי זאָלן יהוה כבוד און לויב ברענגען. און נאָכדעם ווערט יהוה גערימט, ווי דער מאַיעסטעטישער גאָט פון שטורם און מיט דער העכסטער דיכטערישער קראַפט ווערט געשילדערט דאָס טאָן, וואָס ער טוט אין שטורם: ווי זיין דונערנדיקע שטים ברעכט צעדערן, לאָזט שפּרינגען דעם לבנון און דעם חרמון ווי די קעלבער, און די אינדן פון

ים לאָזט ער געבוירן און פּלאַצן, לויט דער פּרימיטיווער נאַטור־באַ טראַכטונג, ווערט דער דונער — ווייל ער שטורעמט הויך און וואַרפט אָן אַן אימה — געהאַלטן ווי דאָס וויכטיקסטע אין שטורם. אָדער דאָס קאַפּיטל י״ט, ווו די זון אַליין, ווי העליאָס מיט זיין וואָגן, ווערט פאַר־געשטעלט ווי אַ העלד, כמעט ווי דער זון־גאָט, וועלכער לויפט זיין וועג אין זיין הימל־געצעלט. דאָס זיינען דיכטונגען פון דער פּאָלקאָמענסטער דיכטערשער מייסטערשאַפט און העכסטער רעליגיעזער קראַפט. אָבער ד' רעליגיע אַליין איז פול מיט אורוויקסיקע, עלעמענטאַרע אָנשויונגען, וואָס זיינען נאָך אָנגעזאַפּט מיט מיטאָלאָגישע עלעמענטן. דודס האַרפע האָט געמוזט זיין צוגעפּאַסט צו אַזעלכע טענער.

3. **דער גלות און די צייט נאָכן גלות.** **דער פּרט און די געמיינדע.** ס'איז אָבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די תהילים־דיכטונגען האָבן זיך אַנטוויקלט, געמאַכט פאָרשריט. נאָך דודן האָבן אַנדערע **זייערע** לידער געזונגען, און האָבן זיי געזונגען אין גייסט פון **זייער** צייט, לויט זייערע דיכטערישע און רעליגיעזע כחות. די צייטן פון גלות און די צייטן פון אומקערן זיך צוריק קיין פּאַלעסטינע האָבן די זאַמלונג פאַרמערט. די געוואַלטיקע אויפרעגונג אין דער צייט פון די מכּבייער האָט צו די אַלטע לידער צוגעגעבן עטלעכע נייע. דאָס אַלץ איז באַגרייפלעך. דאָס דאַרף אונז אָבער נישט ברענגען צו קיין פאַלשע אויספירונגען, נעמלעך: אַז גראָד די לידער פון דער שפּעטערער צייט, דערהויפּט פון דער צייט, וואָס נאָכן גלות בבל, זיינען לערך אין אַ באַזונדערס גרויסער צאָל דערהאַלטן געוואָרן. די זאַמלער פון די לידער און דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער דעמאָלטי־קער געמיינדע, איז די רעליגיע פון די נייע לידער נענטער געווען ווי די רעליגיע פון די אַלטע. די נישט זייער גרויסע צאָל ביישפּילן פון אורוויקסיקע, נאַיווע תהילים־דיכטונגען, האָבן מיר טיילווייז, וואַרשיינ־לעך, בלויז גינסטיקע אומשטאַנדן צו פאַרדאַנקען, פּונקט ווי די אַלטע דערציילונגען אין די וועלטלעכע לידער. עס איז אויך נישט אויסגע־שלאָסן, אַז דאָס איינע אָדער אַנדערע שפּעטערע קאַפּיטל תהילים, האָט פריער אַנדערש געקלונגען, נאָר דאָס עלטערע אורגעשטאַלט זיינס האָט געמוזט פאַרשווונדן, מחמת די נייע שטרענגערע פאָדערונגען פון דער נייער צייט.

הגם מיר האָבן אַלזאָ גענוג סבּות, נישט ווייניק לידער צוצושרייבן דער צייט פון נאָכן גלות און אַפילו דער צייט פון די מכבּייער, איז עס פונדעסטוועגן אַזוי גוט ווי לחלוטין אויסגעשלאָסן, אַז די צייט פון די חשמונאיִמשע מלכים, פונם לעצטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס, זאָל נאָך אויך האָבן אַ חלק אין תהילים. דומס פּרווו דאָס צו באַווייזן, דאַרף מען האַלטן פאַר נישט געלונגען. הן די לידער גופא, הן די געשיכטע פונם אָפּשליסן דעם תנך און פון דער סעפּטואַגינטא (איבערזעצונג פון די זיבעציק) רעדן קעגן זיין מיינונג. ווי אַזוי לידער פון יענער צייט האָבן באמת אויסגעזען, דאָס זעען מיר מיט פולער דייטלעכקייט פון „שלמהס תהילים" — אַ יידישער לידער-בוך, וואָס ווערט פעלשלעך שלמהן צוגעשריבן, אָבער ער שטאַמט פון דער צייט פון פּאָמפּייוס. פאַרגלייכט מען אָט די לידער מיט אונזער תהילים איז אוממעגלעך נישט צו באַמערקן דעם גרינטלעכן חילוק צווישן זיי.

אָבער נאָך פון אַן אַנדער זייט ווערן מיר געצווונגען צו פאַרשיידענע באַטראַכטונגען, וואָס לאָזן זיך נישט אָוועקמאַכן מיטן האַנט. דאָס זאַמלען און דאָס קאַנאָניזירן (דאָס אָפּשליסן דעם תנך) די ספרים פון תנך האָט געמוזט געשען אַ צייט פריער פאַר קריסטוס-געבורט. דאָס לעצטע בוך, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אין תנך, איז, ווי ווייט מיר ווייסן, דער ספר דניאל, וועלכער שטאַמט פון יאָר 166 פאַר קריסטוס, באַלד נאָכדעם ווי מ'האָט אים אויפגענומען, איז אויך געמאַכט געוואָרן די גריכישע איבערזעצונג פון דער לעצטער גרופּע תנך-שריפטן. וואָלט אָבער דער תנך, אין פּאָמפּייס צייט, נאָך נישט געווען אָפּגעשלאָסן, איז קיין שום סיבה נישט צו זען, פאַרוואָס מ'האָט „שלמהס תהילים" נישט אַריינגענומען אין תנך. זיין אינהאַלט האָט נישט געקאָנט זיין קיין סיבה דערצו.

דערפון מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אויב ס'זיינען אַפילו געווען דיכטונגען פון דער חשמונאים-צייט, האָבן זיי געהאַט דאָס אייגענע מזל, וואָס „שלמהס תהילים". דאָס אַליין שוין געניגט פאַר אונז, אַז אַזוינע דיכטונגען זאָלן מיר אין תהילים נישט זוכן.

אין אויך די פראַגע וועגן דעם סוביעקט פון תהילים האָט געבראַכט צו פילערליי וכּוחים.

פאַרשיידענע דענקער אין דער נייער צייט ווילן האָבן, אַז דער

סוביעקט, ד. ה. דער, וואָס אין זיין נאָמען ווערט גערעדט אין תּהלים, איז נישט דער דיכטער אַליין, נאָר דער קיבוץ, די געמיינדע, און נישט אין זיין נאָמען נאָר רעדט דער דיכטער. איך מיין, אַז שטעלנ־דיק זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט, איז פיל לידער אוממעגלעך ריכטיק צו פאַרשטיין. דער שטאַנדפּונקט שטיצט זיך אויף דער פאַלשער מיינונג, אַז אַלע לידער האָבן לכתחילה געמוזט געדיכטעט זיין פאַרן גאָט־דינען פון דער געמיינדע. שטעלט מען זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט, דאַן פּאַסן נאַטירלעך אַהער נישט אַלע יענע לידער, ווי די קראַנקהייטס־לידער, תּשובה־לידער און אַנדערע, ווו ס׳ווערן פאַר גאָט פאָרגעטראָגן ריין פּער־זענלעכע זאַנגעלעגנהייטן. דערפאַר האָט מען אָנגענומען, אַז דער פּער־זענלעכער אינדיווידועלער כאַראַקטער פון די קאַפּיטלעך איז נישט מער ווי די פאָרם, אין וועלכער דער דיכטער לאָזט רעדן די געמיינדע. איז אָבער אויך אָט די הנחה נישט ריכטיק. צופיל זיינען פאַראַן אין אונזער תּהלים אַזוינע לידער, וואָס ס׳לאָזט זיך בשום אופן נישט אָננעמען, אַז זיי זאָלן זיין געדיכטעט פאַרן גאָט־דינען. אָט זאָל מען זיך, למשל, פאָרשטעלן, אַז דאָס קאַפּיטל קי״ט איז געזונגען געוואָרן בשעת גאָט־די־נען, אָדער דאָס עס איז ווייניקסטנס צו דעם צוועק געדיכטעט געוואָרן! דאָס אייגענע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן אייניקע אַנדערע שטיקער, וואָס שטרענג גענומען, קאָן מען זיי גאָרנישט אָנרופן „לידער״, נאָר מוסר־שטי־קער, וואָס שטאַמען פון אַ שריפטשטעלערישער מוזע.

און פאַלט דער פונדאַמענט, פאַלט אויך אַלץ, וואָס איז אויף אים געבויט. און אין אמתן געפינט זיך אַ היפּשע צאָל לידער, וואָס זייער עכטן און טיפן ווערט קאָן מען נאָר אַזוי פאַרשטיין, אַז זיי דריקן אויס די שטימונג און דאָס עמפּינדן פון אַ באַשטימטער פּערזאָן אין אַ באַ־שטימטן מאָמענט. לידער ווי די קאַפּיטלעך: ל״ב, אָדער נ״א, האָבן גראָד דע־רין זייער אייגנטימלעכן ווערט און זייער אָנציִענדיקע קראַפט, וואָס מ׳הערט דאָ די ווירקלעך־איבערגעלעבטע שווערע שטונדן פון באַשטימטע פּערזענלעכ־קייטן; מ׳זעט, וואָס ס׳קומט פאָר אין דער טיפעניש פון זייער נשמה, זייער אינעווייניקדיקסטע געוויסנסנויט. אָבער אויך זייער באַפרייונג, וואָס זיי לעבן איבער, לעבן מיר איבער מיט זיי. דערקלערט מען זיי אָבער אַזוי, אַז זיי גיבן אונז גאָרנישט איבער פון פּערזענלעכן איבערלעבן און פּערזענלעכן עמפּינדן — אין שטרענגסטן זין — רייסן מיר דערמיט

אַרויס פון זיי דעם גאַנצן לעבנס־מאַרך. דאַן ווערן זיי רעליגיעזע קונסט־פּראָדוקטן, וואָס עס פעלט זיי די פרישקייט פון דער אוממיטלבאַרקייט, דער פּו־שטענדיקער אמת — און גראָד אין די וויכטיקסטע אָנגעלעגנהייטן פונם מענטשנס האַרצן.

דאָס, וואָס אין תהילים געפינען זיך איינצלנע לידער פון דעם אַרט, באַווייזט נישט, אַז גראָד זיינע בעסטע און טיפסטע לידער זיינען אַזוי געשאַפן געוואָרן. איז איינמאָל דער טאָן געגעבן געוואָרן, האָט מען אים, געלעגנטלעך, געקאָנט נאָכמאַכן אויך. און פאַרקערט: עס איז זייער מעגלעך, אַז אַ ליד, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ טיף פילנדיקער נשמה, פון אַ שטאַרק דורכגעדרונגענעם האַרצן, זאָל, נאָכדעם ווי אַנדערע הערן דאָס און געפינען, אַז די זעלבע סטרונע איז אויך אין זייער האַרצן אָנגעצויגן, — ווערן אַ ליד אויך פון אַנדערע, אָדער אפילו פון אַלע. וואָרים גראָד דאָס בעסטע און טיפסטע, וואָס דערהויבט דאָס מענטשלעכע האַרץ און ציטערט דאָס דורך — ווייל ס'איז דאָס אמתדיקסטע און דאָס ריין מענטשלעכע,—דערהויבט נויטווענדיק אויך אַנדערנס הערצער. די שווערקייט פונם ליידן און די פרייד פון דער באַפרייונג, דער צער פון אַ פאַרברעכן און די העכסטע פרייד מחמתן באַפרייען זיך פון אים — דאָס איז אַלגעמיין מענטשלעך. און שילדערט דאָס אַ דיכטער אַזוי, אַז ער גיסט דערביי אויס זיין נשמה, מיטן גאַנצן אמת, דאַן מוזן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס מאַכן אים פאַר זייער פירער און פאַר איינעם, וואָס זעצט פאַר זיי איבער זייערע אייגענע געפילן. זיין ליד איז געוואָרן אַ געמיינדע־ליד...

4. די הויפּט־מינים לידער, וואָס געפינען זיך אין תהילים. כדי ריכטיק צו פאַרשטיין דעם תהילים, איז וויכטיק זיך קלאָר צו מאַכן די פראַגע וועגן זיין ריכטיקער איינטיילונג. אַ לאַנגע צייט האָט מען אַלץ געפּרוווט פאַנאַנדערצוגלידערן די לידער, אויסשליסלעך, לויט זייער אינהאַלט. ס'זיינען אַזאַ אויסגעטיילט: נאַטור־לידער, לויב־און דאַנק־לידער, תשובה־לידער, קעניגס־און משיחס־לידער א. אז. וו. אָבער אויף דעם וועג איז מען נישט געקומען נישט צו קיין איינהייטלעכע מיינונגען און נישט צו קיין באַפרידיקנדיקע רעזולטאַטן. ערשט די ניי־אַנטדעקטע ידיעות פון דער אַלטער וועלט, וואָס איז געווען אַרום דעם פאָלק ישראל, האָבן אונז אויך דאָ געוויזן דעם ריכטיקן וועג.

דערפון האָבן מיר קודם כּל אָפּגעלערנט, ווי שטאַרק מ׳דאַרף אַכטונג געבן דאַרויף, וואָס אויך ביי יידן איז פון אָנהייב אָן דאָס תהילים-געזאַנג ענג פאַרבונדן געווען מיטן גאָט-דינען. אינם גאָט-דינען דאַרף מען זוכן די וויכטיקסטע אָנרעגונגען צו די עלטסטע תהילים-געזאַנגען. דערפאַר איז נאָר פון די מנהגים, פאַרשיידענע פאָרמען און געלעגנהייטן, וואָס קומען פאָר ביים גאָט-דינען, צו פאַרשטיין אייניקע פון די וויכטיקסטע, און קודם כּל די אַלערערשטע אָנרעגונגען צו די געזאַנגען פון תהילים. מיט אַנדערע ווערטער: אייניקע הויפּט-אַרטן אָדער מיני-געזאַנגען זיינען געוויס געשיכטלעך, גענויער: ק ו ל ט ו ס-געשיכטלעך. דערום איז זיי אויך נאָר פון קולטוס אויס צו דערקלערן.

דאָס אייבצווזען, האָבן זייער פיל געהאָלפן יענע פרעמדע אַנאַלאָגיעס, וועלכע מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. אין בבל האָט מען זיך לכתחילה געהאַט גוהג געווען: צו באַשווערן די געטער בשעתן גאָט-דינען. אָבער שוין זייער פרי האָט מען זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיטן ליד — צוערשט ווי מיט אַ מיטל צום באַשווערן, נאָכדעם, אָ נ ש ט אָ ט אים. מ׳האָט נעמלעך אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דאָס לויב-ליד, ווו גאָטס גרויסקייט און זיין מאַכט ווערט באַזינגען, איז מער בכּוח — ווי דער כּישוף אָדער אַ קרבן — צו ווירקן אויף גאָט, אַז ער זאָל טאָן חסד מיטן מענטשן. אָט אַזוי קומט אויף דער ה י מ ן (לויב-געזאַנג), מיט וועלכן מ׳הויבט אָן זעלבסטשטענדיק זיך צו באַנוצן צום באַשיינען דעם יום-טוב פון אַ גאָט. אַנדערע אַזעלכע הימנען ווערן באַנוצט ביים ברענגען אַ קרבן, כּדי די תּפילה, וואָס ווערט דערביי געזאָגט, נאָך צו פאַרשטאַרקן, אַנדערע ווידער ווערן געזונגען פון כּהנים-כאָרן, בעת דער פּראָצעסיע. ווו אַ פייערלעכער צוג באַגלייט גאָט אין זיין הייליקטום צוריק.

צום לויב-ליד פּאַסט דאָס ד אַ נ ק-ל י ד. מ׳דאַנקט גאָט פאַר דער רפואה בעת אַ שווערער קראַנקהייט, אָדער פאַרן נצחון אין אַ מלחמה. אין בבל איז דאָס קלאָג-ליד אַמשטאַרקסטן געווען אַנטוויקלט. עס האָט געקאָנט אַרויסקומען פונם עפנטלעכן נויט-צושטאַנד, ווי אַן אומגערעטעניש, מגפה און אָנפאַל פון שונא, פונקט אַזוי גוט ווי פון קראַנקהייט און זאָרג פונם פּרט. דאָ האָבן די תשובה-לידער זייער פּלאַץ, וואָס אין עצם געהערן זיי אויך צום גאָטס-דינסט — ווייל זיי זיינען ווי אַ פּאָרבערייטונג צום כּהנס מיטלען ווי מכפּר צו זיין די זינד. אויך דאָס

מוסר-ליד איז שוין דער עלטערער דיכטונג נישט פרעמד געווען.

ענלעכס צו דעם געפינען מיר אויך אין מצרים. דאָ האָט שוין אַפילו די עלטסטע פּאָעזיע געוווסט פון הימנען, הן לכּבוד די געטער, הן לכּבוד די מלכים. איין הימן, וואָס שטאַמט פונם באַרימטן געצנדינער אַמינאָפּיס דעם IV-טן — פון 1370 פאַר קריסטוס — און ווייזט אויף אויספאַלנדיקער ענלעכקייט מיטן קאַפּ. ק"ד אין תהילים, איז זייער באַרימט געוואָרן. דערביי פאַרמאָגן מיר אויך ביישפּילן פון ד אַ נ ק-ג ע ב ע ט ן, וועלכע לאָזן משער זיין, אַז ד ע ר מין לידער, ווי אויך דאָס מוסר-ליד, זיינען זייער פאַרשפּרייט געווען.

ווילן מיר זיך באַנוצן מיט דעם דעמאָלטיקן פּאַקטישן צושטאַנד, כּדי דורך אים צו פאַרשטיין די יידישע תהילים-דיכטונג, מוזן מיר זיך קודם כּל דערמאָנען: ווי אַלט זיינען געווען די באַציונגען צווישן פּאַלעסטינע און אירע שכנהשע קולטור-צענטרן און קולטור-קרייזן. שוין אין צווייטן, און אַפילו אין דריטן יאָרטויזנט פאַר אונזער צייט-רעכנונג, איז באַשטאַנען זייער אַ לעבהאַפטער פאַרקער צווישן פּאַלעסטינע און דעם מזרח און מצרים, האָבן אַלזאָ די וויכטיקסטע, דיכטערשע אויסדרוקס-פאָרמען, וואָס מיר געפינען אין תהילים, שוין לאַנג פריִער דאָ — אין מצרים און בבל — געהאַט זייער היים, ווערט דאַדורך קודם כּל נאָר באַשטעטיקט אונזער מיינונג, וועגן דעם טיפן עלטער פונם תהילים. אָבער פון דער אַנדערער זייט קומען מיר פון דאַנען צו דער וואַרשיינלעכקייט, אַז דער יידישער תהילים איז אויפגעקומען אויפן זעלבן אופן, ווי יענע דיכטונגען זיינען אויפגעקומען — און דאָס שאַדט לחלוטין נישט, נישט דער אייגנאַרטיקייט פון זיין אינהאַלט און נישט זיין זעלבסשטענדיקן רעליגיעזן ווערט. אָבער לכתחילה איז אויך דאָס אָרט פון די תהילים-געזאַנגען געווען דער גאָטס-דינסט, און פון אים זיינען זיי אויסגעוואַקסן.

אָט די השערה געפינט איר פולע באַשטעטיקונג. ווי אַנדערש-וווּ, אַזוי אויך ביי יידן, איז דאָס געזאַנג ענג פאַרבונדן מיטן קולטוס, אָדער מיטן גאָט-דינען. פון אַלטע צייטן אָן האָט מען ביי יידן אָנגעקניפּט דאָס ליד — אָן אַלערליי געלעגנהייטן אין לעבן, און אויך אָן באַשטימטע, רעליגיעזע — און בעתן גאָט-דינען, פאַר גאָט געבראַכטע איבערלעבונגען, זאָרגן און פאַרלאַנגען. די נביאה מרים, משהס שוועסטער, זינגט

ביים ים־סוף איר נצחון־ליד: „שירו ליהוה״. די שירה פון דבורה לויבט יהוה פאַרן נצחון. אָט די נצחונות־יום־טובים פאַר זיך זיינען אויך שוין האַלבע, אָדער גאַנצע טאַטן פון גאָט־דינען. דוד ברענגט דעם ארון קיין ירושלים, אָרדנט איין דערצו אַ גאַנצע פּראָצעסיע — דאָס איז דאָך אַן אַקט פון גאָט־דינען! — און דערביי ווערן לידער געזונגען (שמואל ב, ו. פסוקים: ה, י״ד). ישעיה ווייסט, אַז ערב יום־טוב אין אָוונט ווערן לידער געזונגען (ישעיה ל. פסוק כ״ט). דאָ ווערט געמיינט די ערשטע נאַכט פון פסח, וועלכע ווערט מיט פייערלעכע יום־טוב־געזאַנגען באַגלייט— אפשר פון יענע מיני פּילגער־געזאַנגען (לידער פון „עולה־רגל״־זיין), וואָס געפינען זיך אין אונזער תהילים. דער אייגענער נביא דערציילט אויך פון שרפים־געזאַנג ביים מזבח, בעת ער איז גערופן געוואָרן פאַר אַ נביא. די גאַנצע סצענע, ווי גאָט האָט אים פאַר אַ נביא געמאַכט, איז אָפּגעשריבן פון דעם גאָטס־דינסט אין בית־המקדש. און דאָס וואָס די שרפים שרייען: „קדוש! קדוש!״ שטימט מיט די לויב־לידער, וואָס די כהנים זינגען צו יהוה. בעת יהוהס ארון רירט זיך אין וועג אַריין און בעת ער קערט זיך אום אהיים, ווערט ער מיט אַ גאָטעסדינסטל כּן שפּרוך באַזונגען (במדבר, קאַפּ. י. פּסוק ל״ה). אַזאַ שפּרוך ווערט אויך געזונגען בעת „ברכת־כהנים״ (במדבר קאַפּ. ו פסוק כ״ג), מיט וועלכע דער כהן, אויפהויבנדיק די הענט צו גאָט, בענטשט דאָס פאָלק פון מזבח אַראָפּ,—אַלזאָ אין בית־המקדש. דאָס אייגענע טוט אויך עלי הכהן און דוד המלך און דערהויפּט שלמה, בעת ער הייליקט דעם בית־המקדש— אַלץ גאָט־דינסטלעכע האַנדלונגען (שמואל א׳, קאַפּ. ב, פסוק כ׳; שמואל ב׳, קאַפּ. ו׳ פסוק י״ז און ווייטער; מלכים א׳ קאַפּ. ח׳ פסוק נ״ה). און חנה, שמואלס מוטער, נאָכדעם ווי איר געבעט איז דערהערט געוואָרן, ברענגט זי קיין שילה אַ קרבן און זינגט דערצו אַ ליד (שמואל א׳, קאַפּ. ב׳, פסוק א).

אָט די ביישפּילן ווייזן, אַז אויך ביי יידן, און אפילו שוין גאָר אין די אַלטע און עלטסטע צייטן, האָט זיך דאָס הייליקע געזאַנג גענומען אָדער פונם גאָט־דינען, אָדער פון הייליקע געלעגנהייטן, וואָס זיינען פאַרווּנדן מיט גאָט־דינען. דערמיט איז אונז דאָס איינטיילן די געזאַנגען אין מינים ממש ווי אין האַנט געלייגט. די עלטסטע פאָרם האָט אויך דאָ געקאָנט זיין דער ה י מ ן, דאָס גאָט־לויבן. דעם אָנהויב פון הימן קאָנען מיר באַ־

מערקן ביי מרימען און אין ישעיה קאַפּיטל ו פּסוק ג; אין תהילים גופא, אין דער ערשטער העלפט פון קאַפּיטל י״ט און קאַפּיטל כ״ט. פרי שוין איז דערביי, ווייזט אויס, אָנגעווענדט געוואָרן דער דיאַלאָג, ווו כאָרן, אָדער שטימען ביטן איבער דעם אַנדערן; אָדער ס'זיינען געוואָרן לידער פון פּראָצעסיעס לכבוד יהוה, מיט וועלכע מ'האָט זיך באַנוצט ביי יום־טובדיקע פּראָצעסיעס (פאַרגלייך קאַפּ. ט״ו; כ״ד; מ״ח, צ״ט).—אַ צווייטער מין וועט באַשטיין פון תפילה־און דאַנקלידער. די לעצטע זינגט מען ביים מקריב זיין אַ „קרבן־תודה”, בעת, למשל, דאָס חיל קערט זיך אום נאָך אַ נצחון, אָדער אין אַ „קעניגס־טאָג”, אָדער נאָך אַ גוט גערעטעניי, די ערשטע, די בקשה־אָדער תפילה־לידער און אַ קרבן — בעת א מגפה, אַן אומגערעטעניש און אַנדערע נויט־צושטאַנדן, אָדער ביי קראַנקהייטן, פאַרפאָלגונגען, אַ פאַלשע באַשולדיקונג פון אַן איינצלנעם, אָדער נאָכן באַגיין שווערע זינד. אין אַזעלכע פאַלן קאָן פונם תפילה־ליד ווערן אַ קינה אָדער אַ תשובה־און חרטה־ליד. — דאָס מוסר־ליד קומט אַרויס דאַן, ווען דער דיכטער טראָגט פאָר אמת־שפּרוכן אויף דעם אייגעגעם אופן, ווי דאָס טוט דער לערער פון חכמה און דער דיכטער פון שפּרוכן (תהילים קאַפּ. קיט'); אָדער באַטראַכטנדיק די געשיכטע אין גייסט פון די נביאים, לערנט ער אָפּ אַ מוסר פון דער פאַרגאַנגענהייט און ווענדט אים אָן אויף דער געגנוואַרט און צוקונפט פון פאָלק (תהילים עח'; קה'); אָדער ער רימט די ברכה פון דער פרומקייט און דעם נוצן פון דער תורה (תהילים א', קיב', קיט'), אָדער ער באַהאַנדלט, למשל, דאָס פּראָבלעם פון גאָטס גערעכטיקייט אין זיין באַלוינען און אין זיין באַשטראָפן (תהילים לז'; מט'; עג') און ד. ג.

און האָט זיך די תהילים־דיכטונג שוין אַלץ מער און מער באַפרייט פון איר אַלטער פאַרבינדונג מיטן גאָט־דינען, כדי צו גיין איר אייגענעם וועג, איז דאָס אייגענע נאָך אין אַ גרעסערער מאָס פאַרגעקומען אין די גייסטלעכע לידער, אין ענגערן זין. אין דעם מין לידער דערגרייכט די דיכטונג איר העכסטע מדרגה. אָפּוואַרפנדיק די פאַרמיטלעריי פונם כהן און די צערעמאָניע פונם גאָט־דינסט, האָט דעם מענטשנס נשמה געפונען דעם אוממיטלבאַרן וועג צו איר גאָט. דאָס רעליגיעזע עמפינדן גיסט זיך דאָ אויס פריי, אין זיין פרייד מיט גאָט און זיין נאָענטקייט צו אים; אין דער זעליקייט פון דער פאַריייניקונג

מיט גאָט און דערפון, וואָס ער האָט זיך זיין גנאַד דערוואָרבן; אין דער עצם תפילה, וואָס איז געווענדט צו זיין גרויסקייט און גוטסקייט, אינם אַרויסקוקן אויף אַ גלענצנדיקער צוקונפט, אינם רויִק זיין אין גאָט אַפילו אין אַ עת צרה. אין די לידער שטעקט קודם כל דער גאַנצער כוח פונם תהילים, זיין אייביקער, ווערט.

5. **די רעליגיעזע באַדייטונג פונם תהילים.**

זיינען די אַרומגערעדטע פונקטן, דערהויפּט בנוגע דעם סוביעקט פון די דיכטונגען, ריכטיק פאַרשטאַנען, דעמאָלט ערשט זעט מען די רעליגיעזע באַדייטונג פונם תהילים אין אמתן ליכט. און דאַן קאָן מען אים בכלל נישט צו-הויך שאַצן. דאָס הייסט נישט, אַז אַלע לידער אין תהילים זיינען פון גלייכן ווערט. זיי זיינען נישט אַלע גלייך — נישט דיכטעריש, נישט רעליגיעז. פאַראַן צווישן זייערע פאַרפאַסער, אַזוי גוט ווי אין אונזערע געזאַנג-ביכער, אַזעלכע, וועלכע זיינען מייסטער אין דער דיכטער-קונסט און פאַראַן אויך לערן-יינגלעך; פאַראַן מענער, וואָס דער באַשעפער אַליין האָט זיי אין האַרצן איינגעקריצט די געזעצן פון שיינקייט און פון זייערע אויגן לייכטן זיי אַרויס, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַרבעטן נאָך פרעמדע מוסטערן און מיט גרויס מי ראַנגלען זיי זיך אַרום דער פאָרם. און נישט ווייניקער איז פאַראַן צווישן זיי אויך מייסטער פונם רעליגיעזן געדאַנק און פונם פרומען געפיל, וואָס דער געדאַנק און דאָס געפיל קוועלן אַרויס פון זייער נשמה פריי און אמת און גרויס, ווי ביי די גרויסע יידישע נביאים. עס פעלן דאָ אויך נישט אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך, אַזוי גוט ווי די תלמידי-חכמים פון עוואַנגעליום, נאָר אָן דעם אויבערפלעכלעכן און אויסערן, אָדער, ווי קליינע גייסטער צווישן די פרומע אין אַלע צייטן, איז זיי נאָר דער שכר נאָענט צום האַרצן, אָדער אין גייסט פון דער אַלטער פאָלקספרומקייט, וואָס איז נאָך נישט אויסגעשטאָרבן, דורשטן זיי נאָך נצחון און נאָך נקמה. פון אַזעלכע קרייזן זיינען, למשל, אַרויסגעקומען די באַווּסטע נקמה-לידער פון תהילים. זיי זיינען אַ באַלערנדיקער היסטאָרישער באַווייז דערויף, וואָס מ'קאָן אין געווּיסע צייטן, און אין רעליגיעז-נידעריק-שטייענדיקע קרייזן, — מיחס זיין גאָט זיי צו אַנטשולדיקן, איז נישט בויטיק: זיי געהערן אַ פאַרגאַנגענער צייט; זיי צו באַשיינען איז נישט ווייניקער נאַריש, ווי זיי צו טאַדלען; זיי נאָכצובעטן, וואָלט געווען אַ חלול-השם,

און קאָן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, — הגם די שרעקן פון דער געגנוואַרט*) מאַכן זיי אונז פיל פאַרשטענדלעכער—קיינעם אפילו אויפן זינען נישט קומען.

אבער וואָס דער תהילים איז און וואָס ער קאָן נאָך איצט פאַר אונז זיין — דאָס זעען מיר נישט פון זיינע מינדערווערטיקע לידער, וואָס געהערן צו אַזאַ מדרגה פון דערקענטעניש, וועלכע מ'איז שוין איבערגעשטיגן, נאָר פון די בעסטע לידער, וואָס זיינען דערהויבן איבער אַלע צייטן. אין זיי, ווי אין די ספרים פון די נביאים, רעדן אמתע קלאַסיקער פון דער רעליגיע, „גדולים בישראל", מייסטער און געוואַלטיקע מענער פון רעליגיעזן לעבן אין אַלע צייטן, וועלכע האָבן פון-זיך-אויס דערשפּירט, וואָס דאָס אינעווייניקסטע פאַרטיפן זיך אין לעבעדיקן גאָט, און די טיפסטע באַרירונג פון דער נשמה מיט אים, קאָן מאַכן פון אַ מענטשנס האַרץ. לוטערס וואָרט וועגן תהילים בלייבט אַן אייביקער אמת: „דאָ קוקסטו אַלע הייליקע — אַלע אמת-פרומע — אין האַרצן אַריין." לייענען מיר די דאָזיקע לידער — און ווידער קלינגען און ציטערן אויף אין אונזער נשמה די טענער, וואָס דריקן אויס אַלע מדרגות פון עכט-רעליגיעזן פילן: אָנגעהויבן פונם הימלהויכן אויסגעשריי פאַר פרייד — גאָט אין האַרצן צו האָבן, זיין פאַריינט מיט אים און פון גליקלעכער זיכערקייט אָן געוויסנס-פרידן, דורך דעם אומזיכערן, ציטערדיקן בענקען צו גאָט און צו זיין הילף—פון שווערע ליידן אויסראַנגלעניש און שטערונגען, ביז אַראָפּ אין די טיפסטע טיפעניש פון פאַרלאָזנקייט פון גאָט, פאַרשטויסנקייט, אין עלנט און אין אומגעלאָשענעם, ברענענדיקן געוויסנס-פּיין.

מען דאַרף נאָר לייענען די לידער אין קאַפּיטל ל"ב אָדער נ"א. אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור פון אַ ע צייטן איז שווער צו געפינען אַ שטאַרקערע און אמתדיקערע שילדערונג פון דעם בייזן געוויסן, וואָס ברענט אין מענטשן ווי אַ פלאַם-פייער און פאַרצערט זיין גוף מיט דער נשמה. און פונקט אַזוי ווייניק איז אין דער רעליגיעזער וועלט-ליטעראַטור צו געפינען אַ וואָרהאַפטיקערע שילדערונג דערפון, ווי דעם

*) דאָס בוך איז פאַרעפנטלעכט בעתן גרויסן וועלט-קריג, אין 1917. דער איבערזעצער.

מענטשן איז אוממעגלעך אויסצומיידן דעם אינעווייניקסטן זעלבסטגע־ריכט, די פייניקונגען פאַר אַ נישט־אויסגעקויפטן פאַרברעכן. „איך האָב דאָס געוואָלט פאַרשווייגן, איז אָבער מיין געביין פאַרשמאַכט געוואָרן״. אָדער מען שטעלט זיך פאָר, ווי אין קאַפּיטל נ״א ווערט געשילדערט דאָס שמערצלעכע איינזען, ווי טיף דער מענטש איז פאַרדרייט אין נעץ פונם „ראַדיקאַל־בייזן״, די שוואַכקייט פונם מענטשן בייצוקומען זיין טיפע נויגונג צום שלעכטן און דאָס קלאָגנדיקע, אָבער אויך האָפנונגס־פולע בעטן וועגן דעם, אַז די נשמה זאָל געריייניקט ווערן, און דער בטחון אָן גאָטס הילף: „אַ ריין האַרץ שאַף אין מיר, גאָט, און אַ פעסטן גייסט באַניי אין מיר!״*)

אָדער מ׳דאַרף נאָר באַטראַכטן, וואָס עס באַטייט, ווען נאָך לאַנגן ציטערדיקן צווייפלען, רייסן זיך אַרויס ביים זינגער פונם קאַפּיטל ע״ג די ווערטער: „ווען איך האָב דיך נאָר, פרעג איך מער אויף קיינעם נישט, נישט אויפן הימל, נישט אויף דר׳ערד; ווען מיין גוף און די נשמה ווערן אפילו פאַרצערט, ביסטו דאָך, גאָט! שטענדיק די טרייסט פון מיין האַרצן און מיין גאָב.״ דער רע׳יגיעזער אידעאַ־ליזם און די העכסטע באַפרייונג פון אַלע ערדישע און עגאָיסטישע מחשבות־זרות אין אים, פייערן דאָ זייער דערהויבנסטן נצחון. אים וועלן מיר ערשט דעמאָלט פאַרשטיין, ווען מיר וועלן באַטראַכטן, ווי־פל גשמיות, אויסערלעכס, פאַרטונקלט אָפט נאָך ביז איצט דעם גע־דאַנק וועגן גאָט און וועגן פאַריינט־זיין מיט אים. גאָט זען, עולם־הבא פאַרמאָגן — דאָס הייסט נאָך איצט אויך זיך באַפרייען פון גשמיות־דיקע צרות, פון פאַרשיידענערליי דרוקן, אָדער האָבן אַ חלק אין די פריידן פונם גן־עדן, אָדער זיך ווידערזען מיט געשטאָרבענע פריינט. אַ ז ו י שטעלן זיי זיך פאָר דעם הימל, און ד ע ר פ אַ ר באַגערן זיי אים. דאָ אָבער וואַגט עס אַ מאַן אין ישראל, טויזנטער קריסטן צו שאַנד, דעם געוואַ׳טיקן געדאַנק צו דענקען: אָן גאָט וואָלט אפילו דער הימל געווען אַ נישט—ער איז גאָר קיין הימל נישט; מיט אַלע זיינע פריידן, איז אַ נ י ש ט, נאָך מער: אַ גיהנום איז ער, אויב גאָט איז נישטאָ דער־ביי. נאָר ער, נאָר האָבן גאָט אין האַרצן און אין גייסט פאַריינט־זיין מיט אים.

---

*) לב טהר ברא לי, אלהים, ורוח נכון חדש בקרבי (תהלים נ״א פסוק י״ב)

אַלזאָ: אינעווייניקסטע גייסטיקע גיטער מאַכן עס דעם הימל פאַר אָן אָרט פון פרייד און גליק. קוים זיינען אָבער יענע גיטער פ אַ ר אַ ן, דאַן קאָן אונז נישט אָנגיין קיין ש ו ם גשמיותדיק לײדן, אפילו ווען גוף און נשמה גייען אונטער. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַזאַ ריינע און אַזאַ הויכע אויפפאַסונג, וואָס נישט דער תנך, נישט דאָס עוואַנגעליום האָבן זי נישט אַריבערגעשטיגן און נישט געקאָנט אַריבערשטייגן. און אפילו דער אַפּאָסטאָל פּאַוול, ווען ס׳פרייט אים דאָס שטאַרבן און ביי קריסטוס זיין, קאָן נאָר צושטימען דעם תהילים, אָבער נישט צוגעבן גאָרנישט, בנוגע דער באַציונג פון גייסטיקע גיטער צו קריסטוס. דאָס ווייזט אונז, אַז אַזעלכע לידער געהערן צום העכסטן און בעסטן, וואָס עס איז ווען עס איז דעם מענטשן אין האַרצן אַריינגעקומען אויפן געביט פון רעליגיעזן לעבן. נאַטירלעך, ווייסן זיי נישט דערפון. וואָס דאָס „האָבן גאָט אין האַרצן״, באַטייט פאַרן קריסט. אָבער א י ן די דאָזיקע גרענעצן שטייען זיי ווי די הויכע, צום הימל ווייט דערהויבענע גרענעץ־שטיינער פון ריינסטער פרומקייט און אמתער, רעליגיעזער דערקענטע־ניש. זיי ווייזן זיך אונז אַרויס ווייט איבער די גרענעצן פונם פאָלק ישראל און דער רעליגיע פון תנך. זיי פירן אונז אַריין אין יענע העכסטע רעגיאָנען, ווו אַלע גרענעצן צווישן פעלקער און צייטן זיינען געפאַלן, אין די רעגיאָנען פון א ײ ב י ק ע א מ ת ן.

עס איז אַ פּראָבלעם, וואָס מ׳האָט דאָס אָפט באַהאַנדלט, אָבער ביז איצט נאָך באַפרידיקנדיק נישט פאַרענטפערט: פון וואָסער אַ צייט, און פון וועלכע קאָנקרעטע פאַרהעלטענישן שטאַמען די איינצלנע לידער אין תהילים? איי־ניקע לידער איז זייער צייט, ווי מען זאָגט, אויפן שטערן אָנגעשריבן. זיי וועט מען שוין מיט אַלע כחות זוכן צו דערקלערן פון יענעם צייט־געשיכט־לעכן פונקט אויס, אויף וועלכן זיי ווייזן אָן. אַנדערע ווידער לאַכן אויס יעדן פרווו איינצופאַסן זיי אין וועלכע עס איז צייטלעכע, אָדער אָרט־לעכע גרענעצן. און לויט זייער אינהאַלט פאָדערן זיי אויך נישט דווקא פון באַשטימטע, קאָנקרעטע פאַרהעלטענישן אויס, אויסגעטייטשט צו ווערן — אפילו דאָרט, ווו מ׳וואָלט געקאָנט משער זיין, אַז אַזוינע פאַרהעלטע־נישן זיינען פאַראַן. און דאָס איז נישט זייער שוואַכקייט, נאָר זייער שטאַרקייט. זיי זיינען געגליכן צו געוויסע פאָלקסלידער, וואָס קיינער ווייסט נישט און קיינער פרעגט נישט: פון וואַנען קומען זיי, פון ווע־

מען, ווען און ווו זיינען זיי דאָס ערשטע מאָל געזונגען געוואָרן: און דאָך זיינען זיי יעדערן ליב און יעדערער זינגט זיי נאָך. ווי יענע זיינען אַרויסגעפלאָסן אוממיטלבאַר פון פאָלקס-גייסט, און געהערן אים אָן— אָן צייט און אָן שראַנקען, צייטלאָז און איבער אַלע צייטן, אַזוי געהערן אָן די תהילים-לידער פון דעם מין דער יידישער פאָלקס-נשמה אין אַלע צייטן. לאַנג שוין זיינען זיי נישט דאָס אייגנטום בלויז פון יענעם פאָלק. לאַנג שוין זיינען זיי אים אַריבערגעוואַקסן און אויך אַלע צייטן. מיר האָבן זיי ווי לידער פון איבערצייטלעכער שיינקייט און,— וואָס ס'באַטייט נאָך מער—פון אייביקן אמת און אייביקער גרויסקייט. אָט דאָס לייגט אויף זיי אַרויף די חתימה פון עכטער רעליגיע, וואָס געהערט נישט אָן בלויז איין באַשטימטן פאָלק, איין באַשטימטן דור, אָדער איין באַשטימטער צייט, נאָר זי געהערט אָן דער גאַנצער וועלט און דער גאַנצער אייביקייט.

דריטער חלק

רעזולטאַטן אויפן יסוד פון געשיכטלעכער און רעליגיע=געשיכטלעכער פאָרשונג.

דאָס ניינטע קאַפּיטל

די אַזוי=גערופענע „אבות“

1. **פאַרשיידענע אויסטייטשונגען.** די געשיכטע פון די **אבות**: אברהם, יצחק און יעקב, ווי זי ווערט דערציילט אין ספר בראשית אין די קאַפּיטלען יב׳—נ׳ איז די לעצטע צייט געוואָרן אַ טעמע פאַר לעבהאַפטער, וויסנשאַפטלעכער באַהאַנדלונג. קודם כל האַנדלט זיך דאָ וועגן דער פראַגע: ווי אַזוי דאַרף מען די דאָזיקע געשטאַלטן בכלל אויסטייטשן? דערהויפּט זיינען פאַראַן דריי שטאַרק־סתירותדיקע מיינונגען: איין מיינונג זעט אין די אבות אַלטע, געפאַלענע **געטער**, וואָס זיינען געוואָרן מענטשן; אַ צווייטע מיינונג וויל פאַרשטיין די דערציילונגען וועגן זיי, ווי שטאַמגעשיכטעס, די געשטאַלטן פון די אבות — ווי פּערזאָניפיצירטע **שבטים**, אָבער נישט ווי ווירקלעכע פּערזאָנען; די דריטע מיינונג פאַסט אויף די אבות ווי אמתע לעבעדיקע פּערזאָנען, און די טראַדיציאָנעלע מיינונג, וואָס האָט פריער געגאָלטן ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, נעמט אויך זי אָן פאַר ריכטיק.

וועלכע פון די דריי מיינונגען איז די ריכטיקע?

באַטראַכטן מיר פריער די ערשטע. לויט איר קומט אויס, אַז פריער־אַמאָל, איידער מ׳האָט יהוה דערקענט, זיינען ביי יידן, — אָדער ביי־

די שבטים און משפחות, פון וועלכע ס'איז נאָכדעם געוואָרן אַ פאָלק ישראל — געווען ג ע ט ע ר, וועלכע מ'האָט גערופן מיט די נעמען: אברהם, יצחק, יעקב א. ד, ג. מיט דער צייט — מעגלעך, אַז צוליב דעם, וואָס יהוה האָט באַקומען די איבערהאַנט — זיינען זיי אָפּגעטרעטן אין הינטערגרונט און האָבן נאָך געגאָלטן נאָר ווי ה ע ל ד ן, אָדער האַלב-געטער. אין אַ שפּעטערער תקופה, זיינען זיי נאָך מער פאַרדרענגט געוואָרן, מ'האָט זיי אָנגעהויבן זיך פאָרצושטעלן נאָר ווי פשוטע מענטשן און אַזוי אַרום זיינען זיי ביז איצט געבליבן ווי די אבות פונם פאָלק ישראל. אַזוי אומגעפער שטעלט זיך אָט די טעאָריע פאָר דעם גאַנג פון דער אָבות-געשיכטע. פאַקטיש זיינען אָבער פאַראַן פיל ראיות ק ע ג ן דער ריכטיקייט פון דער השערה און פון אַ צווינגענדיקער ראיה פ אַ ר איר — איז ווייט גאָר קיין רעדע נישט.

צוערשט מוז בכלל געזאָגט ווערן, אַז — גאַנץ אַבסטראַקט גענומען — לאָזט זיך אַפילו אָט דער אַנטוויקלונגס-גאַנג יאָ דענקען. האַלטן דאָך אַנדערע פון דער מיינונג, אַז ביי די גריכן, און אויך ביי אַנדערע פעלקער, זיינען אַזעלכע צוריקגענג, פון געטער צו מענטשן, פאָרגעקומען. וואָס העלפט דאָס אָבער? גראָד אויף אונזער געביט, און אויף ענלעכע געביטן, ווו מיר קאָנען די דערמאָנטע אַנטוויקלונג זיכער אָנזען — נישט בלויז משער זיין — דאָרט קומט זי פאָר פונקט פאַרקערט. פונקט ווי אין רוים פלעגט מען דעם מענטשלעכן קייזער אָפּגעבן געטלעכע ערע, און דורכדעם איז ער דערהויבן געוואָרן צו אַ גאָט, אַזוי האָט מען אויך אין מצרים געקוקט אויפן קעניג ווי אויפן זון-גאָט, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, און אין אַשור זיינען די מלכים, נאָכן טויט על כל פנים, דערהויבן געוואָרן צו געטער. ביי די אַראַבער זיינען פאַראַן אָן אַ שיעור הייליקע און האַלב-הייליקע מהותן, וואָס ווערן געערט, אויף זייערע קברים. אַלע דורכויס ווערן זיי געדאַכט ווי מענטשן, וועלכע זיינען דערהויבן געוואָרן ביז געטלעכער, אָדער על כל פנים ביז א ו י ב ע ר מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר ווירדע. ביי פיל פון זיי לאָזט זיך באַווייזן, אַז זיי האָבן ווירקלעך געלעבט. איין פאַל ווייסן מיר, ווו די אַראַבער האָבן אַ מאָדערנעם אייראָפּייער (יאהאַן לודוויק בורקהאַרט פון באַזל, וועלכער האָט אומגערייזט איבער אַראַביען), נאָך זיין טויט, פאַרערט ווי אַן איבערערדישן מהות. דאָס אייגענע לאָזט זיך אויך באַווייזן בנוגע

מרודך=בלאַדן פֿון בבל



סרגון דער II=טער, וועלכער האָט איינגענומען שמרון



דער שוואַרצער אָבעליסק פֿון שלמנאסר דעם דריטן (824—860)



דער נצחון=דענקמאָל פֿון מישע דעם מלך פֿון מואָב (960 פֿאַר קריסטוסגעבורט)

טאָוול XI.

צו באַדייטנדע מענער אין מצרים. געשיקטע מייסטער אָדער געוויסע חכמים ווערן, נאָך זייער טויט, געלעגנטלעך, דערהויבן צו געטער. דאָס אַלץ באַווייזט על כל פנים, אַז דער שטייגער איז געווען: אַרויפשטייגן פון מענטשן צו גאָט, אָבער נישט אַראָפּשטייגן פון גאָט צו מענטשן. ביי יידן איז אויך נישטאָ קיין איינציקער, זיכערער באַווייז דערצו.

און די אַלע ראיות, וואָס ווערן געבראַכט דערצו, אַז אַברהם, יצחק און יעקב זיינען אַלע געטער, זיינען אין העכסטן גראַד אומזיכער — ווייל אַלע לאָזן זיך אַנדערש דערקלערן. אָבער נישט נאָר דאָס; די גאַנצע טעאָריע ליידט פון אינעווייניקסטער אומוואַרשיינלעכקייט. ביי יידן טרעפן מיר אין ערגעץ נישט אַפילו דעם קלענסטן רמז דערויף, אַז אַברהם, יצחק און יעקב זיינען אַמאָל ווען עס איז, געערט געוואָרן ווי געטער, אַז זיי האָבן געהאַט זייערע טעמפּלען און הייליקטימער, אַז זיי האָבן געטאָן געטלעכע מעשים, ווונדער באַוויזן, א. ד. ג. קיין איינציק מאָל ווערט פון זיי נישט דערציילט אַזוינס, ווי ס׳ווערט, למשל, דערציילט פון שמשון הגבור, פון העראַקלעסן א. ד. ג. דאָס איינציקע, אויף וואָס ס׳לאָזט זיך דאָ אפשר אָנווייזן, איז, אַז שוין אין אַלטערטום, זיינען זייערע קברים הייליק געווען, און אין אַ געוויסער מאָס, האַלט מען זיי נאָך היינט אויך פאַר הייליק. אָבער דערין קאָן מען זען אַלץ, נאָר נישט קיין ראיה פאַר יענער השערה. וואָרים משה רבינו, יונה הנביא און אַנדערע, וואָס קיינער האָט קיינמאָל נישט ערקלערט פאַר געטער, האָבן אויך דאָס אייגענע מזל, און אַלע יענע אַראַבישע הייליקע, וועלכע מיר האָבן פריער דערמאָנט, ווערן זייער אָפט פאַרערט דווקא אויף זייערע קברים.*)

בנוגע צו אברהמען, ווערט נאָך אַרויסגעשטעלט דער מאָטיוו, אַז ער דערמאָנט שטאַרק דעם אַראַביש־אדומשן גאָט דושאַרעס. דער נאָמען דאַרף באַטייטן: „דער פון שרה”, און שרה דאַרף זיין דער נאָמען פון אַ געטין, וועלכע מ׳האָט געמאַכט פאַר אברהמס פרוי. אָבער...

---

*) דערפאַר איז עס אויך דורכויס פאַלש, ווען מען וויל אונז אָפּפרעגן פון אַזוינע שטעלן ווי ישעיה סג׳ פסוק טז׳: „כי אתה אבינו, כי אברהם לא ידענו” — דו (יהוה) ביסט אונזער פאָטער — אברהם ווייסט נישט פון אונז”. די אַלע שטעלן באַווייזן נאָר, אַז געשטאַלטן, ווי אברהם, האָבן געלעגנטלעך געקאָנט גילטן ווי אַן אָביעקט פון טויטנדינסט, אָבער נישט אַז זיי זיינען לכתחילה געווען געטער.

עס איז כּלל נישט דערוויזן, אַז עס איז דאָ אַ געטין שרה. מיר קענען נאָר אַ באַרג מיט אַזאַ נאָמען. און אויב אַזוי, קאָן „דער פון שרה" נאָר באַטייטן: דער גאָט, וואָס איז דאָ (אויף דעם באַרג) פון די אדומים פּאַר־ערט געוואָרן, אָבער נישט דער מאַן פון שרה ד. ה. אברהם. קיין שום צוזאַמענהאַנג צווישן אַברהם און דעם גאָט דושאַרעס איז נישט דער־וויזן. ס'איז אויך כּלל נישט וואַרשיינלעך, אַז אַזאַ צוזאַמענהאַנג זאָל זיין — ווייל יענער, דער אדומשער, אָדער ריכטיקער, דער נבותשער גאָט געהערט אין פּעטרייאישן אַראַביען, בעת אַז אברהם געהערט צו דרום־פּאַלעסטינע.

נישט בעסער האַלט עס אויך מיט דער השערה פון אַן אַנדער גרופּע געלערנטע (מיט ווינקלער און יענסען בראש): אברהם איז געווען אַ בבלשער, אָדער אַן עגיפּטישער גאָט. מ'ווייזט אָן דערויף, אַז אור אין כּשדים (בבל), און חרן די וויכטיקסטע רו־ערטער אברהמס אין זיין וואַנדערונג, איידער ער איז אָנגעקומען קיין כּנען — זיינען אַלטבאַ־רימטע ערטער, וווּ מ'האָט געדינט דעם לבנה־גאָט. און נאָך אויף אַנדע־רע שטריכן ווייזט מען אָן, אין וועלכע מ'וויל געפינען אָפּקלאַנגען פון אַ לבנה־גאָטהייט, וואָס זאָל געווען זיין פאַרבונדן מיט דער פאַרשטעלונג וועגן אברהם. אָבער זייער אָפּהאַנדלט עס זיך — דאָס גילט באַזונדערס קעגן יענסען, אָבער אויך קעגן דעם צוציען די עגיפּטישע מיטאָלאָגיע — וועגן גאַנץ צופעליקע נעבן־שטריכן, וואָס פאַר־זיך גענומען, באַווייזן זיי גאָרנישט; אין אַנדערע פאַלן ווידער האָט מען צו טאָן מיט אומזיכערן מאַטעריאַל, נאָך גאָרנישט גענוג אויסגעפאָרשטן און נישט גענוג פעסט־געשטעלטן. און בנוגע צו די ערטער פון דער לבנה־גאָטהייט, וואָס ווערן דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט אברהמען (אור, חרן), איז לא די, וואָס פאַר בבל האָבן זיי נישט קיין וויכטיקערע באַדייטונג ווי אַלע אַנדערע ערטער, — און וואָלטן זיי אפילו געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג באַ־ווייזט עס כּלל נישט, אַז אברהם גופא איז געווען אַ לבנה־גאָט, — נאָר מיר ווייסן נאָך גאָרנישט, ווו ליגט ערגעץ יענץ אָרט אור, וואָס ווערט דער־מאָנט ביי אברהמען, און צי געהערט דאָס צו דער עלטסטער קבלה וועגן אים.

דאָס אייגענע איז אויך מיט יצחקן און מיט יעקבן. ביי יצחקן שטיצט מען זיך דערהויפּט דערויף, וואָס איינמאָל ווערט דער־מאָנט: „פחד יצחק" (בראשית, קאַפּ. ל"א, פסוקים: מ"ב און נ"ג): „יצחקס

שרעק"; בײַ יעקבן — אויף זײַן ראַנגלען זיך מיט גאָט (בראשית, קאַפּ. ל"ב, פּסוק כ"ה און ו.). דעם פּ ח ד יצחקס טײַטשט מען: די שרעק, וואָס קו מ ט אַ ר ו י ס פֿון יצחקן, יצחק אַליין איז אַלזאָ אַ שרעקהאַפּטיקער גאָט. נישט־לאַנג צוריק איז אָבער מיט רעכט אויפֿמערקזאַם געמאַכט געוואָרן, אַז יעקב שווערט דאָרט בײַם פּחד פֿון זײַן פּ אָ ט ע ר יצחק" דאָס לאָזט זיך בשום אופֿן נישט אויסטײַטשן אַזוי, ווי „דער פּחד, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון זײַן פֿאָטער יצחק." ווײַל אויב יעקב רופֿט אים אָן זײַן פֿאָטער קאָן ער אים דאָך נישט גלײַכצײַטיק האַלטן פֿאַר אַ גאָט. דאָס ווײַזט, אַז יצחק ווערט דורכויס געדאַכט ווי אַ מענטש, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, מוז אויך יענער אויסדרוק אַנדערש פֿאַרשטאַנען ווערן. דער „פּחד יצחקס" הייסט: י ע נ ע ר, וואָס יצחק האָט פּחד פֿאַר אים, אַלזאָ זײַן (יצחקס) גאָט. און דער אויסדרוק לאָזט זיך אויך פּאַקטיש פֿאַרבײַטן מיטן אַנדערן: „דער גאָט פֿון מײַן פֿאָטער". און בנוגע צו יעקבס ראַנגלען זיך מיט גאָט, איז די שטעלע דאָרט אַזוי דײַטלעך, דאָס די ערציילונג איז זייער ווײַט פֿון געדאַנק, אַז יעקב קאָן זײַן עפּעס אַנדערש, ווי אַ מענטש — הגם אַ גרויסער גבר.

און ווי האַלט עס מיט דער צווייטער השערה, וועלכע דערקלערט די אבות פֿאַר ש ב ט י ם? בכלל קאָן מען זאָגן וועגן דער טעאָריע, אַז זי קאָן האָבן פֿאַר זיך אַנאַלאָגיעס. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָבן די גריכן זייער אָפֿט אָנגערופֿן אבות פֿון זייערע שבטים—מענטשן, וועלכע זײַנען, זיכער, נישט אַנדערש ווי די שבטים גופא, וואָס מ'האָט שפּעטער פּערזאָניפֿיצירט. אַזוי רעדט מען פֿון ה ע ל ע ן — דעם פֿאָטער פֿון די העלענען, פֿון י אָ ן — דעם פֿאָטער פֿון די יאָנער, אַיאָלאָס — דעם פֿאָטער פֿון די עאָליער א. ד. ג. אין תנך געפֿינען מיר אויך די זעלבע רעדנסאַרט, וואָס רופֿט אָן אַ שבט, אָדער אַ פֿאָלק מיטן נאָמען פֿון אַן איינצלפּערזאָן. אַזוי, למשל: ווערט באַנוצט דער נאָמען עבר אָנשטאָט עברים; און די רשימה פֿון די פֿעלקער (בראשית ז, פּסוק ט"ו און ו.) רעדט דערפֿון, אַז „כנען האָט געבוירן צידון און יבוסי און אמורי און גרגשי און חת". און אין חומש, בראשית כ"ה פּסוק י"ד און ו. ווערט גערעדט פֿון אָאַזיסן אין דער מדבר ווי: דומה, תימא א. ד. ג. ווי פֿון ישמעאלס „זין". אויף אַזאַ אופֿן קאָנען אויך אייניקע נעמען אין תנך פֿאַרשטאַנען ווערן. דערפֿון איז אָבער נישט געדרונגען, אַז דוקא אָט דער אופֿן דאַרף

פּעדאַנטיש אָנגעווענדט ווערן ווי דער אַליינהערשנדער, און נאָר לויט אים דאַרפן אַלע אַלטע נעמען, וואָס אין תנך, דערקלערט ווערן.*) פאַר אייניקע קאָן דאָס אפשר פּאַסן. אַזוי, למשל איז ישׂראל זיכער אַ נאָמען פון אַ שבט, אָדער אַ פאָלקס-נאָמען. ס'איז אַלזאָ זייער גוט מעגלעך, אַז שפּעטער אַמאָל האָט דאָס פאָלק, אָדער איינער פון זיינע הויפּט-שבטים, דעם נאָמען ישׂראל איבערגעטראָגן אויף זיין אור-פאָטער יעקב. האָבן מיר דאָך אויך בקבלה, אַז לכתחילה האָט יעקב נישט געהאָט דעם נאָמען ישׂראל. אויף אַ ענלעכן אופן קאָנען אויך אייניקע אַנדערע נעמען אויסגעטייטשט ווערן, הגם נישט אַלע מאָל איז עס גרינג — אַלע פּרטים צו באַווייזן מיט זיכערע ראיות. דערביי דאַרף אָבער אויך נישט פאַרגעסן ווערן, אַז גאַנצער סך אַזעלכע נעמען ווי צ. ב. ש. אביעזר, ירחמיאל, מכור, מנשה, זבולן, שמעון א. א. זיינען זיכער פון אַלע מאָל — נעמען פון פּערזאָנען, וואָס עס לאָזט זיך אויך דערווייזן.

הגם פּרינציפּיעל איז אַזאַ אויסטייטשן די נעמען פון די אבות נישט אויסגעשלאָסן, איז עס דאָך אָבער גראָד ביי זיי פאַקטיש נישט וואַרשיינלעך, און טיילווייז אפילו אוממעגלעך. פון אברהמען קאָנען מיר מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז זיין נאָמען קומט קיינמאָל און אין ערגעץ נישט פאָר ווי אַ נאָמען פון אַ שבט. עס רעדט זיך אין ערגעץ נישט פון אַ שבט אָדער אַ פאָלק מיטן נאָמען אברהם.**) פאַרקערט, מיר קאָנען דערווייזן, אַז דער נאָמען אברהם אין זיין עלטסטער אָדער פאַרקירצטער פאָר: אַברם אָדער אבירם ווערט אי ביי יידן אי אין אשור זייער אָפט באַנוצט ווי אַ נאָמען פון אַן איינצל-פּערזאָן. נאָכמער. אין אַ עגיפּטישער אויפשריפט געפינען מיר אפילו שוין אין 10-טן יאָרהונדערט

---

*) אויב מ'זאָל יעדע חתונה דערקלערן ווי אַ פאַרבינדונג צווישן צוויי שבטים; יעדעס שטאַרבן, ווי דאָס אויסשטאַרבן פון אַ שבט; יעדע פאַמיליען-מחלוקת, ווי אַ שנאה צווישן צוויי שבטים; יעדע רייזע, ווי די וואַנדערונג פון אַ שבט — ווי עס ווערט פאַקטיש געטאָן מייבענדיק דערביי, אַז מ'שרייבט „געשיכטע" — דאַן קאָן מען קומען צו אומגעהויערע, גאַנץ אויסטערלישע זאַכן, — אָבער אין באַדנלאָזן תהום.

**) אויך אין מיכה (ז, פּסוק כ') „תתן אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת לאבותינו מימי קדם" שטייט נאָר, אַז אַזאַ ערקלערונג איז ריכטיק. וואָרים דאָס, וואָס דאָ ווערן דערמאָנט די עלטערן, באַווייזט קלאָר, אַז אברהם און יעקב ווערן דאָ דערמאָנט אַנשטאָט די קינדער אברהמס און יעקבס.

פאַר קריסטוס: „אבֿרהמס פעלד“. אָט די באַצייכענונג באַווייזט אויך, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פערזאָנען־נאָמען. און אין אַלט־בבֿלשע טעקסטן איז די לעצטע צייט דערוויזן, אַז דער נאָמען אבֿרהם איז אַ געוויינלעכער פערזאָנען־נאָמען, און דערצו קומט ער נאָך זייער אָפט פאָר. ענלעכס קאָן מען זאָגן וועגן יצחקן און יעקבֿן. געלעגנטלעך ווערן אפילו די בײדע נעמען באַנוצט פאַרן גאַנצן פאָלק, אַזוי גוט ווי דער נאָמען ישׂראל. מ'דאַרף אָבער געדענקען, אַז דער נאָמען יצחק קומט פאָר אין דעם זין נאָר ווי אַן אויסנאַם (עמוס קאַפּ. ז', פסוקים ט' און ט"ז). און דער נאָמען יעקבֿ ווערט אין דעם זין באַנוצט כמעט אויסשליסלעך נאָר אין נבֿיאישע אָדער פּאָעטישע שטעלן, אַלזאָ אין אַ געוויסער אומדייטונג. דאָס שטימט דערמיט, וואָס שוין אין זייער אַלטע צייטן האָט מען נישט בלויז ביי יידן דעם נאָמען יעקבֿ זייער אָפט באַנוצט ווי אַ פשוטן פערזאָנען־נאָמען.

2. **דער פאַקטישער געשיכטלעכער באַשטאַנד.** ווילן מיר פון דאַנען אויפוואַרפן אַ בילד פון **געשיכטלעכן פאַקטישן באַשטאַנד**, דאַן קומט אַרויס דערפון, וואָס עס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, אַז די אבֿות איז נישט אויסצוטייטשן נישט ווי אַלטע געטער און נישט ווי שבֿטים; אַז שוין פון אויספאָרשן די נעמען אַליין קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט ווירקלעכע פערזאָנען. דערצו ברענגען אונז נאָך ווייטערע סבות. מיר האָבן פריער געהערט, אַז די ביכער מיט דערציילונגען (פון וואַנען עס שטאַמען די געשיכטעס, וואָס מיר באַטראַכטן דאָ), די יהוויסטישע און אלהיסטישע, אין זייער איצטיקן געשטאַלט, שטאַמען אַן ערך פון 9־טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס. אָבער אין זייער פיל פאַלן זיינען זיי געבויט אויף עלטערע פאָרלאַגן, מינדלעכע אָדער שריפטלעכע, פּראָזאַישע אָדער פּאָעטישע, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי געהערט צו גאָר אַ לאַנגפאַרגאַנגענער צייט. **איז דאָס אַזוי**, דאַן איז דערפון געדרונגען, אַז הגם דער דערציילונגס־שטאָף איז שטענדיק לעגענדאַריש באַפוצט, קאָנען מיר דאָך מיט פיל גרעסערער זיכערקייט דערוואַרטן צו געפינען דאָרט אַ **געשיכטלעכן קערן**, ווי ווען זיי וואָלטן געווען בלויז יונגע שאַפונגען, — ווי ס'איז די לעצטע צייט ביי אייניקע געלערטע אָנגענומען.

דערמיט שטימט עס דורכויס, וואָס אין נישט ווייניק פאַלן קאָנען

מיר פּאַקטיש דערוויזן, אַז אין אייניקע שטעלן פון דער אבות־געשיכטע,
וואָס מיר האָבן בקבלה, זיינען דערהאַלטן גאַנץ גוטע ערינערונגען, אָדער,
אַז זיי האַלטן זיך ווייט פון קינסטלעכן אידעאַליזירן די אבות — בכלל
באַזירן זיי, אַלזאָ, אויף גוטן געשיכטלעכן באָדן. ווי אַ ראיה דערצו,
וועל איך קודם כל ברענגען פאָלגנדע פאַקטן: אַז אברהם, ווי די אַנ־
דערע אבות, ווערן אין דער דערציילונג וועגן זיי געשילדערט נישט אַנ־
דערש ווי פרעמדע, וואָס האָבן א י נ ג ע ו ו אַ נ ד ע ר ט אין הייליקן
לאַנד אַריין און האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט קיין רעכטלעכן אַנשפּרוך,
אויף צו באַזיצן דאָס לאַנד; אַז זייערע זיטלעכע פעלערן, למשל, ווי
אברהם מאַכט א נישט פיינעם האַנדל מיט שרהן, ווי יעקב נאַרט אָפּ זיין
פאָטער, ווערט עס דערציילט מיט דער גרעסטער אָפנקייט. אַ פרייע
דיכטונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ערשט אין דער צייט פון די מלכים:
שאול און דוד, וואָלט דאָך געוויס צוגעלאָזט, אַז דאָס פאָלק ישראל זאָל
זיין אויסגעוואַקסן אין לאַנד גופא, און אַלע יענע פעלער פון די אבות
וואָלט זי פאַרשוויגן. איז דאָס אָבער נישט געשען, דאַן דאַרף מיט זי־
כערקייט אָנגענומען ווערן, אַז אין אַלטער צייט, על כל פנים אין דער
פריער מלכים־צייט, איז שוין די געשיכטע פאַרטיק געלעגן פאַר זיי.
אַהער געהערט אויך דער אומשטאַנד, וואָס עס איז קלאָר, אַז נישט בלויז
לויט דער געשיכטע וועגן די אבות נאָר אויך פאַקטיש זיינען די יידי־
שע ערינערונגען געווען פאַרבונדן מיט כנען ווייט א י ב ע ר דער צייט
פון משהן, צוריק. אין נאָר אַזוי לאָזט זיך אמתדיק דערקלערן דער גורל
פון אייניקע ערטער און שבטים. דאָס, וואָס שמעון און לוי זיינען שוין
אין „יעקבס ברכות" (בראשית קאַפּ. מ"ט פסוקים ה—ז) אָנגענומען ווי
פאַרשאָלטענע, ווי אויך דאָס, וואָס ביים איינגעמען כנען (ווי ס'איז צו
זען פון דבורהס שירה און פון דער געשיכטע וועגן גדעון) האָבן זיי
גאָר קיין שום ראָלע נישט געשפּילט, דערקלערט זיך נאָר דערמיט, וואָס
זיי האָבן שוין פריער־אַמאָל, אין דער צייט פ אַ ר משהן, אין דעם פרט
געהאַט דורכגעמאַכט אַזוינע טרויעריקע ערפאַרונגען, ווי יענע, וואָס מ'מוז
דרינגען פון בראשית קאַפּ. ל"ד. און די גאַנצע שכם־געשיכטע איז פאַר־
שטענדלעך, נאָר אויב שכם האָט שוין אין יענער אַלטער צייט געהאַט אַמאָל
אָנגעהערט צו יידן; וואָרים נאָכדעם ווערט שכם ווידער אַ יידישע שטאָט
ערשט נאָך שאולס טויט; דאָס קאַפּ. ל"ד אין בראשית איז אומפאַר־

שטענדלעך, אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז דאָס שפּיגלט אָפּ די צייט פֿון די שופֿטים. און אויך די הויכע שטעלונג, וואָס אייניקע הייליקע ערטער אין דרום, און ווייטער צו צפֿון, האָבן פֿאַרנומען (ווי: חברון, באר־שבע, בית־אל און מחנים), קאָן מען פֿאַרשטיין, נאָר אויב די יידן האָבן שוין געהאַט אין זיי אַ רעליגיעזע פֿאַרגאַנגענהייט. — ענדלעך דאַרף נאָך דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אויך די א ו י פ ש ר י פ ט ן באַווייזן די ריכטיקייט פֿון דער מיינונג. שוין אין די רשימות פֿון טוטמעס דעם דריטן (פֿאַר 1450) טרעפֿן מיר אַ נאָמען פֿון אַ כּנעניש אָרט, אָדער אַ געגנט, מיטן נאָמען יעקב (יעקבאל). (און אפשר נאָך אַזאַ אָרט מיטן נאָמען יוסף). קרוב צום יאָר 1230, אין דער צייט פֿון מענעפּטא, געפֿינען מיר אַ שבט „ישראל״ אין כּנען — זיכער ווי אַן ערשט־צוגעוואַנדערטער, ווען אויך נישט דווקא אין דער גאָר פֿריער צייט, אין דער צייט פֿון פּרעה סעטי, אָדער רעמסס דער צווייטער, ווערט דערמאָנט אַ באַרג־געגנט, אין גליל, מיטן נאָמען אָשר. אין דער ביבלישער צייט קענען מיר נאָר אַ שבט—אָבער נישט קיין לאַנד — מיטן נאָמען אשר, אָבער אויך אין יענער געגנט; מ׳מוז דערום אָננעמען, אַז אין דער צייט פֿון רעמסס דעם צווייטן, האָט מען מיטן נאָמען אָשר אויך געמיינט יענע געגנט, ווו דער שבט אָשר האָט געלעבט.

און איז דאָס ריכטיק; קאָנען מיר מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז די ביבלישע לעגענדעס וועגן די אבות,—נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין פּרטים זיינען זיי פֿרייע דיכטונג — זיינען דאָך אין זייערע גרויסע שטריכן — גוטע געשיכטלעכע קבלות און גיבן אונז איבער ריכטיקע ערינערונגען — דאַן איז דער דאָזיקער פּרינציפּ באַזונדערס גילטיק בנוגע די הויפּט־געשטאַלטן, די אָ ב ו ת פֿונם פֿאָלק ישראל. און ווען מיר האָבן נאָך ווייטער געזען, אַז די געשיכטעס וועגן די אבות און די געשטאַלטן פֿון די אָבות ווערן נישט פֿאַרשטענדלעכער דורכדעם, וואָס מיר פֿאַסן אויף די אָבות ווי געטער און אויך נישט דורכדעם, וואָס מיר פֿאַסן זיי אויף ווי שבטים; און ווען מיר דערמאָנען זיך נאָך, אַז נעמען ווי אברהם און יעקב, באַגעגנט מען אין אַלטערטום זייער אָפט אַלס נעמען פֿון פּערזאָנען: דאַן האָבן מיר אַלע סבּות זיך אומצוקערן צו דער איינציק־מעגלעכער מיינונג, אַז די אָבות דאַרפֿן אויפגעפּאַסט ווערן ווי ו י ר ק ל ע כ ע פּ ע ר ז אָ נ ע ן, און אַז די פּערזאָנען ה אָ ב ן ו ו י ר ק ל ע ך אַ מ אָ ל ג ע ל ע ב ט.

אַנטקעגן דער מיינונג, אַז יענע פּערזאָנען זיינען געשטאַלטן פון דער געשיכטע, האָט מען אין דער לעצטער צייט געפּרוּווט אַוועק־צושטעלן אַן אַנדער מיינונג: מ׳פּאַסט אַפילוּ אויף די אָבות ווי איינצל־פּער־זאָנען, אָבער ווי אַזוינע, וואָס האָבן געלעבט נאָר אין דער פּ אַ נ־ט אַ ז י ע, אָבער נישט אין דער ווירקלעכקייט. סוף כּל סוף, זאָגט מען, איז מען מיט זיי נישט אויסן געווען נישט קיין געטער און נישט קיין שבטים, נאָר איינפאַכע פּערזאָנען, מ ע נ ט ש ן ווי אַנדערע; אָבער נישט אַזעלכע, וואָס האָבן פאַקטיש אַמאָל געלעבט, נאָר אַזעלכע, וואָס אַ פריי־שאַפנדיקע איינבילדונגס־קראַפט האָט אַמאָל פאַרצייטן אַליין זיך געשאַפן. אָט ווי די געשטאַלטן פון די קינדער־מעשיות, וואָס האָבן די געוויינלעכע נעמען פון מענטשן, ווי יוסף, חנה א. ד. ג. אַזוי זיינען אויך די אָבות פונם פאָלק ישראל. בלויז טיפּן, זיי זיינען אָבער קיינ־מאָל נישט געווען קיין מענטשן פון פלייש און בלוט.

ס׳איז אָן אַ שום ספק ריכטיק, אַז די ביבלישע געשיכטע וועגן די אָבות האָט, אַזוי צו זאָגן, איינגעשלונגען אין זיך איניקע פּרימיטי־ווע דערציילונגען, וואָס שטאַמען אויסשליסלעך פון דער פאַנטאַזיע. אַזוי, למשל, וועט זיין צו פאַרשטיין די מעשה פון יעקבס ראַנגלען זיך מיט אַ גאָטהייט. אָט די פאַנטאַסטישע מעשׂיות מאַכן אָבער נישט אויס דעם ק ע ר ן פון דער אָבות־געשיכטע, נאָר דאָס בייווערק. זיי זיינען אין איר איינגעשמאָלצן געוואָרן, ווי אַ שטאָף, וואָס איז איר פריער פרעמד געווען. קודם כּל אָבער טראָגן נישט די פּערזאָנען, וואָס שפּילן די הויפּט־ראָלן, קיין ציפישע נעמען, וואָס מ׳באַגעגנט אָפט ביי יידן, ווי די קינדער־מעשה האָט ליב זיי צו ווילן. פאַרקערט, אברהם איז אַן אויסלענדישער נאָמען, און ביים פאָלק ישראל איז ער קיינמאָל נישט רעכט היימיש געוואָרן, אַזוי זיינען אויך די נעמען יעקב און יוסף נישט גע־וואָרן קיין אָפטע, אַלטעגלעכע נעמען. אָבער דערפאַר פּאַסן זיי אויך נישט פאַר אַזעלכע טיפּן, ווי יענע דערמאָנטע געלערנטע ווילן.

לויט דעם געזאָגטן, האָבן מיר אָנצונעמען, אַז אברהם, יצחק און יעקב זיינען געווען עלטסטע און אָנפירער פון קלענערע שבטים, אָדער משפּחות שייכן פון וואַנדער־שבטים מיט אייגענע הערדעס, וואָס זיינען פון מזרח אַראָפּגעקומען קיין כּנען און זיך דאָרט פעסט באַזעצט. די קליינע שבטים זיינען מיט דער צייט גרעסער און גרויס געוואָרן,

טיילווייז צוליב נאַטירלעכער פאַרמערונג, אָבער טיילווייז אויך דורכדעם וואָס ס'האָבן זיך אָן זיי אָנגעשלאָסן אלערליי, פריִער לחלוטין זיי פרעמדע עלעמענטן. אָבער דורך אָפשפאַלטונג און אָפוואַנדערונג זיינען זיי צייטנווייז אויך געווען פאַרקלענערט געוואָרן. דער וויכטיקסטער פאַל פון אָפשפאַלטונג און אָפוואַנדערונג — איז די אָפוואַנדערונג קיין מצרים אין יוספס צייטן. אַ באַדייטנדער טייל פון די שבטים האָט אַהין נאָכגעוואַנדערט, ס'איז אגב שווער אָנצונעמען, אַז אַלע זאָלן האָבן אויסגעוואַנדערט. עס שיינט, אַז אַזעלכע שבטים ווי אָשר, און די גאַנצע גרופּע, וואָס געהערט צו אים, אין צפון פון כנען, — און אפשר אויך יענער שבט, וואָס האָט שפעטער דעם גאַנצן פאָלק געגעבן דעם נאָמען: ישראל — זיינען געבליבן אין לאנד.

מ'דאַרף זיך דאָ אָבער פאַרוואָרנען פון אַ מעגלעכן טעות. אויב מיר זיינען אַפילו אַנטשידן דערפאַר, אַז די הויפט-פערזאָנען אין דער געשיכטע פון די אבות און זייערע הויפט-מעשים זיינען געשיכטלעך, איז נאָך דערפון כּלל נישט געדרונגען, אַז מיר וואָלטן אימשטאַנד געווען צו באַווייזן די געשיכטלעכקייט פון אַלע פּ ר ט י ם אין דער דערציילונג וועגן די אָבות. דערצו פעלט אונז שוין פון אָנהייב אָן די מאָס, מיט וועלכער מיר זאָלן קאָנען מעסטן די וואָרהאַפטיקייט אָדער אומוואָרהאַפטיקייט פון די דערציילונגען. די פערזענלעכע עקזיסטענץ פון די הויפט-געשטאַלטן און זייערע הויפט-איבערלעבונגען און שיקזאַלן קאָנען מיר, ווי ס'איז שוין געוויזן געוואָרן, מעסטן אָן דער מאָס פון די אַ ל ג ע מ יי נ ע געשיכטלעכע פאַרהעלטענישן פון יענער צייט און פון די איינצלנע גוט-געזיכערטע נאַכריכטן, וואָס מיר פאַרמאָגן. דערויף בויען מיר אונזער מיינונג, אַז זיי זיינען געשיכטלעך. אָבער פאַר די פּרטים פעלט אונז ס'רוב די דאָזיקע מאָס, און דערום פעלט אונז אויך דער זיכערער אורטייל. זיי ק אָ נ ע ן אָפט זיין געשיכטלעך, זיי מוזן דאָס אָבער נישט. נאָר דאָרט, ווו איינצלנע געשעענישן פאַר זיך זיינען באַוויזן (אַזוי, למשל, בראשית, קאַפּ. י"ד), אָדער דאָרט, ווו די פּרטים שטייען אין אַזאַ נויטווענדיקן צוזאַמענהאַנג מיט די הויפט-פאַקטן, אַז זיי, די פּרטים, זיינען באַדינגט דורך די לעצטע, דאָרט איז די זאַך אַ ביסל גינסטיקער. אָבער ווו דאָס איז נ י ש ט דער פאַל, מוזן מיר זיך קליין האַלטן.

און נאָך איינס. נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן דאָ געהערט,

זיינען אונזערע ידיעות וועגן דער אורצייט נישט אַזעלכע, אַז מיר זאָלן האָבן דאָס רעכט — אָן דעם אַרט הילף-מיטלען, פון וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט — צו האַלטן זיי פאַר געשיכטלעך אין אַלע פּרטים איך האָב קלאָר געזאָגט, אַז לויט מיין איבערצייגונג, איז אַ גרויסער טייל פון די ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן, פיל-פיל עלטער אַפילו פון די קוועלן „. און א. גופא; מיט דער הילף פון די דאָזיקע ידיעות שטייען מיר אַלזאָ אַ סך נענטער צו יענע אוראַלטע געשעענישן, ווי אָן זיי. אָבער צוליב דעם זיינען זיי נאָך ווייט נישט קיין „אורקונדן“, אין שטרענגן זין. און וויל מען בלייבן אויפן באָדן פון אמת און זיכערקייט, טאָר מען זיי אויך נישט באַהאַנדלען ווי געזיכערטע אורקונדן.

זיי זיינען דאָס נישט — ווייל ס'רוב, הגם נישט אויסשליסלעך, שטיצן זיי זיך אויף קבלות (מערסטנטיילס פון פאָלקסטימלעכער אַרט), וואָס זיינען אַ לאַנגע צייט איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל; אַלזאָ, צום טייל, על כל פנים, זיינען דאָס פאָלקס-מעשיות, וואָס מ'טאָר בשום אופן נישט באַנוצן ווי געשיכטלעכע קוועלן אין שטרענגן זין. זיי זיינען דאָס אויך נאָך דערפאַר נישט — ווייל, ווי מיר האָבן אויך שוין געהערט, גראַד יענע קוועלן י". און א". דערציילן אונז אָפטמאָל איינע און די זעלבע קבלות צוויי מאָל און די איינצלהייטן אין פאַרשיידענע נוסחאות. ווו דאָס געשעט, דאָרט קאָן באַטירלעך, — סיי לויט די לאָגישע כללים און סיי לויט די היסטאָרישע פּרינציפּן — העכסטנס נאָר איינער פון די צוויי נוסחאות זיין דער ריכטיקער. מיר זיינען אָבער כמעט קיינמאָל נישט אימשטאַנד צו זאָגן, וואָסערער פון זיי זאָל דאָס זיין. מיר דאַרפן זיך נישט אָפּזאָגן פון די דאָזיקע אויספירונגען. בפרט, אַז מיר וועלן קיין שום רעכט נישט האָבן נישט אָנצווייזן אויף זיי — פאַרשטענדיקע וועלטלעכע מענטשן אָדער צייטיקע שילער, וואָס זיינען בכלל אימשטאַנד אַזוינע זאַכן תופס צו זיין.

פון דער אַנדערער זייט אָבער, איז דאָס, וואָס די נוסחאות פון איין און דעמזעלבן באַריכט זיינען פאַרשיידן, האָט פאַר אונז גראָד אַ באַזונדער באַדייטונג. וואָרים פון דעם פאַקט, וואָס איין דערציילונג ווערט צוויי-דריי מאָל איבערגעגעבן, איז אַפילו ווען זיי זיינען אין פרטים פאַרשיידן, קאָנען מיר דאָך מיט זיכערקייט דרינגען, אַז הינטער די אַלע פאַרשיידנקייטן ליגט אַ געמיינזאַמער פעסטער קערן, וואָס איז איבערגעגאַנ-

גען בקבלה. און אָט דער פעסטער קערן ברענגט אונז נענטער צום באַגרייפן דעם אמת, ווי אַזוי דאָס אָדער יענץ היסטאָריש געשעעניש איז פאָרגעקומען.

דאָס צענטע קאַפּיטל

משה און דאָס עגיפּטישע פאָלק ישראל

1. די מדבר־שבטים און די וואַנדערונג. גייען מיר צו נענטער צו דער געשיכטע פון משהס צייט, ווי זי ווערט דערציילט דערהויפּט אין שמות, קאַפּיטלעך א—כ, וועלן מיר קודם כל דאַרפן ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף די מדבר־שבטים און אויף דער וואַנדערונג זייערער קיין מצרים און, שפּעטער, פון מצרים. דערביי וועלן מיר דאַרפן געדענקען דעם שטאַנדפּונקט, צו וועלכן מיר זיינען געקומען באַטראַכטנדיק די געשיכטע פון די אבות. ווייל בנוגע צו די קוועלן — געפינען מיר זיך דאָ אין דער זעלבער לאַגע, וואָס דאָרטן.

אמת, מיר שטייען דאָ נענטער צו די געשעענישן, אויף אַזוי פיל, וויפל משהס צייט איז אונז נענטער ווי די צייט פון די אָבות. אָבער בנוגע צו געוויסע טיילן, זיינען מיר נאָך אַלץ גענוג ווייט פון דאָרטן. מיר פאַרמאָגן אפילו עטלעכע אַלטע און זיכערע ידיעות, וואָס גיבן אונז די מעגלעכקייט, אין גרויסע שטריכן, צו מאָלן דאָס בילד פון יענער צייט. מיר דאַרפן אָבער אויך דאָ נישט טראַכטן דערפון, אַז מ׳קאָן די דערציילונגען בכלל אין אַלע זייערע פּרטים פאַרווענדן ווי אמתע אורקונדן. און נאָך איינס: דאָ, ווי ביי דער געשיכטע פון די אבות, האָבן מיר קבלה אַ דערציילונג, וואָס באַשטייט פון פאַרשיידענע עלעמענטן: קבלות פון פריערדיקער און שפּעטערדיקער אָפּשטאַמונג זיינען דאָ צונויפגעשמאָלצן. אַבער אויך אין זיי געפינען זיך עלעמענטן, וואָס לאָזן זיך נישט פשוט נעמען געשיכטלעך, נאָר טיילווייז געהערן זיי צו קבלות, וואָס זיינען שפּעטער ווייטער אויסגעבילדעט געוואָרן, און טיילווייז לאָזן

זיי זיך מער שוין נישט אויפפּאַסן געשיכטלעך. עטלעכע ביישפּילן וועלן
דאָס קלאָר מאַכן.

דער מדבר סיני באַשטייט דערהויפּט פון זאַמד און שטיינער, און
האָט עטלעכע ווייניקע אָאַזיסן. עס שיקט זיך אַלזאָ נישט, אַז אַזאַ
גרויסע צאָל מענטשן — אין שמות איז אָנגעגעבן: זעקס מאָל הונדערט
טויזנט וואָכנטרעגער, אויסער אַלטע, ווייבער און קינדער — זאָלן זיך
אַ לענגערע צייט קאָנען דאָרט אויפהאַלטן — אַפילו נישט-רעדנדיק שוין
וועגן דער ערנערונגס-פראַגע. לויט ווי ס׳איז געשריבן אין שופטים ה׳
פסוק ח׳ איז אין דבורהס צייט געווען ביי יידן פערציק טויזנט שפּיזן.
עס איז זייער וואָרשיינלעך, אַז אויך דאָ איז די צאָל אַ רעכט ביסל אי-
בערטריבן. פאַר דער מדבר-צייט מוז זיך, אַלזאָ, געוויס האַנדלען אום
ווייט קלענערע ציפער. ס׳איז דערום קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך
אַ גוזמאדיקע קבלה פון אַ שפּעטערדיקער צייט. און פּרוווט עמעצער,
פאַר זיך, לייענען די געשעענישן ביים באַרג סיני און אין דער מדבר —
אומגעפער פון שמות יח׳ אָדער יט׳ ביז שמות לה׳ — אין איין צוזאַ-
מענהאַנג, און דערביי האַלט ער פעסט אין געדאַנק: אויף וואָסער אַן
אופן די איינצלנע געשעענישן קומען נאָכאַנאַנדער, און דערהויפּט, ווי
משה שטייגט אַרויף אויפן באַרג, וואָס ער טוט אויבן און ווי ער שטייגט
ווידער אַראָפּ, — און ס׳וועט אים אָן שוועריקייטן קלאָר ווערן, אַז ס׳איז
אוממעגלעך איין פאָדים פעסטצוהאַלטן דורך דער גאַנצער דערציילונג-
פאַרקערט: אַן איינצלנער פאָדים ווערט אָנגעשפּינען, נאָכדעם ווערט ער
פלוצלינג אָפּגעריסן און אַן אַנדערער קומט אויף זיין אָרט, כדי שפּעטער
אויף אַן אַנדער אָרט ווידער אָנגעקניפּט צו ווערן. דאָס ווייזט אונז קלאָר,
אַז וועגן דעם ווי אַזוי די געשעענישן, יעדערע באַזונדער, זיינען פאָרגעקו-
מען, זיינען געווען פאַרשיידענע קבלות, און אַז מיר איצט זיינען שוין
מער נישט אימשטאַנד צו זאָגן, וועלכע פון זיי איז די עלטסטע, אָדער
וועלכע פון זיי האָט ווירקלעך אָפּגעשפּיגלט דעם אמתן גאַנג פון די גע-
שעענישן; דערפון, ווי אַזוי די פּרטים האָבן זיך אָפּגעשפּילט, — שוין
גאָרנישט צו רעדן.

ווייטער. ווען מיר שטעלן זיך אָפּ אויף דער געשיכטע פון פּרעהס
מכות, מוזן מיר אויך דאָ מודה זיין, אַז אונז פעלט די מאָס, לויט וועל-
כער מיר זאָלן קאָנען שאַצן זייער געשיכטלעכן ווערט. דערמיט וויל איך

נישט זאָגן, אַז זיי מוזן דוקא זיין אומגעשיכטלעך. מ׳קאָן זייער גוט אָננעמען, אַז אין דער צייט פון יציאת מצרים זיינען אויפן לאַנד געקומען גרויסע „מכות", וואָס האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף די באַשלוסן פונם פרעה. אייניקע פון די דערציילטע געשעענישן, לאָזן זיך זייער גוט פאַרשטיין פון די אייגנטימלעכע נאַטור־ערשיינונגען וואָס קומען פאָר אין מצרים; מ׳דאַרף זיי נאָר אויסעראָרדענטלעך פאַרגרעסערן. אָבער אויספרוּוון די איינצלהייטן, ווי ווייט זיי זיינען געשיכטלעך — דערצו פעלן אונז אפילו נאָר וועלכע ס׳איז אָנהאַלטס־פונקטן. פון דעם אַלעם זעט מען, אַז בנוגע די מאַטעריאַלן איז די משה־געשיכטע זייער ענלעך צו דער אור־געשיכטע. זייער אָפּט מוז מען זיך באַנוגענען בלויז מיט אויפזוכן דעם היסטאָרישן קערן פון דער קבלה.

אַזוי שטייען זיך איינע קעגן דער אַנדערער, צוויי מיינונגען, וואָס איינע איז פונקט דער היפך פון דער אַנדערער. איינע וויל האָבן, אַז אַלץ, וואָס מיר האָבן בקבלה פון משהס צייט, איז פעסטע געשיכטע, און די אַנדערע וויל האָבן, אַז משה און דאָס וויכטיקסטע, וואָס מיר האָבן בקבלה וועגן אים, איז בכלל אומגעשיכטלעך. אַז די ערשטע מיינונג האָט קיין האַפט נישט, דאָס איז שוין קלאָר דערפון, וואָס עס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן. אָבער די צווייטע מיינונג רופט אויך אַרויס שטאַרקע ספקות.

אַמבעסטן וועלן מיר אָנהויבן פון דער קבלה וועגן דעם אויפהאַלטן זיך פון יידן אין מצרים, צי האָבן זיך אין משהס צייטן אין מצרים בכלל געפונען יידישע שבטים? פאַקטיש ווערט אָפּט געצווייפלט אָן דעם, צי האָבן יידן געוואַנדערט קיין מצרים. איז יענע קבלה ריכטיק? מיר קאָנען ענטפערן: יאָ! דער פאַקט מוז אָבער ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן. מ׳דאַרף אָננעמען ווי וואָרשיינלעך, אַז די שבטים, פון וועלכע דאָס פאָלק ישראל איז אַרויסגעוואַקסן, לאָזן זיך טיילן אויף דריי גרופּעס: אין כנענימשע, וואָס זיינען גאָר קיינמאָל פון כנען נישט געווען אויסגעוואַנדערט; צווייטנס—אין אַזעלכע, וואָס האָבן געוואַנדערט קיין מצרים, און דריטנס—אין אַראַביש־סינישע, וואָס זיינען נישט געווען אין מצרים נאָר אין די סינישע סטעפּן.

פון דער סעאָריע, אַז יידן זיינען בכלל נישט געווען אין מצרים, איז נאָר דאָס ריכטיק, אַז (ווי מ׳קאָן משער זיין) נישט אַלע שבטים

זיינען געווען דאָרט. אייגצלנע משפחות זיינען, העכסטוואָרשיינלעך, נאָר אין די סטעפּעס געווען און דאָ געבליבן, ביז די אַנדערע שבטים האָבן זיך אומגעקערט פון מצרים און זיך פאַרבונדן מיט זיי. צו זיי געהערן טיילן פונם שפּעטערדיקן שבט יהודה, יעדנפאַלס וויכטיקע משפחות, וואָס האָבן זיך אין דער שפּעטערער צייט פאַרייניקט מיט אים. ווייטער האָבן מיר ערנסטע ראיות פאַר דער השערה, אַז אַזוינע משפחות ווי אָשר און אפשר אויך טיילן פון מנשה און עטלעכע אַנדערע זיינען געווען אין כנען נאָך אין דער צייט, וואָס פאַר משהן, און האָבן קיינמאָל פון דאָרט נישט אויסגעוואַנדערט. און שפּעטער, אַז די יידן זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד, האָבן זיי דאָרט געפונען קרובהשע עלעמענטן, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געקאָנט שטיצן. דריטנס, וועלן מיר פון דער קבלה נישט קאָנען אָפּ־נעמען דעם געשיכטלעכן ווערט, אַז געוויסע שבטים, וואָס מ׳באַצייכנט מיט די נעמען: יוסף (אפרים און מנשה), בנימין, שמעון און לוי, האָבן צוליב מחלוקת און אָנפאַלן אויסגעוואַנדערט קיין מצרים. ס׳איז זייער גוט מעגלעך, אַז אַ מענטש מיטן נאָמען יוסף איז געשטאַנען בראש פון די וואַנדערער. דאַגעגן, די געשיכטע מיט יוספן אין מצרים, ווי זי ווערט דערציילט אין בראשית, געהערט ווידער צו יענע, וואָס אין אַלע זייערע פּ ר ט י ם קאָן מען זיי היסטאָריש נישט פעסטשטעלן. מ׳ווייסט אפילו פון באַדייטנדע הונגער־נויטן אין מצרים און כמעט פון די זעלבע מיט־לען קעגן זיי, ווי זיי ווערן אָנגעגעבן אין חומש; צי זיינען זיי אָבער פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען יוסף איז דאָרט געווען און צי זיי־נען זיי פאַרבונדן מיט יוספס טעטיקייט — דאָס ווייסן מיר נישט. די געשיכטע וועגן יוספן מיט פּוטיפרס ווייב האָט אין אַן אַלטעגיפּטישער דערציילונג — וואָס איז אפשר עלטער ווי עגיפּטן אַליין, און אפשר אויך נאָך אין אַן אינדישער דערציילונג, — אַז אויפפאַלנדע פּאַראַלעל, אַז ס׳איז כמעט אוממעגלעך זי אָנצונעמען פאַר אַ ווירקלעך געשעעניש.

פונדעסטוועגן ווייזט די געשיכטע מיט יוספן, אַז דער דערציילער אירער איז זייער גוט באַקאַנט מיט די מצרימשע פאַרהעלטענישן. דאָס באַווייזט נאַטירלעך נישט, אַז די געשיכטע פאַר־זיך איז ריכטיק, אָבער אומעטום, וווּ ס׳זיינען נישטאָ קיין פעסטע ראיות קעגן איר, קאָנען מיר זיך צו אייניקע אירע טיילן פאַרהאַלטן מיט פולשטענדיקן צוטרוי. אַזוי רעכנט מען, אַז מ׳האָט די לעצטע צייט געפינען אַ העכסט מערקווירדיק

עגיפּטיש בילד, וואָס איז אַ פּאַראַלעל צו דער געשיכטע, ווי מ'האָט יוספן ווידער געפונען: ווי פּרעה באַצירט אים מיט דער גאָלדענער קייט און ווי ער נעמט אויף זיינע ברידער אין מצרים. אייניקע געלערנטע מיינען גאַנץ ערנסט, אַז יענץ בילד שטעלט פאָר, ווי יעקבס זין וואַנדערן איין קיין גושן. דאָך דאַרף מען אָננעמען, אַז דער הויכער באַאַמטער, — ער הייסט האַרעמהעב — וואָס טראָגט די גאָלדענע קייט אויפן האַלז, איז נאָר יוכפס אַ באַפּולמעכטיקטער. אָבער זאָל אפילו זיין, אַז די דערמאָנטע מיינונג פון די געלערנטע איז צו-דרייסט; זאָל אפילו זיין, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן יוכפס אַ באַפּולמעכטיקטן און נישט וועגן זיינע ברידער, נאָר וועגן אַן אַנדער עגיפּטישן גרויסבאַאַמטן און וועגן אַנדערע אַזיאַטן — אַלץ בלייבט אונז דאָך יענץ באַדייטנד בילד ווי אַ וויכטיקע אילוסטראַציע צו דער ביבלישער געשיכטע. דאָס ווייזט אונז נישט בלויז דאָס, ווי גענוי דער דערציילער האָט געקענט מצרים און געוווּסט וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען, נאָר ס'לערנט אונז אויך, אַז אַזוינע זאַכן, ווי זיי ווערן דאָ דערציילט פון יוספן, זיינען אין מצרים פאַקטיש געשען, און עס זאָגט אונז אויך, ווי מיר האָבן זיך פאָרצושטעלן די געשיכטע מיט יוספן. אין ווידער ווערט וואַך אין אונז די זיכערקייט, אַז ענלעך ווי דאָ מיט האַרעמהעב, אַזוי קאָן מען אין איין שיינעם פרימאָרגן אַרויסגעפינען יוספן אַליין, ווי דעם באַגלייטער און באַשיצער פון זיינע ברידער.

ווי האַלט עס אָבער מיטן איפהאַלטן זיך פון יידן אין מצרים גופא? קודם כל: אויף וועלכע יסודות שטיצט זיך די מיינונג, אַז טיילן פון די יידישע שבטים זיינען ווירקלעך געווען אַמאָל אין מצרים? צוויי ראיות ברענג איך דערצו. ערשטנס: די דאָזיקע נאַכריכט געפינט זיך נישט בלויז אין איינצלנע געציילטע שטעלן, נאָר זי איז אַ פעסטער טייל פון דער גאַנצער קבלה אונזערער, און ווערט אַלץ ווידער און ווידער איבערגעחזרט. זי געפינט זיך ביי אַלע אונזערע הויפּט-דערציילער אין ספר שמות, ווי ביי די נביאים פון עמוס און אַראָפּ ביז די לעצטע. אַזאַ זיכערע און איינאַרטיק דערמאָנטע קבלה פאָדערט קודם כל מ'זאָל זיך רעכענען מיט איר און אָן די צווינגענדסטע ראיות טאָר מען זי נישט אַוועקלייגן אָן אַ זייט. צווייטנס: עס איז נישט גרינג צו געפינען אויף דער וועלט אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ הויך זעלבסט-

געפיל, ווי דאָס יידישע פאָלק. און אויב די יידישע קבלה הויבט אָן איר געשיכטע מיט דער שווערסטער ערנידערונג, וואָס האָט געקאָנט אויספאַלן אויפן יידישן גורל: קנעכט זיין ביי די מצרים, לעבן אין „דינסט-הויז", ווי ס'ווערט אָפט אויסגעדריקט — איז ביי דעם הויכן זעלבסטגעפיל פון יידישן פאָלק, וואָלט עס געווען העכסט מערקווירדיק, ווען דאָס פאָלק אַליין זאָל די דאָזיקע ערנידערונג האָבן אויסגעטראַכט. וואָלט מען דער-מיט אויסן געווען נישט מער, ווי „אויסבויען" דעם אָנהויב פון דער גע-שיכטע, דאַן וואָלט מען געוויס געווען געגאַנגען אין אַנדערע וועגן. ווי גרינג וואָלט עס דער דיכטערישער לעגענדע געווען צו פאַרשפּאָרן דעם פאָלק אַזא פלעק. קוים איז דאָס אָבער נישט געשען, באַווייזט דאָס, אַז דאָס אויפהאַלטן זיך פון יידן אין מצרים געהערט ווירקלעך דער גע-שיכטע.

די נעמען פון די פרעהס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אונטערדריקן די יידן אין מצרים און מיטן ארויסגיין פון מצרים, קאָן מען נאָך ווי-ניקסטנס מיט אַ געוויסער זיכערקייט באַשטימען. פרעה דער אונטערדרי-קער איז, העכסטוואַרשיינלעך, רעמסס דער צווייטער; דער פרעה פון יציאת-מצרים איז מערענפטאַ. זייערע ביידנס אָפּבילדער פאַרמאָגן מיר.

2. משה. די געשיכטע פון דער תקופה וואָלט אָבער נישט גאַנץ געווען, ווען מיר וואָלטן זיך נישט באַלד שוין אָפּגעשטעלט אויף איר הויפט-געשטאַלט, אויף דער געשטאַלט פון משהן.

ווי אַזוי דאַרפן מיר זיך פאַרהאַלטן צו איר? אין די קרייזן פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשער איז מען איצט בכלל געניגט, צו האַלטן משהן פאַר אַ געשיכטלעכע פערזענלעכקייט. פונדעסטוועגן געפינען זיך אייניקע, וואָס קעמפן שטאַרק קעגן דער מיינונג. דערפאַר, מיין איך, זיינען נויטיק עטלעכע ווערטער וועגן דער פראַגע. איך זאָג אָבער שוין פאָרויס, אַז פאַר מיר פערזענלעך איז משהס געשיכטלעכער כאַראַקטער אַ פאַקט פון דער העכסטער זיכערקייט. איך מיין, אַז דאָס איז אוממעג-לעך אויסצומיידן.

צוערשט דאַרף מען דעם פאַקט אַרויסהויבן פון דער לאַגע בשעתן אַרויסגיין פון מצרים, — אָננעמענדיק דאָס דערוייל פאַר אַ געשיכטלעך געשעעניש — ווי עס ווערט אונז גלויבהאַפטיק געשילדערט. די שבטים, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין מצרים און אין איר סביבה א״ום, זיינען



איינצלנע בילדער פון שלמנאסרס שוואַרצן אָבעליסק (ז. טאָוול XI); זיי שטעלן פאָר יהואס שליחים, וועלכע ברענגען מס דעם קעניג שלמנאסר (820 פ. קריסט.)

טאָוול XII.

נעווען אַ אומאָרגאַניזירטע מאַסע, וואָס איז באַשטאַנען פון משפחות, וועלכע דינען אָפּגעשיידט געווען פונאַנאַנדער, יעדער איז זיך געגאַנגען זיין איי־גענעם וועג אָן אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין, אָן אַן אינעווייניקסטן צוזאַמענבונד. ערשט משה האָט דאָס אַלץ איינגעהויכט אין זיי. דערמיט האָט ער פאַר זיין פאָלק אַ גרויסע נאַציאָנאַלע טאַט געטאָן. ער האָט די שבטים אַריינגעגעבן מוט, באַגייסטערונג און קראַפט דעם קאַמף מיט די מצריים אָנצוהויבן. און ווען אַ גרופּע משפחות אָדער שבטים ווערט אויף אַזאַ אופן — איין גאַנצעס און ס'הויבט אָן אַרויסצוואַקסן אַ נאַציע, איז עס דער שטייגער פון דער וועלט, אַז דאָס געשעעט נישט פון די שבטים אַליין אַרויס, נאָר דאָס איז דער אויפטו פון אַ פּערזענלעכקייט וואָס וואַרפט פונקען פון באַגייסטערונג אין די מאַסן אַריין.

נישט אַליין האָט זיך איטאַליען פאַראייניקט, נאָר קאַוור האָט דאָס פאַראייניקטע איטאַליען געשאַפן. נישט די דייטשע פירשטנטימער האָבן געשאַפן די דייטשע מלוכה און די איינהייטס-אידעע פאַרוואַנדלט אין אַ פאַקט, נאָר ביסמאַרק האָט אין זיי געוואָרפן די פונקען און האָט זיי אין אַ פלאַם פון באַגייסטערונג צעבלאָזן. וואָלטן מיר נישט געהאַט בקבלה אַזאַ געשטאַלט ווי משה, וואָלטן מיר זי געמוזט פאָדערן; האָבן מיר זי יאָ בקבלה, מוז מען זי אָננעמען אַלס געשיכטלעך.

דערצו קומט נאָך די פראַגע וועגן דעם נאָמען. אַז משה איז אַ עגיפּטישער נאָמען, דערין איז קיין ספק נישט. פאַקטיש, איז משה נישט דער טייטש; „דער, וואָס מ'האָט אים פון וואַסער אַרויסגעצויגן", ווי די טראַדיציע טייטשט דעם נאָמען. דאָס איז נישט מער ווי פאָלקס־עטימאָלאָגיע, ווי מיר טרעפן זי אָפט אי ביי יידן, אי ביי אַנדערע פעלקער. יעדערער פון אונז קען ביי זיך אין דערהיים, אָדער אין באַקאַנטע געגנטן, ענלעכע ערקלערונגען צו נעמען פון פערזאָנען, דערפער, בערג אָדער טייכן, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן. די געשעענישן האָבן זייער גוט געקאָנט פאַר־קומען. אָבער זייער צוזאַמענהאַנג מיטן נאָמען געהערט ס'רוב דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. דער נאָמען משה אַלס אַ העברעיש וואָרט, וואָלט אייגנטלעך געהייסן: דער אַרויסציער, ד. ה. דער באַפרייער, דער אויסלייזער. ס'איז אָבער קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אויסגלייכן אַ פרעמד וואָרט מיט דער העברעישער שפּראַך, ווי דאָס שפּראַך־באַוווסטזיין האָט עס שפּעטער אויסגעפירט — רעכענענדיק זיך דערביי מיט משהס לעבנסאַר־

בעט. אין אמתן, איז משה אַן עגיפּטיש וואָרט און הייסט, אייגנטלעך: „קינד". ס׳איז דאָס אייגענע וואָרט, וואָס מיר געפינען אַזוי אָפט, אין צוזאַמענזעצונג, אין עגיפּטישע נעמען (צ. ב.: טוט־משה). שוין דאָס אַליין, וואָס די פירנדע פּערזאָן אין דער יידישער געשיכטע פון דער צייט טראָגט נישט קיין היימישן, נאָר אַן אויסלענדישן נאָמען, און אויסער אים נ אָ ך אייניקע אַנדערע אויך, ווי למשל, חור, פּנחס, רעדט שטאַרק דערפאַר, אַז זי איז געשיכטלעך. דאָס באַווייזט אָבער אויך, אַז די יידן זיינען פאַקטיש געווען אין מצרים.

און נאָך נאָר אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם געשטאַלט גופא, ווי מיר האָבן עס זיך פאָרצושטעלן. פּ אָ ל י ט י ש געזען איז משה דער פאַרייניקער פון די שבטים, זייער פירער פון עגיפּטן דורך די סטעפּעס און זייער אָרגאַניזאַטאָר. דערביי לאָזן זיך געוויסע הויפּט־פאַקטן געשיכטלעך באַפעסטיקן, על כל פּנים, אין העכסטן גראַד זיי וואַרשיינלעך צו מאַכן. צו די דאָזיקע פאַקטן געהערט קודם כל דער ארויסגאַנג פון מצרים, און דאָס איבערגיין דעם ים־סוף. אין שמות, קאַפּ. ט״ו, האָבן מיר אַ נצחון־ליד, וואָס הגם איצט האָבן מיר דאָס אין אַ שפּעטערדיקער איבעראַרבעטונג, אָבער דער אָנהויב און דער סוף געהערט זיכער דעם אַלטן ליד און הייסט:

שירו ליהוה	כי גאה גאה
סוס ורוכבו	רמה בים

נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר ווייסן פון דער לידער־דיכטונג ביי יידן בכלל און פון די שלאַכט־און נצחון־געזאַנגען בפרט, איז קיין שום גרונט נישטאָ דערצו, אַז מ׳זאָל אויף ד ע ם ליד קוקן אַנדערש ווי אויף דער שירה פון דבורה און אייניקע אַנדערע, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען. אָבער דעמאָלט באַווייזט אויך דאָס ליד, אַז אַזאַ מין שווערע קאַטאַסטראָפע, ווי ס׳איז באַשריבן אין חומש, שמות, האָט ביים רויטן ים ווירקלעך געטראָפן מיט די מצריים. דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן דער אייגנשאַפט פונם צפון־שפּיץ פון דעם סועץ־אויסגוס, און פון די געוויסע געפאַרן וואָס האָבן דאָרט געדראָט נאַפּאָלעאָנס חיל, שטימט זייער גוט דערמיט. דער אונטערגאַנג פון די מצריים זיכערט, נאַטירלעך, נאָכאַמאָל די געשיכטלעכקייט פון זיין סיבה: דעם יידישן אַרויסגאַנג פון מצרים. ווייטער

"עהערט אַהער אויך דער גאַנג דורך די סטעפּן, און גראָד אין דער ריכטונג צום באַרג סיני, הגם גאַנץ גענוי קאָנען מיר זיין לאַגע נישט באַשטימען. און דאָך זיינען נישטאָ קיין וויכטיקע מאָטיוון דערפאַר, אַז מ'זאָל דעם באַרג גופא דאַרפן זוכן ווייט פון דעם איצטיקן סיני-האַלבאינזל, ערגעץ אין די וואולקאַן-קרייזן צו צפון פון מעדינא—ווי מ'האָט די לעצטע צייט אָפט געפאָדערט. אָן דעם באַרג סיני איז פאַרבונדן די נייע גאָט-אַנטפּלעקונג דורך משהן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטייט דער צוג פון די יידן צו דער אָאַזיס קדש, דער קאַמף וועגן דעם אָרט, דאָס אויפהאַלטן זיך אַ לענגערע צייט אין דער אָאַזיס און די ווייטערדיקע געזעצגעבונג דאָ. די ברונעמער דאָרט הייסן אויך: „עין-משפט", א. ד. ג. (בראשית, קאַפּ. י"ד, פסוק ז, פאַרגלייך אויך שמות קאַפּ. ט"ו פסוק כ"ה). דאָרט משפט משה דאָס פאָלק! דאָס איז אַ באַווייז דערויף, אַז דאָ אין דעם אָרט איז פאָרגעקומען אַ פאָלקס-אָרגאַניזאַציע, ענלעך צו יענער, וואָס איז באַשריבן אין שמות קאַפּ. י"ח. נאָך אַ לענגערן אויפהאַלטן זיך דאָ, קומט פאָר דער ווייטערער צוג צום געביט, וואָס אַרום דעם טויטן ים, און דער קאַמף קעגן די מלוכות פון די אמורים אין יענער געגנט און דאָס אַריינרייסן זיך אין דעם לאַנד, וואָס ליגט צו מזרח פון ירדן. דאָס זיינען אַלץ צוגן, וואָס לאָזן זיך געשיכטלעך פאַרשטיין און אָן שוועריקייט פעסטשטעלן.

דאָס בילד פונם רעליגיעזן געשטאַלט משהס באַקומען מיר פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען ביים באַרג סיני און אין קדש. עס שטימט דערמיט, וואָס מיר האָבן בקבלה און ס'איז אינערלעך גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז אויף איינעם פון די בערג אין יענער געגנט—וועלכע מיר קאָנען נישט גענויער באַשטימען — האָט משה איבערגעלעבט די געטלעכע אַנטפּלעקונג. און אַזוי ווערט ער ביי זיין פאָלק דער פאַקטישער גרינדער פון זיין רעליגיע און פון זיין רעכט. פון וואָסער אַן אַרט איז אָט דאָס רעליגיעזע, געטלעכע אַנטפּלעקן זיך? זי קניפּט אָן אָן דעם נאָמען יהוה און דריקט זיך אויס אין באַשטימטע רעליגיעזע און זיטלעכע פאָדערונגען. די פאָדערונגען געפינען זיך אין יענע פריער שוין דערמאָנטע געזעצן, מיט די עשרת הדברות בראש, וואָס ווערן משהן צוגעשריבן. דאָס אַלץ, וואָס משה און זיין פאָלק האָבן איבערגעלעבט ביים ים-סוף, איז פאַר זיי געווען אַ פאַקטישער באַווייז, אַז גאָט האָט זיך אָנערקענט אַלס זייערער.

דאָס אַלץ, וואָס משה האָט איבערגעלעבט ביים ברענענדיקן דאָרן און ביים באַרג סיני, האָט משהן צו פאַרשטיין געגעבן, פון וואָסער אַ מהות דער גאָט איז און וואָס ער פאַרלאַנגט פון זיין פאָלק. ס'איז נישט וויכטיק צי האָט משה אַליין געשענקט דעם פאָלק דעם נאָמען יהוה. די פראַגע קאָן מען לאָזן. וויכטיק איז וואָסער אינהאַלט ער האָט פאַרבונדן מיט דעם נאָמען און מיט דער גאָט-פאָרשטעלונג, וואָס ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען. דער עצם מהות פונם יידישן גלויבן אין דער שפּע־טערדיקער צייט, באַשטייט אין דעם, אַז דער גאָט פון ישראל איז אַ איינציקער און אַ זיטלעכער גאָט. די ערשטע לעבנסקרעפטיקע שפּראָצן פון אָט דער העכסטער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע האָבן שוין געמוזט ליגן אין יענער גאָט-פאָרשטעלונג, וואָס משה האָט דעם פאָלק געגעבן. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין משהס גאָט-אַנטפּלעקונג און דאָס איז דער עצם מהות אירער.

מען מיינט אַמאָל, אַז זיין גאָט-פאָרשטעלונג האָט משה איבערגענו־מען פון די קינים. קיין ראיות דערפאַר לאָזן זיך ניט ברענגען. עס לאָזט זיך אָבער זאָגן: ווען יהוה וואָלט געווען דער גאָט פון די קינים, דאַן וואָלטן די קינים ווי ווייט ס'לאָזט זיך משער זיין, געוואָרן דאָס פירנדע פאָלק און זיי וואָלטן די יידן איינגעשלונגען. וואָרים אין יענע אַלטע צייטן האָט די רעליגיע, דער אייגנטימלעכער גלויבן אָן גאָט, אויסגע־מאַכט אַ גרויסן טייל פון דער נאַציאָנאַלער אייגנטימלעכקייט פון די אַל־טע פעלקער און שבטים-גרופּן. דאָס, וואָס יידן זיינען געוואָרן דאָס פירנ־דע פאָלק, האָט עס צו פאַרדאַנקען זיין גלויבן אָן גאָט. דערפאַר זיינען די קינים צווישן די יידן פאַרשוווּנדן.

ווי אַזוי איז משה געקומען צו דער גאָט-איבערלעבונג, צו דער גאָט-פאָרשטעלונג, וואָס איז פון יענער איבערלעבונג אַרויסגעקומען, און צו אַלץ, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן — דאָס איז, קודם כל, דער סוד פון זיין רעליגיעזן געניע און פון זיין רעליגיעזער ערפאַרונג. וואָרים די רעליגיעזע איבערלעבונגען שפּילן זיך אָפּ אין די טיפסטע טיפענישן פון דער פּערזענלעכקייט גופא, אין יענע פאַרבאָרגענע געביטן פונם מענטש־לעכן געמיט-און נשמה-לעבן, וועלכע זענען אָפן נאָר, און אויסשליסלעך פאַרן פאַרקער צווישן דער רעליגיעז-פאַרכאַפּטער נשמה און דער גאָט־הייט, וואָס איז איר אַזוי נאָנט. אונז געניגט עס צו וויסן, אַז משה, האָ־

בנדיק אין באַזונדערע צייטן אַזוינע רעליגיעזע איבערלעבונגען, איז ער — בראש פון יענע מענער אין ישראל, וועלכע מיר אָנערקענען פאַר זיינע העכסטע רעליגיעזע פירער און לערער: די נביאים — אויפגעטרעטן פאַר אונז, ווי דער רעליגיעזער וועג-דורכברעכער.

דאָס עלפטע קאַפיטל

די אידעע וועגן רעליגיע און מאָראַל אין דער עלטערער צייט ביים פאָלק ישראל

1. ישראל און די כנענים. ווילן מיר נענטער באַטראַכטן אָט דאָס וויכטיקסטע טעמאַ, וועט גוט זיין פריער זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אַרט צוזאַמענלעבן מיט די כנענים און זיין באַדייטונג פאַר די יידן.

בכלל קאָנען מיר זאָגן, אז בעת די יידן האָבן זיך באַזעצט אין כנען, האָבן זיי זיך פעסט געהאַלטן אָן משהס גאָט. פונדעסטוועגן האָט אין ווייטערע און ברייטערע שיכטן פונם פאָלק ישראל די אמונה געליטן פון געוויסע פאַרטונקלונגען, און איז דורכדעם שטאַרק כנעניזירט געוואָרן. כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען אָננעמען, אַז די ערשטע צייט, נאָכן איינגעמען דאָס לאַנד, האָבן יידן זייער אָפּט געלעבט איינעם מיט די כנענים. דערפאַר האָט זיך אין דער יידישער רעליגיע, דאָ און דאָרט, אַריינגעכאַפּט אַ פרעמדער שטריך.

די געשיכטע, ווי אַזוי מ׳האָט דאָס לאַנד איינגענומען, איז פאָרגע־קומען נישט אַזוי, ווי ס׳זעט אויס פון איינציקע שטעלן אין יהושע. לויט יהושע קומט אויס, אַז אונטער יהושעס אָנפירונג האָבן די יידן דאָס גאַנצע לאַנד איינגענומען, אַזוי אַז יהושע איז אימשטאַנד געווען דאָס גאַנצע איינגענומענע לאַנד פאַנאַנדערצוטיילן צווישן די שבטים. אין אמתן, האָט דאָ געקאָנט פאָרקומען נאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ „אידעאַלע” פאַנאַנדער טיילונג, אָבער ניט קיין פאַקטישע. וואָרים ווי די לאַגע איז באמת געווען היסטאָריש—דאָס זעען מיר פון שופטים א׳ גאַנץ קלאָר. יהושע און די שבטים אין זיין צייט האָבן געמאַכט אַ קרעפטיקן אָנהויב צום איינ

נעמען דאָס לאַנד. אַ גאַנצע רייע וויכטיקע פּונקטן האָט מען איינגענומען, אַנדערע זענען פאַרבליבן ביי די כּנענים. דער עיקר האָבן די ייִדן איינגענומען די ערטער, וואָס אויף די בערג און די בערג-זייטן, אין געביר-גיקן טייל פון לאַנד. פאַרקערט: די פרוכטבאַרע טאָלן און אַ געוויסע צאָל באַפעסטיקטע שטעט זיינען געבליבן ביי די כּנענים. אין פיל ערטער ווו די ביידע טיילן ישוב, דער ייִדישער און דער כּנענישער, זיינען געווען אײנער נעבן אַנדערן, און קיינער פון זיי האָט נישט געקאָנט דעם אַנדערן זיך אונטערטעניק מאַכן, דאָרט אַנטוויקלט זיך אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן; אַזוי, למשל, אין שכם (שופטים ט'). מ'מאַכט פון דער נויט אַ טוגענד און ווי ווייט עס לאָזט זיך זוכט מען זיך איינצוּאָרדנען און צו לעבן נעבנאַנאַנדער. אויף אַזאַ אופן קומט מען, נאַטירלעך, צו געשעפט און האַנדלס-פאַרקער צווישן זיך; דערפון קומען אַרויס געמישטע חתונות צווישן ייִדן און כּנענים און נישט ווייניקער אויך — אויף ביידע זייטן — אַלערליי רעליגיעזע פאַרבינדונגען.

פון דעם צוזאַמענלעבן קומט מען ממילא צו באַקאַנטשאַפט מיט דער כּנענישער רעליגיע. פון דער כּנענישער קולטור זיינען נאָך די ייִדן גאַנץ ווייט געווען, דערום גילטן די כּנענים אין אייניקע פּרטים ווי לערער פאַר ייִדן. די ייִדן זיינען דערהויפּט געווען פּיצײכטער; די כּנענים, פאַרקערט, ערד-אַרבעטער, גאָרטן-פּלאַנצער, שטאָטישע איינוווינער און בעלי-מלאכות. ווי מיר האָבן שוין פריער געהערט, האָבן די כּנענים פאַרמאָגט, דעם ערך נאָך, אַן אַנטוויקלטע קולטור און אַלערליי קונסטן, וואָס זיינען נוצלעך הן אין אַ צייט פון שלום, הן אין אַ צייט פון מלחמה — אַלץ זאַכן, וואָס די ייִדן האָבן גערן איבערגענומען. אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז הגם פּאָליטיש האָבן די ייִדן מנצח געווען, אָבער גייסטיק זיינען די באַזיגטע געבליבן די זיגער. די פאָלגן פון דער לאַגע איז אַמקלאָרסטן געווען צו זען אויפן רעליגיעזן געביט.

2. **די כּנעניזירטע פאָלקסרעליגיע.** די כּנענישע רעליגיע איז קודם כּל אַ רעליגיע פון ערד-אַרבעטער, וויינגערטנירער און גאָרטן-פּלאַנצער. זי איז צוגעבונדן צו דער ערד, אָנגעקניפּט אָן דער באַשעפטיקונג פון די דאָרפס-איינוווינער, און צום גרעסטן טייל האָט זי זיך אַרום זיי אַנטוויקלט. דער כּנענישער הויפּט-גאָט, ב ע ל, באַטייט: „דער באַזיצער", דערהויפּט אָבער דער באַזיצער פון אַזוינע

נאַטור־געגנשטאַנדן און ערטער, וואָס ברענגען פרוכט, ווי למשל: קוואַלן, ביימער און פרוכטבאַרע פעלדער. אומעטום באַגעגנט מען אָרטיקע גאָט־הייטן, די ב ע ל י ם פון באַשטימטע ערטער, בערג, קוואַלן, פעלדער. אָט דעם בעל ווערט אָפּגעגעבן כבוד דורך קרבנות פון פרוכטן און פירות פון דער ערד (הושע ב׳ ז׳). דערין איז באמת געלעגן עפּעס נייעס פאַר די יידן. זייער גאָטהייט איז געווען אַ דערהויבענער גאָט פון הימל און ערד, ער איז אָבער נישט געווען קיין גאָטהייט, וואָס זאָל האָבן יידן געלערנט, ווי אַזוי די ערד צו באַאַרבעטן; פון ערד־אַרבעט האָבן זיי אויך נישט געוווסט, על כל פנים לאַנג נישט, אָדער העכסטנס האָבן זיי זיך געלעגנטלעך פאַרנומען מיט איר. דערפאַר האָט יענע גאָט־הייט געמאַכט אויף יידן אַזאַ טיפן איינדרוק. דער סוף איז געווען, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָס כנענישע גאָט־דינען מער שוין נישט פרעמד געווען יידן. זיי זעען אומעטום, ווי זייערע שכנים און דאָרפּס־חברים דינען דעם בעל; וואָס איז דען פאַר אַ חידוש אויב זיי האָבן דאָס, ווי אַנדערע זאַכן, אויך אָנגעהויבן נאָכטאָן? זיי טוען דאָס אָבער נישט אין דעם זין, ווי זיי וואָלטן פון זייער, משהס, גאָט געווען אָפּ־געפאַלן. פאַרקערט: מיטמאַכנדיק די פאָרמען פון דעם בעל־דינסט, טראַכטן זיי דערביי פון זייער אייגענעם גאָט, יהוה. אַזוי איז אויפגעקומען די יידישע פאָלקסרעליגיע פון יענער צייט — די פאָלקסרעליגיע דאַרף מען דאָ פאַרשטיין ווי אָפּגעשיידט פון דער העכערער רעליגיע.

איבערגייענדיק צום שילדערן די כ נ ע נ י ז ר ט ע יידישע פאָלקסרעליגיע, וואָלט איך וועלן אָנהויבן פון אָפּוואַרפן אַ שווערן טעות, וואָס איז ליידער זייער גאַנגבאַר אין אונזערע ביכער. ס׳האַנדלט זיך וועגן דער מיינונג, אַז אָט די אויסמישונג, וואָס משהס רעליגיע, די יידי־שע רעליגיע און די כנענימשע רעליגיע זיינען צונויפגעמישט געווען אינ־יינעם, איז עס אייגנטלעך, ג ע וו ע ן די רעליגיע פונם פאָלק ישראל אין דער צייט, וואָס מ׳רופט, על פי טעות, די פאַר־נביאימשע, אָבער ריכטיקער איז: פאַר דער צייט פון די גרויסע נביאים, וואָס מיר האָבן זייערע נביאותשע שריפטן. דאָס איז נישט ריכטיק. צוערשט האָבן די אונטערשטע, פויערלעכע שיכטן פון פאָלק, וועלכע האָבן נישט פול־קאָמען תופס געווען דעם חלוק צווישן דער כנעניש־געצנדינערישער גאָט־פאַרערונג און צווישן דער יהוישער — זיך פאָרגעשטעלט זייער גאָט,

יהוה, לויטן מוסטער פון בעל. וואָס ווייטער, אַלץ מער ווערט פאַר־שפּרייט די דאָזיקע אומגליקלעכע פאַרבייטונג אויך צווישן אַנדערע שיכטן פון פאָלק. מיט דער צייט דערגרייכט זי אַרויף ביז צו דער אַריסטאָ־קראַטיע און צו די הערשער. דערביי ווערט אָבער פון צייט צו צייט ווידער לעבעדיק דאָס געפיל, אַז עפּעס אַן אומרעכט געשעט דאָ, אַז אַ גרויסע זינד קומט דאָ פאָר.

אַזוי ווערן אויך פּאַקטיש פּייערלעכע יום-טובים מיט קרבנות איינ־געאָרדנט, פּונקט ווי די כּנענים מאַכן דאָס. הייליקע ערטער, ווו די כּנענים ברענגען קרבנות, פון וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט, ווערן אָפט פּשוט אַריבערגענומען אין דער רעליגיע פונם פאָלק ישראל און צו יהוה איבערגעגעבן — אַן אַקט, וואָס איז, ווי באַקאַנט, אויך אויף אַנדערע געביטן אָפט צו באַמערקן. נישט ווייניק אַזוינע פאַקטן לאָזן זיך אויפצײלן אויך בנוגע די קריסטלעכע הייליקע ערטער, ווו די רוי־מער, קעלטן, גערמאַנער אָדער סלאַוון האָבן דאָרט פריער זייערע געצן געדינט. האָבן די יידן ערוואָרבן אַן אָרט, אַזוי האָבן זיי זיך אויך ער־וואָרבן זיין „במה" — ווי די ערטער פאַר קרבנות הייסן אין תּנך — נאָר געדינט האָט מען דאָרט יהוה. מעגלעך, אַז אין ערטער, ווו די באַפעלקערונג איז נאָך געווען אַ געמישטע, איז אַמאָל פאָרגעקומען, אַז אַ כּנעני האָט אַמאָל מיטגענומען זיין שכן, דעם יידן, צום מזבח פון בעל. דאָס האָט געקאָנט זיין אַן אויסנאַם. אָבער בכלל איז דאָס אַזוי נישט געווען. פּרינציפּיעל איז מען מקריב קרבּנות צו יהוה. נאָר דער סדר פון דער עבודה און דאָס הייליקע אָרט זיינען אָפט געווען די איי־גענע, וואָס ביים בעל.

אַזוי בלייבן נעבן די מזבחות, אויך די מ צ ב ו ת, אָדער שטיינ־זיילן, וועלכע ווערן אַזוי אָפט דערמאָנט אין תּנך און וועלכע זיינען אונז פון גזר און אַנדערע ערטער אַזוי גוט באַקאַנט ווי סימבאָלן פון בעל; עס בלייבן אויך באַשטיין די הייליקעביימער (אשרות), די סימבאָלן פון פרוכטבאַרקייט. ווו אַזוינע נאַטירלעכע ביימער זיינען נישט געווען, האָט מען זיי פאַרביטן מיט קינסטלעכע ביימער, אָדער הייליקע פלעקער. לכתחילה זיינען זיי הייליק געווען פאַר עשתּרות. אויך יענע שאַפעלעכער, וואָס האָבן געשטאַמט נישט פון גאָר אַ פריער צייט, זיינען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן צום יהוה-דינסט, און נאָך איינציקע צוזערע

זאַכן, וואָס האָבן, אייגנטלעך, אָנגעהערט צו דער בעל־רעליגיע. געלעגנטלעך זענען אפילו קינדער־קרבנות, אין דער פאָרם פון בכורים מקריב זיין, אויך איבערגענומען געוואָרן אין דער יידישער רעליגיע. די דערציילונג פון יצחקס עקידה (בראשית כ״א) האָט מען אָפט שלעכט און גראָב אויפגעפאַסט. מ׳איז שטאַרק אויפגעבראַכט געווען אויף דעם גאָט, וואָס פאַרדיקט אַזוינע זאַכן, און אויף דעם גייסט, וואָס שוועבט איבער דער דערציילונג — גלייך ווי דער דערציילער וואָלט מוחל געווען אַזוינע קרבנות, אָדער געראַטן זיי צו ברענגען. פונקט פאַרקערט. די דערציילונג פּראָטעסטירט שאַרף קעגן קינדער־קרבנות און וויל זיי מבטל זיין. דער דערציילער איז אויסן צו זאָגן: אָפּגעבן דאָס אייגענע קינד — איז סוף־כל־סוף דער גרעסטער קרבן, וואָס א מענטש קאָן ברענגען דער גאָטהייט. דער שטאַרקער גלויבן און די גלויבנס־פרייד, וואָס ליגט אין אזא קרבן, פּאַסט זייער גוט פאַר אַזאַ אברהמען. דער גאָט פונם פאָלק ישראל וויל אָבער נישט אַזוינע קרבנות, דערצו האָט ער דאָס רינד באַשטימט. דער געדאַנק, אַז גאָט האָט געפאָדערט פון אברהמען זיין קינד פאַר אַ קרבן, קאָן נאָך אויפקומען נאָר כּדי צו פּרוּוון אברהמען און שפּעטער נאָך אייניקע אַנדערע. אָבער גראָד טאַקע אָט דער לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן די קינדער־קרבנות באַווייזט, אַז צייטווייליק איז אויך ביי יידן דער מנהג גילטיק געווען.

כּדי דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, בולטער צו מאַכן, זאָל מען פאַרגלייכן אונזערע אָפּבילדונגען: 12—9 און 21—19, און אויך די טאָוולען II און IV. געוויסע פאָרשטעלונגען פון דער אַלטער פאָלקס־רעליגיע ווירקן נאָך איצט אויך אין לאַנד. דאָס פאָלק אין פּאַלעסטינע ווייסט נאָך איצט אויך פון הייליקע ביימער און הייליקע קוואַלן. די הייליקע ביימער ווערן נאָך איצט מיט מתנות — דערהויפּט מיט טיכער — באַהאָנגען, כּדי דאָס איבערערדישע מהות, וואָס לעבט דאָרט, זאָל זיין צום גוטן געשטימט. מעגלעך, אַז אין אַלטערטום איז דאָס אויך אַזוי פאָרגעקומען.

נאָך אַלעם קומט אויס, אַז פּאַקטיש האָט די יהוה־רעליגיע, אין געוויסע קרייזן, דורכגעמאַכט אַ שטאַרקן פּראָצעס פון כּנעניזירונג. ס׳איז געקומען אזוי ווייט, אַז אָפטמאָל איז דער חלוק צווישן י ה ו ה און אַנדערע כּנעניִשע געטער באַשטאַנען נאָר אין נאָמען, פונם גרויסן און

ריינעם יהוה פון משהס צייט — איז אין דער פאָרשטעלונג פון די־
מענטשן געוואָרן אַ גאָט, וואָס איז באַשרענקט אין זיין הערשאַפטס־
געביט און אין דער ספערע פון זיין ווירקזאַמקייט. און אויסגעזען
האָט ער גאַנץ ענלעך צום בעל. ער ווערט בלויז אַ לאַנד־גאָט. ער
האָט צו שאַפן נאָר אין לאַנד פון זיין פאָלק ישראל, ער אָנערקענט
אָבער, אַז אנדערע געביטן, אַנדערע לענדער, געהערן צו אַנדערע



בילד 19. רינג־טאַנץ אַרום דער אשרה

עטער. דער אייגענער פּרינציפּ, וואָס האָט פאַרצייטן געגאָלטן פאַר אונ־
גזערע מלוכות און אונזערע מענטשן: „וועמענס לאַנד — דעמס רעליגיע״
האָט דעמאָלט געגאָלטן אויך פאַר די גאָטהייטן. עס ווערט אויך צו יהוה
אָנגעווענדט. אַ ביישפּיל דערצו געפינען מיר אין שופטים קאַפּיטל י״א
פּסוק כ״ד. דאָ שטעלט יפתחביידע געטער: כּמוש, דעם גאָט פון די
עמונים (ריכטיקער פון די מלאכים); און יהוה, דעם גאָט פון ישראל,
איינעם קעגן אַנדערן, גלייך ווי ביידע וואָלטן געווען פון איין גרויס. ער
קוקט אויף ביידע, ווי אויף לאַנד־גאָטהייטן: דאָס געביט, וואָס כּמוש האָט
זיין פאָלק אָנגעוויזן, זאָל אים אָנגעהערן, אָבער יענץ געביט, וואָס יהוה
האָט די יידן אָפּגעגעבן, דאָס געהערט צו יידן — גלייך ווי כּמוש וואָלט
אמת געווען אַ גאָטהייט.

און ווייטער: אין שמואל א׳ קאַפּ. כו׳ פּסוק י״ט, כ׳, בעת דוד האַלט ביים אַנטלויפן פאַר שאולן צו די פּלשתּים, זאָגט ער: „אויב מענטשן האָבן מיך פאַרמסרט פאַר דיר, זאָלן זיי פאַרשאָלטן זיין — ווייל זיי שטויסן מיך היינט אַרויס פון יהוהס גיטער און זאָגן: גיי אַהין און דין אַנדערע געטער״. לאָזן מיר די פראַגע: צי האָט דוד ווירקלעך געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, אָדער דער דערציילער האָט זיי אים נאָר אין מויל אַריינגעלייגט. מיר קאָנען אויך לאָזן די אַנדערע פראַגע: בעת דוד האָט געזאָגט די דערמאָנטע ווערטער — צי האָט ער דערמיט אויסגעדריקט זיין אייגענע איבערצייגונג, אָדער נאָר די מיינונג פון געוויסע מענטשן — דאָס לעצטע איז זייער גוט מעגלעך! — דער פאַקט בלייבט, אַז דער דערציילער נעמט אָן, דאָס אין פאָלק ישראל האָבן זיך



בילד 20. דער סדר פון מקריב־זיין קרבנות אין אשור, מיט אַ הייליקער זייל, וועלכע דער בעטער גלעט אָדער שטרייכט.

געפונען מענטשן, וועלכע האָבן געטראַכט אַזוי, ווי מיר לייענען דאָרט. אַרום שאולן געפינען זיך מענטשן, וואָס ברענגען דערצו, אַז דוד מוז אַנטלויפן אין לאַנד פון די פּלשתּים. אָבער אין זייער לאַנד מוז ער אַנדערע געטער דינען און צו זיי קרבנות ברענגען; דאָרט הערשט דגון און אַנדערע פּלשתּימשע געטער. דאָס איז אַפילו נישט די אַליין-הערשנדע מיינונג. נעבן איר זיינען נאָך דאָ אַנדערע מיינונגען אויך. פאַר אונז איז אָבער וויכטיק דער פאַקט, אַז יענע מיינונג האָט פאַקטיש עקזיסטירט.

איז אָבער יהוה פאָרגעשטעלט ווי אַ גאָט, וואָס זיין ווירקונגס-

קרייז איז נישט אומבאַגרענעצט, דאַן ווערט ער אויך אין אַנדערע פּרטים נישט געדאַכט ווי אומבאַגרענעצט. דערמיט בין איך אויסן צו דערמאָנען אָן יענע געשיכטעס, וואָס דער יהויסט האָט איבערגענומען פון



בילד 21. דאָס מקריב־זיין קרבנות מיט הייליקע טענץ. די, וואָס באַטייליקן זיך אין טאַנצן, דערנענטערן זיך צום מזבח, וועלכער איז זייער קינסטלעריש געמאַכט און האָט צוויי אייגנטימלעכע צוזאַצן, וואָס זעען אויס ווי הערנער און גייען פאַרביי א גאַנצער ריי הייליקע זיילן מיט קיילעכדיקע שפּיצן. נעבן מזבח שטייט א טיש מיט וואַזעס פאַר מתנות, נעבן טיש, אַ מענש, וואָס ברענגט אַ מתנה. הינטער אים, אויף אַ שטול, זיצט אַ פרוי, שמעקט אַ בליענדיקען בלום און האַלט אַ פרוכט אין האַנט. הינטער איר שטייע פרויען מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וועלכע שפּילן דעם ריט פון דעם רינג־טאַנץ.

עלטערע לעגענדעס: גאָט גייט אין גן־עדן שפּאַצירן (אין חומש הייסט עס: „לרוח היום״); ער גייט אַראָפּ פון הימל, כדי זיך צו איבערצייגס צי איז טאַקע אמת, וואָס מ׳האָט אים דערציילט וועגן דעם טורעם, וואָן

מ׳בויט אין בבל, אָדער וועגן די שלעכטע מעשים פון די איינוווינער פון סדום. ער באַזוכט אברהמען, עסט ביי אים און גייט אום מיט אים. אַפילו זיין גייסטיקער מהות איז באַשרענקט: ער קומט אַריין אין כעס, ווען מ׳גייט צו צו-נאָנט צו זיין ארון (שמואל א׳ קאַפּיטל ו, פסוק י״ט; שמואל ב׳, קאַפּ. ו. פסוקים ו—י). ער לאָזט זיך פון מענטשן אָנרייצן קעגן אַנדערע מענטשן (שמואל א׳ קאַפּ. כ״ו, פסוק י״ט), אָדער ער רייצט אַליין אָן דעם מענטשן, ער זאָל טאָן בייזע מעשים: דעם געדאַנק וועגן דער אומגליקלעכער פאָלקסציילונג, וואָס דוד האָט אונטערגענומען, און וואָס מ׳האָט דודן גערעכנט פאַר אַ שווערע זינד, האָט אים דאָך יהוה אַליין אַריינגעגעבן, ווי ס׳איז צו זען פון שמואל ב׳ קאַפּיטל כ״ד פסוק א׳ (אין דברי הימים, קאַפּיטל כ״א, שטייט: דער ש ט ן האָט אָנגערעדט דודן). אָבער אַפי.ו דאָ, ווערט אויך גאָט נישט פאָרגעשטעלט ווי דער בייזער פּרינציפּ, נאָר ווי די אַבסאָלוטע סיבה פון אַלץ אויף דער וועלט. דאָס איז נאָר אַ שלעכטער אויסדרוק פאַרן ריכטיקן געדאַנק, אַז גאָט איז אַלץ, און אַפילו בעת דער מענטש טוט שלעכטס, אַזוינס, וואָס איז גאָר צו ווידער, מוז מען דערביי אויך טראַכטן וועגן גאָט, וועלכער האָט דאָך דאָס טאָן צוגעלאָזט אָדער נישט געשטערט. אָבער דאָס אַליין שוין, וואָס דער אויסדרוק, אמת, אין מויל פון אַ דורכויס פאָלקסטימלעכן דערציילער, האָט געקאָנט אָננעמען אַזאַ פאָרם, באַווייזט, אַז אין זיין פאָרשטעלונג וועגן גאָט איז עפּעס נישט ריכטיק.

ווייטער ווייסן מיר, אַז די כנענישע קרבנות-ימים-טובים זיינען פאַרבונדן געווען מיט ווילדע אָרגיעס. נישט בלויז ביי די קרבנות זיינען גרויסע מאָלצייטן געמאַכט געוואָרן, נאָר די כנענימשע זיטן האָבן דעמאָלט אָנגענומען אַ דיאָניזיש-באַקכוסישן כאַראַקטער. מיט פויקן און טרומייטן איז מען געגאַנגען אַ הקפות-טאַנץ אַרום דעם מזבח, אָדער מ׳האָט אויפגעפירט דעם הייליקן סימבאָל (ווי די טענץ אַרום דעם עגל, אָדער דאָס ווילדע באַקכאַנישע אויסער-זיך-זיין פון די בעל-כהנים אויפן כרמל), וואָס קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין באַטויבנדע און חושים-פאַרווירנדע טענץ (פאַרגל. די אָפּבילדער: 19 און 21). אַהער געהערט אויך די רעליגיעזע פּראָסטיטוציע. מיר האָבן שוין געהערט, אַז בעל איז דער גאָט פון פרוכטבאַרקייט, פונקט ווי זיין ווייב, אַסתרטאַ, איז געווען די געטין פון פרוכטבאַרקייט אין אַלע אירע פאָרמען, אַפילו פונם טירישן און

מענטשלעכן געשאַפן ווערן. דערפאַר האָט מען געגלויבט, — ווי אין אַנ-דערע אַזיאַטישע רעליגיעס, אַזוי אויך אין דער כנענישער, — אַז דער גאָטהייט פון פּרוכטבאַרקייט מוז אָפּגעגעבן ווערן כבוד אויך אין דער פאָרם פון רעליגיעזער פּראָסטיטוציע.

ווי הארב דאָס זאָל אויך קלינגען און ווי באַקלאָגנסווערט דאָס פאַרזעעניש פונם בלאָנדזשענדיקן געוויסן מעג אויך זיין, — נאָר ווער עס ווייסט, וואָסער אַ שליטה די נידעריקע אינסטינקטן האָבן אויפן מענטשנס נשמה, פאַר דעם איז עס באַגרייפלעך, אַז דידאָזיקע אַלע זאַכן זיינען אַריינגעדרונגען אויך אין דער יידישער רעליגיע. אַזוי זיי-נען דעמאָלט ביי יידן אויך געווען טעמפּל-זונות, פרויען, וועלכע האָבן ביים מזבח אָדער נישט ווייט פון אים, מקריב געווען זייער צניעות, אַפילו מענלעכע פּראָסטיטוציע (משכב זכר) איז דאָרט געווען. עמוס און אַנדערע שריפט-שטעלער רעדן דערפון מיט דער גרעסטער אָפנקייט. פון דאַנען ווערט אויך פאַרשטענדלעך די געשיכטע מיט די מדינים פון חומש סוף במדבר (קאַפּ. 25). אין באַצוג אויף די זאַכן ווערט אין חומש, בראשית ט׳ו, פסוק כב, פאַרשאָלטן די תאוה פון חם דער פאָטער פון כנען. און דערהויפּט אָנווינקענדיק דערויף, ווערט געזאָגט אין חומש, בראשית ט״ו, פסוק ט״ז: „די זינד פון אמורי איז נאָך נישט פול, זי וועט אָבער באַלד פול זיין" און אין בראשית י״ט ווערט די זינדהאַפטיקייט פון די כנענים געשיל-דערט ווי „מעשה סדום". בעת דער דערציילער פון די דאָזיקע געשיכ-טעס טאַדלט די כנענים פאַר די דאָזיקע מעשים רעים זייערע, ווייסט ער גאַנץ גוט, אַז נישט אַלע יידישע מענער און פרויען זיינען, אין גאָט-דינען און אויסער אים, ריין פון אַזוינע זינד. ער ווייסט אָבער אויך, אַז דידאָזיקע מעשים שטימען נישט מיט דער יהוה-רעליגיע, און אַז די כנענישע רעליגיע און אירע מנהגים טראָגן אין זיך אַ שרעקלעכע און דויערנדיקע געפאַר פאַרן פאָלק ישראל. אַזוי ווערן אונז אויך פאַרשטענדלעך די האַרטע און אָפּט אומבארחמנותדיקע באַ-פעלן בנוגע די כנענים און אייניקע פון די פאַראָרדנונגען וועגן זיי, וואָס זעען אונז אויס אַזוי גרויזאַם.

נישט קיין פריילעך בילד האָבן מיר דאָ באַקומען. אָבער וואָס עס וועט זיך ווייטער פאַרלויפן, וועט אונז ווייזן, אַז צום גליק פאַר דער אַנטוויקלונג און דעם קיום פון דער אומה, האַנדלט זיך דאָ נישט

וועגן גאַנצן פֿאָלק ישראל אין יענער צייט.

3. די העכערע רעליגיע. ווי ווייט די אַזוי גערופֿענע פֿאָלקסרעליגיע איז נישט פֿאַרשפּרייט געווען, דערהויפּט אין דער צייט ביז אַן ערך 800 יאָר פֿאַר קריסטוס — אָבער די נאַציע אינגאַנצן האָט זי דאָך נישט באַהערשט. שוין דאָס אָפיציעלע גאָט-דינען אין די הויפּט-הייליקטימער האָט פּריצייטיק אָפּגעשאַפֿן אייניקע מיאוסע זאַכן פֿון דער פֿאָלקסרעליגיע. פּרינציפּיעלע קעמפֿער קעגן דער פֿאָלקסרעליגיע זיינען געווען די גרויסע גייסטער, וואָס אין פֿאָלק ישראל.

די אָפּיציעלע יידישע רעליגיע אין יענער צייט קאָנען מיר, ווייניקסטנס, אייניקערמאָסן שילדערן. עס איז די רעליגיע פֿון כהנים און מלכים, וועלכע זיינען די אַמטלעכע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע אָנפֿירער פֿונם גאָט-דינען. פֿון צייט צו צייט ברענגען זיי אַפֿילו אויך זייער טייל מס דער פֿאָלקסרעליגיע. דאָס הייסט נאָך אָבער לאַנג נישט, אַז זי איז זייער רעליגיע געווען. ביי מענער, ווי שאול און דוד, לאָזט זיך דאָס נאָך קלאָר באַווייזן. דוד האָט איבערגענומען אייניקע אַבערגלויבישע זיטן פֿון זיין צייט. דערום איז עס אָפֿט קלאָר צו זען, ווי ער שטעקט האַלב אין דער פֿאָלקסרעליגיע. אָבער ווי לאַנג ער איז זעלבּשטענדיק געווען, זיך נישט געלאָזט פֿירן פֿון קיין פֿרעמדן ווילן, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן שמואלס פֿירונג. און האָט ער געקעמפֿט קעגן אייניקע אומזויבערע העסלעכקייטן אין דעם פֿאָלקסגלויבן, — האָט ער דאָס אָן ספֿק געטאָן אונטער שמואלס איינפֿלוס. און דוד ווייזט דאָך צייטנווייז ארויס שפּורן פֿון אַן עקסצענטרישער און — ווי אַנדערע מיינען — קראַנקהאַפֿטיקער רעליגיעזיטעט — מ׳דאַרף נאָר לייענען די געשיכטע אין שמואל ב׳ קאַפּ. ו׳, — וואָס דערמאָנט זיכער אָן דער פֿאָלקסרעליגיע; זיין פֿרומקייט ווערט אָבער דערמיט אויף קיין פֿאַד נישט אויסגעשעפּט. שוין דער פֿאַקט, וואָס דוד האָט זיך אָנגענומען צו קריוודע פֿונם אַלטן ארון, — ווי שמואל איז גרויס געוואָרן און וועלכע שאול האָט אומפֿאַרדינט אַזוי פֿאַרנאַכלעסיקט — און האָט אים צוריק, צו זיין כבוד אומגעקערט, באַווייזט, אַז ער האָט ערנסט געמיינט משהס און שאולס טראַדיציע, וואָס האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזן איבער דיר פֿאַרטונקלטער יהוה-פֿאַרערונג דורך דער פֿאָלקסרעליגיע, — הויך א האַלטן. און דער אופֿן, ווי ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן צו נתן הנביאן

ווייזט נאָך מער, ווי ווייט ער האָט געוואָלט, אַז די העכערע זייטן אין יהוהס מהות זאָלן אָנערקענט ווערן.

ווייטער דאַרפן מיר זיך דערמאָנען, אַז די לויים געהערן צו משסה שבט. דערום האָבן זיי,—אַפילו ווען איינציקע פון זיי זיינען אפשר גע־גאַנגען אין אַנדערע וועגן — דאָס געהאַלטן פאַר זייער באַזונדער חוב צו זאָרגן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן פון משהס צייטן געהאַט בקבלה. אָבער פון דער שופטים־צייט אָן טרעטן זיי שטענדיק אַרויס אין די ערשטע רייען. אין דער צייט פון עלי איז שילה געווען אַ הייליק־טום פון לויים. דאָרט איז געשטאַנען דער אָרון, אָבער קיין בילד פון גאָט איז דאָרט נישט געווען. אין בית־המקדש אין ירושלים איז אויך קיינמאָל קיין יהוה־בילד נישט פאַרבונדן געווען מיטן אָרון. דערמיט זיינען עלי, שמואל, דוד און שלמה די פאַרטרעטער פון אַ קולט, וואָס איז אין עצם העכער פון דער פאָלקסרעליגיע. און אויך יהו, הגם ער האָט די במות איבערגעלאָזט, איז ער דאָך עוקר מן השרש די ערגסטע דערנער, וואָס זיינען געווען אַריינגעוואַקסן אין דער נידעריקער פאָלקס־רעליגיע. דער כהן יהוידע (שמואל ב׳ קאַפּיטל י״א, פסוק י״ז) רייניקט ווידער אויס דעם בית־המקדש פון אַלע בעל־אַרטיקע פאַרמען פון גאָט־בעטן, וואָס זיינען געהאַט אַריינגעדרונגען אַהין. ס׳דאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז דער שבט יהודה, אין דרום, האָט וואַרשיינלעך אויסגעדריקט אַ פּראָטעסט קעגן דעם כנעניזירן די יידישע רעליגיע. אַ גרויסער טייל מיטגלידער פון דעם שבט זיינען נאָך בכלל נישט געווען קיין ערד־אַרבעטער, און האָבן נאָך ערשט געהאַלטן ביים באַזעצן זיך אין לאַנד. דערפאַר איז זיי אינגאַנצן פרעמד געווען די שטרעבונג צו כנעניזירן די פאָ. קסרעליגיע, אָדער זיי זיינען נאָר ווייניק גענויגט געווען צו איר.

דאָס מקריב־זיין קרבנות אין וויכטיקע הייליקע ערטער האָט גע־קאָנט פאָרקומען אויף אַזוינע מזבחות, ווי דער מזבח אין צרעה (טאָוול III) אָדער באַזונדערס ווי דער גרויסער מזבח פון בעלבעק (טאָוול V). דאָס אָרט צרעה ווערט דערמאָנט אין שופטים (קאַפּ. יג׳, פסוק כ״ה), ווו ס׳ווערט דערציילט דער אָנהויב פון שמשונס געשיכטע.

מיר מעגן אָבער מאַכן נאָך אַ שריט ווייטער און זאָגן: די רע־ליגיע פון די אייגנטלעך פירנדע גייסטער שטייט ווייט העכער א י־בער דעם אָפיציעל קולט. דאָס איז די רעליגיע פון די עלטערע



סנחריב ביי לכיש. דער קעניג זיצט אויפן טראָן; הינטער אים — דינער, פאַר אים — הויכע באַאַמטע און קריגסלייט, לינקס — געפאַנגענע יידן פון דער איינגענומענער שטאָט, בעטן מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבן

טאָוול XIII

נביאים און פון זייערע גייסטיקע קרובים, וואָס האָבן געלעבט פאַר יע-
נע נביאים, וואָס זיינען אויך שריפטשטעלעריש טעטיק געווען. זיי זיינען
געווען די פירנדע מענער אין דער צייט פון די שופטים, דערביי זיי-
גען זיי אויך געווען די טרעגער פון משהס טראַדיציע.

און וואָס ווייטער, אַלץ מער קומען אויף פאַרטרעטער פון דער
עכטער, משהס, רעליגיע. אַזוינער איז געווען דער נביא נתן, וועלכער
איז אָן ספק גאַנץ ווייט פון דעם געדאַנק, אַז יהוה רייצט אַליין אָן
דעם מענטש צו טאָן בייזע מעשים (ווי דער פאָלקסטימלעכער דערציי-
לער פון דודס געשיכטע דריקט זיך אויס, אין שמואל ב׳ קאַפּ. כ״ד,
פסוק א׳). ער שטייט פּרינציפּיעל זייער נאָענט צו משהס אַלטן באַגריף
פונם גייסטיקן און זיטלעכן גאָט. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז שוין אין דער
ערשטער מלכים-צייט איז די פאָלקסרעליגיע פּרינציפּיעל באַזיגט געווען.

פיל מער נאָך איז דאָס צו זען אין דודס צייטן, ווען די נבי-
אימשע מענטשן גופא נעמען איבער די פירונג פון דער נאַציע. מיט
אַלע כוחות פון אַ שטאַרקן גייסט, קעמפט אליהו הנביא קעגן דעם בעל,
בעת אחאב און איזבל ווילן, אַז די רעליגיע פון די נידעריקע שיכטן
זאָל ווערן די רעליגיע פונם גאַנצן פאָלק. אַ פלאַמענדיקער פּראָטעסט
דערהויבט זיך קעגן דעם. ער און זיינע קרייזן מאַכן ווידער אַ פרייען
וועג פאַרן פּ[illegible]רטונקלט, מאָנאָטעיסטישן געדאַנק. דאָס הייסט נישט, אַז
זיי אָדער משה וואָלטן שוין פריער אָדער איצט געהאַט אַרויסגעזאָגט
אַלץ, וואָס די שפּעטערדיקע גרויסע נביאים האָבן געזאָגט. ניין! דאָס
הייסט נאָר, אַז אין גרויסע, פּרינציפּיעלע שטריכן, אָבער קלאָר און
דייטלעך, האָבן זיי אָנגעוויזן די ריכטונג, אין וועלכער די גאָטסערקענטע-
ניש און גאָטספאַרערונג מוז זיך באַוועגן — אויב דאָס פאָלק ישראל
וויל אָפּהיטן די גרויסע ירושה, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין הויכער
פאַרגאַנגענהייט. און קוים שטעלן זיך אַזוינע מענער בראש פון דער נאַ-
ציע, איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז וואָס ווייטער אַלץ טיפער און
פעסטער ווערט אַ ברייטער קרייז אין איר דערווייטערט פון די צרעתן
פון דער פאָלקסרעליגיע. צו אליהוס אָנהענגער געהערן אויך אַזוינע מע-
נער ווי דער י ה ו י ס ט און דער א ל ה י ס ט. זיי זיינען אויך פירער
פון זייער פאָלק אין דער תקופה. זיי אַלע שטעלן זיך קרעפטיק קעגן
דער פאָלקסרעליגיע.

דער יהויסט נעמט די באַשטאַנדטיילן און ד אָנשויונגען פון דער פּאָלקסרעליגיע, גיט זיי אַן אָרט אין זיין ווערק, און ווייזט, אַז אויב זיי זיינען איינגעדרונגען אין ברייטע קרייזן — ווי אַזוי זיי מוזן אינער־לעך באַזיגט ווערן. די מצבות און דאָס פּאָרמעלע גאָט־דינען זיינען שוין פאַר אים נישט קיין וויכטיקע באַשטאַנדטיילן פון דער רעליגיע. די מצבות זיינען פאַר אים בלויז דענקמעלער, שטיינער צום ערינערן. דאָס גאָט־דינען איז פאַר אים נישט בלויז אַן אויסערע האַנדלונג פאַר זיך, נאָר די כּוונה דערביי, דאָס איז אים דער עיקר, דאָס בעסטע. ער פאָ־דערט מ׳זאָל פאַרגייסטיקן דאָס גאָט־דינען: „געהאָרכזאַמקייט איז בעסער ווי קרבנות״ — דאָס וואָרט, אויב עס שטאַמט אפילו נישט פון זיין פעדער, וואָלט דאָך זייער גוט געקאָנט פון אים שטאַמען. ווען ער גיט אונז אפילו איבער דערציילונגען, לויט וועלכע די גאָטהייט גייט אום אויף דער ערד, קומט אַראָפּ צום מענטשן, ווינט אין באַשטימטע ערטער — פאַר אים אַליין אָבער, איז גאָט דער איינציקער, וואָס לעבט אין הימל. ער איז אומעטום, ווו דער פרומער זוכט אים, און ער איז אַ ריין־זיטלעכער גאָט. אָט די געדאַנקען דרינגען דורך דאָס גאַנצע בוך. שוין דער גאַנצער אויפבוי פון דער אורגעשיכטע: פון אדם הראשונס חטא, דורך דעם ברודער־מאָרד צום מבול, ווייזט וואָס ער איז אויסן. די העכסטע מדרגה דערגרייכן זיינע געדאַנקען ביי יוספן: „ווי קאָן איך דען טאָן אַזאַ גרויסע עבירה און זינדיקן קעגן גאָט״ (בראשית ל״ט פּסוק ט׳). און ווייטער, אין ספר הברית, ווערט געראַטן, מ׳זאָל ווייך זיין קעגן שונא, אָרעמע און שוואַכע. די פּאָלקסרעליגיע האָט אַזוי נישט גע־טראַכט. אַזוי האָבן נאָר פרומע געקאָנט טראַכטן, וועלכע זיינען אינער־לעך נענטער געווען צו די נביאים ווי צו דער פּאָלקסרעליגיע.

4. דער מאָראַלישער שטאַנדפּונקט פון דער צייט. אונזער בילד וואָלט נישט געווען פולשטענדיק פאַרענדיקט, ווען מיר וואָלטן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע: וואָס איז געווען דער מאָראַלישער שטאַנדפּונקט פון יענער צייט — דער צייט, ביז וואַנען די גרויסע נביאים זיינען אויפגעטרעטן.

דער אינהאַלט פון דער זיטלעכקייט, וואָס ווערט דאָ, אין דער פּאָלקסרעליגיע, צוגעשריבן יהוהן אָדער זיינע פרומע שטימט נישט אין אַלץ מיט אונזער, איצטיקער זיטלעכקייט. נאָך דעם

אַלעם, וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט, לאָזט זיך גאָר אַנדערש נישט ערוואַרטן. פאַרקערט, פיל וווּנדערלעכער איז עס, וואָס אַפילו ביי די פאַרטרעטער פון דעם הויכן און העכסטן שטאַנדפּונקט פון דער צייט, געפינען זיך דאָך, געלעגנטלעך, אַזוינע זיטלעכע אויפפאַסונגען, אונטער וועלכע מיר וואָלטן זיך נישט געקאָנט אונטערשרייבן.

איך בין דאָ, נאַטירלעך, נישט אויסן יענע פאַלן, ווו דער דערציילער גופא, און מיט אים אײנײנעם, אַלזאָ, דער תנך, טאַדלט דירעקט אַ נישט־פיינע האַנדלונג פון אַ חשובער פערזאָן, אָדער די האַנדלונג ווערט געטאַדלט דורכדעם, וואָס אין משך פון דער דערציילונג לאָזט דער דערציילער יענע פערזאָן שפּירן די פאָלגן פון איר האַנדלונג און דעם לעזער ווינקט ער אויך אָן דערויף. אַזוי קומט עס פאָר, למשל מיט אַברהמס און יצחקס ליגן (בראשית כ׳ פסוק י׳ און וו. קאַפּיטל כ״ו פסוק י׳.) און מיט יעקבס אָפּנאַרן יצחקן (בראשית כ״ז, פסוק מ׳ב און וו.).

אין די אַלע פאַלן שטעלט זיך נישט דער דערציילער אויפן שטאַנדפּונקט פון יענעם, וואָס טוט די שלעכטע זאַך. ער גיט אונז נאָר צו וויסן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אומזיטלעכקייט, אָדער אַ זיטלעך־צווייפלהאַפטן טאָן פון איינעם, וואָס איז אַזוי זייער אַ פרומער מענטש. דאָס איז אַלזאָ נאָר אַן איינמאָליקע פאַרזינדיקונג.

גאַנץ אַנדערש איז עס, ווען פרומע, אָדער געטלעכע מענער, אָדער דאָס געטלעכע פאָלק אַליין, טוען אַזוינע מעשים — וואָס הגם דער דערציילער איז מסכים מיט זיי, און אַמאָל איז אַפילו גאָט אַליין אויך מסכים, אָדער באַפוילט אַזוי צו טאָן, און עס שטימט אויך מיט דער צייט, אָרט פונם דערציילער, אָבער, לויט אונזער אָנשויונג, קאָן דאָס זיטלעך נישט צוגעלאָזט ווערן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט בלויז די פאָלקסרעליגיע שטייט אויף אַ נידעריקערער שטופע ווי די גרויסע נביאים, אָדער די גרויסע מענטשן, וואָס שטייען נאָנט צו זיי. אָבער אַפילו אין קרייז פון אָט די לעצטע לאָזט זיך אויך דענקען אַזאַ פאַל, ווען אַ מאַן, וואָס שטייט אי גייסטיק, אי רעליגיעז זייער הויך, זאָל זיך דאָך בנוגע ערגעץ אַ פונקט האַלטן אָן אַ נידעריקער אָנשויונג פון זיין צייט, און דערביי זאָל ער מיינען, אַז זיין אָנשויונג שטימט מיטן מהות און ווילן פון גאָט.

אין ספר הברית גילט נאָך דאָס רעכט: „עין תחת עין, שן תחת

שן" „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן" (שמות כ"א, פסוק כ"ד). עס גילט, נאַטירלעך, אין יהוהס נאָמען. זייער אָפט ווערט אפילו געקעמפט קעגן דער בלוט-נקמה, אָבער געלעגנטלעך ווערט זי דאָך אָנגענומען פאַר גוט. עס איז דאָ נישט צו רעדן פון יענע נקמה-פסאַלמען, וואָס דאָס אָנערקענען זייערע בלוטדורשטיקע ווענדונגען האלט איך פאַר אַ זינד קעגן תנך. יענע אָנווענדונגען און אויסדריקן זיינען דאָס אַ סימן פון ירידה ביי אַזוינע דיכטער, וואָס בכלל זיינען זיי פרום. פונקט אַזוי איז איבעריק צו רעדן פון יענעם גרויזאַמען באַהאַנדלען דעם שונא, וואָס ליגט אין גייסט פון יענער צייט. אַלע פעלקער, און יידן אָפט ווייניקער שלעכט ווי אַנדערע, האָבן אַזוי באַהאַנדלט זייערע פיינט.

אָבער אייניקע באַזונדערע פאַלן מוזן דאָך אַרויסגעהויבן ווערן. וואָרים וואָס זאָגן מיר דען דערצו, וואָס אַפילו אַזאַ מאַן ווי אליהו, לאָזט קוילען אַלע באַזיגטע נביאים פון בעל? און געוויס דאָך אין נאָמען פון יהוה? אָדער ווען יהוה ערלויבט די יידן נישט אומצוקערן די מצריים די אַנטליענע זאכן? אָדער ווען שמואל טאַדלט שאולן — און ווידער אין גאָטס נאָמען! — פאַרוואָס ער האָט נישט אויסגעראָטן די עמלקים ביזן גרונט? קיין חלוק נישט, צי האָט שמואל גופא געשטעלט אָט די פאָדערונג אין גאָטס נאָמען, אָדער דער דערציילער האָט די ערלויבעניש אַריבערגעטראָגן אויף זיין נאָמען, — סיי-ווי איז דער פאַקט זייער וויכטיק פאַר אונז. ער רייצט אונז און צווינגט אונז זיך אָפצושטעלן אויף אים, אַפילו ווען מ'זאָל אָנערקענען, אַז געשיכטלעך איז שמואלס האַנדלונג נויטיק געווען — מחמת דער אומגעהייערער רעליגיעזער געפאַר פאַר יידן, וואָס האָט געשטעקט אינם שכנישן געצנדינסט (זע מלכים א', י"ח, פסוק מ'; שמות, קאַפּ. י"ב, פסוק ל"ה און ו.; שמואל א' קאַפּ. ט"ו, פסוק י"ט און ו. פסוק ל"ב און ו).

דאָ קאָן אפשר עמעצער פון מיינע ק ר י ס ט ל ע כ ע חברים גענויגט זיין צו פרעגן: צי איז אָט דער גאָט, וועלכן שמואל און די יידן פאַרערן, אויך דער גאָט פון די קריסטן, איז ער אויך אונזער גאָט? דער ענטפער וועט מוזן זיין: די דערקענטעניש פון גאָט, וואָס האָט געגאָלטן אין שמואלס צייט, אַפילו די דערקענטניש פון די פירנדע גייסטער אין יענער צייט, איז נישט אין אַלע שטיקער אונזער דערקענטעניש פון גאָט. נאָך ווייניקער איז די גאָט-דערקענטעניש פונם דערציילער פון דער משה-

געשיכטע, אונזער דערקענטעניש. אָבער סוף כּל סוף איז עס געוויס דער אייגענער גאָט, וועלכן מיר פֿאַרערן, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט אין שמואלן. אָבער דאָרט, ווייניקסטנס אין דעם באַשטימטן פּונקט, איז די אַנטפּלעקונג געווען פֿאַרטונקלט און די דערקענטעניש פֿון זיין מהות איז נאָכנישט פֿולקאָמען קלאָר געווען.

כּדי קלאָר צו מאַכן דאָס געזאָגטע דורך ביישפּילן, וויל איך נישט דערמאָנען געוויסע טונקעלע צייטן און געשעענישן פֿון דער קריסטלעכער קירכע. אָבער... צי איז אפשר לוטערס אָדער קאַלווינס גאָט נישט אונזערער — ווייל מיר ווייסן, אַז זיי האָבן אויך אין גאָטס נאָמען גערעדט און געטאָן אַזוינס, וואָס מיר איצט וואָלטן נאָר געקאָנט אָדער געמוזט באַדויערן, ווען מיר וואָלטן דאָס נישט געקאָנט דערקלערן מיט די אָנשויונגען פֿון זייער צייט? אָדער צי זיינען דען די באַזונדערע אָנשויונגען, וואָס דער אָדער יענער, אין איבעריקן גאַנץ ערווירדיקע פֿרומע מענטשן, האָבן וועגן גאָט — מ׳דערמאָנט זיך נאָר אָן קראָמוועלס און קריגערס תּהלים = זאָגן — אַ באַווייז, אַז יענער איז קיין קריסט נישט געווען און זיין גאָט איז נישט געווען אונזער גאָט? וואָס עס איז רעכט פֿאַר אַ קאַלווין און אַ לוטער, און וואָס עס איז רעכט פֿאַר פֿיל אַנדערע גרויסע אין גאָטס קעניגרייך, מוז אויך רעכט זיין פֿאַר די פֿרומע פֿון תּנך.

מיר האָבן זיך אויך פֿאָרצושטעלן, אַז גאָטס אַנטפּלעקונג און זיין דערקענטעניש ווערט אָנגעקניפּט אָן יענע קרעפֿטן, וואָס לעבן און ווירקן אין אַ באַשטימט פֿאָלק, אין אַ באַשטימטער צייט. זי מוז שטיין אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער דערקענטעניש פֿון דער צייט. און וויל זי, אַז די מענטשן זאָלן זי פֿאַרשטיין, איז עס כּלל נישט אומבאַדינגט נויטיק, אַז זי זאָל זיך באַפֿרייען פֿון זיי. ביי יידן האָט געהערשט און אַפֿילו הייליק געווען דער מנהג — געפֿאַנגענע פֿיינט צו הרגענען. געשיכטלעך גענומען, און געדענקענדיק די רעליגיעזע געפֿאַר, וואָס די כּנענישע רעליגיע איז געווען פֿאַר יידן—ווי ס׳איי שוין פֿריער דערמאָנט געווען — קאָנען מיר אים זייער גוט פֿאַרשטיין יעדנפֿאַלס איז מען דעם מנהג מקיים אין גאָטס נאָמען. מען דאַרף זיך נישט וווּנדערן, אויב אין דער צייט, ווען דער מנהג איז געווען אין זיין קראַפֿט, האָבן צו אים אַפֿילו די פֿירנדיקע גייסטער אויך אַ געוויסע נאָכגיביקייט אַרויסגעוויזן,

אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די צייט האָט זיך געענדערט, און צוערשט זיי אַליין און שפּעטער אויך אַנדערע זיינען אַריבערגעוואַקסן דעם מנהג און ער איז בטל געוואָרן. דאָס אייגענע גילט אויך בנוגע דעם שטייגער, וואָס איז געווען אין אַלטערטום, דעם שונא אָדער דעם געגנער שאָדן צו מאַכן — אין געוויסע פאַלן אויך דורך ערמה. — אָבער איידער מ'טאַדלט דאָס אַלטערטום דערפאַר, דאַרף מען נישט פאַרגעסן אויך אונזער איצ־טיקן שטייגער און איצטיקע מנהגים בשעת מלחמה און אין פּאָליטיק.

די אַלע זאַכן וואָלטן אונז אויסגעזען ווייניקער אויסטערליש, ווען מיר זאָלן זיך קלאָר מאַכן, אַז אין תנך זיינען אויך פאַראַן אַזוינע דערקענטע־נישן, וואָס זיינען פון אָנהויב אָן נישט געווען קלאָר געווען און נישט געקאָנט גענוג קלאָר זיין—ווייל זיי זיינען ענג צונויפגעוואַקסן מיט דער דערקענטעניש פון זייער צייט. דערפאַר מוזן מיר, אַלס ביבל־דערקלערער׳ ביי געוויסע אומשטענדן, קאָנען זאָגן דעם פאָלק, אַז אויך געוויסע זיט־לעכע אָנשויונגען פון תנך — ווי הויך זיי שטייען אויך בכלל איבער דער זיטלעכקייט פון אַנדערע פעלקער — דאַרפן נאָך ערשט אויפגע־קלערט ווערן — ווייל לכתחילה זיינען זיי דעם פאָלק ישראל נישט אין דער העכסטער פולקאָמענהייט געגעבן געוואָרן. מיר וועלן נאָך ווייטער גיין, און זאָגן: פאַר געוויסע צייטן פון נידעריקער אַלגעמיינער דערקענטעניש, וואָלט אַ פולקאָמען־ריינע גאָט־דערקענטעניש געווען, ווי אַשטיין אָנשטאָט ברויט. זיי וואָלטן זי געמוזט לאָזן גיין לאבוד, ווייל זיי וואָלטן זי נישט געקאָנט תופס זיין, ס'איז נישט מעגלעך מיט איין מאָל אַרויסצורייסן די הערשנדע אָנשויונגען פון אַ פאָלק, און מ'זאָל נישט דערביי צעשטערן דעם איינגעאָרדענטן גאַנג פון זיין גייסטיקן און נאַצ'אָנאַלן לעבן. דאָס איז בעסער צו טאָן דורך אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס: ביסלעכווייז די אָנשויונגען צו ענדערן און דאָס פאָלק גייסטיק צו הויבן. אַזוי האָבן מיר דאָ אַ שטיק באַזונדערע געט־לעכע ד ע ר צ י ו נ ג ס־קלוגשאַפט: אַז אפילו אין די העכסטע פאַר־טרעטער פון דער רעליגיע קניפּט די געטלעכע השגחה געלעגנטלעך אָן נידעריקערע פאָרשטעלונגען, און דאָך אַנטוויקלט זי אין זיי איר גאַנצע גרויסקייט. שמואל און עלי בלייבן אונזערע געטלעכע נביאים און ווערקצייג אין א ו נ ז ע ר גאָטס הענט — נישט געקוקט אויף איינצלנע ביימישונגען און ערד־רעשטן, וואָס זיינען איינגעוואַקסן אויך אין זייער דערקענטעניש.

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

די גרויסע יידישע נביאים

1. זייער באַדייטונג. אַז ביי יידן זיינען געווען מענטשן, אומצופרידענע מיט דעם שטייגער גאָט-דינען, ווי ס'איז געווען אָנגענומען אין ברייטערע קרייזן פון פאָלק — דאָס ווייסן מיר שוין פון דעם פרייערדיקן קאַפּיטל. דאָרט האָבן מיר געזען, אַז ערנסטער-געזאָנענע קרייזן, מיט איינצלנע מוטיקע מענטשן בראש, האָבן שוין פון לאַנג — אייגנטלעך פון תמיד-אָן — אַ שטעלונג גענומען צו דער פאָלקסרעליגיע, און צו דעם פאַרטונקלען דעם גרויסן רעליגיעזן געדאַנק בנוגע דעם פאַרערן יהוה. זיי זיינען שטענדיק אויסן געווען אויפצוהייבן דאָס רעליגיעזע לעבן פון דער נאַציע אויף אַ העכערע שטופע.

און איצט טרעטן אויף מענער, וועלכע מאַכן זיך דאָס פאַר זייער לעבנס-אויפגאַבע — ווי פריער אליהו און אלישע קעגן דעם צורישן בעל — צו קעמפן קעגן דער פאָלקסרעליגיע, דעם דאָזיקן קאַמף צו פירן אויף אַלע זייטן און זיך איינשטעלן דערפאַר, אַז דאָס פאָלקסלעבן זאָל פון גרונט-אויס באַנייט ווערן. דאָס זיינען די גרויסע נביאים פונם אַכטן און שפּעטערע יאָרהונדערטן, וועלכע זיינען דורכדעם געוואָרן די רעפאָרמאַטאָרן ביי זייער פאָלק. עמוס מאַכט דעם אָנהויב — קרוב צו 760 — און הושע, ישעיה און מיכה קומען נאָך אים. ירמיה דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון דער גאַנצער באַוועגונג און שליסט אָפּ די ריי נביאים פון פאַרן גלות. ישעיה דער צווייטער און יחזקאל האָבן אין גלות די באַוועגונג ווידער אויפגענומען. נאָכן אומקערן זיך קיין ארץ ישראל האָבן מענער ווי חגי און זכריה אָפּגעשלאָסן די נביאימשע באַוועגונג, און שטיל און רויק פירן זיי זי אַריבער אין יענער גייסטיקער ריכטונג, וואָס האָט געדאַרפט פאַרבייטן די נביאימשע: די ריכטונג פון די כהנים און סופרים.

קעגן גרויסן רוב פון זייער פאָלק זיינען זיי אין קאַמף אויפגעטראָטן; אין סתירה קעגן רוב האָבן זיי כמעט שטענדיק זייער אַרבעט געטאָן און מייסטנס זיינען זיי אָן פיל ערפאָלג פון זייער פלאַץ אַראָפּ, און דאָך האָבן זיי נישט אומזיסט געלעבט. דעם אונטערגאַנג פון דער מלוכה האָבן זיי נישט אויפגעהאַלטן. פאַרקערט, אייניקע פון זיי ווערט געמאַכט דער פאָרוואורף — און נישט שטענדיק אומזיסט — אַז זיי האָבן

אים מקרב געווען. נאָר אויב מיר זעען, אַז נאָכן אויסערן חורבן לעבן דאָך יידן ווייטער; אַז די נאַציע האָט זיך דורכן לאַנגן גלות דערהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג — האָט נישט קיינער צווישן מענטשן קיין גרע-סערן חלק דערין, ווי גראָד יענע מענטשן, וואָס זיינען נישט מיד געוואָרן צו ריידן וועגן אונטערגאַנג פון פאָלק, און דערביי דאָך נישט אויפגע-הערט צו טראַכטן וועגן קיום פון דער אומה, נאָר אין אַ העכערער בעסערער פאָרם זייער גייסט האָט דעם שטאַרבנדיקן פאָלק איינגעגעבן גלויבן אין זיין גאָט, און דערמיט אויך דעם גלויבן אָן זיך אַליין און *מיט* אים אויך יענע האָפנונג, וועלכע האָט דאָס פאָלק געשטאַרקט, אַריבערגעטראָגן איבער יעדער צרה שלא תבא און ווידער ביים לעבן דערהאַלטן. עס איז אַן *ערשיינונג*, וואָס *האָט נישט זיין גלייכן* אין דער געשיכטע, אַז אַ פאָלק, וואָס פאַר די אויגן פון זיינע גייסטיקע פירער איז עס אויסערלעך *גוסס*, און דאָך ווערט ביי אים אַלץ לעבעדיקער, אַלץ קרעפטיקער דאָס באַוווסטזיין, אַז נאָר זיין טויט, אַלס פאָלק, מוז זיין דאָס מיטל, אים צו דערוועקן צו אַ ניי, העכער לעבן.

2. *די סבות פון זייער אויפטרעטן.* צווייערליי איינזען האָבן געבראַכט די נביאים צום אויפטרעטן: ערשטנס, אַז זיט-לעך און רעליגיעז איז דאָס פאָלק זייער פאַרדאָרבן און, צווייטנס, אַז די פאָליטישע פאַרהעלטענישן זיינען אַזוינע, אַז זיי פירן, ווי עס שיינט, צום אונטערגאַנג פון דער מלוכה.

בנוגע די *רעליגיעזע* אומשטענדן האָבן אונזערע נביאים, שוין פון אליהו, אלישע און אייניקע אַנדערע, פון דער פאַרגאַנגענהייט געקאָנט האָבן אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג. מיר וועלן אָבער זען, אַז זיי האָבן דאָס בייז געפאַקט ביים *וואָרצל*. דאָס, וואָס דאָס פאָלק ישראל טוט רעליגיעז, איז פאַר זיי בכלל נישט קיין גאָט-דינען, נאָר געצנדינסט. אַפילו זיין יהוה-פאַרערונג פאַרדינט נישט דעם נאָמען. פאַר די נביאים איז דאָס אַלץ בלויז געצנדינסט, נאַטור-רעליגיע. און אויב אַזוי, איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יהוה אָנערקענט מער נישט זיין פאָלק, אויך די יידן קוקט ער מער נישט ווי אויף זיינע אָנערקענער און דערמיט איז דער אונטערגאַנג זייערער אונטערגעשריבן. פריער האָט מען פון דעם פאַרקערטן גאָט-דינען און גאָט-פאַרערונג געדרונגען בלויז אַ געוויסע

שטראָף פאַרן פאָלק און זיין קעניג, — איצט דרינגט מען פון אַזוינע מעשים דעם אונטערגאַנג פון דער נאַציע.

בנוגע דעם זיטלעכן צושטאַנד, איז זייער גדאַנקענגאַנג דער ענלעכער. זיטלעכע חסרונות זיינען, ווי אומעטום, שטענדיק געווען אויך ביים פאָלק ישראל. ס'איז נישט צו לייקענען, אַז מיט דער צייט האָבן זיי באַקומען די אויבערהאַנט, אַלנפאַלס זיינען זיי דייטלעכער געוואָרן, בולטער זיך אַרויסגעוויזן. און זינט דאָס פאָלק ישראל האָט זיך, דורך האַנדל און וועלט-פאַרקער, באַקענט מיט אויסלענדישע קולטור און מיט פרעמדע זיטן; פון זינט אָן דאָס לאַנד איז נאָך דערצו דורך גוטע אונטערנעמונגען רייך געוואָרן, איז נאַטירלעך די אַלטע, שטרענגע זיטלעכקייט פון די עלטערן שוואַך געוואָרן. פאַרשווענדונג, גוט-לעבן, פאַרפיינערטע הויזפירונג און איניינעם דערמיט — געוויסע אומזיטלעכקייט און פאַרברעכן, ווערט אַ געוויינלעכע ערשיינונג אויך אין פאָלק ישראל, און בפרט, אין דיביידע הויפט-שטעט: ירושלים און שמרון.

און פון זינט אָן דער מסחר האָט אַריינגעבראַכט גרויסע רוחים, אין לאַנד האָבן זיך אָנגעזאַמלט גרויסע פאַרמעגנס און ביי יידן הייבן זיך אָן באַווייזן גרויסע האַנדלס- און ספעקולאַציע-גייסטער — פון דאַן אָן זיינען אויך די סאָציאַלע געגנזאַצן בולטער געוואָרן. דאָס אַלטע ישראל, אלס דורכויס אַ פויערנפאָלק, האָט פון ערנסטע סתירות צווישן אָרעם און רייך געוווסט זייער ווייניק. איצט איז די לאַגע אַנדערש געוואָרן. אייגנטלעך האָט זיך די נייע צייט אָנגעהויבן נאָך פון שלמהן אָן. אָבער אירע פאָלגן האָבן זיך ערשט ביסלעכוויז געלאָזט פילן. אין אין דער צייט, ווו מיר האַלטן, איז עס שוין געהאַט געקומען אַזוי ווייט, אַז מ'האָט געקאָנט רעדן אַפילו פון אַ קריזיס, יעדנפאַלס פון אַ סאָציאַלן נויט-צושטאַנד. געוויסע אויסערונגען פון די נביאים וועגן די דאָזיקע פאַרהעלטענישן זיינען אַזוי שאַרף און פלאַסטיש, אַז זיי דערמאָנען אָן די האַרבסטע „קראַפט-ווערטער" פון אונזערע היינטיקע סאָציאַלע אַגיטאַטאָרן. נאָכמער, הערנדיק די דאָזיקע ווערטער, קאָן מען גענייגט זיין, ווי עס געשעט אויך צומאָל, צו פאַרביטן די נביאים מיט „פאָלקס-רעדנער" — הגם אַזוי צו זאָגן הייסט: לחלוטין נישט צו קענען דעם אייגנטלעכן מהות פון די נביאים.

עס איז קיין ספק נישט, אַז די זיטלעכע און סאָציאַלע פאַר-

העלטעניש̈ן האָבן זיך נישט צוגעשפּיצט גראָד ערשט אין דעם אויגנבליק, ווען מיר הערן פון זיי — ווי ס'קאָן אויסזען פון די שריפטן פון די נביאים. ריכטיקער איז אָנצונעמען, אַז שוין פאַר זיי, אין משך פון יאָרן, האָט זיך די דאָזיקע לאַגע ביסלעכווייז אַנטוויקלט. ס'איז אויך נישט צו צווייפלען, אַז שוין פאַר עמוס, הושע און ישעיה, זיינען ביי יידן געווען מענער, וועלכע האָבן אויפגעהויבן זייער שטים קעגן דעם בייז. זיי האָבן דאָס אָבער מסתמא אַנדערש געטאָן. מעגלעך, אַז זיי, ווי פרעדיקער פון תשובה-טאָן, האָבן אויך גערעדט פון דער נויטיקייט זיך „אומצוקערן", האָבן אויך גערעדט פון משפט און שטראָף. אָבער בעת זיי רעדן פון שטראָף, דיינען זיי אויך דאָ נאָר אויסן, אַז די שטאָט און דאָס לאַנד, דער קעניג, דאָס פאָלק און זיינע גרויסע — וועלן געשטראָפט ווערן מיט פעסט און טריקעניש, מיט אומגערעטעניש און קריגס-נויט ובדומה אַנדערע אָפּקומענישן. אַזוי, למשל, האָט אליהו נביאות געזאָגט, אַז פאַר דער זיטלעכער און רעליגיעזער פאַרדאָרבנקייט פון אחאבן וועט די קעניגלעכע פאַמיליע אונטערגיין. זיין תלמיד אלישע האָט די נביאות דורכגעפירט אין לעבן, און אויף אחאבס אָרט האָט ער אַוועקגעזעצט יֵהוּן. אַז דאָס פ אָ ל ק זאָל צוליב דער פאַרדאָרבנקייט אונטערגיין — דערפון האָבן ביידע נישט געטראַכט. איצט אָבער איז אפילו פאַר סאָציאַלע פאַרזינדיקונגען, אַזוי גוט ווי פאַר רעליגיעזע, אויפגעקומען אַ נייער משפט און אַ נייע שטראָף: נישט בלויז סתם שטראָף ליידט דאָס פאָלק — זיין שטראָף איז זיין אונטערגאַנג! און אונטערגיין וועט נישט בלויז יענער איינציקער, אָדער דעם קעניגס הויז, נאָר ד אָ ס ג אַ נ צ ע פ אָ ל ק ו ו ע ט א ו נ ט ע ר ג י י ן.

ווי קומט מען אָבער פּלוצלינג צו דעם לעצטן געדאַנק, וועגן דער שטרענגסטער שטראָף? דער ענטפער איז: ווייל די נביאים האָבן איצט גענומען אין באַטראַכט די פּאָליטישע לאַגע גענוייער: אַ ש ו ר.

דאָ וואָלט פאַר אונז געווען דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף דער וועלט-מלוכה אשור און אויף איר אַנטוויקלונג, ביז צו דעם פונקט, וו זי קומט אין באַרירונג מיט יידן, און ווייטער ביז צו יענעם פונקט, ווו פון דער שטענדיקער באַרירונג איז געוואָרן אַ רייבונג—ווו דער שוואַכערער טייל איז פונם גרעסערן און שטאַרקערן טייל צעריבן געוואָרן. איך מוז זיך אָבער באַנוגענען בלויז מיט די סאַמע וויכטיקסטע פאַקטן.

מיר ווייסן שוין, אַז פריער איז פּאַלעסטינע געשטאַנען אונטער דער איבערהערשאַפט פון בבל, נאָכדעם — פון מצרים. אין משך פון צווייטן יאָרטויזנט פאַר קריסטוס זיינען ביידע געפאַלן און אויסגעלאָשן געוואָרן. קרוב צום סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט, הויבט פון מזרח אָן אויפצוקומען אַ נייע הערשער־מאַכט, אַ ש ו ר. שוין דעמאָלט האָט תגלתפלאַסר דער ערשטער געטראָגן זיין פאָן ביז צום לבנון. פון דאַנען אויס האָט אַשור גילטיק געמאַכט זיינע תביעות אויף סיריע און דעם גאַנצן ברעג־לאַנד פון מיטל־ים, ביז אַנטקעגן דעם כרמל. אין גיכן האָט אָבער אַשור ווידער געהאַט איבערצולעבן אַ צייט פון שוואַכקייט, וואָס האָט אים נישט דערלויבט צו פאַרברייטערן זיין הערשאַפט אין סיריע. אויב דוד און שלמה האָבן אומגעשטערט געקאָנט אַנטוויקלען זייער קראַפט אין סיריע, האָבן זיי עס נאָר דעם אומשטאַנד צו פאַרדאַנקען. ערשט אין אַ צייט אַרום, נאָכדעם ווי די יידישע מלוכה איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי, אין די טעג פון עמרי מלך ישראל,—ערשט דעמאָלט האָבן די מלכים פון אשור ווידער אויפגענומען די אַלטע פּאָליטיק און מער זיך שוין נישט אָפּגעזאָגט פון איר (זע אויבן, קאַפּ. 4).

ביני לביני באַקומט אָבער דאָס פאָלק ישראל צו שפירן אַנדערע נויטן, וואָס וואַקסן אויס האַרט אין שכנות מיט אים און פאָדערן זיין גאַנצן כח און אויפמערקזאַמקייט. נאָך ש. מהס טויט, ווען דאָס פאָלק ישראל איז שוואַך געוואָרן, איז ביי זיין צפון־גרענעץ אויפגעקומען אַ נייע מלוכה. די דאָזיקע מלוכה האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקלט און איז געוואָרן אַ געפערלעכער שונא פאַר יידן. קודם כל אָבער איז ער געפערלעך געווען פאַרן צפון פון ביידע יידישע מלוכות. דאָס איז געווען ס י ר י ע, אָדער ווי מ'האָט דאָס גערופן: אַ ר ם, און די הויפּטשטאָט איז געווען ד מ ש ק. די מלכים פון אַרם האָבן אַלע, איינער נאָכן אַנדערן, געפירט העפטיקע פאַרביטערטע מלחמות מיט די מלכים פון ישראל, אָנהויבנדיק פון בעשאָ, דערהויפּט פון אַחאָבן אָן. זייער אָפט זיינען זיי דערביי געווען די זיגער. און דאַן האָבן זיי מיט דער גרעסטער האַרטקייט און גרויזאַמקייט געבעלהבתעוועט אין די יידישע, דערהויפּט צפונדיקע און מזרחדיקע פּראָווינצן. די געשיכטע פון די מלכים, וואָס נאָך אַחאָבן, ובפרט פון דער דינאַסטיע יהו, איז אַ רעדעוודיקע ראיה פאַר דעם פאַקט. נישט ווייניקער באַווייזן דאָס אויך די רעדעס פון די

נביאים אלישע און עמוס. און איין מאָל—אַזוי לייענען מיר אין מלכים ב׳—איז אלישע געקומען קיין דמשק מיטן אויפטראָג: דעם מלך, בן-הדדן, אָנזאָגן דעם טויט און חזאלן באַשטימען אויף בן-הדדס אָרט, האָט זיך אלישע, פאַר חזאלן אין די אויגן, פאַנאַנדערגעוויינט. אַז מ׳האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס וויינט ער, האָט ער געענטפערט חזאלן: „ווייל איך זע פאָרויס אַ-דאָס בייז, וואָס דו וועסט יידן אָנטאָן. זיינע פעסטע שטעט וועסטו פאַרברענען, זיינע יונגעלייט וועסטו מיטן שווערד אומברענגען, זיינע קליינע קינדער וועסטו צעשמעטערן און זיינע שוואַנגערע פרויען וועסטו די בייכער אויפשניידן״ (מלכים ב׳ קאַפּ. ח׳, פסוק י״ב). די דאָזיקע ווערטער באַווייזן, אויף וואָס יידן האָבן פון אים געקאָנט האָפן פאַר זיך — און מ׳האָט, אָן ספק, געהאַט גענוג סיבות דערצו.

אָט די פאַקטן מאַכן אונז מעגלעך צו פאַרשטיין איין דערשיינונג, וואָס אָן זיי וואָלטן מיר קוים אימשטאַנד געווען זי אויסצוטייטשן. בעת די חילות פון אשור פלעגן — פון נאָך-עמריס צייטן אָן — אָפט אָנפאַלן אויף סיריע, פלעגן אַפילו די יידן, איניינעם מיט אַנדערע סירישע מלוכות, אַרויסטרעטן אַנטקעגן זיי, הגם דער ערפאָלג האָט קיין לאַנגן קיום נישט געהאַט — פונדעסטוועגן איז מען דאָך בכלל צופרידן געווען מיט אשורס אַרויסט-רעטונגען. וואָרים אַשור איז, "בעסער ווי די יידן, געווען בכוח איינצוהאַלטן די שכנים, און קודם כל די סיריער, אין באַשטימטע גרענעצן. אין די אורקונדן, על כל פנים פון דער צייט, וואָס פ אַ ר עמוס, איז נישט צו געפינען קיין שפורן דערפון, אַז אַשור אַליין קאָן ווערן אַן ערנסטע געפאַר פאַר יידן. מ׳באַמיט זיך נושא-חן צו זיין ביים גרויסן קעניג פון אַשור און פון אים געשיצט צו ווערן קעגן אינעווייניקסטע קעגנער. קודם כל זעט מען אין אים דעם אייניציקן, וואָס איז אימשטאַנד צו באַפרייען יידן פון די לעסטיקע סיריער, מ׳אַנט אָבער נישט, אַז יידן קאָנען ערוואַרטן פון אַשור נאָר די אייניציקע טובה: די לעצטע, אין דער ריי, איינגעשלונגען צו ווערן; און דער חשבון איז דאָך געווען אַזוי קלאָר: אויב אין אַשורס פּראָגראַם איז עס געווען—איינצונעמען דאָס מערב-לאַנד און האָבן אַ געזיכערטן צוגאַנג צום מיטללענדישן ים, דאַן איז די פראַגע וועגן צערייבן די יידן, נאָכדעם ווי סיריע איז געפאַלן נאָר אַ פראַגע פון צייט. האָט סיריע עקזיסטירט, איז זי געווען ווי אַ גרענעץ-וואַל פאַר יידן; איז סיריע אומגעקומען, דאַן זיינען יידן געוואָרן

דירעקטע שכנים פון אַשור און דערמיט אויך די ערשטע אין דער ריי־
פאַרצערט צו ווערן.

דאָס, וואָס מ'האָט אָט די מעגלעכקייט ביי יידן אַ לאַנגע צייט
נישט איינגעזען, באַווייזט נאָר, ווי ווייניק מ'איז בכלל געווייגט געווען
אַריבערצוקוקן איבערן סאַמע נאָנטסטן און ווי קורצזיכטיק אַפילו דער
רוב פון די אָנפירער פון דער נאַציע זיינען געווען. פונדעסטוועגן, האָבן
זיך דאָך איינציקע מענטשן געפינען ביי יידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט דעם
קלאָרן בליק צו זען די זאַכן ביזן גרונט, און גענוג זיטלעכע קראַפט
האָבן זיי פאַרמאָגט, כדי דאָס, וואָס זיי האָבן געזען, זאָלן זיי אויך
פאַרן קעניג און פאַרן פאָלק אַרויסזאָגן; דאָס זיינען די נ ב י א י ם פון
אונזער צייט.

קיין ספק נישט, אַז דאָס אויפמערקזאַמע צוקוקן־זיך צו די פּאָלי־
טישע געשעענישן האָט זיי געלערנט אַזוי די לאַגע אויפצופאַסן. זיי
רעדן אָבער נישט ווי פּאָליטיקער, ווי מ'רופט עס, נאָר ווי געשיקטע פון
גאָט, ווי רעליגיעזע און זיטלעכע וועכטער און מאָנער פון זייער פאָלק,
און ווי גאָטס שטים צווישן זייערע ברידער. אַזוי זיינען זיי שוין ממילא
געוואָרן די גייסטיקע, און אין געוויסע אָנגעלעגנהייטן אויך די פּאָליטי־
שע פירער און עצה־געבער פון דער נאַציע. הגם זיי האָבן אָנגעזאָגט
דעם אונטערגאַנג פון פאָלק און אים געהאַלטן פאַר גוט און נויטיק —
ווייל ער שטימט מיט גאָטס ווילן; הגם לויט דער מיינונג פון פילע אין
פאָלק האָבן זיי אויבנויפיק אויסגעזען ווי שונאים פון פאָטערלאַנד, —
זיינען זיי דאָך פאַקטיש די איידלסטע און ריינסטע פּ אַ ט ר י אָ ט ן,
וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז פאַרמאָגט — פּאַטריאָטן, סוף־כל־סוף,
נישט לויטן שאַבלאָן פון נאַציאָנאַלער שמאָלקייט, נאָר פון אַן א י ב ע ר־
נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן פלוג, וואָס נישט די צייטלעכע אינטערעסן, נאָר דער
אייביקער, געטלעכער ווילן און זיטלעכע פאָדערונגען און געזעצן פון
מענטשלעכן האַנדלען, וואָס זיינען ענטהאַלטן אין יענעם ווילן, זיינען
פאַר אים העכער און וויכטיקער ווי אויסערע עקזיסטענץ אַפילו פון זיין
אייגענעם, הייס־געליבטן פאָלק.

מ'זאָגט, אַז ס'איז פאַ־אַן אַן ענגליש גלייכוואָרט: "If wrong or
rigt — my country" „אין רעכט אָדער נישט — ס'איז מיין פאַ־
טערלאַנד!" איך ווייס נישט, צי ווערט דאָס שפּריכוואָרט ווירקלעך באַנוצט

אין ענגלאַנד, הויך־געזונטע און ווייט־בליקנדע ענגלענדער באַנוצן דאָס
געוויס נישט. אָבער אין מויל פון אונזערע נביאים קאָנען מיר זיך אַזאַ
וואָרט בכלל נישט פאָרשטעלן. פאַר זיי גילט דער פּרינציפּ: ווען דאָס
פאָלק ישראל טוט גערעכטיקייט און ווי־לאַנג ס'טוט גערעכטיקייט, דאַרף דאָס
באַשטיין; האָט עס אָבער אויפגעהערט גערעכטיקייט צו טאָן און צו האַנד־
לען לויט גאָטס ווילן, מעג עס פאַרשווינדן — דעמאָלט איז דאָס נ י ש ט
ו ו ע ר ט נאָך ווייטער צו לעבן.

ווי איז דאָס אָבער מעגלעך געווען, אַז יידישע מענטשן זאָלן קאָ־
נען אָננעמען דעם פורכטבאַרן געדאַנק, אַז יהוה אַליין גרייט צו דעם אונטער־
גאַנג פאַר זיין פאָלק? אַלץ, וואָס מ'האָט ביז איצט ביי יידן געטראַכט
וועגן יהוה און דערוואַרט פון אים, איז דאָך, דאַכט זיך, געווען פונקט
דער היפך פון אַזאַ געדאַנק! פאַר דער פאָלקסר ע ל י ג י ע איז עס זעלבסט־
פאַרשטענדלעך, אַז יהוה וועט צו זיין פאָלק ישראל גנעדיק זיין און אים
שאַפן הילף — ווי ווייט מ'וועט אים נאָר גענוג קרבנות ברענגען און
„גאָט בעטן". מוז ער דאָס אָבער פאָרט נישט, דאַן איז פאַר איר דערפון
געדרונגען, אַז יהוה איז נישט געווען גענוגמעכטיק, כדי צו שאַפן הילף.
און זאָל אשור, אָדער אַן אַנדער שונא, מנצח זיין דאָס פאָלק ישראל,
וואָלט דאָס פאַר דער גרויסער מערהייט פון פאָלק, און פאַר אַלע, וואָס האַלטן
מיט אים אין דעם פּרט, געווען אַ געניגנדער באַווייז, אַז יענע פרעמדע
געטער — אַשורס, אָדער אַן אַנדער פאָלקס — זיינען שטאַרקער פון יהוה.
דערפון מאַכט מען, באַטירלעך, דעם פּראַקטישן אויספיר, אַז מ'מוז אָנ־
הויבן דינען יענע געטער.

אַזוי האָט געטראַכט די פאָלקסרעליגיע. זי איז שוין אָבער לאַנג
נישט געווען די אַליין־הערשערן ביי יידן. מענער ווי אליהו און די
נביאימשע קרייזן אַרום אים, אָדער ווי דער גרויסער יהוזסט מיט זיינע
תלמידים און זיינע קרייזן, זיינען לאַנג שוין אַריבערגעוואַקסן יענע ני־
דעריקע פאָרם פון דער רעליגיע פון דער ג ו ס ע מאַסע. אָבער ד ע ם
געדאַנק, אַז יהוה וואָלט זיין אייגן פאָלק געקאָנט מאַכן צו־נישט, האָבן
זיי שווערלעך געוואַגט צו דענקען. ס'איז אַפילו שטאַרק איבערטריבן, —
הגם ס'קומט אָפט אויס צו לייענען — אַז ערשט עמוס האָט אַרויסגערעדט
דעם געדאַנק, אַז יהוה איז אַ זיטלעכע גאָטהייט. און נישט ווייניקער
איבערטריבן איז עס אויך, ווען מ'זאָגט: ערשט עמוס האָט ביי יידן „אַנט־

רעקט" דעם געדאַנק פון גאָטס איינהייט, פונם מאָנאָטעיזם, אָדער אַז יהוה איז אַ גאָט פון דער גאַנצער וועלט. נישט דעם ערשטן און נישט דעם צווייטן געדאַנק האָבן ערשט עמוס און די נביאים פון אַכטן יאָרהונדערט „אַנטדעקט". ריכטיק איז אָבער, אַז יענע פריערדיקע נביאימשע מענער זיינען נישט געגאַנגען ווייטער פונם געדאַנק, אַז גאָט וועט שטראָפן דאָס פאָלק פאַר זיינע זינד, אָבער נישט, אַז ער וועט דאָס פאָלק גופא אָפּשטויסן פון זיך. צוויי באַזונדערע אידעען זיינען דאָ פאַר זיי געווען: די אידעע פון דער זיטלעכקייט אין גאָט פאַר זיך, און די אידעע פון גאָטס איינהייט און איינציקייט ווידער פאַר-זיך. דערפאַר קומען זיי נישט ווייטער ווי צו אַ זיטלעכער פאָלקס אָרדנונג, וואָס שטייט אונטער גאָטס שוץ, אָדער אויך צו אַ געטלעכער וועלטאָרדנונג, וואָס שאַפט זיך געלעגנטלעך. דעם געדאַנק אָבער וועגן אַ זיטלעכער וועלטאָרדנונג, וואָס באַהערשט אַלץ, האָבן זיי נאָכנישט געקענט.

3. דער עטישער מאָנאָטעיזם און זיינע אויספירונגען. יענע געדאַנקען וועגן אַ זיטלעכער וועלטאָרדנונג אויב מ'וויל רעדן פון אַנטדעקונגען, האָבן עמוס, און מענער זיין גלייכן, אַנטדעקט זיי זעען די פּאָליטישע נויטווענדיקייט, די פּאַקטישע א. ממעגלעכקייט אויסצומיידן דאָס באַשערטע — אַז די וועלט-מאַכט אין מזרח זאָל מאַכן אַ סוף צו דער זעלבשטענדיקייט פון מלכות ישראל. זיי זעען אָבער אויך, אַז די זיטלעכע, סאָציאַלע און רעליגיעזע צושטאַנדן ביי יידן זיינען נישט אַזעלכע, אַז זיי זאָלן קאָנען גאָט געפעלן זיין. אַז יהוה איז אַ זיטלעכער גאָט, וואָס שטראָפט פאַר זינד, האָט מען שוין פון לאַנג אָן געוווסט. האָבן זיי נישט געוואָלט אַרויסוואַרפן דעם גלויבן אָן אים, — ווי די פאָלקסרעליגיע טוט, ווען ס'קומט אַן אומגליק אויף יידן — און אַלס מענער, אין וועלכע גאָט לעבט, קאָנען זיי דאָס נישט טאָן — בלייבט זיי נאָר דאָס אַנדערע: דער גאָט, וועלכער שטראָפט און משפּט זיטלעך, און דער אייגענער גאָט, וועלכער שטעלט נישט דעם אונטערגאַנג פון פאָלק ישראל. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז יהוה קאָן נישט שטערן דער אונטערגאַנג, ניין, ער קאָן שטערן, נאָר ער וויל אים נישט שטערן, נאָכמער, ער האָט אים באַשלאָסן, — באַשלאָסן גאַטירלעך, פאַר די זינד פון זיין פאָלק.

דערמיט איז געלעזט דאָס גרויסע רעטעניש פונם יידישן אומגליק. נישט אַשור איז די סיבה פון זיין אונטערגאַנג, און נישט יהוהס שוואַכקייט אין פאַרגלייך מיט די געטער פון אַשור. יהוה אַליין און די זינד פונם פאָלק ישראל — זיי זיינען די סיבה. אַשור איז אין יהוהס האַנט נאָר אַ ווערקצייג, נאָר די רוט און גאָטס שטראָף פאַר יידן.

דערמיט איז אָבער אויך שוין דאָס גרויסע רעטעניש פון דער גאָטדערקענטעניש געלעזט, אָדער געבראַכט נאָנט צו דער לעזונג. און דערמיט איז געטאָן אַזאַ זאַך, וואָס שטעלט אַוועק די נביאים אין דער ריי פון די אַלערערשטע רעליגיעזע לערער, וואָס זיינען צו אַלע צייטן געשענקט געוואָרן דער מענטשהייט. זאָל אַפילו זיין, אַז זיי זיינען נישט די „אַנטדעקער" פון גאָטס איינהייט און זיטלעכקייט, זיינען זיי דאָך אָבער די יעניקע, וואָס האָבן די דאָזיקע געדאַנקען אַרויסגעהויבן פון זייער פאַריינצלטקייט און דערמיט אָפּגענומען פון זיי דאָס טאַפּנדיקע און אומזיכערע, וואָס מ'האָט מער געפילט, געאַנט, איידער קלאָר דערקענט. מיט פולער קאָנסעקווענץ און קלאָרקייט האָבן זיי די געטלעכע זיטלעכקייט אַוועקגעשטעלט אין מיטלפונקט, כדי פון איר אַרויסצובאַלייכטן אַלץ, וואָס געשעט אויף דער וועלט. און דורכדעם האָבן זיי יענע פאַריינצלטע אומפאָלקאָם-דורכגעטראַכטע געדאַנקען וועגן גאָט, באַוווסט און קלאָר דערהויבן צו דער אידעע פונם זיטלעכן מאָנאָטעיזם, וואָס באַהערשט די **גאַנצע וועלט** און די וועלטאָרדנונג.

אַזוי אַרום זיינען זיי געוואָרן די יורשים פון משהס שאַפונג, און אויך די, וואָס האָבן זי אויסגעבילדעט אַ שטיק ווייטער, צו איר פולקאָמענהייט. זיי זיינען עס, וועלכע האָבן דער מענטשהייט איבערגעגעבן דאָס העכסטע, וואָס זי קאָן פון גאָט וויסן: גאָט ווי דעם אומבאַדינגט גוטן, זיט-יך הייליקן, און — פון הושע און ירמיהו אָן — דערצו אויך נאָך גאָט ווי די הייליקע ליבע. די פאָרם פון גאָט-דערקענטעניש האָט די וועלט פריער נישט געזען. זאָל אפילו זיין, אַז דאָ און דאָרט, אין אשור, בבל אָדער מצרים, איז שוין פון לאַנג-אָן געווען צו הערן אַזוי ווי אָפּקלאַנגען פונם געדאַנק וועגן דער גאָט-איינהייט, אָדער הנחות צי השערות וועגן אים. אָבער אַזאַ עטישן מאָנאָטעיזם האָט קיין פאָלק און קיין רעליגיע אויף דער וועלט פריער נישט געקענט, און אויך שפעטער, נאָך זיי, האָט זיי קיינער נישט אַריבערגעשטיגן. אפילו לויט דעם

רעמסס דער צווייטער — דער פּרעה, וואָס האָט
די ייִדן אונטערדריקט

קריסטלעכן גלויבן האָט קריסטוס דאָס נישט געטאָן און נישט געוואָלט טאָן. ווארים נישט דאָס צייכנט אויס קריסטוסן, וואָס ער ד״ט געלערנט־גאָט צו דערקענען אַנדערש ווי די נביאים. אויך פאַר אים, ווי פאַר די נביאים, איז גאָט דער זיטלעך־הייליקער און די הייליקע ליבע. פאַר קריסטן צייכנט ער זיך אויס דערמיט, וואָס ער האָט אין מענטשן גופא געוויזן דעם וועג צו גאָט און צו דער לעבעדיקער התגלות דערפאַר איז ער פ אַ ר ז י י מער, ווי דער גרעסטער צווישן די נביאים.

די א ו י ס פ י ר ו נ ג ע ן פון דער דערקענטעניש זייַנען פאַר די נביאים גאַנץ קלאָר. די רעליגיע, ווי די פאָלקסמאַסן פירן זיי דורך, ווי זי איז אויסגעמישט מיט געצנדינערש־כנענישע אָנשויונגען און פאַר־טונקלט משה רבינוס ירושה — דאָס ריינע דערקענען גאָט — איז פאַר זיי, סוף כל סוף, גאָר נישט קיין יהוה־פאַרערונג. דאָס איז בעל־בעטן, אָנשטאָט „גאָט־בעטן״. יהוה האָט מען דערנידעריקט ביז צו א געץ, און פון זיין פאַרערונג איז געוואָרן געצנדינסט. דערפאַר קוקן אויך די נביאים אויף זיי, ווי אויף געצנדינסט און נאַטור־רעליגיע.

דער מהות פון נאַטור־רעליגיע באַשטייט אין דעם, וואָס די גייס־טיקע גאָטהייט פאַרבייט מען אויף ז אַ כ ן, אָדער קרעפטן פון דער נישט־לעבעדיקער, אָדער מאַטעריעלער נאַטור. קאָן דער מענטש ווירקן אויף די נאַטור־קרעפטן אָבער נאטור־געגנשטאַנדן, מיט ערמה אָדער מיט געוואַלט זיי צ ו י מ ע ן, טוט ער דאָס. געניגט נישט זיין כח אָדער זיין קונסט דערצו, דאַן גיט ער זיך געלאַסן אונטער זיין אומפאַרמיידלעכן גורל, דער צוואַנג, וואָס די רעליגיע מיינט, אַז זי טוט אָן די געטלעכע נאַטור־קרעפטן, באַשטייט אין דינען זיי, קודם כל — אין קרבנות. באַקומט דער גאָט פיל קרבנות, דאַן וועט ער, ריכטיקער: דאַן מ ו ז ער — אויב ס׳זייַנען נישטאָ קיין וויכטיקע סיבות, וואָס שטערן אים דערין, און ס׳פעלט אים נישט די מאַכט דערצו — הילף שאַפן און חסד טאָן. און דאָ פרעגט זיך נישט ערנסט: צי איז דער, וואָס ברענגט די קרבנות, ווירדיק געהאָלפן צו ווערן, צי האָט זיין האַרץ און זייַנע כּוונות געשטימט מיט דער רעלי־גיעזער עבודה?

דאָס איז דער מהות פון דער נאַטור־רעליגיע. און אויך אין דער יידישער, כנעניש־פּאַרטונקלטער פאָלקסרעליגיע ווערט דער קולט, דאָס גאָט־דינען געהאַלטן העכער פון אַלץ. און אַפילו דאָס גאָט־דינען פאַר

זיך, אַלס ריין־אויסערלעכע עבודה. קרבנות, תּפלות, עולה־רגל זיין צום הייליקטום — ז ָס איז דער אינהאַלט פון פרומקייט, זיטלעכע מעשים און אַ פרום האַרץ זיינען דערביי, נאַטירלעך, ווינטשנסווערט און פּרינציפּיעל זיכער הויך געשעצט. דאָס איז אָבער נישט אומבאַדינגט נויטיק, כּדי גאָט צו געפעלן און פון אים דערהערט צו ווערן.

אַזאַ רעליגיע איז פאַר אונזערע נביאים בכלל נישט קיין גאָטעס־דינסט. מיט אַן אייזערנעם בעזים ווילן זיי אויסקערן אַזאַ מין גאָט־דינען, וואָס איז פאַר זיי ג ע צ נדינסט. זיי קאָנען נישט „הויך געגוּג" געגן אַזעלכע אומגעהויערע מעשים — זייער שטים אויפהויבן. און ווען מיר, קריסטן, לייענען די דאָזיקע ווערטער, האָבן מיר דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן געהערט לוטערס שטורעמדיקע רעדעס, אין דער שלאָס־קירך אין וויטנבערג, געגן די אינדולגענצרעס און קעגן די אויסערלעכע מתּנות צו גאָט, אַנשטאָט דער פרומקייט, וואָס קומט פון טיפן האַרצן... עס מאַכט אויף אונז דעם איינדרוק, גלייך ווי מיר וואָלטן געזען פאַר זיך ישו פון נצרת, ווי ער שטייט אויפן הר־הבית און זאָגט צו זיינע אָנהענגער: „לאָז ליגן דיין קרבן ביים מזבח און גיי פריער אַהין, בעט זיך איבער מיט דיין ברודער, נאָכדעם קום און ברענג דיין קרבן" (מתתיהו 5, 24).

אַזוי הערן מיר ווי ישעיה זאָגט (א׳ י"א און ו.):

„וואָס דאַרף איך די פיל קרבנות אייערע,
זאָגט גאָט.
איך בין זאַט מיט בראַנד־קרבנות פון ווידערן
און מיטן פעטס פון געשטאָפּטע רינדער,
און דאָס בלוט פון אָקסן, שאָף און בעק
קאָן איך נישט ליידן.
אייערע ראשי־חדשים און יום־טובים, האָב איך פיינט,
זיי זיינען מיר צו לאַסט געוואָרן,
איך קאָן זיי נישט אַריבערטראָגן".

אָדער אַפילו עמוס שוין (ה׳, פּסוק כ"א און ו.):

„פיינט האָב איך אייערע יום־טובים, אַבשוילעך זיינען זיי מיר.
און אייערע יום־טובדיקע פאַרזאַמלונגען קאָן איך נישט ליידן.
טו אָפּ פון מיר דעם טומל פון דיינע לידער,
און דאָס רוישן פון דיינע האַרפן קאָן איך נישט הערן.

דערפאַר, זאָל דאָ דאָס רעכט רוישן ווי וואַסער
און גערעכטיקייט — ווי אַ גרויסער טייך".

אין אמתן, איז דאָס נישט איבערגעטריבן, ווען מ'זאָגט, אַז לוטערס וואָרט וועגן די „טויטע מעשים", און אַפילו די ווערטער פונם אַפּאָסטאָל פּאַוול און יעזוס וועגן דעם גלויבן און וועגן דער שטעלונג פון האַרצן אַנטקעגן דעם אויסערלעכן טאָן—האָבן זייערע לעצטע און קרעפּטיקסטע וואָרצלען אין די רייד פון אונזערע נביאים. פּרינציפּיעל זייגען זיי שוין דאָ, הגם עס פעלט זיי נאַטירלעך די ספּעציפישע אָריענטירונג אין דער גלויבנס-לערע פונם נייעם טעסטאַמענט.

אָבער אין איין פּונקט קאָן מען אונזערע נביאים פאַלש פאַרשטיין. און די נייערע שרייבער וועגן זייער צייט און זייערע שטרעבונגען — האָבן זיי באמת זייער אָפט שלעכט פאַרשטאַנען. דאָס „שלעכט פאַרשטיין" הויבט זיך אָן דאַן, ווען מען וויל זייער פאַרהאַלטן צום אויסערלעכן גאָט-דינען און רעליגיעזע צערעמאָניעס אַזוי אויסטייטשן, אַז די דאָזיקע זאַכן, האָבן זיי בכלל גרינגגעשעצט. דאָס, וואָס אייניקע זייערע אויסדריקן קלינגען באמת אַזוי, נעמט זיך דערפון, וואָס זייער פּראָטעסט קעגן די ווילדע מעשים אַרום קולט, האָט געקלונגען אַזוי שטאַרק, אַז זייער פּאָזיטיוו פאַרהאַלטן זיך צום ריכטיקן האַנדלען איז דערביי ווי פאַרשוווּנדן. און אין אמתן, וואָלטן זיי פאַרלאַנגט אָפּשאַפן אַלע אויסערע פאָרמען פונם גאָט-דינען און פון דער רעליגיעזער פּראַקטיק, וואָלטן זיי דערמיט זייער פאָלק אַ שטיין געגעבן, אַנשטאָט ברויט. וויל מען דעם היפך באַווייזן, דאַרף מען נאָר לייענען, וואָס ישעיה זאָגט בנוגע גאָט-בעט אין יענער שטעלע, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט. ער טאַדלט זייער אַרט גאָט-בעטן, פּונקט אַזוי שטאַרק און אַזוי שאַרף ווי זייערע קרבנות. צי וואָלט אָבער עמעצער ערנסט געגלויבט, אַז אַ וועלכן ס'איז נביא זאָל קאָנען קומען אויפן געדאַנק אָפּצושאַפן די תפלה פון דעם גלויביקן ?

דערמיט איז פעסטגעשטעלט די ערשטע אויספירונג פון זייער גאָט-דערקענען: דער קאַמף קעגן דער פאָלקסרעליגיע און פאַר דעם גייסטיקן אויפפאַסן גאָט. און נאָך איין אויספיר מאַכן זיי, וועגן וועלכן מיר האָבן נאָך צו רעדן. דאָס איז דער פּראָטעסט קעגן די זינד פון זייער

געגנוואַרט אין ז י ט ל ע כ ן און אין ס אָ צ י אַ ל ן לעבן און דער וועג, וואָס פירט צום באַנייען דאָס לעבן.

עס איז באַקאַנט, מיט וואָסער אַ שאַרפקייט ישעיה, עמוס און אַנ־דערע האָבן געשטראָפט פאַר יענע זינד. נאָר איין ביישפּיל: ישעיה זעט, ווי די רייכע זאַמלען אָן אַלץ מער און מער גיטער דורכדעם, וואָס זיי עקספּלואַטירן דעם אָרעמאַן אָן אַ טראָפּן יושר. און ער רופט אויס (ישעיה ה׳ פּסוק ח׳ און ו.):

„ווײ צו יענע, וואָס דערנענטערן אַ הויז צו אַ הויז, אַ פעלד מיט
אַ עלד פאַרייניקן זיי,
ביז ס׳בלייבט מער קיין פּלאַץ נישט, און אַליין זאָלט איר אָנען
וווינען אין לאַנד.
דערפאַר האָט גאָט געשוואָרן פאַר מיר:
פיל הייזער וועלן פאַרוויסט ווערן, די גרויסע
הייזער און די שיינע וועלן בלייבן אָן איינוווינער".

דאָ איז עס גאַנץ קלאָר. די שטראָף פאַר די אַלע שלעכטע מעשים איז דער אונטערגאַנג פון דער מלוכה. די איצטיקע געזעלשאַפט איז אַזוי פאַרדאָרבן, אינערלעך אַזוי צעפרעסן, אַז די קליינע מיטלען קאָנען מער נישט העלפן. ס׳בלייבט קיין אַנדער מיטל נישט, נאָר אַז די מלוכה, ווי זי באַשטייט איצט, און די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג פון דער געגנוואַרט זאָל אונטערגיין (ישעיה ג׳ פּסוקים א׳ און ח׳ און ווייטער). דאָס איז אָבער נאָכנישט דאָס לעצטע וואָרט. משפט און אונטערגאַנג איז נישט קיין זעלבסטצוועק, אויסראָטן איז נישט דאָס צ י ל, צו וועלכן גאָטס וועגן פירן. נישט אומזיסט זענען די נביאים, די וועלכע האָבן אויפגע־נומען אין זיך די שטים פונם לעבעדיקן גאָט. דער גאָט — די מענער פון גלויבן, די מענער פון גאָט, וועמענס שטים זיי האָבן פאַרנומען, איז און בלייבט דער גאָט פונם פאָלק ישראל. אַפילו ווען די מלוכה ווערט חרוב, בלייבט ער דאָס און ער וועט שוין געפינען די גוויטיקע פאָרמען און וועגן, כדי דאָס אויך ווייטער צו בלייבן. דער־פון קומט שוין פאַר זיי ממילא אַרויס, אַז דער גלויבן אין דעם גאָט פונם פאָלק ישראל, וועלכער איז נישט בלויז די הייליקייט, נאָר אויך די ליבע, טראָגט אין זיך פאַר זיי אַ נייע, אינערלעך־געלייטערטע צ ו ק ו נ פ ט.

4. די אייגנאַרטיקייט פונם נביאישן באַוווסטזיין. אײדער מיר וועלן ווייטער רעדן וועגן דעם ערשט־אָנגערירטן געדאַנק, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף א פראַגע, וואָס ליגט שוין, מסתמא, ביי פיל אויף דער צונג. מיר רעדן שוין אַזוי לאַנג וועגן די גרויסע נביאים פון דער קלאַסישער צייט פון דער נבואה, און נאָך האָבן מיר זיך נישט געפרעגט: וואָס איז אייגנטלעך אַ נביא? אין וואָס באַשטייט דער מהות פונם נביא און מיט וואָס צייכנט זיך אויס די דאָזיקע מערקווירדיקע דערשיינונג — פון אַנדערע?

פרעגן מיר די געשיכטע, אַזוי טרעפן מיר ביי יידן נביאים אין אַלע צייטן, ביז צום אָנהויב פון משהס תקופה. זיי זיינען אָבער נישט שטענדיק גלייך. אויפן שוועל פון דער יידישער געשיכטע שטייט משה, וועלכן די אורקונדן רופן זייער אָפט אָן מיטן נאָמען נביא אָדער „געטלעכער מאַן״, אין אַ באַזונדער זין. און אַלס מענטש, וואָס האָט גאָט אַנטפּלעקט, אַלס רעליגיעזער פירער פון זיין פאָלק און פאַרמיטלער צווישן גאָט און פאָלק בנוגע דעם רעליגיעזן לעבן, האָט ער זיכער געהאַט אין זיך שטריכן פון עכטער נבואה. עס קומט שמואל, דער באַנייער און רייניקער פון דער גאָט־פאַרערונג, וועלכע איז אין דער צייט פון די שופטים זייער געפאַלן. ס׳איז אויך העכסטוואַרשיינלעך, אַז ער איז דער גרינדער פון נביאימשע פאַרייניקונגען. אין יענער צייט, ווייזט אויס, האָט די יידישע נבואה געשלאָסן אַ בונד מיט ענלעכע דערשיינונגען אין כנען און דערגלייכן. גאַנצע מחנות פאַרציקטע, באַגייסטערטע, אויפגערעגטע און אויסערלעך משוגעים־גלייכע — האָבן זיך אין יענער צייט אומגעשלעפּט איבערן לאַנד. זיי האָבן, וואַרשיינלעך, געפּרעדיקט דעם „הייליקן קריג״, און אַלץ, וואָס האָט זיך זיי אין וועג געשטעלט, האָבן זיי צעשטערט. די פּאָליטישע אויפרעגונג, וואָס איז איניינעם דערמיט געווען אַ רעליגיעזע אויך, האָט זיי געוויס אויפן פּלאַן געבראַכט. שמואל האָט זיי געזאַמלט, זיי גענומען צו זיך אין דינסט. דערמיט האָט ער דאָס נאַטורהאַפטיקע, נאָך שטורעמדיקע און אויסערלעך־העסלעכע אין זיי, אָנגעהויבן אַרויפצופירן אויף רויִקע וועגן און צו פאַרגייסטיקן.

פון דאַן אָן האָט זיך די דאָזיקע דערשיינונג דערהאַלטן און מער נישט איבערגעריסן געוואָרן; אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן קומען

בסדר אויף נייע און נייע פאַרטרעטער אירע. אַמאָל שטייען זיי נענטער צו דער אַלטער, פון משה און שמואל איבערגענומענער פאָרם פון נבואה, און אַמאָל זיינען זיי נענטער צו די נייע פאָרמען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון ענלעכע כנענישע און קליינאַזיאַטישע דערשיינונגען. צו די ערשטע געהערן אַזוינע נביאים ווי נתן, אין דודס צייטן, צו די לעצטע — אַזוינע ווי אליהו און אלישע. מיטן פאָרשריט פון דער צייט ענדערט זיך אויך אייניקעס אין דעם אַרט פון זייער אויפטרעטן. פון די מחנות נע-ונדניקעס זיינען געוואָרן פאַריינען, ווו דער רעליגיעזער געדאַנק איז, אונטער דער אָנפירונג פון אַ לערער, גענערט און געשטאַרקט געוואָרן. מ׳האָט אָבער דאָ אויך געלערנט די קונסט און פעיקייט געוואָר צו ווערן גאָטס ווילן. אָבער איר העכסטע מדרגה און די קלאַסישע תקופה אירע דערגרייכט ערשט די נבואה אין עמוס, הושע און ישעיה. אין זיי דערקענען מיר אַמקלאָרסטן די גאַנצע דערשיינונג, אויך אין ליכט פון דער געשיכטע, שוין כאָטש דערפאַר, וואָס מיר האָבן גענוג באַווייזן דערצו אין זייערע אייגענע שריפטן. פון זיי אויס לאָזט זיך דערום אויך אַמבעסטן ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס מיר האָבן פריער געשטעלט: וואָס איז אייגנטלעך אַ נביא?

זייער אָפט האָט מען דעם נביא אָנגערופן פּאַטריאָט, אין אַ באַזונדער זין פונם וואָרט, און דערין האָט מען געוואָלט דערקענען זיין מהות. מ׳האָט זיי פאַרגליכן מיט אַזוינע מענער ווי ערנסט מאָריץ אַרנדט און פיכטע אין דייטשלאַנד, אָדער מיט דעמאָספען אין אַטען, וועלכע האָבן מיט אָנצינדנדיקע רעדעס גערופן זייער פאָלק צו באַפרייען זייער פאָטערלאַנד פון פרעמדן יאָך. אַנדערע האָבן געוואָלט זען אין זיי פאָלקס טריבונען, מענטשן פון פאָלק, פריינט פון אָרעמע און געדריקטע און פאַרטיידיקער פון זייערע אינטערעסן. דערביי ווייזט מען אָן אויף עטלעכע שאַרפע, בולטע און, געלעגנטלעך, אַפילו אַזוינע אויסערונגען, וואָס קלינגען באמת אַגיטאַטאָריש קעגן יענע, וואָס עקספּלואַטירן דעם געמיינעם מאַן. זיי זיינען ביידע זאַכן: אי פריינט פון פאָטערלאַנד, אי פריינט פון פאָלק. אָבער דערמיט אַליין איז נאָך זייער טאָן נישט אויסגעשעפּט, און נישט דאָס ערשטע, נישט דאָט אַנדערע באַצייכענען נישט דאָס, וואָס זיי האָבן קודם כל און דערהויפּט געוואָלט זיין. זיי אַליין זאָגן דאָס

אונז אַמבעסטן דערמיט, וואָס זיי רופן זיך גערן: „גאָטס מויל", אָדער „גאָטס רעדנער" אָדער ביידע אינאיינעם: „גאָטס מענער".

דאָס ווייזט אונז קלאָר, אַז דער עיקר, דער אָנהויב און דער סוף, איז ביי זיי די רעליגיע, גאָט אַליין. אַלס „גאָט-מענער" ווילן זיי אים האָבן, און אַלס זיינע „רעדנער" ווילן זיי אים צו אַנדערע ברענגען. פאַרטרעטער און אַריינברענגער פון דער גאָטהייט און איר ווילן צו זייער פאָלק, רעליגיעזע און זיטלעכע פירער און לערער פון זייער פאָלק— דאָס ווילן זיי זיין, דאָס דורך און דורך, און דאָס קודם כל. ערשט פון דאַנען אויס זיינען זיי מענער פון פאָלק און מענער פון פאָטערלאַנד דאָרט, ווו די אָנפירונג און באַהאַנדלונג פון „גאָטס פאָלק" שטימט נישט מיט גאָטס ווילן, שטראָפן זיי די אָנפירער און יענע, וואָס באַהאַנדלען שלעכט דאָס פאָלק. אָבער דאָרט, ווו דאָס פאָטערלאַנד און זיין פּאָליטיק האָבן פאַרלאָזט גאָטס וועגן, ווי זיי שטעלן זיך דידאָזיקע וועגן פאָר, דאַן שטייען זיי אַליין אויף קעגן דעם פאָטערלאַנד.

5. די וויזיאָנערישע איבערלעבונג און דאָס פאַרהאַלטן פון די נביאים צום אָביעקט. ווי אַזוי ווערן זיי אָבער גאָטס מענער און זיינע רעדנער? געוויס דאָך נאָר אַזוי, אַז אויף אַ וועלכן עס איז אופן פאַרנעמען זיי גאָטס רייד. און נאָר אַזוי קאָנען מיר עס פאַרשטיין, ווען זיי הויבן אָן זייערע רעדעס מיט די ווערטער: „אַזוי האָט יהוה גערעדט" (צו מיר), אָדער זיי לאָזן אויס: „דאָס זייגען גאָטס ווערטער". ווילן מיר נישט אָננעמען די דאָזיקע ווערטער זייערע נאָר ווי אַ פּשוטע רעדנערשע מאַניר, דאַן מוזן מיר אָננעמען, אַז אין זיי האָט געלעבט דאָס באַשטימטע באַוווסטזיין, אַז זייערע ווערטער — סיי וואָרט אין וואָרט, סיי לויטן הויפּטגעדאַנק — זיינען נישט זייער אייגנטום, נאָר דאָס אייגנטום פון יענעם, וואָס האָט זיי די ווערטער „איינגעגעבן", וואָס האָט זיי באַפּולמעכטיקט צום רעדן, אַלזאָ — יהוהס, זייער גאָטס.

זיי גייען נאָך ווייטער און זאָגן אונז קלאָר און שאַרף, אַז דער פאַקט, וואָס זיי רעדן בכלל צום פאָלק, נעמט זיך נישט פון זייער אייגענעם ווילן און געשעעט נישט לויט זייער באַשלוס. אַ העכערער באַפעל, אַ צוואַנג פון אויבן באַשטימט זיי צו רעדן. מעג דער נביא וועלן אָדער נישט — ווען יהוהס רופן דערגרייכט צו אים און יהוהס שטים הייבט אָן

צו קלינגען אין אים, דאַן מוז ער רעדן. ער מוז עס — מיט דער נויטווענדיקייט פון אַ נאַטורגעזעץ, אָדער מיטן צוואַנג פון אַן אומבאַדינגטן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו.

אַ לייב ברומט — ווער מוז דען זיך נישט שרעקן?

מיין האַר יהוה רעדט — ווער מוז דען נישט ווערן קיין נביא?

אַזוי זאָגט עמוס (ג׳ פסוק ח׳). און ווי אַזוי ירמיה ראַנגלט זיך, וויל זיך באַפרייען פון דער שליחות און ווערט דאָך באַזיגט פון דעם העכערן מוז — דאָס באַקומען מיר נישט איינמאָל צו לייענען אין זיין בוך.

די פראַגע, ווי ווייט דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין איז אָביעקטיוו אמת, קאָנען מיר, פאָרלויפיק, לאָזן אָן אַ זייט. סוביעקטיוו איז דאָס געוויס אמת. די נביאים האָבן פאַקטיש אַזוי געטראַכט און פאַקטיש יענץ באַוווסטזיין געהאַט אין זיך. די פראַגע וועגן דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט פון זייער באַוווסטזיין איז נישט קיין היסטאָרישע פראַגע, זי איז אויך בכלל נישט קיין פראַגע פון פּינקטלעכן וויסן. מיר קאָנען נאָר זאָגן: אין גרויסע שטונדן פון הייליקער באַגייסטערונג האָבן די מענער לעבעדיק געשפּירט די גאָטהייט און זי געפילט ווי אַ מאַכט, וואָס פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מענטשן. אָט די גרויסע איבערלעבונג, וואָס אין לעצטן גרונט אירן איז זי דער סוד פון דער רעליגיעזער נשמה בנוגע צו איר גאָט, מאַכט זיי פאַר נביאים און פאַר דינער פון זייער גאָטהייט. ווער ס׳איז בכלל אימשטאַנד צו אָנען די שפּורן פון אַ לעבעדיקן גאָט אין דער וועלט, ווער ס׳איז אימשטאַנד צו גלויבן, אַז גאָט ווירקט אין מענטשנס לעבן און געשעען, דער וועט זיך אַנדערש פאַרהאַלטן דערצו, וואָס יענע מענער האָבן אין זיך געשפּירט, איידער די אַנדערע, וועמען אַלע אַזוינע ערשיינונגען זיינען לחלוטין אומבאַקאַנט.

נאָך די באַשטימטע רייד, וועלכע שטייען גענוג דייטלעך אין ליכט פון דער געשיכטע פון די נביאים, און נאָך אייניקע אַנאַלאָגיעס ביי אַנדערע פעלקער, מעגן מיר זיך דערלויבן צו טאָן נאָך אַ טריט ווייטער און זיך מאַכן אַ בילד פון יענעם אינעווייניקסטן איבערלעבן, וואָס האָט געשאַפן דאָס דערמאָנטע באַוווסטזיין.

שוין אויסער יידן געפינען מיר פאַלן, וואָס ווייזן אונז געוויסע פערזאָנען, וואָס טיילן זיך אויס פון דער מאסע ווי אייגנאַרטיקע דער-

שיינונגען, ווי אַ באַזונדער מין מענטשן, געפינען זיך פון צייט צו צייט, אין אויסטערלישע צושטאַנדן, און בעת די דאָזיקע צושטאַנדן מאַכן זיי אייגנטימלעכע ערפאַרונגען, פאַרנעמען אייגנטימלעכע אמתן. ס׳רוב לעבן זיי איבער אַזעלכע צושטאַנדן בעתן גאָט-דינען, אָדער בעת אַ פרומען געבעט אָדער אַנדערש ווען, ווו אַ שטאַרקער רעליגיעזער עקסטאַז פאַר-כאַפּט דאָס גאַנצע געמיטלעבן. דאַן קומען זיי אַריין אין אַזאַ צושטאַנד ווו זיי ווערן, אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, אויסגעטאָן פון דער גאַנצער אויסנוועלט, אָבער בעת מעשה ווערט זייער גייסטיק לעבן אַזוי ווייט קאָנצענטרירט און אָנגעשטרענגט, אַז זיי ווערן פעיק תופס צו זיין אַזוי-נע אָנרעגונגען, וואָס אַ מענטש, ביי אַ נאָרמאַלן וואַכן צושטאַנד, קאָן זיי בשום אופן נישט תופס זיין. זיי זעען דאַן בילדער, הערן שטימען און ווערטער, ווו ס׳זענען באַהאַלטן אַזוינע זאַכן, וואָס אַ געוויינלעכער מענטש קאָן נישט באַגרייפן. זייער צושטאַנד איז אַ מין פאַרציקט זיין, אַ מין האַלבשלאָף. געלעגנטלעך קאָן מען אויך קינסטלעך, דורך שטאַר-קע אויסערע רייצונגען, קומען צו אַן אומהיימלעכער אויפרעגונג. און וואָס שטאַרקער, אָנגעשטרענגטער די אויפרעגונג איז, אַלץ שטאַרקער איז אויך די אָפּשוואַכונג, וואָס קומט נאָך דעם. אויסערלעך איז דער מענטש דאַן געגליכן צו אַ גייסטיק-קראַנקן. און ווייל דאָס גאַנצע אַלטערטום האָט אויף גייסטיקע אומנאָרמאַליטעט געקוקט ווי אויף דער השפעה פון דער גאָטהייט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מענטשן, דערפאַר דערשיינען יענע מענטשן שוין לכתחילה, ווי אַזעלכע, וואָס זייגען פון גאָט באַזעלט, נאָר אין אַ ספּעציפישן זין. זיי אַליין פאַרשטייען דאָס נישט אַנדערש, גאָר אַז אַלץ, וואָס זיי הערן, זייגען די ווערטער פון אַ גאָטהייט, און אַלץ, וואָס זיי זעען, זייגען „זעונגען”, וואָס די גאָטהייט אַליין האָט גע-שאַפן און געוויזן.

צו דעם מין זעער געהערט ב ל ע ם. אין חומש ווערט דערציילט, אַז אין משהס צייטן האָבן די יידישע שונאים אַראָפּגעבראַכט בלעמען פון אַ ווייטן לאַנד, כדי ער זאָל די יידן שילטן. אָבער קעגן זיין ווילן קומט יהוה צו אים, באַגייסטערט אים און צווינגט אים צו בענטשן, ווו ער האָט געזאָלט שילטן און העלפן די מואָבים זיי צו פאַרטרייבן. קיין ספק נישט, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך געשילדערט דאָס געשטאַלט פון אַן אַלטן זעער. און ווען אין דעם באַשטימטן פאַל זאָל זיך אַפילו די זאַך

נישט געהאַט געווען אָפּגעשפּילט פּונקט אַזוי גענוי, ווי ס'ווערט אונז דערציילט, בלייבט דאָך אין דעם געשטאַלט דער אמתער טיף פון אַזאַ זעער אין דער אַלטער צייט. זאָל מען נאָר לייענען ווי ער אַליין שילדערט זיין באַנעמען זיך און זיין אויפטרעטן:

דער שפּרוך פון בלעם דער זון פון בעור,
די שפּרוך פון דעם מאַן מיט אַ פאַרמאַכטן אויג,
די שפּרוך פון דעם, וואָס הערט גאָטס ווערטער,
פון דעם, וואָס קען דעם ראַט פונם העכסטן,
פון דעם, וואָס זעט דעם אַלמעכטיקנס געזיכט —
אַ פאַרזונקענער און מיט אַן אויפגעדעקטן אויג.

דאָ זעט מען קלאָר: דאָס אויסערע אויג איז פאַרמאַכט, אויסערלעך אַ פאַרזונקענער, ליגט דער זעער און ברענגט אַרויס זיין שפּרוך. אָבער זיין אינערלעך אויג איז אויפגעדעקט, אַזוי אַז ער זעט דעם אַלמעכטיקנס „געזיכט”, זיין אויער איז אָפן, אַזוי אַז ער הערט זיינע רייד און זיין ראַט.

ענלעכס ווערט אויך דערציילט פון מאַכמעדן. בשעת ער איז פאַרטיפט געווען אין גאָט־בעטן, האָט ער פּלוצלינג שטימען דערהערט און אַ דערשיינונג דערזען. און מיר ווייסן, אַז שפּעטער האָט דאָס אָפּט מיט אים געטראָפן, אַז זיינע חושים זיינען ווי פאַרנעפּלט געווען, גלייך ווי ער וואָלט זיין באַוווסטזיין פאַרלאָרן, נאָר בעת ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער געקאָנט דערציילן, וואָס ער האָט פאַרנומען. ווי אָפט מ'האָט אים אויך דערפאַר אַרויסגעשטעלט פאַר אַ שווינדלער, איז עס דאָך נישט ריכטיק. גיכער קאָן מען זאָגן, אַז ער איז גענייגט געווען צו „היסטערישער” קראַנקהייט. דערביי דאַרף מען אָבער נישט פאַרגעסן, אַז נערוועז־שוואַכע און קראַנקע נאַטורן מוזן נישט דווקא אָנגעהערן צו די, וואָס האָבן גייסטיק אַ נידעריקן ווערט. פאַרקערט, זיי קאָנען פעיִק זיין צו דער העכסטער גייסטיקער דערהויבונג און גייסטיקער פּרוכטבאַרקייט.

מיר האָבן נאָך אַ דריטן ביישפּיל פון אויסער־יידן, און גראָד אויף כנענישן באָדן גופא און פון אַ צייט, וועלכע איז זייער נאָנט צו דער צייט פון די פּאָלקסטימלעכע נביאים־קרייזלעך, וואָס זיינען געווען אין די טעג פון שמואל און דוד.

אין אַ עגיפּטישן פּאַפּירוס (ער הייסט: גאָלענישטשעווס פּאַפּירוס),

רעדט זיך פון איינעם, וואָס האָט געלעבט אין יאָר 1100 פ. ק. און האָט געשטאַמט פון ביבלאָס, אין סיריע, אַז בעת אַ פייערלעכן יום־טוב, האָט אים פּלוצלינג אַ געטלעכער גייסט אַרומגענומען: ער האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פאַרציקונג און אויסער זיך. בעת מעשה האָט ער ווי אַרויסגעשאָסן אַלערליי ווערטער, וואָס מ׳האָט מסתמא גע־דאַרפט אויסטייטשן ווי אַ שליחות פון גאָט, ווי דעם שפּרוך פון אָראַקל א. ד. ג.

אין די אַלע פאַלן, האָבן מיר דייטלעך דאָס גלייכעניש און אויך דעם נאַטירלעכן יסוד דערפון, וואָס מיר באַמערקן אין די יידישע נביאים אין שמואלס צייטן: צווערשט, אין דער עלטערער צייט, אין ריין פאָלקס־טימלעכע, שטאַרק נאָך פאַרמישט מיט כנעניש—פאָרמען; נאָכדעם, ביי אליהון, אויפן וועג צו שטאַרקער לייטערונג און פאַרגייסטיקונג און שוין פול מיט העכסטן רעליגיעזן און זיטלעכן אינהאַלט; און ענדלעך, ביי די גרויסע קלאַסיקער פון דער נבואה, ביי די אַזויגערופענע געהייליקטע (קאַנאָניזירטע) נביאים, ווערט די פאַרגייסטיקונג אַלץ העכער און שטאַר־קער, ביז מיר קומען צו נביאים ווי הושע, ישעיה און ירמיה, ווו די נבואה דערגרייכט איר העכסטע מדרגה, און דאָס פאַסיווע זעלנלעבן גייט איבער אין קלאָרער פולבאַוווסטער אַקטיוויקייט.

אָבער אפילו אויף דער העכסטער מדרגה איז אויך געווי קלאָר צו באַמערקן די קרובהשאַפט פון דער נבואה מיט יענע נישט־יידישע דערשיינונגען און אויך איר צוזאַמענהאַנג מיטן דערמאָנטן נאַטור־יסוד אין איר. דאָס באַווייזט קלאָר, אַז אפילו די העכסטע רעליגיעזע איבער־לעבונגען און דערפאַרונגען, קניפּן דאָך שטענדיק אָן אָן נאַטירלעכע, אונז בכלל ב אַ ק אַ נ ט ע געשיכטלעכע און פסיכישע דערשיינונגען און באַדינגונגען. ס׳איז נישט נויטיק, אַז זיי זאָלן דערין אינגאַנצן צעשווימען, אָבער כדי געשיכטלעך און פסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך צו זיין, טאָרן אין זיי יענע עלעמענטן נישט פעלן.

אַזוי דאַרפן מיר זיך פאָרשטעלן יענע סצענעס, ווו די מענער זיינען פון גאָט גערופן געוואָרן נביאים צו זיין. מערערע נביאים באַ־שרייבן אונז דעם פאַקט זייער בולט. זיי מאָלן אונז, ווי אַזוי אין זיי האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן דאָס באַוווסטזיין, אַז גאָט אַליין איז נאָנט צו זיי און זיינע ווערטער לייגט ער אַריין זיי אין מויל אַריין. ישעיה

(קאפ. ו׳) שטייט אָדער זיצט אַמאָל אין פאָדער-הויף פון בית-המקדש, פאַרטיפט אין פרומע געדאַנקען. איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ער שוין דערוויטערט פון דער אויסערער ערדישער סביבה, און גייסטיק געפינט ער זיך אינעם הימלישן היכליקטום. מיטן גייסטיקן אויג, וואָס ער האָט איצט אָפן, זעט ער פאַר זיך אַנשטאָט דעם ערדישן בית-המקדש און מזבח — דעם הימלשן, אַנשטאָט דעם מגושמדיקן פייער אויפן מזבח, אַרום וועלכן דער כהן גייט אום, זעט ער הימלש פייער, וואָס מלאכים גייען אום אַרום דעם. און אַנשטאָט דעם, וואָס אויף גאָטס טראָן אויף דער ערד, אויפן אָרון, זיינען געווען בלויז גאָטס פאָרטרעטער, די כרובים, זעט ער דאָ גאָט אַליין, ווי ער זיצט אויף זיין טראָן אין זיין לאַנגן הערשער-מאַנטל, הימלשע גייסטער שוועבן אַרום אים און רופן אויס: קדוש, קדוש, קדוש. באַלד הערט ער גאָט אַליין רעדן צו אים און אים באַשטימען צו דער נבואה. צוריק אויפגעוואַכט — איז ער אַ נביא. פון איצט אָן חזרן זיך אין זיין לעבן איבער אַזוינע אָדער ענלעכע איבערלעבונגען, וואָס גיבן אים דאָס רעכט צו זאָגן, אַז זיינע ווערטער און זיינע רעדעס געהערן יהוה. נאָר יהוה האָט זיי אים געשענקט. ענלעכס איז פאָרגעקומען מיט עמוס, ירמיה און יחזקאל, און מסתמא אויך מיט אַלע אַנדערע.

דאָס זיינען אויך נישט בלויז קיין פאָרמען, קיין רעדנסאַרטן אָדער אַ דיכטעריש און שריפטשטעלעריש פאַרמאַסקירן דעם געדאַנק, אַז ישעיה אָדער די אַנדערע האָבן מיט אַמאָל אָנגענומען דעם באַשלוס נביאים צו ווערן. זייער אָפט האָט מען זיך דאָס אויפקומען פון נביאים אַזוי פאָרגעשטעלט, און מ׳האָט געמיינט: דאָ האָבן מיר עס צו טאָן בלויז מיט מליצה, אָדער מיט אַ שפּעטערדיקער, לעגענדאַרישער באַפּוצונג, אָדער אַ רייכע פאַנטאַזיע האָט עס אַזוי אויסגעשפינט דעם מאָמענט, ווען יענע מענטשן זיינען געקומען צו דעם גרויסן באַשלוס, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג פאַר זייער אינעווייניקסטער נייגונג און גאַנצן לעבנס-גאַנג.

דאָס אַלץ האָט אָבער קיין שום האַפט נישט. אין עצם האַנדלט זיך דאָ וועגן ווירקלעכע איבערלעבונגען און נישט אַנדערש. נאַטירלעך זיינען דאָ פאַראַן אָנקניפּונגען, וואָס בילדן דעם פּסיכאָלאָגישן יסוד פאַר אַזעלכע געשעענישן און איבערלעבונגען. זיי

ליגן אי אין דעם אײגנאַרטיקן נאַטירלעכן „גרייט-זיין", אי אין אַלע זײַנע באַזונדערע איבערלעבונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט. זייער נשמה, איידער זי לעבט איבער אַזעלכע סצענעס, איז אויך נישט קיין „אומבאַשרײַבענער בלאַט פּאַפּיר". דער געדאַנק וועגן דער גאָטהייט, דאָס פּועלן ביי זיך צו ווערן אַ באַזונדערער דינער אירער, האָט זיי שוין מסתמא פון לאַנג אָן אָנגערעגט, אויפגערעגט און באַגייסטערט. אָבער אין איין באַשטימטן מאָמענט דערגרייכט די אָנשטרענגונג פונם געמיטלעבן צו איר העכסטער מדרגה, זיי הויבן זיך אָן פילן אין דירעקטער נאָנטקייט צו גאָט, הערן זיין שטים און באַקומען אַזוינע איינדריקן, וואָס באַשטימען דאָס גאַנצע צוקונפטיקעווירקן זייערס.

ווי ווייט די נביאים נאָך שמואלן — ווי ס'איז אָנגענומען צו מיינען בנוגע משהן און שמואלן, — זײַנען נישט געווען אָפּהענגיק פון יענע ספּעציפישע צושטאַנדן, פון וועלכע מיר האָבן גערעדט; ווי ווייט זיי האָבן נישט נויטיק געהאַט דאָס פּאַסיווע זעלנלעבן, נאָר שטענדיק האָבן זיי זיך געפילט נאָנט צו גאָט און שטענדיק אויפגענומען זייערע איינדריקן, — דאָס איז פון זייערע ספרים, ווי ווייט זיי האָבן זיי פאַרפאַסט, נישט גענוג קלאָר. וואַרשיינלעך איז דאָס. אָבער אַזוי פיל איז דייטלעך — און דאָס איז פאַר אונז דער עיקר — אַז בעת זייער רעדן איז זייער גייסט פולשטענדיק קלאָר און וואַך, און דערציילן זיי אונז פון זייערע איבערלעבונגען אין אַ גוט באַאַרבעטער אָפּט קונסטפולער רעדע, פאַרשווינדט לחלוטין ביים צוהערער אָדער לעזער יעדער געדאַנק וועגן דעם, אַז דער נביא האָט זיך פריער געפונען אין איינצלנע דעמערונגס-צושטאַנדן. אין אמתן וואָלט מען אַ שווערן טעות געהאַט, ווען מען וואָלט די נביאים געוואָלט פאַרשטיין אויסשליסלעך ווי מענטשן פון גרויסן עקסטאַז. זיי זײַנען איניינעם דערמיט אויך מענער פון קלאָרן איינזען — און אָפּט, מער ווי די מלוכה-אָנפירער פון זייער צייט.

די סובּיעקטיווע וואָרהאַפטיקייט פון יענע שילדערונגען, ווו די ספּעציפישע איבערלעבונגען זייערע ווערן געשילדערט, שטייט — נאָך דעם, וואָס מיר האָבן דאָ פריער געזאָגט — אויסער יעדן צווייפל. ווילן מיר וויסן, וואָס מ'קאָן מיט צווייפללאָזער זיכערקייט פעסטשטעלן ווי אַ פּועל יוצא פון גענויער היסטאָרישער פאָרשונג — אויסטיילנדיק די פראַגן וועגן דעם אָביעקטיוון אמת און ווירקלעכקייט

פון יענע ערשיינונגען — דאַן פרעגן מיר זיך: ווען ס'איז אפילו אמת, אַז זיי אַליין האָבן זיך געפילט גלייך ווי גאָט אַליין האָט זיי באַשטימט צו זייער אַרבעט און אַז זיי געפינען זיך אין שטענדיקער באַרירונג מיט אים — צי איז שוין אָבער איינעם דערמיט אויך אמת, אַז גאָט אַליין האָט גערעדט פון זיי אַרויס? און ענטפערן: אויב גאָט קאָן נישט זיין קיין געגנשטאַנד פונם געוויסן, צווייגעגנדן וויסן, נאָר אַ געגנשטאַנד פון פערזענלעכן דורכלעבן און זיטלעכן באַצוווּנגען־זיין, — די זיכערקייט פון דעם לעצטן איז נישט שוואַכער פון דעם ערשטן, — דאַן איז אויך זיין ווירקן אין איינצלנע פאַלן גאַנץ נאַטירלעך.

זאָל דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנט ווערן דאָס, וואָס עס איז שוין פריער אויסגעפאָרשט געוועזן בנוגע דעם דאָזיקן געדאַנק, ווייל דאָס געהערט אַהער אויך. צום פריער געזאָגטן זאָל דאָ נאָר נאָך איינס צוגעגעבן ווערן. נעמלעך: מיר ווייסן, אַז יעזוס איז געוועזן טיף איינגעלעבט אין די שריפטן פון די נביאים. ווי ווייט יענע שטאָפן פון רעליגיעזע דערפאַרונגען, וואָס האָבן אַממייסטן געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון זיין זעלבלעבן, לאָזן זיך אויספאָרשן, איז צו זען, אַז קיין שום שטאָף פון יענע האָט נישט געהאַט אויף אים קיין באַדייטנדערע ווירקונג, ווי די שריפטן פון די נביאים. ער ווערט נישט מיד זיי צו דערמאָנען אין זיינע רעדעס. און אַז ס'קומט אים אויס אַ געשריבן וואָרט פאַרצולייענען און אויסצוטייטשן פאַר אַ פאַרזאַמלטער געמיינדע — איז דאָס אַ טעקסט פון נביאים, וועלכן ער קאָן אַנדערש נישט אויסטייטשן ווי: „היינט איז דאָס וואָרט פון דער שריפט מקוים געוואָרן פאַר אייערע אויערן" (לוקא 4, 19).

און וואָס איז דער אינהאַלט פון יענעם טעקסט? אַ נביא פון דעם אַלטן פאָלק ישראל (ישעיהו כא, א') זאָגט וועגן זיך:

„גאָטס גייסט איז איבער מיר געקומען
... איך זאָל דעם געפאַנגענעם אָנזאָגן גאולה".

יעזוס אַליין זאָגט אַלזאָ וועגן איינעם פון די אַלטע, אַז ער איז פול מיט גאָטס־גייסט, און דערום, ווי מחמת דעם אינהאַלט פון זיין בשורה, זעט ער אין אים אַ פאָרבילד, אין זיינע רייד — אַ נביאות אויף זיך. ער דערקלערט, אַז ער אַליין געהערט אויך צו יענעם מין מענטשן — ס'הייסט נישט, אַז ער מיינט, דאָס ער איז נישט מער ווי אַ נביא, ס'הייסט נאָר, אַז דאָס, וואָס יענער איז, איז ער אויך. יענע

מענטשן, ביי וועמען דאָס באַוווסטזיין פון יעזוס איז חשובער ווי דאָס באַוווסטזיין פון אַנדערע מענטשן, אפילו די גענייאַלסטע צווישן זיי, וועלן דאָך נאָכדעם, וואָס יעזוס אליין האָט געזאָגט וועגן יענע מענער, דער־שפירן אין זיי גייסט פון זיין גייסט.

דאָס דרייצנטע קאַפּיטל

די האָפנונג פונם פאָלק ישראל

1\. איר אינהאַלט. די אידעע וועגן משיחן. מיר האָבן שוין פריער געהערט, אַז בעת די נביאים האָבן נביאות געזאָגט אויפן אונטערגאַנג פון דער נאַציע, האָבן זיי נישט געמיינט דערמיט שוין דאָס לעצטע וואָרט צו זאָגן. וואָרים איז זייער גאָט אויך דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט, דער גאָט פון דער זיטלעכער הייליקייט און פון דער הייליקער ליבע, און, איינענעם דערמיט, דער גאָט און פאָטער פונם פאָלק ישראל, וועלכער האָט זיין פאָלק — און דורכדעם אויך שוין ד גאַנצע וועלט — באַשטימט צו גרויסע זאַכן, מוז דאָס אַלץ מקוים ווערן דאַן מוז ער אויך שוין געפינען די מיטלען און די וועגן, ווי אַזוי פונם פאָלק—נישט געקוקט אויפן חורבן פון דער מלוכה און פון דער נאַציע—צו מאַכן דאָס, וואָס עס האָט געזאָלט ווערן, און דורכדעם שענקען דער וועלט דאָס, וואָס פאַר איר איז באַשטימט געווען.

אז די נביאים, אַלס די גייסטיקע פירער און רעליגיעזע לערער פון זייער פאָלק, טראַכטן אַזוי — נישט געקוקט אויף אַלץ, וואָס שיינט אַנטקעגן דעם צו שטיין, אויף להכעיס אַלע קרעפטן און שטערונגען פון דער געגנוואַרט,—און אַז זיי מוזן דערויף לייגן זייער האָפנונג, דאָס ליגט שוין אין זייער פאַרהאַלטן צו יהוה. מיט אַ געוויסער נויטווענדיקייט נעמט זיך דאָס קודם כל פונם עצם באַגריף גלויבן, וועלכן זיי פאַרטיידיקן, און פריער פון אַלע אַנדערע — ישעיה.

פאַר אים איז דער גלויבן — די צוזאַמענפאַסונג פון אַלץ, וואָס ער האָט געקענט פון רעליגיעז־גרויסן און דערהויבענעם, דערהויפּט פון רעליגיעזן אידעאַליזם; אין צייטן פון דער גרעסטער געפאַר און שטערונגען, ווען

אַלע אַנדערע, פאָלק און קעניג, פאַרלירן, דאַכט זיך, דעם באָדן פון אונטער זייערע פיס — דעמאָלט שטעלט ער זיך אויפן גלויבן און אומבאַדינגטן בטחון אָן גאָט, און שרייט צו דעם קעניג און דעם פאָלק: „גלויבט איר נישט, דאַן בלייבט איר נישט!" (ישעיה ז. פסוק ט׳). ס׳איז דאָ נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז דאָס דערמאָנטע וואָרט איז געזאָגט געוואָרן אין אַ צייט, ווען די פאָליטישע לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. דערמיט ווייזט ישעיה, אַז אפילו אויף פאָליטישע אָנגעלעגנהייטן קוקט ער אויך קודם כל פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט. וואָרים זיין פאַרהאַלטן־זיך צו דער פאָליטיק פון זיין צייט איז אַזאַ, אַז אויב מ׳זאָל טיפער באַטראַכטן דעם מהות פון אַלע זאַכן, דעמאָלט קאָן מען אויך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די ריין־רעליגיעזע באַטראַכטונג ד. ה. גאָטס ווילן, זיין באַשלוס און די זיטלעכע קרעפטן און אָרדנונגען אין דער וועלט. און אָט די פאַקטאָרן: גאָט און די גרויסע זיטלעכע אָרדנונגען שטעלט ער דערום אין מיטלפונקט פון זיינע געדאַנקען וועגן דער געגנווארט און צוקונפט פון זיין פאָלק.

פאַר ישעיהן שטאַמט דערפון די זיכערקייט, אַז גאָט וועט פאַרווירקלעכן זיין הייליקן ווילן און וועט דורכפירן די זיטלעכע וועלט־אָרדנונג און פאַרשפרייטן די אמתע גאָטדערקענטעניש, צי מיט דער הילף פון די מענטשן אָדער קעגן זיי. און ווייל גאָט האָט שוין איינמאָל אויסגעוועלט פאַר זיך דאָס פאָלק ישראל, אים אַרויסגעוויזן גרויסע חסדים פאַר זיין וויינגאָרטן באַשטימט (ישעיה ה. פסוק א׳ און ווייטער), — איז עס ממילא אויך זיכער, אַז הגם אויסערלעך קאָן ער דאָס לאָזן אונטערגיין, קאָן ער אבער נישט צולאָזן, אַז דאָס פאָלק זאָל אויף לאַנג ווערן צושאַנד. וואָרים יהוה האָט שוין איינמאָל „אַ גרונדשטיין געלייגט אין ציון, אַ טייערן ווינקלשטיין אין אַ פעסטער גרינדונג" (ישעיה כ״ח פסוק טז). און זאָל אַפילו דאָס פאָלק ישראל פון דער געגנוואַרט נישט מסוגל זיין יהוהס באַשלוס דורכצופירן, וועט דערפון ליידן נאָר דער אויסערער באַשטאַנד פון דער נאַציע, אָבער נישט גאָטס באַשלוס. דעמאָלט מוז דאָס פאָלק ג י י ס ט י ק באַנייט ווערן — און זאָל אַפילו דאָס פאָלק מוזן דערביי אַריבערטראָגן די גרעסטע ליידן, אָדער זאָל אַפילו דערביי זיין גאַנצע מלוכה מוזן אונטערגיין, — אָנשטאָט דעם אַלטן מוז אויפשטיין אַ נייער דור פאַר דער צוקונפט, וואָס איז ווירדיקער דורכצופירן די־

גרויסע אויפגאַבן, ווי דער דור פון דער געגנוואַרט.

דערמיט האָבן מיר שוין פאַר זיך דעם געדאַנק וועגן משיח, וואָרים דער נייער דור וועט אינערלעך זיין צייטיקער ווי דער אַלטער. און דאָס פאָלק ישראל וועט באַנייט ווערן אין גייסט און זיטלעכער ריינקייט, גאָטדערקענטעניש און פרידן. און דאָס פאָלק וועט פאַרטרעטן זיין, געפירט און צוגעפירט ווערן צו דער גרויסער אויפגאַבע, דורך אַ פערזאָן, לויט גאָטס ווונטש: „אויף דער פערזאָן וועט רוען יהוהס גייסט, דער גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנד, דער גייסט פון עצה און גבורה, דער גייסט פון דערקענטעניש און גאָטספאָרכטיקייט" (ישעיה יא׳ פסוק ב׳). דערמיט איז ישעיה געוואָרן דער שאַפער פונם משיח-געדאַנק אין אַ באַשטימטן זין.

ס׳איז איבעריק צו באַווייזן, אַז מיט דער דערמאָנטער געשטאַלט איז ישעיה נישט אויסן געווען די באַשטימטע געשיכטלעכע פערזאָן: יעזוס קריסטוס, דאָס האָט די קריסטלעכע קירך שפּעטער, נאָך אין אַלטערטום, דעם געבראַכטן פסוק אַזוי אויסגעטייטשט. ס׳איז אָבער אָנצונעמען, אַז לאַנג נאָך פאַר ישעיהן האט אין יידנטום, און אפשר אויך אין אַנדערע פעלקער, געלעבט די האָפנונג אויף אַ ליכטיקן צושטאַנד אין דער צוקונפט. אָט דעם גליקלעכן צוקונפטיקן צושטאַנד האָט מען אַלץ מער און מער פאַרבונדן מיט דער „דינאַסטיע" פון דוד המלך. אָט די האָפנונג האָט עס ישעיה צונויפגעפלאָכטן מיט זיינע אייגענע געדאַנקען וועגן דעם גלויבן, אַז גאָט בלייבט אייביק טריי זיינע פלענער, זיין פאָלק ישראל און דעם הויז פון דוד. דערפאַר איז פון דעם משיח-געדאַנק, אין ווייטערן אַלגעמיינעם זין — געגנויער: פונם געדאַנק וועגן אַ גרויסער צוקונפט פאַרן פאָלק ישראל—געוואָרן אַ ספּעציפישער משיח-געדאַנק—דאָס וואַרטן אויף אַ „זון פון דודס הויז", וואָס וועט זיצן אויף דעם יידישן טראָן, זיין אַ „געזאַלבטער" — דער אייגנטלעכער טייטש פון וואָרט: „משיח" — און וועט מציל זיין און באַנייען דאָס לעבן פון זיין פאָלק.

2. אויסלענדישע פּאַראַלעלן. נאָכדעם ווי די נייעסטע אויספאָרשונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, איז עס פאַר פילע אַ זיכערע זאַך, אַז נאָך אין פריען אַלטערטום האָט אויסערהאַלב יידן געלעבט אַ אידעע, ענלעך צו דער יידישער משיח-אידעע. אָבער די זאַך הויבט

ערשט איצט אייגנטלעך אָן קלאָר צו ווערן. וואָרים ס'האַנדלט זיך וועגן אַזוינע טעקסטן, וואָס זיינען נאָך ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און יעדן טאָג קאָנען צוקומען נייע מאַטעריאַלן. דערפאַר וועט מען דאָ מוזן זיין זייער פאָרזיכטיק און פאָרלויפיק וועט מען גוט טאָן, ווען מ'וועט זיך באַנוגענען מיט דעם נישט-אוממעגלעכן פאַקט, אַז אין אַלטן מצרים, פון צווייטן אָדער דריטן יאָרטויזנט פאַר קריסטוס, אַזוי אויך אין אַלטן בבל און אַשור, האָט מען אָן די רעגירונגען פון געוויסע מלכים אָנגעהויבן אָנקניפּן גרויסע כמעט איבערנאַטירלעכע האָפנונגען.

אָבער אַ באַזונדערע פאָרזיכטיקייט איז נויטיק בנוגע דער מיינונג, אַז דאָס געשטאַלט פון קריסטוס גופא און די יידישע „האָפנונג אויף משיחן" בכלל זיינען שוין פריער געווען אין מצרים און אין בבל.*) און פאַקטיש האָט מען אָנגענומען, אַז הן די סכעמע פון די משיחישע נביאים בכלל, הן פיל איינצלנע פרטים האָבן יידן פון דאָרט אַ ר י ב ע ר ג ע ב ו מ ע ן. איז מען געניער חוקר ודורש דאָס מאַטעריאַל, דאַן באַווייזט זיך, אַז גיכער איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט דערוויזן ק י י ן א י י נ צ י ק עווירקלעכע נבואה אויף אַ משיח אָדער אַ גואל אין ביבלישן זין. צו דער אויבנדערמאָנטער מיינונג קאָן מען קומען נאָר דורכדעם, וואָס מען נעמט די ב י ב ל י ש ע משיח-פאָרשטעלונג און מ'טייטשט זי מוטוויליק אַריין אין יענע אומבאַשטימטע אויסדריקן.

וואָס אָנבאַלאַנגט ב ב ל, פאַרמאָגן מיר אַלנפאלס הימנען, ד. ה. לויב-געזאַנגען לכבוד דעם גאָט מרדוך, ווו ער ווערט געלויבט ווי דער גאָט פון זעליקייט און אויסלייזונג. אָבער דאָס אייגענע קאָן מען דאָך זאָגן וועגן יעדן גוטן גאָט. אין ערגעץ רעדט זיך דאָרט אָבער נישט דערפון, אַז ער זאָל ברענגען אַ נייע ערא, אינם ביבלישן זין, אַ נייע צייט, כדי זיינע פיינט צו דערנידעריקן און יעדן אומגליק, יעדע זינד און אומגערעכטיקייט צו פאַרטיליקן. נאָך וויניקער איז דאָרט די רייד פון אַ קעניגלעכן גאָטס-זון, פון אַ גאָטס-זון אויף דעם קעניגס טראָן, דורך וועלכן

*) דערהויפּט מוז איך האַלטן פאַר אַ בייזוויליקייט, ווען מען רעדט זיך אָפּ, — ווי ס'איז די לעצטע צייט דער שטייגער — פון אַ מצרישן „מלך-המשיח". דערפון קאָן נאָר ארויסקומען אַ פּלאָנטעריניש.

כוואַרט איינגעפּירטט אַ נייע לוכה פון שלום און זעליקייט. גיכער באַגרענעצט מען זיך דאָרט דערמיט, וואָס אויף איינצלנע מלכים, ווי: גווידאַ, אַסורנאַסירפּאַל, אַסורבאַניפּאַל א. אַ. קוקט מען ווי אויף „גאָטס זין״. שטענדיק מיינט מען אָבער דערמיט דעם קעניג פון דער געגנוואַרט און זיין רעגירונג אין *דעם* אויגנבליק, אָבער נישט קיין הערשער פון דעם משיחשן „אַחרית הימים״. דאָס זיינען נישט קיין געשטאַלטן פון די קומענדיקע, ווייט שפּעטערדיקע צייטן — ווי ס'איז אַמבעסטן צו זען פונם סירישן קעניגס נאָמען בן־הדד א. וו., וואָס ווערט אויך געבראַכט אינם דערמאָנטן זין — נאָר צייטלעכע, געשיכטלעכע מענטשן פון דער געגנוואַרט, וואָס אויף זייערע רעגירונגען האָט מען געלייגט גרויסע האָפנונגען, מעגלעך, אַז דערין, וואָס מ'האָט פון זיי דערוואַרט, זיינען פאַרוועבט געוועזן אייניקע שטריכן, וועלכע מען האָט אַריבערגענומען פון אַן אַלטער אַנונג וועגן דעם, אַז די גאָלדענע צייט פון „ששת ימי בראשית״ און פון לעבן אין גן־עדן וועט זיך נאָך אַמאָל ווידער אומקערן. מען ערוואַרט דאָס אָבער דורכויס נאָר פונם *איצטיקן*, געגנוואַרטיקן קעניג. פון קיין „אַחרית הימים״, פון קיין ווייטער צוקונפט און דערפון, אַז דער פאַרלאָרענער גן עדן וועט זיך צוריק אומקערן, ווי אין ישעיה י״א, איז ווידער טאַקע נישט—יעדנפאַלס: *זיכער* נישט — די רייד.

אָבער אַפילו דאָרט, וואו ס'ווערט שוין יאָ גערעדט פון אַ קומענדיקער זעליקייט, ווי אין דער בבלישער אָמענליטראַטור, מיינט מען די קומענדיקע צייט *אין נאַטירלעכן פאַרלויף פון די יאָרן* און צייטן, אָבער נישט קיין ווייטע צוקונפטס־צייטן, וואָס וועלן קומען נאָך גרויסע ערשיטערונגען און וועלט־קאַטאַסטראָפעס. נאָך ווייניקער איז דאָרט צו געפינען די האָפענונג, אַז יענער, וואָס וועט ברענגען די זעליקייט, וועט אויך ברענגען דאָס ליכט פון גנאָד און רעכט און גערעכטיקייט פאַר אַלע פעלקער אויף אייביקע צייטן — ווי ביי ישעיה דעם צווייטן; אָדער גאָר, אַז גאָטס הערשאַפט וועט אויסלייזן דעם מענטשן נישט בלויז פון אומגליק, נאָר אויך פון זינד (ירמיה כ״ג ה׳; ישעיה י״א, ט׳; יחזקאל ל״ו, כ״ו) און שוין גאָר לחלוטין ווייסט נישט די בבלשע האָפנונג פונם ליידן און שטאַרבן פון גאָטס קנעכט צו גונסטן און ווי אַ כפּרה פאַר די זינד פון אַנדערע (ישעיה נ״ג, פסוק ה׳). און הערן מיר יאָ אַמאָל רעדן פון אַ גאָט, וואָס האַלט ביים שטאַרבן (תמוז־אדוניס),

געשעט דאָס אין אַ נאַטור־מיטאָס, און העכסטנס זאָגט דערביי דער קעניג זײַנע תּשובֿה־פּסאַלמען. אָט דער מנהג באַווייזט, דאַכט מיר, נאָר, אַז די טויטן־יום־טובֿים פֿאַר דעם גאָט האָבן אַרויפֿגעבראַכט אויף ערנסטע געדאַנקען.

לויט דעם אַלעם ווערט אַלץ וואַרשיינלעכער, אַז אויפֿן בבֿלשן געביט האָט די ערשטע פֿרייד מיט די אַנטדעקטע אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלן געבראַכט צו אַזוינע ווייטלויפֿיקע אויספֿירונגען, וואָס אַ ניכטערע באַטראַכטונג קאָן דאָס נישט דערלויבן. דאָס אייגענע, ווייזט אויס, איז אויך מיטן עגיפּטישן אַלטערטום און מיט די דאָרטיקע פּאַראַלעלן.

גראָד דאָ האָט מען די לעצטע צייט געוואָלט אַנטדעקן אַ באַזונדערס דייטלעכע,ווירקלעכע משיח־דערוואַרטונג. אַ צייט לאַנג האָט מען געגלייבט אָן געוויסע טעקסטן פֿון דער צייט צווישן 2000 און 1800 פֿאַר קריסטוס, און פֿון דער צייט קרובֿ צו 1300 פֿאַר קריסטוס. דאָרט האָט מען געזען גענוי די אייגענע סכעמע ווי אין דער נבֿואה פֿון תּנך: עס וועט קומען אַ צייט פֿון שווערע אומגליקן און אומגערעכטיקייט, מ׳וועט זי אָבער בייקומען דורך אַ גערעכטן הערשער, וועמען די גאַטהייט וועט ליב האָבן און די פֿעלקער וועלן אונטערטעניק ווערן.

אַ גענויערע אויספֿאָרשונג האָט אָבער געוויזן, אַז גראָד יענע הבֿטחות לאָזן זיך נישט אַרויסגעפֿינען. גיכער ווייזט אויס, אַז אין איין פֿאַל איז נאָר געשילדערט אַ קאַטאַסטראָפֿע, וואָס דאַרף קומען אין אַ גאַנץ באַשטימטער צייט, און דער „הירט פֿאַר אַלע", איז ווייזט אויס, נישט קיין אַנדערער, ווי דער גאָט (רע) אַליין. דאָ ווערט אַלזאָ נישט געזאָגט קיין גוטע נבֿיאות פֿאַרן קעניג, נאָר מ׳שילדערט דאָס בילד פֿונם גאָט רע, ווי דאָס מוסטער־בילד פֿון אַ פֿירשט. אין אַן אַנדער פֿאַל (אין דעם אַזוי־גערופֿענעם: „גאָלאַנישטשעווס פּאַפּירוס", פֿון יאָר 1900), האַנדלט עס זיך אויסשליסלעך וועגן אַ נבֿיאות לטובֿת אַ באַשטימטן קעניג פֿון יענער צייט, אַמענעמעט דעם I. וועגן אים ווערן אַלענפֿאַלס גרויסע און אויסערגעוויינלעכע נבֿיאות געזאָגט — דורך איינעם פֿון זײַנע הויף נבֿיאים): פֿריער אומגליק, איצט גליק און מזל־ברכה*).

---

*) דאָ שטייט געשריבן: „די מענטשן, אין דער צייט פֿון אַ מאַנס אַ זון („מאַנס זון" באַטייט געבוירן פֿון אַדעל. דאָ איז מען אויסן דעם פּרעה אַמענעמעט דעם ערשטן)

דער וויכטיקסטער חילוק צווישן דעם — און דער נבואה אין תנך איז דאָ אוי׳ דער, וואָס דאָ האָט מען אין זינען נאָר דעם נאַציאָנאַלן ערפאָלג, נישט מער. אונז פעלט אַלזאָ דער עיקר: דאָס אויסשפרייטן די נאַציאָנאַלע דערוואַרטונג אויף אַלע פעלקער און פון איר זאָל ווערן אַן אוניווערסאַלע האָפנונג; צווייטנס, דאָס אומגליק זאָל פאָרויסגעזאָגט ווערן ווי אַ שטראָף פאַר עבֿרות; דריטנס, דער צוקונפט־קעניג צום „סוף פון די צייטן"; פירטנס, גאָטס קעניגרייך און דער גרויסער, געטלעכער, זיטלעך־רעליגיעזער פלאַן.

בלייבט נאָך נאָר די אַלגעמיינע מעגלעכקייט פון אַ האָפנונג אויף זעליקייט (די גאָלדענע צייט און אפשר אויך דער גן עדן) און דאָס אַריינציען דעם איצטיקן קעניג אין דער דערוואַרטונג. אָבער אויך דאָס ווי געזאָגט, נאָר ווי אַ מעגליכקייט. סוף כל סוף קאָן זיין, אַז אָט די אַלגעמיינע געדאַנקען, — צי פון מצרים איבערגענומען, אָדער זעלבסטשטענדיק אַנטוויקלט, דאָס מעג מען לאָזן אָן אַ זייט — זיינען אויך אין אַלטן כנען באַקאַנט געווען און אויך אין פאָלק ישראל, נאָך גאָר אין די אַלטע צייטן. אָבער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט זעלבסטשטענדיק געמאַכט דערפון, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. דאָס ווירקלעכע דערוואַרטן דעם גואל, און דער מלך המשיח פון „אחרית הימים" דאָס איז אויסשליסלעך יידיש אייגנטום — על כל פנים ביז איצט.

3. איר עלטער און געשיכטלעכע אַנטוויקלונג.

עס איז נישט שווער איינצוזען, אַז ווען די השערות, וועלכע מיר האָבן ערשט אָפּגעוואָרפן, זאָלן זיך לאָזן באַווייזן, וואָלטן זיי געוויס

ווערלן זיך פּרוּוון זיין נאָמען אויף אייביק און אייביק צו פאַרפלאַנצן — ווייל זיי זיינען ווייט פון אומגליק... דער אמת וועט ווידער זיין אָרט געפינען, דער ליגן אַרויסגעטריבן... די עלענדע וועט מען גליקלעך מאַכן..." און אויך דער פּאַפּירוס פון וועסטקאַר, וועלכער דערציילט אין אַ מערכן וועגן די קינדער פון אַ פּריסטערין פונעם זונען־גאָט, וועלכע מ'האָט געהאַלטן פאַר די קינדער פונעם גאָט גופא, און פאַר זיי איז באַשטימט געווען די הערשאַפט איבערן לאַנד, לאָזט זיך פאַרגלייכן מיט דער משיח־אידעע נאָר דערמיט, וואָס דאָס אָנרופן דעם קעניג: „גאָטס־זון", וואָס מיר געפינען אין תנך, שטיצט זיך, מסתמא, אויף אַן עגיפּטישן מנהג. דאָס איבעריקע איז דאָרט נישט מער ווי אַ פאַרענטפערן דאָס אויפקומען פון אַ נייער דינאַסטיע אין מצרים.

געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ביבלישער קבלה בנוגע דער הויכער עלטער פון אַזוינע און ענלעכע געדאַנקען ביי יידן. עס מוז אָבער אויסדריקלעך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַפילו, ווען יענע אויסלענדישע דערוואַרטונגען זאָלן זיך לאָזן דערווייזן ווי אַ פאַקט — נישט אין דעם זין ווי מ׳נעמט דאָס איצט אָן צומאָל — שטייט דאָך די הויכע עלטער פון דער ביבלישער האָפנונג געגנוג פעסט. גראָד קעגן דער עלטער פון די ביבלישע צוקונפטס־ערוואַרטונגען האָט מען די לעצטע צייט באַזונדערס שטאַרק געשטריטן. מ׳האָט געמיינט, אַז מ׳קאָן וואַרשיינלעך מאַכן, אַז די טיילן פון ישעיה, וואו ס׳רעדט זיך וועגן משיחס צייט זיינען אַלע ערשט שפעטער, פון אַ יונגערער האַנד, אַהין צוגעקומען, און אַז די יידישע צוקונפטס־דערוואַרטונגען בכלל זיינען נישט מער ווי אַן איינבילדונג פון אַ באַציע, וואָס פאַלט אָדער ליגט שוין מיטן פנים צו דער ערד געבויגן. ערשט דער חורבן פון דער מלוכה — זייער אָפט נעמט מען אַזוי אָן די לעצטע צייט — האָט געבוירן ביי יידן דעם געדאַנק וועגן זייער נייעם אויפלעבן; ערשט דער אונטערגאַנג פונם קעניגרייך האָט ביי זיי אַרויסגערופן דעם געדאַנק וועגן אַ גליקלעכער ווידעראויפבויונג. אין הסכם דערמיט ווערט ליידער אויך איצט נאָך פון אייניקע געלערנטע פאַרטיידיקט די מיינונג, אַז ערשט אין גלות בעת יידן האָבן מער שוין נישט פאַרמאָגט דאָס ממשותדיקע קעניגרייך, איז אויסגעוואַקסן די האָפנונג אויף אַ צוקונפטיקן נייעם קעניגרייך.]

אָט די מיינונג קאָן איך האַלטן נאָר פאַר אַ שווערן טעות. וואָרום נאָר, אַזוי צו זאָגן, איבערגעוואַלט קאָן מען די פסוקים אין תנך אַזוי אויסטייטשן, גלייך ווי זיי וואָלטן אַלע, אָדער ס׳רוב — געשטאַמט ערשט פון אַ שפעטערער צייט. געוויסע באַגריפן, וועלכע געהערן אָן צום אַלגעמיינעם געביט פון די צוקונפטס־דערוואַרטונגען — ווי „דער הייליקער רעשט״, „גאָטס טאָג״ און אַנדערע, — איז ווו זיי קומען אין תנך צום ערשטן מאָל, לאָזן זיי זיך גאָר אַנדערש נישט פאַרשטיין נאָר אַזוי, אַז אי פאַר די נביאים, אי פאַר די צוהערער זיינען זיי געווען נישט קיין נייע, נאָר שוין לאַנג באַקאַנטע באַגריפן.

מיר זעען אַלזאָ, אַז אין די עלטסטע שריפטן פון תנך, און פון אַלטע און עלטסטע צייטן אָן, געפינען מיר רמזים אויף אַזעלכע דערוואַרטונגען — זאָל אפילו זיין אין זייערע אַלגעמיינע שטריכן . דערפאַר

איז ווי לאַנג ס'וועלן נישט אויפקומען קיין באַזונדערע וויכטיקע טעמים קעגן אונזער מיינונג, האָבן מיר קיין שום סיבות נישט צו צווייפלען אָן איר ריכטיקייט.

עס איז אפילו נישט געזאָגט, אַז די דערוואַרטונג אויף אַ גליקלעכער צוקונפט איז אויפגעקומען ערשט אין דעם פּונקט אין דער געשיכטע, ווען מיר באַגעגענען זי צום ערשטן מאָל אין דער ליטעראַטור. אַז מיר געפינען, למשל, וועגן נח'ן דאָס מערקווירדיקע — און אין זיין איצטיקן צוזאַמענהאַנג — טונקעלע וואָרט, וואָס קלינגט אַזוי באַפרידיגנד: „ער וועט די מענטשן טרייסטן פון זייער שווערער מי, וואָס די ערדאַרבעט האָט זיי באַשערט*)" (בראשית ה' פסוק כ"ח), איז עס כּלל נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דערציילונג איז אַמאָל געבויט געווען אויף יענעם אַלטן וואַרטן אויף אַ דערלייזער. און אויב אַזוי, מוז דאָך די דערוואַרטונג פיל עלטער זיין, ווי די היינטיקע דערציילונג. אויך דערין וואָס אייניקע שופטים ווערן אָנגערופן: „רעטער", „אויסלייזער" א. ד. ג., ווילן אַנדערע זען אַ רמז אויף דער משיח-האָפנונג. אָבער שוין צוליב דעם פּשוטן טייטש פון יענע העברעישע ווערטער, מוז איך דאָס האַלטן פאַר זייער אומזיכער.

און דאָך מוזן מיר זיך האַלטן אָן די ליטעראַרישע דענקמעלער און אָן דער רייע, ווי זיי זיינען היסטאָריש אויפגעקומען נאָכאַנאַנדער פון דאַנען אויס געזען, מוז מען בלעמס ברכות אָננעמען פאַר די עלטסטע צייגנישן פון דער אַרט. יעדנפאַלס געהערן זיי צו דער פריסטער מלכים-צייט. גענויער: שאולס צייטן אָדער די ערשטע יאָרן פון דודס הערשאַפט. וואָרום דער נ-צחון, וואָס שאול האָט אָפּגעהאַלטן איבער אַגג (דעם מלך פון עמלק), איז נאָך לעבעדיק געווען אין זיכּרון, און דודס גרעסערע נצחונות האָבן אים נאָך נישט געקאָנט אויסמעקן. דער הויפּטפּונקט פון בלעמס ברכות באַשטייט אין זיין נביאות זאָגן וועגן דעם, וואָס אַ שטערן וועט אויפטרעטן פון יעקב און אַ קעניגליכע רוט פון ישראל. וואָס וועט באַזיגן אַלע פיינט און געגנער פון דעם פאָלק ישראל. ס'איז קלאָר, אַז דאָ באַגעגנען מיר שוין די דערוואַרטונג אויף אַ רעטער. עס איז אַפילו מעגלעך, אַז דערביי זאָל מען דאָס אין זינען האָבן דודן

*) עס שיינט אייגנטלעך, אַז דאָס בייט אויפן אַנטדעקן דאָס וויין-מאַכן...

וואָס זיין נאָמען איז דעמאָלט אַלץ מער און מער הויך געשטיגן. נאָר אויב אַזוי, דאַן איז נאָר געמאָלט מיט די פאַרבן, וואָס מ'האָט גענומען פון יענער, אַלגעמיינער דערוואַרטונג אויף אַ דערלייזער.

נאָך בלעמס נביאות קומען, דער צייט נאָך, יעקבס ברכות, גענויער יענער טייל פון די ברכות, וואָס איז שייך צו יהודה. ער שטאַמט פון דער צייט, ווען דוד האָט זיינע ערשטע גרויסע ניצחונות אָפּגעהאַלטן. איך מעג, דוכט זיך, אָננעמען, אַז דער נוסח, אין וועלכן דעם שבט יהודה ווערט צוגעזאָגט גליק און ניצחון, איז אַלעמען באַקאַנט. איך באַנוגן זיך דערום נאָר מיט אָנווייזן דערויף, וואָס אויך דאָ באַגעגענען מיר אַ וויטן קוק, ווייט איבער דער נאָענטער צוקונפט ביז צו די „לעצטע צייטן", און ווי אין בלעמס נבואה, האָבן מיר דאָ ווידער אַן אָנצוהערן אויף יענעם העלד פון דער יידישער צוקונפט.

ביי בלעמען הייסט דאָס:

„איך זע אים, אָבער נישט איצט,
איך קוק אויף אים, נאָר נישט פון דער נאָנט.
עס טרעט אַרויס אַ שטערן פון יעקב
און אַ מלכות-רוט קומט-אויף פון ישראל..."

און ביי יהודהן (בראשית, קאַפּ. מ"ט פסוק י'):

די מלכות-רוט זאָל נישט אָפּגעטאָן ווערן פון יהודה.
און נישט דער הערשער-שטאַב פון זיינע פיס.
ביז ס'וועט קומען יענער, פאַר וועמען ער איז באַשטימט
און וועמען ס'געהערט די געהאָרכזאַמקייט פון די פעלקער."

יענער, וועמען דער הערשער-שטאַב (אָדער די הערשאַפט) איז באַשטימט, אָדער געהערט — אַזוי מוז יענער שווערער טעקסט איבערגעזעצט און אויסגעטייטשט ווערן — איז נישט קיין אַנדערער ווי „דער שטערן פון יעקב" ביי בלעמען. און אים דאַרף מען אפשר פאַרשטיין: ווי אַ זון פון אַ שטערן, ווי אַ הימלשן מענטשן (פאַרגלייך דאָס מיט „בר-כוכבא" דעם פאַלשן משיח אין די צייטן פון אַדריאַנוס). עס דאַרף דאָ אויך אונטערשטריכן ווערן דער סודות-פולער כאַראַקטער פון די אויסדריקן: „איך זע אים"; ביז „יענער" קומט. אַזוינע רעדנסאַרטן לאָזן זיך אייגנטלעך נאָר דאַן פאַרשטיין, אויב דער מאַן פון דער צוקונפט איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַקאַנטע געשטאַלט.

האָבן מיר עס דאָ צו טון מיט די פאָלקסמעסיקע דערוואַרטונגען אין די צייטן פון שאול און אין אָנהייב פון דודס צייטן — הגם אין עצם וואַקסן זיי פון האָפנונגען און נביאות פון גאָר דער אַלטער פאַר־גאַנגענהייט —, האָבן זיי אָבער אין פאַרלויף פון דודס צייט אָנגענומען — צוערשט אין יהודה — אַ פיל העכערן פלוג. האָט די האָפנונג עקזיסטירט, און, ווי ס'ווייזט אויס, שוין פון אורצייטן אָן, דאַן איז עס זייער נאַטיר־לעך, אַז זי זאָל זיך באַנוצן מיט דער לייכטנדיקער געשטאַלט פונם גרויסן דוד.

און נתן הנביא האָט באמת די דאָזיקע האָפנונג אַריבערגעטראָגן אויף דודן און אויף זיין דינאַסטיע. דאָס דריקט זיך ווייניקסטנס אויס דערין, אַז דער דינאַסטיע ווערט צוגעזאָגט אַ לאַנגיעריקע הערשאַפט און אַז יהוה וועט זיך פאַרהאַלטן צו דודס יורשים ווי אַ פאָטער פאַרהאַלט זיך צו אַ זון. (שמואל ב', ז' פסוקים י"ב—ט"ז).

אמת, פונם געדאַנק וועגן אַ דורות־לאַנגער הערשאַפט פון דודס הויז איז נאָך נישט אַזוי קלאָר געדרונגען, אַז דער קומענדיקער אויס־לייזער וועט זיין דודס אַ זון און אַ מלך פון דודס דינאַסטיע. אָבער דורכדעם, וואָס דודס דינאַסטיע באַקומט דעם ערנאָמען — אין מצרים איז פאַר די עגיפּטישע מלכים לאַנג שוין געלויפיג געווען דער נאָמען — גאָטס זון, ווערן די בײדע געדאַנקען, וועגן מ ש י ח ן און אַז ער וועט זיין בן דוד, געשטעלט האַרט איינער נעבן אַנדערן.

דאָ איז דער פונקט, פון וואַנען אויס עס האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן די מעסיאַנישע (משיחשע) האָפנונג אין ענגערן זין, דאָס וואַרטן אויף אַ מלך פון דודס הויז, וועלכער וועט באַנייען די דינאַסטיע און דעם כבוד פונם פאָלק ישראל, און אינאיינעם דערמיט וועט ער אויך זיין דער קעניג און דער האַר פון גערעכטיקייט און פרידן. און האָט ביי יידן גע־לעבט די האָפנונג אויף אַ רעטער „צום סוף פון די צייטן" און אויף אַ גרויסן מלך, און דערצו דער גלויבן אָן דער אייביקער עקזיסטענץ פון דודס הויז, דאַן איז נאָך נייטיק געווען נאָר דער געדאַנק — אַז יענער רעטער, דער גרויסער קעניג, וועט שטאַמען פון דוד... און נאָך אַ טריט ווייטער: אַריבערטראָגן די גאַנצע ערשיינונג פונם פאָלקסטימלעך־נאַטיר־לעכן געביט אין דער זיטלעכער ספערע, — און די מעסיאַנישע אידעע איז

געשאַפן. אַז אָט דעם לעצטן וויכטיקן שריט האָבן יידן געמאַכט, ווייסן מיר שוין.

אָבער דער שריט איז נישט געמאַכט געוואָרן, ביז וואַנען אין וויכטיקסטן פונקט, — נעמלעך: בנוגע דעם איבערטראַגן דעם גאַנצן ענין אין געביט פון זיטלעכע אידעען, — איז דער באָדן דערצו נישט געווען צוגעגרייט. דער יהוויסטישער דערציילער (¹), וואָס זיין בוך געהערט אומגעפער צו דער צייט פון אליהו הנביא, האָט אונז אין דעם בוך זיינעם אויפגעהיט אַ באַקאַנט וואָרט פון דער אור-צייט, וואָס ווערט זייער אָפט דערמאָנט.

דער שלאַנג, וועלכע האָט אָנגערעדט צו זינד, און דעם ווייב, וואָס האָט זיך געלאָזט אָנרעדן, האָט גאָט געזאָגט:

און אַ פיינטשאַפט וועל איך טון צווישן דיר און דעם ווייב,
צווישן דיין זאָמען און צווישן איר זאָמען,
ער קאָן דיר דעם קאָפּ צושמעטערן
און דו קאָנסט אים זיין טראָט צובייסן.

אָט דאָס וואָרט האָט מען שפּעטער — מיט רעכט און מיט אומרעכט אָנגערופן: „דאָס ערשטע עוואַנגעליום“, אָדער דאָס פאָרבילד פון עוואַנגעליום. צוערשט איז דאָ אַרויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז צווישן דעם מענטשן און דעם יצר הרע, דעם בייזן גופא באַשטייט אַן אייביקער קאַמף אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דאָס איז דער געוואַלדיקער זיטלעכער קאַמף, וואָס נעמט דורך די גאַנצע וועלט-געשיכטע, ווי די לעבנס-געשיכטע פון יעדן איינצלנעם מענטשן. קיינער פון די קעמפער גייט נישט אַרויס פון אים אומגעשעדיקט; די אַנטוויקלונג פון יעדן מענטשן-לעבן גייט דורך דאָס זיטלעכע פאַלן, די זיטלעכע ירידה. דער קאַמף איז אָבער נישט אַ שטענדיק ראַנגלען זיך און אָן אַ סוף: דער סוף איז דער טויט פון דער שלאַנג — איר קאָפּ ווערט צושמעטערט — און דורכדעם דער ניצחון פונם מענטשן.

און ריכטיק פאַרשטאַנען, איז דאָ די רייד נישט וועגן דעם איינצלנעם מענטשן, נאָר פון דער מענטשהייט. און פרעגט מען זיך: ווי אַזוי און דורך וועמען אַן ערך וועט יענער זיטלעכער קאַמף געבראַכט ווערן צום ניצחון? דאַן בלייבט אַלץ נאָר נאָך די איינציקע תשובה, וואָס האָט אויך אין אַלטערטום געגאָלטן, נעמלעך: אַז ווען עס

איז וועלן זיך אין דער מענטשהייט באַווייזן אַזוינע יחידים, אָדער אַ יחיד, וואָס דורך זייערע מעשים, אין נאָמען פון דער מענטשהייט און פון אירעטוועגן, וועט דער ניצחון דערגרייכט ווערן. דער געדאַנק וועגן אַ גואל אין דער צוקונפט איז דערמיט נאָכאַמאָל, על כל פנים זייער גאָענט, אָנגערירט און אינאיינעם דערמיט אויך אויפן זיטלעכן געביט אַריבערגעטראָגן.

איצט האָבן מיר דעם שפּרוך (וועגן שלאַנג און דעם ווייב) אין יהויסטישן בוך. אָבער פון דעם, וואָס עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, ווייסן מיר, אַז אין דעם בוך זיינען אַריינגענומען אַלערליי מאַטעריאַלן און, צום טייל, אויך רעכטאַלטע. דערהויפּט אָבער האָט זיך פריער שוין אַרויסגעוויזן, אַז גראָד די געשיכטע וועגן אדם אין גן-עדן און וועגן אדם הראשונס חטא, איז וואַרשיינלעך מערערע מאָל באַאַרבעט און איבערגעאַרבעט געוואָרן. דערום איז, דערמיט וואָס מיר באַשטימען, אַז דאָס יהויסטישע בוך שטאַמט פון דער צייט פון אליהו הנביא, האָבן מיר נאָך גאָר נישט געזאָגט וועגן דעם, ווי אַלט אַזאַ שפּרוך, ווי דער וועגן וועלכן מיר רעדן, קאָן זיין. ער קאָן פיל-פיל עלטער זיין ווי דאָס בוך און אויף אַזאַ אופן, פאַקטיש זיין „דאָס ערשטע עוואַנגעליום".

וועגן דעם ווי אַזוי ישעיה און אַנדערע נביאים-שרייבער, האָבן די דאָזיקע האָפנונג ווייטער אַנטוויקלט, איז נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן ביז איצט געהערט, נישטאָ מער פיל צו זאָגן. גענוג צו דערמאָנען די שיינע בילדער פון דעם הערשער אין דער נייער וועלט-מלוכה, וואָס ישעיה מאָלט אין אייניקע באַרימטע שטעלן פון זיין בוך (דערהויפּט: ט׳ פּסוק א׳ און ו׳.; קאַפּ. י״א פּסוק א׳ און ו׳.). זיין מלוכה איז דערום די מלוכה פון גערעכטיקייט און פרידן; ער אַליין איז אַ מלך פון שלום, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט יהוהס גייסט. נאָכדעם ווי ער וועט אויסראָטן אַלע גאָטלאָזע, וועט ער מיט יהוהס כוח אַראָפּברענגען די גאָלדענע צייט אין דער פאָרם פון אַ זיטלעך געגרינדעטער גאָטס-הערשאַפט.

אַזוי אַרום האָט דער משיח-געדאַנק, אין עצם, דערגרייכט יענע געשטאַלט, אין וועלכער ער האָט אין יידנטום ווייטער געלעבט, דערהויפּט פון דער צייט פון די מכבים אָן: אַ מלכות בית דוד, וואָס שיצט גלענצנד און מיט גרויס ניצחון די שוואַכע און אונטערדריקטע און וואַרפט

אָן אַן אימה אויף די גאָטלאָזע און אויף די אונטערדריקער. דערפון אין שוין ממילא אַרויסגעקומען: אַז וואָס מער דאָס פאָלק ישראל פילט דעם דרוק פון זיינע פרעמדע הערשער, אַלץ שטאַרקער און בולטער טרעטן אַרויס אין בילד פון משיח די שטריכן פונם גלענצנדן זיגער.

הוספה

פון די שמועסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָך די פאָרטראַגן

I פון דעם שמועס וועגן ערשטן חלק, קאַפּיטל 1.

1. פ ר אַ ג ע: בעת מ׳באַהאַנדלט אין דער לערערוועלט די פראַגע וועגן רעליגיע־אונטעררעכט, איז אָפט דערפון די רייד געווען, אַז די ביבלישע געשיכטעס וועגן דער בריאה און אדם הראשונס חטא דאַרפן באַהאַנדלט ווערן ווי „ה יי ל י ק ע ז אַ ג ן״ פונם פאָלק ישראל. דורך דעם צוזאַץ: „הייליק״ זיינען זיי אָפּגעשיידט געוואָרן פון די זאַגן פון אַנדערע פעלקער. דער פאָרטראַג ווייזט אויס, באַשטעטיקט די מיינונג. צי וואָלט זיך דער ה׳ פאָרטרעגער נישט אַרויסגעזאָגט נאָך עטוואָס גענויער וועגן דעם?

ע נ ט פ ע ר: איך מיין, אַז די פראַגע איז נוגע נישט בלויז דער ריכטיקייט אָדער־אומריכטיקייט פון דעם אויסדרוק, נאָר דעם כאַראַקטער פון די דערציילונגען בכלל: צי זענען זיי געשיכטלעך, צי זאַגנהאַפטיק? קעגן דעם אויסדרוק „הייליקע זאַגן״ בנוגע די דערמאָנטע דערציילונגען, ווען ער זאָל אין אַלע פרטים, ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן, איז נישטאָ פיל איינצוווענדן. ס׳רוב ווערט ער אָבער שלעכט פאַרשטאַנען. דעם נאָמען „זאַגע״, „לעגענדע״, „מיטאָס״, א. ד. ג. פאַרשטייט מען אָפט, ווי אַ היפוך פון ג ע ש י כ ט ע, ווי אַ נישט־אמתע דערציילונג. די זאַגע פאַרבינדט מען אָפט מיט דער מעשה (אגדה), וואָס שטאַמט בלויז פון דער פרייער פאַנטאַזיע, און כמעט קיינמאָל מאַכט מען נישט קיין באַמערקבאַרן חילוק צווישן זיי ביידע. ביידע גילטן אָפט ווי „דיכטונגען״, ווי דיכטערשע

אויסגעטראַכטע שאַפונגען. אין פאָרטראַג איז געגוג מאָל איבערגעחזרט געוואָרן, אַז עלעמענטן פון זאַגע, אין דעם דערמאָנטן זינען, זיינען אויך פאַראַן אין יענע דערציילונגען. אָבער די געשיכטעס גופא אָנצורופן זאַגן פון דער אַרט, דיכטערישע ערפינדונגען, ווען אפילו רעליגיעזע (ד. ה. פון גרעסערער ווערדע פאַר אונז, ווייל רעליגיעז און זיטליך ווערטפולער), לאָזט זיך לויט מיין מיינונג, דאָך נישט.

שטרענג גענומען, פאַרשטייט מען מיטן וואָרט זאַגן דאָס, וואָס אַ פאָלק האָט „צו זינגען און צו זאָגן", זיינע געשיכטעס און קבלות פון יענער צייט און פון יענע קרייזן, וואָס זיינען ווייט געווען פון שרייבן און דערום האָבן זיי זיך באַנוצט מיטן מינדלעכן רעדן, זינגען און זאָגן. קודם כל איז די זאַגע, לויט איר מהות, בשום אופן נישט דווקא אומגעשיכטלעך. זי קאָן זייער גוט דערציילן פון געשיכטלעכע פערזאָנען און געשיכטלעכע געשעענישן. עס ליגט שוין אָבער אין כאַראַקטער פון דער זאַך, אַז ווייל זי איז דערהויפט פאָלקסטימלעך און מינדלעך איבערגעגעבן, קאָן זי נישט זיין געשיכטלעך אין שטרענגסטן זינען. איר געשיכטלעכן קערן האָבן מיר נאָך ערשט צו זוכן און אַרויסצוגעפינען. פון דער אַרט זיינען אויך אַנדערע געשיכטעס וועגן די אבות, שופטים א. ד. ג. פון דער אַרט איז אויך דער עצם פונם סיפור־המעשה וועגן מבול און איינצעלנע עלעמענטן פון אַנדערע אור־געשיכטעס.

וויל מען אָבער אונטערן וואָרט „זאַגן" פאַרשטיין דעם אינהאַלט דערפון, וואָס איז איינמאָל אין פאָלק מינדלעך דערציילט, „געזאָגט" געוואָרן, דאַן קאָנען, נאַטירלעך אַהער געהערן אויך די יידישע אור־געשיכטעס וועגן דער בריאה, גן־עדן און אדם־הראשונס חטא, אין זייער מינדלעכער אור־געשטאַלט. אין דער אורגעשטאַלט זייערער,—וואָס מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן נאָר דורכדעם, וואָס מיר לערנען זי אָפּ פון זייער איצטיקער געשטאַלט—געפינען זיך געוויס פאָלקסטימלעכע שטריכן. אָבער אַזוי, ווי מיר האָבן זיי איצט, אין חומש, בראשית (א—ג), קאָן מען זיי צורעכענען צו זאַגן נאָר אין זייער אַ באַדינגטן און באַשרענקטן זינען. דערפאַר וואָלט איך דעם דערמאָנטן אויסדרוק בעסער אויסגעמיטן. וואָרום יענע געשיכטעס זינען אַ רעזולטאַט פון טיפן און רייכן נאָכדענקען. פיל גיכער ווי זאַגן, קאָן מען זיי אָנרופן צוריק־קוקענדיקע נבואות. אָדער, כדי פשוטער און פאַרשטענדלעכער זיך אויס-

צודריקן, וואָלט איך געראַטן אַזוי אַן ערך זיך אויסצודריקן: זיי אַנטהאַלט אין זיך דאָס, וואָס ק ל ו ג ע און ה יי ל י ק ע אָדער פרומע מ ע נ ע ר אין פאָלק ישראל האָבן ג ע ל ע ר נ ט וועגן די דאָזיקע זאַכן.

דאָרט ווו דער פאַרפאַסער פון די קאַפּיטלעך ב׳ און ג׳, דער יהויסט — ווי איך וועל שפּעטער ווייזן — דריקט־אויס זייַנע טיפסטע געדאַנקען, איז ער ווייניקער ווי אַלץ אַ פאָלקסטימלעכער זאַגן־דערציילער. גיכער איז ער דאַן דער פילאָזאָף, וואָס די העכסטע פראַגן און פּראָבלעמען, וועלכע באַשעפטיקן דעם מענשלעכן גייסט, לאָזן אים נישט רוען. ער איז דער רעליגיעזער און עטישער לערנער פון זיין פאָלק, וועלכער האָט טיפער, ווי ס׳רוב מענטשן פאַר אים, אַרייַנגעקוקט אין די לעצטע טיפענישן פונם מענטשנס נשמה און אויך אינם סאַמע תוך פונם מהות פון דער גאָטהייט און איר טון. דאָס אייגענע קאָן מען אויך זאָגן וועגן דעם פאַרפאַסער פונם ערשטן קאַפּיטל אין בראשית. ווייניקער ווי אַלץ איז ער אַ זאַגן־דערציילער אין געוויינלעכן זינען. אויך ער איז אַ טיפדענקענדיקער וועלט־חכם, אַ רעליגיעזער און וויסנשאַפטלעכער זשעני פון ערשטן ראַנג. רופן מיר אַן נביא — דעם מענטשן, וואָס מאַכט פאַר אונז דעם מהות פון דער געטלעכקייט און איר לעבן נענטער און באַגרייפלעכער, ווי ער איז אונז פריער געווען; רופן מיר אַן ג ע ט ל ע כ ע אַ נ ט פ ל ע ק ו נ ג דאָס געשעעניש, דורך וועלכן געטלעך־לעבן ווערט אונז דורך טאַט נאָענט געמאַכט — דאַן זייַנען יענע ביידע לערער פון דער מענטשהייט, פאַר זייער צייט, געווען אמתע נביאים פון גאָט און פאַרמיטלער פון דער געטלעכער אַנטפלעקונג. און די דערציילונגען, וואָס מיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען, זייַנען נישט בלויז הייליקע זאַגן. וואָרום הגם וו ע ר ט ל ע ך זייַנען זיי נישט געשיכטלעך און זייַנען אויך נישט פריי פון פּאָעטישע שטריכן, זייַנען זיי דאָך אייביק אמתע, נביאישע אַנטפלעקונגען.

איך, פון מייַן זייַט, מיין דערום, אַז ס׳איז גאַנץ דערלאָזבאַר דאָס פאַר שילער, וועלכע זייַנען בכלל אימשטאַנד דעם ענין תופס צו זיין — דאָס איז דאָך דער תנאי! — זאָל מען גאַנץ אָפן זאָגן: דאָ האָבן מיר נישט צו טאָן מיט געשיכטע אין שטרענגן זינען, יעדנפאַלס: נישט אין אַלע פרטים, נאָר מיט הייליקע א מ ת ז, הייליקע דערפאַר — ווייל דאָס

האָט אונז גאָט געשענקט די געדאַנקען פון אַ גוטן געטלעכן מאַן וועגן די אַלע זאַכן*).

איצט וועגן דעם „אַלגעמיינעם כאַראַקטער" פון די דערציילונגען וואָס כ'האָב דערמאָנט אין מיין פאָרטראַג. בנוגע זייער שטרענגער געשיכטלעכקייט קאָן איך יוצא זיין נאָר מיט אַ פּאָר ביישפּילן. אויב אין תּנך גופא געפינען מיר וועגן איין זאַך צווייערליי דערציילונגען — ווי למשל, וועגן מבול, וועגן די אָבות, אָדער וועגן בריאת העולם —, און דער חילוק צווישן איינער און דער אַנדערער איז כּלל נישט בלויז אין אומוויכטיקע פּרטים—וועגן וואָס מיר וועלן נאָך שפּעטער אויספירלעך רעדן —, איז דערפון מיט נויטווענדיגקייט געדרונגען, אַז פון די צווייערליי דערציילונגען קאָן העכסטנס נאָר איינע זיין גענוי אורקונדיק אין שטרענגסטן זינען. דערפון איז אָבער ווייטער געדרונגען, אַז על כּל פּנים די צווייטע, אַלזאָ איינע פון די ביידע, קאָן נישט זיין שטרענג געשיכטלעך.

און ווען מיר געפינען אויסערן תּנך פּאַראַלעלן צו די דערציילונגען פון תּנך, און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז בלויז אין פּרטים אונטערשיידן זיך די פּאַראַלעלן פון אַנאַנדער, איז דערפון נאָך אַמאָל געדרונגען, אַז איינע אָדער די אַנדערע פון זיי, איז נישט שטרענג אורקונדיק. קאָן מען אַפילו געניגט זיין אין אַלע אַזוינע פאַלן אָפּגעבן די בכורה דעם תּנך. אָבער לא די, וואָס מיר האָבן נישט קיין צווינגענדיקע ראיה דערצו, קומט צו דער פאַקט, וואָס אויך אין תּנך קאָנען זיך געפינען — ווי מיר האָבן ערשט געזאָגט — נישט געשיכטלעכע דערציילונגען, וואָס עס דאַרף אונז דערמאָנען, מיר זאָלן פאָרזיכטיק זיין.

שוין צוליב די דאָזיקע מאָטיוון איז עס בעסער נישט צו פאָדערן קיין אורקונדיקע געשיכטלעכקייט. אָבער פון די דערציילונגען גופא קומען אונז צו נאָך ווייטערע מאָטיוון. ווער איז דען דער עדות, וואָס איז

---

*) קעגן דער דאָזיקער אויספאָרשונג האָט מען איינגעווענדט: דער באַגריף „היילִיקע אמתן" שטימט נישט מיט דעם זין, וואָס איך לייג אַריין אין אים. וואָרום דאָס וואָרט „אמתן" קאָן ברייננ אַרומנעמען אַזוינע געשעענישן, וואָס זיינען אַלגעמיין־געשיכטלעך. אָבער וועגן אַזעלכע געשעענישן האַנדלט זיך עס דאָך טאַקע. ס'האַנדלט זיך נאָר נישט וועגן שטרענג געשיכטלעכע, וועגן געשיכטלעכע אין אַלע פּרטים. ווײַבאַלד מיר זאָגן זיך בפירוש אָפּ פון געשיכטע אין [illegible]ענבן זין, איז דאָ קיין טעות נישט מעגלעך.

דערבײַ געװען, בעת די װעלט איז באַשאַפֿן געװאָרן? קײן שום מענטש ניש! קאָן זיך דאָ אַלזאָ האַנדלען, נאָר װעגן אַ נביאישן פּאַרטיפֿן זיך אין גאָטס מעשים, װאָס דער מחבר האָט אַזױ אָדער אַנדערש דורכגעלעבט. און אױב אַזױ, האָבן זיך דאָ זײער גרינג געקאָנט פֿאַרפֿלעכטן אױך אײנצלנע פּאָעטישע שטריכן. אָדער בײם גן־עדן און אָדמס חטא: װען גאָט נעמט אַ שטיק ערד און פֿאָרעמט עס, װען די שלאַנג רעדט און יהוה אַלײן גײט אום אין גאָרטן און זוכט די מענטשן — װער װאגט עס דען נאָך דאָ צו טראַכטן פֿון שטרענגער, אורקונדיקער געשיכטע, אַנשטאָט צו זען די הױכע בילדער־שפּראַך, דערהױבענע פּאָעזיע פֿול מיט דער העכסטער שײנקײט?

פֿון דער און פֿיל אַנדערע באַאָבאַכטונגען, באַקומט זיך אין דער ריכטונג פֿולקאָם זיכער דער כאַראַקטער פֿון די דערצײלונגען פֿון דער אורגעשיכטע. דאַרף מען אָבער ניש מײנען, אַז קוים לײקנט מען אָפּ זײער שטרענגע געשיכטלעכקײט, איז שױן דערמיט אַלץ אָפּגעטאָן און דער תּוך זײערער פֿון אַלע זײטן אױסגעשעפּט. פֿאַרקערט; ס'װאָלט הײסן גראָב זײ ניש פֿאַרשטײן, װען מ'װאָלט פֿון זײ געפֿאָדערט געשיכטלעכקײט. מען דאַרף אָבער ניש פֿאַרגעסן, אַז זײ האָבן נאָך פֿאַר אונז גאַנץ אַנדערע אױפֿגאַבן און אַ גאַנץ אַנדער באַדײַטונג. זײ האָבן דאָך אונז צו זאָגן אין גאַנץ אַנדערע זאכן און ניש בלױז געשיכטלעכע אײנצלהײטן װעגן צײטן און געשעענישן, װעלכע קײן שום מענטשלעכע אורקונדע דערגרײכט ניש

2. פֿראַגע. אין פֿאָרטראַג איז נאָר גאַנץ לײכט אָנגערירט די פֿאַרהעלטעניש צװישן דער תּנכישער דערצײלונג װעגן בריאת־העולם און די רעזולטאַטן פֿון דער נאַטור־װיסנשאַפֿט. צי װאָלט זיך דער ה' פֿאָרטרעגער ניש אַרױסגעזאָגט װעגן דעם אַ ביסל גענױער?

ענטפֿער. האַנדלט זיך דאָ װעגן רעזולטאַטן פֿון דער נאַטור־װיסנשאַפֿס בנוגע דעם געשאַפֿן װערן פֿון דער װעלט, פֿלאַנצן, חיות, בהמות און מענטשן — דאַן איז דאָ אפשר נײטיק צו דערמאָנען אָן די אַלגעמײנע פּרינציפּן, װעגן דעם גראַד זיכערקײט, װאָס ליגט אין געװיסע רעזולטאַטן, פֿון װעלכע מיר האָבן אין אָנהײב פֿון דעם פֿאָרטראַג גערעדט. אין אַ געװיסער מאָס זײַנען די דאָזיקע פּרינציפּן גילטיק אױך בנוגע דער נאַטור־װיסנשאַפֿט. איך נעם דאָ אָן געזיכערטע רעזולטאַטן אין שטרענגסטן

זין. טרעף איך אָן אַזעלכע, נעם איך זיי אָן אָן שום טענות. איך האַלט עס נישט פאַר מיין אויפגאַבע אַריבערצוטרעטן די גרענעצן פון מיין ווי־סענס־געביט אין אַ פרעמדן. איך נעם אָבער ווייטער אָן, אַז אויך די נאַ־טורוויסנשאַפט, און אַלע אירע דענקענדע פאַרטרעטער, האַלט עס פאַר איר אויפגאַבע — אין נאָמען פון דער נאַטורוויסנשאַפט און אַלס אי־רע „רעזולטאַטן" נישט צו ברענגען אויפן מארק קיין פילאָזאָפישע אָדער טעאָלאָגישע ד. ה. אַטעיִסטישע צי פאַנטעיִסטישע השערות, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פלפולדיקע ספעקולאַציִעס. אין דעם פאַל — ווען ביידע טיילן וועלן געדענקען זייערע גרענעצן און וועלן זיך רויִק גיין זייע־רע וועגן — וועט עס אויך ביים דערקלערן די געשיכטע פון בריאת־העולם נישט קומען צו קיין ערנסטן שטרייט צווישן דער טעאָלאָגיע און דער נאַטורוויסנשאַפט.

דערביי דאַרף עס זיין זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קוים איז די דאָזיקע דערציילונג נישט אויסן צו זיין קיין געשיכטע אין שטרענגן זין, ממילא דאַרף מען אויך אויף איר נישט קוקן און זי נישט באַהאַנדלען ווי אַ קיצור אָדער קאַטעכיזם פון נאַטורוויסנשאַפטלעכע דערקלערונגען וועגן דעם באַשאַפן די וועלט. דאָס גילט דערהויפט פון די ערשטע זעקס טעג, וועלכע מ'דאַרף נישט אויסטייטשן אין זין פון זעקס גרויסע וועלט־תקופות און אויך נישט אָפּנעמען פון זיי דעם כאַראַקטער פון קורצע טערמינען*), וואָס דינען דעם בלויזן געטלעכן רעדן, ווי שאַפונגס מיטלען, ווי יעדער טערמין באַצייכנט אַ באַזונדער אַקט פון דער געטלעכער שאַ־פונגס־טעטיקייט. דאָס וואָס דער פּראָצעס פון שאַפן די וועלט פאָדערט לאַנגע צייטן און קומט נישט צושטאַנד בלויז דורך אַ פשוטן באַפעל אין צייטן קורצע — מעג מען זיי רופן טעג אָדער שטונדן — דאָס געהערט צו די רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער נאַ־טור. דערין דאַרף מען נישט דרייען און זיך נישט דינגען, נאָר פשוט אָנערקענען — אַפילו ווי מיר האָבן פאַר זיך אַ פשוטן בעל הבית אָדער אַ שילער, אויב ער קאָן דאָס נאָר תופס זיין — אַז דאָ האָבן מיר צו טון מיט אַ פשוטן, נאָך קינדישן קוק אויף דער נאַטור פון אַ פאַר־

*) בילדלעך איז דער אויסדרוק „טאָג" זייער שיין, אָבער אמתע טעג האָבן דאָך בעקאָנט זיין ערשט א דאנק דער זון.

גאַנגענער צייט, וואָס דאַרף זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט אין אַלץ שטימען מיט אונזער היינטיקן קוק אויף דער זאַך. קורץ, ווי איך האָב דאָס שוין אין פאָרטראַג אויסגעפירט: אַז דאָס איז אַ געטלעכע שאַפונג, און די גרויסע רעליגיעז-אַנטפלעקטע אמתן וועגן דער אַרט פונם געטלעכן שאַפן די וועלט און די מענטשן — דאָס זיינען די אייביקע, און ריכטיק פאַרשטאַנען, געטלעכע עלעמענטן אין דער דערציילונג. אָבער די פּרטים פון דעם געשעען זיינען אַ צייטלעך, פאַרגענגלעך בייווערק פון מענטשלעכער וויסנשאַפט אין אַ פאַרגאַנגענער צייט.

אָבער אַפילו די וויסנשאַפט. איך האָב שוין עטלעכע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט וואָסער אַ טעות עס איז לויט מיין מיינונג, אָנצונעמען די דערציילונג אין חומש בראשית קאַפּ. א׳ ווי אַ פּשוטע לעגענדע. דער וואָס האָט אונז די דערציילונג געשענקט, איז געשטאַנען אויף דער הייך פון דער וויסנשאַפט אין זיין צייט. ער איז נישט אויסן געווען בלויז דאָס פאַרמעגן, וואָס ער האָט געהאַט בקבלה, ווייטער איבערצוגעבן, נאָר ער האָט דאָס אַריינגעגאָסן אין אַזאַ פאָרם, ווי די וויסנשאַפט אין זיין צייט האָט געפאָדערט און ווי ער האָט געפונען פאַר נייטיק, לויט די טיפע בליקן, וואָס ער אַליין אַלס גרויסער וועלט-חכם, האָט געמאַכט אין תוך פון דער וועלט. און אויב פריער האָב איך אים גערימט ווי אַ רעליגיעזן זשעני פון ערשטן ראַנג, דאַרף איך אים נאָך דאָ שילדערן ווי אַ וועלט-חכם און אַ וויסנשאַפטלעכן לערער. וואָרום לויט מיין איבערצייגונג, פאַרנעמט ער אַ חשובן פּלאַץ אויך אין דער וויסנשאַפט פון אַלע צייטן.

זעען מיר למשל, אַז דאָס ליכט האָט ער געלאָזט באַשאַפן ווערן פריער ווי אַלץ, אַפילו פריער ווי די קערפּער, וואָס גיבן דאָס ליכט, אַז די שטערן האָט ער געלאָזט צושטאַנד קומען ערשט שפּעטער אין פאַרלויף פון דער וועלט-אַנטשטייונג — ווייזט דאָס אונז, ווי נאָענט ער קומט-צו צו דער טעאָריע פון קאַנט-לאַפּלאַס, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען די הערשנדע טעאָריע וועגן בריאת העולם. דערביי דאַרף נאַטירלעך, אויף קיין פאַל נישט אָנגענומען ווערן, אַז ביידע שטימען צווישן זיך, אָדער אַז דער נאַטור-פילאָזאָף פון תנך האָט אין וועלכע ס׳אי פּרטים מקדים געווען יענע טעאָריע. ער האָט אָבער געאַנט דעם אייגענעם פּרינציפּ. און נאָך איינס: דער געדאַנק וועגן דער אַנטוויק-

לונג, וועגן דעם אויפשטייגן פון די נידעריקע ערדישע באַשעפענישן צו העכערע און צום סוף צום מענטשן — ווי צו דער קרוין פון דער בריאה, איז אים אויך שוין געלויפיק געווען — אַ געדאַנק, וועמען מיר באַגעגענען אויך, ווי געזאָגט, אין בבל, און נאָך מער: ער שטייגט אַריבער די בבלשע פּאַראַלעלע: אים איז דורכויס נישט פרעמד די פאַר־בינדונג, וואָס מ׳פאַרבינדט דעם געדאַנק מיטן געדאַנק פונם נאַטור־געזעץ און מיטן געדאַנק פון דער נאַטירלעכער פאַרבינדונג צווישן סיבה און ווירקונג. ווען ער לאָזט גאָט זאָגן: „זאָל די ערד אַרויסברענגען גראָז און געוויקס״, ווייזט ער דערמיט, אַז אים איז נישט אומבאַקאַנט דער פאַקט, וואָס אין דער נאַטור גופא געפינען זיך די קרעפטן, וואָס ווירקן זיך אויס לויט אַ געוויסער געזעצמעסיקייט. דערביי אָבער ווייזט ער אויך, אַז שאַפונג און אַנטוויקלונג, נאַטורגעזעץ און גאָטס ווילן זייַנען פאַר אים נישט קיין היפוכים, קיין קעגנזאַצן, נאָר אַז גאָט אַליין האָט אַרייַנגעלייגט אין דער נאַטור די קרעפטן, וואָס האָבן זיך, לויט זייערע אייגענע געזעצן, ווייטער צו אַנטוויקלען. ווי נאָענט אים איז געווען דער געדאַנק וועגן דער פאַרבינדונג צווישן נאַטורגעזעץ און גאָטס ווילן, ווייזט ער באַזונדערס קלאָר דאָרט, ווו ס׳האַנדלט זיך וועגן דעם אויפ־קומען פון די העכערע באַשעפענישן: „זאָל דאָס וואַסער באַוועגט זיין פון לעבעדיקע באַשעפענישן, (ד. ה. דאָס וואַסער זאָל זיי פון זיך אַרויסברענגען)... „און גאָט האָט געשאַפן גרויסע ים־חיות״ (פּסוקים כ׳—כ״א), און ווייטער: „די ערד זאָל אַרויסברענגען לעבעדיקע באַשעפענישן לויט זייערע מינים... און גאָט האָט געמאַכט די חיות אויף דר׳ערד״ (פסוקים כ״ד—כ״ה). נאָר דאָס באַשאַפן דעם מענטשן לאָזט גאָט איבער אויסשליסלעך פאַר זיך.

דער פּרינציפּ איז דאָ פולקאָם קלאָר. דער געניאַלער לערער פונם וועלט־דערקענען און פונם רעליגיעזן דערקענען פאַרבינדט ביידע. ער האָט גאַנץ גוט געזען דאָס אייגענע וועבן און דאָס געזעצמעסיקע זעלבסט־לעבן אין דער נאַטור: דאָס וואַסער און די ערד, קורץ — די נישט־אָרגאַנישע וועלט ברענגט אַרויס לעבעדיקס, אָרגאַנישס, פלאַנצן און חיות פון נידעריקע און הויכע מינים. אָבער ווי דער גרויסער די־בואַ־ריימאָנד האָט אין זיין צייט דערמאָנט אָן די „גרענעצן פון דערקענען די נאַטור״, ווי ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם תהום, וואָס ליגט צווישן

־עם באַלעבטן און אומבאַוווסטן, און קיין וויסנשאַפט איז נישט אים־שטאַנד צו לייגן אַ בריק איבער דעם תהום: דאָס אייגענע טויט, אויף זיין שטייגער, אונזער וועלט־חכם. הגם די אומבאַלעבטע נאַטור ליפערט אַלע מאָל פון זיך אויס די עלעמענטן און באַדינגונגען, וואָס זי האָט נייטיק פאַר איר אויפקומען און אַנטוויקלונג, — בלייבט אים דאָך דער סוד פונם לעבן אַ וווּנדער. און דער סוד פונם לעבן פון דער מענטשלעכער פערזאָן, דער באַוווסטזיניקער און דענקנדער, דער סוד פון דעם שכל, וואָס באַשטימט זיך אַליין, בלייבט אים ווידער אַ וווּנדער פונם העכסטן שכל—גאָטס וווּנדער. דאָס זיינען אַלץ געדאַנקען, וואָס אפילו די היינטיקע וועלט־קלוגשאַפט און וויסנשאַפט האָט נאָך, ווי ווייט איך ווייס, נישט אַריבערגעשפּאַנט: די נאַטירלעכע באַדינגונגען פון לעבן און דענקען, מעג מען וואָס ווייטער אַלץ מער און מער אַנטדעקן און אויפדעקן — לעבן און דענקן גופא וועלן בלייבן אַ באַהאַלטענער כּח.

דער פאַקט, וואָס מיר איצט זעען דעם אָנהייב פון לעבן זיין אַן אַנדער פּונקט אין דעם ריי־ענגאַנג פון דער בריאה, נעמלעך אין די פלאַנצן (דער חומש רעכנט־צו פלאַנצן צו דער אומבאַלעבטער נאַטור), און נישט ערשט אין דער חיה, ענדערט קיין זאַך נישט. און אויך דאָס, וואָס דער חומש פאַרשווייגט די מיטעלע סיבות, מיט וועלכע גאָט האָט זיך באַדינט ביים שאַפן די וועלט, ענדערט נישט דעם תוך פון דער זאַך. אַ חבר אין גייסט פון דעם דערציילער, רופט זיי יאָ אָן (בראשית א' קאַפּ ב'): „גאָט האָט געפאָרמט דעם מענטשן פון ערד". די קינדערשע אַרט פאָרשטעלונגען פון יענער צייט, פון וועלכער די אורפאָרם פון דער געשיכטע שטאַמט — דער דערציילער האָט זי יעדנפאַלס געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיקע — האָט זיך דאָס געדאַכט ווערטלעך. שפּעטער האָט מען זיך דאָס גייסטיקער פאָרגעשטעלט — ווי ס'איז צו זען פון חומש בראשית קאַפּיטל א'. אָבער ווי הויך, אָדער ווי נידריק מ'זאָל זיך נישט פאָרשטעלן „אָט די געפאָרמטע ערד", פון וועלכער גאָט האָט געשאַפן דעם מענטשן; ווי נאָענט צום מענטשן מ'זאָל אויך שטעלן יענע עלעמענטן, מיט וועלכע גאָט האָט זיך באַנוצט: דער מאָמענט, בעת העכערע באַשעפענישן ווערן זיך דאָס ערשטע מאָל באַוווסט אַלס „מענטשן", ווי איך־מהותן, וועלכע באַשטימען זיך אַליין, אָט דער מאָמענט ווייזט אויף אַ מעכטיקער טאַט פון אַ באַשעפער.

אָבער ווי הויך מיר זאָלן אויך שעצן אין די דערציילער פון בראשית א—ג, זייער וויסנשאַפטלעכן, פילאָזאָפישן און רעליגיעזן זשעני, איז עס נאָך נישט אַלץ. פאַר אונז — און אויך פאַרן יוגנט-אונטערריכט — איז וויכטיקער ווי אַלץ דער פאַקט, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט מענער, וועלכע האָבן זיך אויפן אַלערפערזענלעכסטן אופן פאַרטיפט אין מהות פון דער גאָטהייט, פון דאָרט דאָס בעסטע פון זייער דערקענטעניש געשעפט און איבערגעגעבן ד. ה. מיט *געטלעכע מענטשן*, מיט נביאים.

3. *פראַגע*: ווי קאָן מען אין דער שול אָנווענדן די אויספירונגען, וואָס זיינען דאָ ביז איצט געמאַכט געוואָרן?

ענטפער: די פראַגע איז אַ ריין פּעדאַגאָגישע. זי געהערט צו דער טעכניק פונם שול-לעבן. יאָרן-לאַנג רעליגיאָנס-לערער אין אַלע קלאַסן פון פאָלקס און העכערע שולן, פיל איך זיך דאָ דאָך נישט ווי קיין פאַכמאַן — ווייל שוין לאַנג, אַז איך בין ווייט פון דער פאָלקס-שול און ממילא אויך פונם קינדס נשמה. איך האַלט עס דערום פאַר מיין אויפגאַבע, איבערצוגעבן די זיכערע רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפט גופא און דאָס, וואָס איך אָדער אַנדערע האָבן צוליב זיכערע טעמים ארויסגעדרונגען פון זיי. אָבער הגם עס האָט נישט צום צוועק פון אונזערע פאָרטראַגן, וועט עס דאָך נישט מעגלעך זיין אויסצומיידן געוויסע פראַקטישע אויספירונגען בנוגע דעם אָנווענדן דאָס געהערטע. דערהויפט ברענגט אונז דערצו דער געגנשטאַנד, מיט וועלכן מיר באַשעפטיקן זיך דאָ.

קודם כל וואָלט איך געוואָלט פעסטשטעלן דעם *ערשטן כלל* אַז ווי יעדע פּעדאַגאָגיק, אַזוי באַזונדערס די פּעדאַגאָגיק פון רעליגיאָנס אונטערריכט פאָדערט אַ געוויסע מאָס קלוגשאַפט און טאַקט. דערום איז, ווי שטאַרק דער לערער זאָל אויך ליב האָבן דעם אמת, וועט ער זיך דאָך כסדר האָבן צו שטעלן די פראַגע, ווי ווייט די רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש פאַסן זיך פאַרן *קינדס נשמה*. עס איז דורכויס נויטיק, אַז דער לערער זאָל פאַר זיך אַליין שטעלן די אַלע פריער דערמאָנטע פראַגן, און ער מוז פאַר זיך אימשטאַנד זיין אַ באַפרידיגנדן ענטפער צו געבן אויף זיי. דערפון איז נאָך אָבער בכלל נישט געדרונגען, אַז אַלץ, וואָס באַשעפטיקט דעם לערער, מוז אויך

די קינדער באַשעפּטיקן, און אַז אַלץ, וואָס דער לערער האָט געלערנט, מוז
ר באַלד די שילער איבערגעבן. און נישט ווייל דאָ וואָלט זיך האַנד-
ען וועגן עפּעס אַ געהיימער חכמה. אָבער דער אונטעררריכט קומט דאָך
שטענדיק, כּדי קלאָר צו מאַכן די דערקענטעניש און נישט, זי צו פאַר-
פלאָנטערן. איידער דער שילער האָט דערגרייכט אַ געוויסע עלטער און
אַ געוויסע מאָס פון צייטיקייט, וועט אים נישט אינטערעסירן די פראַגע
וועגן דער געשיכטלעכקייט פון געוויסע דערציילונגען און ער וועט אויך
נישט אימשטאַנד זיין זיי תופס צו זיין. דאָ קאָן מען רויק איבערגעבן
די דערציילונג ווי זי איז. העכסטנס ווען די פראַגן ווערן דירעקט
געשטעלט, שטעלט מען זיך אויף זיי אָפּ קורץ און באַטראַכט. אָבער
אַזוינע געשיכטעס, ווי די וועגן באַשאַפן די וועלט לייגט מען אָפּ ביז אַ
העכערער עלטער.

אַלס צווייטער כּלל שיינט מיר וויכטיק, וואָס דאָס קינד און
דערהויפּט דער שילער, אפילו דער רייפער, זוכט נישט אין דער ערש-
טער ריי אינם רעליגיע-אונטעררריכט קיין חקירה און נישט קיין שכלדיקן
לימוד, נאָר רעליגיעזע באַפרידיקונג און זיטלעכע דערהייבונג. נאַטירלעך
וויל אויך דאָס וויסן און דער פאַרשטאַנד קומען צו זייער רעכט. דאָס
וויסן איז אָבער דאָ נישט קיין זעלבסטצוועק. קודם כּל איז דער אונ-
טעררריכט נישט קיין פּרווו-פעלד פאַר אַלערליי עקספּערימענטן און
אומזיכערע השערות. דערצו איז דער רעליגיע-אונטעררריכט אַ צו-ערנסטע
אָנגעלעגנהייט. גראָד דאָ דערוואַרט נישט דער שילער קיין פראַגן און
קיין פּראָבלעמען. נאָר ווו ס'דערוועקן זיך אין אים פראַגן, אָדער דורכן
אונטעררריכט ווערן פראַגן דערוועקט, דאַן ערוואַרט ער דאָ דעם ענט-
פער. די רעליגיע פאַרלאַנגט דאָס פעסטע, נישט דאָס אומזיכערע
און שוואַנקענדיקע, נישט דאָס באַדינגטע, נאָר דאָס אַבסאָלוטע, נישט דאָס
נעגאַטיווע, נאָר דאָס פּאָזיטיווע.

דערפון איז געדרונגען, אַז אַפילו פאַר רייפערע שילער קאָן גע-
שטעלט ווערן אַ פראַגע, נאָר אויב מ'קאָן דאָ אויפן אָרט געבן אויף איר
אַן ענטפער. און נאָך איינס, פון דער דערציילונג דאַרף תּמיד באַהאַנדלט ווערן
אין תּנך, דאָס, וואָס איז רעליגיעז און זיטלעך פרוכטבאַר,
אָבער די פראַגע וועגן געשיכטלעכקייט קאָן מען לאָזן פאַר איר ווי אַן
אָנגענומענע השערה.

ווי אַ דריטן כּלל וואָלט איך אויך וועלן אָנגעבן, אַז אויף אַ שטופּע, ווו מ׳קאָן, לויט אונזער מיינונג, געשיכטלעכע וכדומה פראַגן אָנרירן, אָדער אין שול געשטעלטע פראַגן באַהאַנדלען, דאָרט איז נאַטירלעך דער אמת העכער פון אַלץ. אָבער שטענדיק מוז מען זיך באַמיען אַרויסצוהייבן דעם תּנך. אויך דאָ איז דער ציל נישט די שלילה, נישט דער ניין, נאָר דער חיוב, דער יאָ, — כאָטש מ׳קאָן צו אים קומען נאָר דורך אַ שלילה. הגם דער אמת ווערט אָפן אָנערקענט אָן יעדער פאַרשלייערונג, וועט עס דאָך זיין גראָד די אויפגאַבע פונם רעליגיע־אונטערריכט, דעם בלייבנדיקן אמת און דעם רעליגיעזן פאַקט, ווי דעם תּוך, רעליגיעז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, צו באַלייכטן. און דאָס דאַרף געשען נישט אין דער פאָרם פון אַנטשולדיגונג, אָדער „רעטונג” נאָר ווי אַ זאַך, וואָס פליסט פון דער טיפסטער איבערצייגונג און איז דער נויטווענדיקסטער אויספיר פונם פאַקטישן צושטאַנד. נאָך מיין מיינונג וועט דאָ דער ערפאָלג זיין דער, וואָס, למשל, ביי דער דערציילונג וועגן באַשאַפן די וועלט ווערט דער שילער דערהויבן צו אַזאַ רעליגיעזער הייך, ווו אויסער דעם רעליגיעזן פאַקט וועגן באַשעפער און זיין פּרעכטיק געוועלטיקן, באַמערקט ער אין איר מער קיין זאַך נישט — נישט אירע הסרונות און נישט דאָס מענטשלעכע אין איר, הגם ער ווייסט דערפון... און ביי דער געשיכטע וועגן מבול שטעלט ער דעם רעליגיעז־זיטלעכן ע ר נ ס ט פון דער דערציילונג — איבער אַלע אַנדערע אירע שטריכן, ווי שיינקייט א. ד. ג. די אויפגאַבע פונם רעליגיע־לערער קאָן דערום קיינמאָל נישט באַשטיין אין דעם, אַז ער זאָל דאָס צייטלעכע און פאַרגענגלעכע אין די דערציילונגען, ווי ווייניק ער זאָל זיי אויך פאַרהילן — אַוועקשטעלן אויפן ערשטן אָרט און זיי מאַכן, אַזוי צו זאָגן, פאַר אַ זעלבסט־צוועק. דאָס רעליגיעז־און זיטלעך־ב ל ײ ב נ ד י ק ע און אייביקע מוז זיין זיין לעצטער ציל.

II פון דעם שמועס וועגן ערשטן חלק — קאַפּיטל צוויי.

פ ר אַ ג ע : תּורת משה באַציט זיך אויף דער געטלעכער אַנטפּלעקונג. דאָס אייגענע איז מיט האַמוראַפּיס געזעצגעבונג. וועלכע פון די ביידע האָט רעכט? אָדער, ווי האַלט עס בכלל דערמיט?

ע נ ט פ ע ר : עס איז נישט נייטיק צו באַווייזן, אַז תּורת משה

קומט מיט דער תביעה, אַז זי איז פון גאָט געגעבן. זי דריקט דאָס אויס אין דער פאָרם, אַז גאָט אַליין האָט משהן געגעבן די געזעצן, אָדער האָט אים זיי באַפוילן; נאָכמער, אַז מיט זיין אייגענעם פינגער האָט גאָט די צוויי לוחות געשריבן. דאָס לעצטע איז נאַטירלעך נאָר די פאָרם פון פאַרקליידן יענע תביעה. ס'איז אָבער קיין שום צווייפל נישט, אַז האַמוראַפּי קומט אויך מיט דער אייגענער תביעה: ער רעדט דערפון, „אַז כדי ריכטיק אָנצופירן מיט זיינע אונטערטאַנען, כדי אין לאַנד גליק צו שאַפן" האָט מאַרדוק אים באַפוילן צו געבן דאָס געזעץ. און ווען האַמוראַפּי זאָגט אין אָנהייב, אַז „די געטער האָבן אים באַפולמעכטיקט און ביים נאָמען אָנגערופן", גילט דאָס נישט בלויז בנוגע זיין רעגירונג, נאָר אויך בנוגע דעם געזעץ. זאָגט מען דאָך אויך — און מיט רעכט — אַז דאָס בילד אויף דעם געזעץ־שטיין באַטייט, אַז דער זונענגאָט גיט אים איבער, דיקטירט אים אָדער אַנטפּלעקט אים דאָס געזעץ

ווי האָבן מיר זיך צו פאַרהאַלטן דערצו?

קודם כל וויל איך באַמערקן, אַז דערפון, ווי אַזוי מיר וועלן זיך האָבן צו פאַרהאַלטן צו דער תביעה אָדער דעם אָנשפּרוך מצד משהן און זיינע נאָכפאָלגער, וועט אין אַן אַנדער אָרט זיין די רייד. דאָ אינטערעסירט מיך נאָר די פראַגע, צי משהס תביעה שליסט נישט אויס דעם עצם אָנשפּרוך האַמוראַפּיס? דערויף איז צו ענטפערן מיט אַ זיכערן ניין!

פאַר זיך, נישט געקוקט אויף משהן, איז עס קודם כל דורכויס פאַרשטענדלעך, וואָס האַמוראַפּי מאכט דעם אָנשפּרוך. מ'זאָל נאָר דאָ נישט אָנהייבן באַלד רעדן פון פריסטערליכן שווינדל און נישט טראַכטן באַלד פון בייזע קונצן, צו צווינגען דאָס פאָלק ס'זאָל געהאָרכן, און כדי נושא חן צו זיין ביים המון! אַזעלכע מאָטיוון לאָזן זיך דענקען און זיינען פאַר זיך מעגלעך. אָבער צו אַזאַ ווערק ווי האַמוראַפּיס קאָן מען נישט צוגיין מיט אַזאַ באַנאַלן באַטראַכטונגס־שטייגער.

מיר האָבן גענוג געהערט, אַז האַמוראַפּיס געזעצגעבונג איז אַ גוואַלטיקע גייסטיקע אַרבעט און אַ קולטור־טאַט פון גאָר ערשטן ראַנג. דער, וואָס האָט דאָס געזעץ געשאַפן, געהערט צו די גרעסטע זשעניען פון דער געשיכטע. אַז אַזאַ מענטש האַלט נישט אַלץ, וואָס אים איז געלונגען, ווי זיין אייגנס, אַז, פאַרקערט, ער האָט דאָס געפיל: וואָס

איך לייג דאָ פאָר, איז נישט אויסשליסלעך אין מיין גייסט אויסגעוואַקסן, נאָר עס איז מיר איינגעפאַלן, ס'איז מיר געשענקט, אַ גוטער גאָט האָט מיר דאָס געגעבן — ווען וואָלט עס דען אַפילו איצט געקלונגען משונה, און אַ פּשיטא שוין אין אַלטערטום? אויב האַמוראַפּי האָט בײַם שאַפן דאָס געזעץ געהאַט דעם געדאַנק וואָס אַ גרויסער זשעני וואָלט אים איצט אַזוי אַן ערך, אויסגעדריקט: „אין אַ גוטער שעה איז ער מיר איינגעפאַלן" — איז עס פאַר זיין צייט און איר אַנשויונג זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט אין זיין געזעץ געזען אַ דירעקטע מתנה פון גאָט, אַן אַנטפּלעקונג. דערום וואונדערן מיר זיך נישט אויף זיין אָנשפּרוך, נאָר געפינען אים גאַנץ נאַטירלעך.

דערצו געהערט אויך דאָס, וואָס צאַזעלכע ווערק זיינען ס'רוב געשאַפן געוואָרן בײַ דער נאָענטסטער מיטאַרבעטערשאַפט פון די פּריסטער. זיי זיינען אָבער די פאַררעטער פון דער גאָטהייט. ווידעראַמאָל וואָלט עס געווען אַ טעות צו רעדן פון די כּהנים בכלל ווי פון אָפּנאַרער — דערפאַר וואָס ס'געפינען זיך צווישן זיי גייציקע עלעמענטן. בעסער זאָל מען זיך קלאָר מאַכן, וואָסער אַן אומגעהויערע באַדייטונג און וואָסער אַן אומגעהויערן איינפלוס אויף דעם דענקען און פילן פון יענער צייט ס'האָט געהאַט דער געדאַנק וועגן דער גאָטהייט, איר דירעקט ווירקן אויפן מענטשן און בפרט איר רוען אויף אים.

אָבער וואָס זאָגן מיר אַליין איצט אויף דעם אָנשפּרוך? און ווי האַלט עס מיטן אָנשפּרוך פון משהן? די פראַגע קאָן אַפילו נאָך דערברייטערט ווערן און אַרומנעמען אויך אַנדערע, גרויסע רעליגיעזע פירער, וועלכע האָבן זיך געפילט אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער גאָטהייט; על כּל פּנים ווי ווייט מיר האָבן נישט קיין גרונט נישט צו טרויען זייער ליבע צום אמת.

דער ענטפער וועט מוזן זיין: אַפילו ווער עס זעט אינם אויפטו פון משהן און פון די נביאים גאָטס האַנט; אַפילו ווער ס'דערקענט אין זייער פּערזאָן דאָס ווירקן פונם געטלעכן גייסט, האָט דאָך פונדעסטוועגן נישט קיין שום) סיבה צו לייקענען דאָס אייגענע בנוגע אַנדערע גרויסע גייסטיקע מעשים און בפרט אויפן געביט פון רעליגיע. דאָ גילט אויך דאָס וואָרט: „דער גייסט ווייט, ווו ער וויל". און הגם אין דער געשיכטע פונם פאָלק ישראל און בײַ זיינע נביאים האָט זיך דאָס „ווייען"

אַרויסגעוויזן אין אַ באַזונדער מאָס און אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, אָבער אויף אַ געוויסן אופן לאָזט זיך דאָס שפּירן אומעטום אין דער וועלט ווו די מענטשן זוכן אופריכטיק די גאָטהייט. ווילן מיר און מעגן מיר בכלל אָננעמען דאָס געטלעכע) ווירקן אין דער געשיכטע פונם מענטשלעכן גייסט, און מעגן מיר גלויבן, אַז אין דער געשיכטע פון ערלעכע גאָטזוכער איז גאָט אַליין דער באַווייז פאַר זיך — דאַן מעגן מיר אויך גלויבן, אַז אַפילו צווישן געצנדינער, — ווערט נאָר גאָט ערלעך געזוכט און באַגערט — וועט ער זיך נישט אין טונקל באַהאַלטן פון זיי, נאָר ער וועט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקן. אמת, נישט אין פולן גלאַנץ פון דעם ריינעם גאָטדערקענען, דאָך אָבער אַזוי ווי זיי זיינען אימשטאַנד תופס צו זיין, לויט דער צייט, אָרט און פאַרהעלטענישן. דאָס איז געמלעך גיכער בלויז אַן אָנעען פון אים איידער אַ פול און רייף דערקענען.

III פונם שמועס וועגן צווייטן חלק — קאַפּיטלען 8—5

1. פראַגע: אין וואָסער אַ פאַרהעלטעניש געפינען זיך די בבלשע תשובה-פּסאַלמען צום תהילים?

אַן ערך מיט צען יאָר צוריק, נאָכן אויפטרעטן פון פרידריך דעליטש, איז די פראַגע פיל באַהאַנדלט געוואָרן. פון אַ געוויסער צייט האָט מען דאַן געפּרווט, דאָס בבלשע רעליגיאָנס-סיסטעם נישט בלויז בלויז גלייכצושטעלן מיטן יידישן, נאָר נאָך העכער פונם יידישן. איצט האָט עס נישט די אָנגעלעגנהייט, דעם אינטערעס וואָס דעמאָלט. אומעטום האָט מען זיך איבערצייגט, אַז צוליב אַזויגע פּאַראַלעלן, ווי צווישן די בבלשע פּסאַלמען און דעם תהילים, לאָזט זיך נישט צווייפלען אָן די אייגנטימלעכע מעלות פון דער יידישער רעליגיע. מ'האָט זיך ווידער אָפּגעקערט צום רויקן, באַרעכנטן באַטראַכטן די פראַגע, וואָס האָט פריער געהערשט. איך קאָן זיך אַלזאָ קורץ אַרויסזאָגן וועגן דעם ענין.

פריער האָט מען דערהויפּט גערעדט פון די בבלשע תשובה-פּסאַלמען. ביז לבינו האָט מען אָבער אי די בבלשע אי די עגיפּטישע ליטעראַטור אַזוי ווייט אויסגעפאָרשט, אַז מיר קאָנען פעסטשטעלן די פאַרשיידנסטע מינים פון רעליעזער דיכטונג, טייל אין בבל, טייל אין עגיפּטן: לויב-געזאַנגען, בעט-און קלאָג-לידער, דאַנק-פּסאַלמען, לערנגעדיכטן א. א.

די לעצטע צייט האָט מען אויך אָנגעהויבן משער זיין, און מיט אַ גוטן גרונט, אַז אַפילו אינם אַלטן, פאַר־יידישן כנען, האָבן זיך אויך געפינען פסאַלמען. אָבער נאָך אַלעמען בלייבט דאָך דאָס בבלשע תשובה־ליד — דאָס כאַראַקטעריסטישסטע.

דער חילוק צווישן דעם תהילים און די בבלשע פסאַלמען איז אין עצם דער אייגענער, וואָס צווישן דעם בבלשן גאָט־באַגריף און דעם תנכישן. דאָס אייגענע גילט אויך פאַר עגיפטן. און דערין ליגט דער שליסל צום ריכטיקן שאַצן זיי ביידע. ס'איז קיין ספק נישט, אַז אין די בבלשע תשובה־לידער געפינען זיך אַזוינע טענער, וואָס רירן טיף דעם מענטשן. אין זיי דריקט זיך אויס אַ טיף שולדיקייטס־געפיל קעגן גאָט און אַ טיף, מיט אַן אמת דורכגעלעבטן באַגער — צו באַפרייען זיך פון זינד. אין דעם פרט קאָנען זיי קאָנקורירן אַפילו מיט די בעסטע תשובה־קאַפּיטלעך פון תהילים, און על כל פנים שטייען זיי נישט פיל נידעריקער פון די לעצטע. — די דאָזיקע מעלות דאַרפן אונז מער נישט פאַרפירן. זיי דאַרפן אונז נישט ברענגען דערצו, אַז מיר זאָלן די בבלשע רעליגיע צו הויך שאַצן, און נישט די תנך־רעליגיע צוליב דעם צו־נידעריק שאַצן. אין עצם זיינען די מעלות פון די בבלשע תשובה־פסאַלמען נאָר פאָרמעל, און נאָר דערין זיינען זיי ענלעך צו די תשובה־קאַפּיטלעך אין תהילים. אָבער נישט די פאָרם באַשטימט די רעליגיע נאָר דער אינהאַלט, און נאָר דער אינהאַלט איז מכריע ביים שאַצן די הייך און דעם ווערט פון אירע איינצלנע לעבנס־אויסערונגען. וואָסער אַ מהות־גאָטהייט איז עס, צו וועלכער מ'ווענדט זיך? און אין וואָס באַשטייט, לויט דעם, די שולד קעגן איר, אין וואָס די זינד, וואָס דער מענטש איז באַגאַנגען, אָדער די חרטה און די תשובה, וואָס מ'ווייזט איר אַרויס? אָט די פראַגן זיינען עס פאַר אונז וויכטיק.

און ביים ענטפערן אויף זיי קאָן קיין שום ספק נישט זיין, דערין, אַז מיט דער תשובה אויף דער ערשטער פראַגע וועלן שוין אַלע אַנדערע אויך זיין פאַרענטפערט. מיר ווייסן וואָסער אַ מהות גאָטהייט עס איז געווען ביים פאָלק ישראל, און קודם כל אויף די העכסטע מדרגות פון רעליגיאָזיטעט: ביי די נביאים, ביי די חשובסטע תהילים־פאַרפאַסער און ענלעכע פאַרטרעטער פון דער רעליגיע. דאָס איז געווען דער זיטלעכער מאָנאָטעיזם: אַן איינציקער גאָט געוועלטיקט לויט זיטלעכע פרינציפּן. וואָסער

אַ מהות גאָט איז געווען אין בבל, ווייסן מיר אויך. נישט קוקענדיק אויף אייניצלנע פּרוּוון, אַרויסצוגיין פון גדר, וואָס זיינען אפשר געמאַכט געוואָרן בלויז אין ענגע קרייזן פון די פּריסטער, איז דאָך דאָ די רעליגיע אינגאַנצן געבליבן ביי דער בולטסטער פּילגעטעריי און ביי די גרעבסטע פאָרמען פון דער נאַטור-רעליגיע. די גאָטהייט, ביי וועלכער מ׳בעט זי זאָל מוחל זיין די זינד, איז איינע פון פיל, כמעט אָן אַ שיעור גאָטהייטן, אַמליבסטן — עשתורת. און נישט בלויז אין זייער פילקייט שטייען זיי דעם בעטער אַנטקעגן, נאָר אינאיינעם דערמיט, אויך שוין אין זייער באַשרענקטקייט און קליינקייט. און דאָס איז גילטיג אי בנוגע דער מאַכט פון יעדן אייניציקן, אי בנוגע זיין געזינונג. נישט זיטלעכקייט און אַ ריין האַרץ פאָדערן זיי, נאָר „דעם געשמאַקן קרבן-ריח פון פיל ווייצנס" — ווי ס׳שטייט אין איינעם פון די לידער. דער געדאַנק, אַז גאָט פאַרלאַנגט נישט קיין קרבנות, נאָר אַ ריין האַרץ, וואָס זאָל גאָט געפעלן — אַ געדאַנק, וואָס איז דער הויפּטשטריך פון דער יידישער פרומקייט אין איר העכסטער שטופע, ער פעלט לחלוטין אי די בבלישע פּסאַלמען. עס בלייבט דאָרט נאָר די נאַטור-רעליגיע מיט אַלע אירע שוואַכקייטן און באַגרענעצונגען, פאַר וועלכע דער בעסטער סימן איז פאָלגנדיקער: די גאָטהייט, ביי וועלכער מ׳בעט אַם ליבסטן אַ כפּרה אויף די זינד, איז די אייגענע עשתורת, וועלכער מ׳האָט געדינט דורך דער פּראָסטיטוציע, וואָס מ׳איז באַגאַנגען אין איר טעמפּל. און קיין פּראָטעסט-שטימען (ווי דאָס איז ביי יידן פאַקטיש שטענדיק געשען) פון נביאים, וואָס זאָלן אַזאַ מין גאָט דינען דערקלערן פאַר אַ פאַרברעך און פאַר אַ גאָט אומווירדיק, הערט מען נישט. און נאָך אַ סימן: אויב דער גאָט וויל זיך נישט אַזוי גיך צוהערן צו דער שטים פונם בעטער, מוז אים דער כהן צווינגען דורך כישוף, אַז ער זאָל צוהערן, אָדער דער בעל-תשובה בעט ביי אַנדערע געטער, אַז זיי זאָלן אים העלפן אין זיין נויט.

דערמיט איז נאַטירלעך אויך די פאַרשטעלונג פון זינד און שולד, ווי פון תשובה און פאַרגעבן די זינד — אַן אַנדערע איידער ביי אַ זיטלעכער רעליגיע. נאָכדעם, וואָס עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, איז איבעריק נאָך צו רעדן וועגן דעם. „זינד און שולד", „פאַרגעבן און אָפּוואַשן די זינד" זיינען אַלזאָ בלויז ווערטער, וואָס האָבן דעם אייגענעם קלאַנג ווי אין תנ"ך. דער אינהאַלט זייערער איז אָבער גאָר אַן

אַנדערער און אַ פּיל נידעריקערער ווי דאָרט. לויט זייער אינהאַלט זיינען זיי נידעריקער פּונקט אויף אזוי פיל, אויף וויפל די פאָרשטעלונג און די פאַרערונג פון עשתורת שטייט נידעריקער פון דער פאָרשטעלונג און פאַרערונג פון יהוה ביים פאָלק ישראל.

2. פראַגע: ווי האָט מען זיך פאָרצושטעלן דאָס פאַרהעלטעניש צווישן די רעזולטאַטן פון דער ליטעראַטור-קריטיק און דעם געטלעכן אַנטפּלעקונגס-ווערט פון תנ"ך? צי איז נישט מורא צו האָבן, אַז איינצלנע פון זיי וועלן פאַקטיש שאַדן דעם *רעליגיעזן* ווערט אין דעם באַזונדערן אָנזען פון תנך?

ענטפער. דעם ענטפער דאַרף מען אָנהייבן מיטן דערמאָנען, אַז די באַדייטונג פון יענע רעזולטאַטן דאַרף מען נישט צו הויך שאַצן און זייער כאַראַקטער דאַרף מען נישט פאַלש פאַרשטיין. זייער וויכטיק זענען זיי פאַרן געשיכטלעכן פאָרשן דעם תנך, ווי ווייט מיר קוקן אויף אים ווי אויף אַ שאַפונג פון דער וועלט-ליטעראַטור. אנדערש אויסגעדריקט: זיי זיינען וויכטיק, קודם כל, כדי אים געשיכטלעך, וויסנשאַפטלעך צו דערקענען. מיר האָבן אָבער געזען, אַז ערשטנס ברענגט די ליטעראַטור-קריטיק זייער אָפט נאָר באַדינגטע געוויסקייטן. צווייטנס, אַז וועגן דעם רעליגיעזן ווערט פון דעם בוך — זיינען זיי בכלל נישט מכריע. און נישט דערפאַר, ווייל זיי הייסן אָפּנייגן דערפון, וואָס מיר האָבן בקבלה, נאָר דערפאַר — ווייל די געשיכטלעכע פאָרשונג אין די אַרויסבאַקומענע געשיכטלעכע געוויסקייט *קאָן בכלל נישט* מכריע זיין וועגן רעליגיעזן ווערט פונם בוך. אַפילו ווען ס'וואָלט דערוויזן געוואָרן, אַז אַלע פינף ספרים פון חומש שטאַמען פון משהן; אַז אַלע יענע דריי און זיבעציק קאַפּיטלעך אין תהילים שטאַמען פון דודן, וואָלט אונז נישט אָט דער *געשיכטלעכער פּונקט* ערב געווען פאַר דעם אַנטפּלעקונגס-ווערט פון די אַלע שטיקער, נאָר פאַר דעם אינהאַלט זייערן, די פראַגע וועגן דער רעליגיעזער באַדייטונג פון תנך, איז אויף קיין פאַל נישט אָפּהענגיק פון די ריין-היסטאָרישע פראַגן בנוגע דער באַאַרבעטונג און דעם אַנטשטיין פון איינצלנע ספרים פון תנך. עס וואָלט נישט געשאַט ווען אונזערע עולמשע מענטשן זאָלן זיין מער דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז נישט יעדע באַליביקע השערה וועגן דעם אַנטשטיין פון אַ ספר פון תנך, אַפילו ווען זי ווערט שוין באַוויזן, איז אימשטאַנד אָפּצו-

רויבן דעם רעליגיעזן ווערט פון דעם ספר, אָדער גאָר פון גאַנצן תנך אין די און אין פיל ענלעכע פאַלן, וועט עס נישט שווער זיין פוא

די דערציילונגען אַרויסצושיילן דאָס בלייבנדיקע, דאָס וואָס האָט גרויסן רעליגיעזן און זיטלעכן ווערט, און דאָס אַוועקשטעלן אין ליכט זאָלן פאָרקומען אַזוינע ערציילונגען, ווו לויט דער ריכטונג קומען אויף ערנסטע שוועריקייטן,—דאַן מיין איך, מעג מען זיי פון אונטערריכט אינגאַנצן אויסלאָזן, אָדער זיי איבערלאָזן ביז צו דער שפּעטסטער שטופע פון אונטעררייכט. פון דער אַנדערער זייט אָבער, זיינען פאַראַן אַזוינע דערציילונגען, ווו דאָס אונטערשטרייכן, אַז זיי האָבן נישט קיין שטרענג געשיכטלעכן כאַראַקטער, נעמט אראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. איך דערמאָן אָן אַזוינע דערציילונגען, ווי די פון אלישעס פאַרהאַלטן קעגן די שטיפערישע יינגלעך פון בית-אל (מלכים ב׳ קאַפּ. ב׳ פּסוק כ״ג א. וו.) אָדער אליהוס קינאה קעגן די שליחים פון דעם מלך ישראל (מלכים ב׳, קאַפּ. א׳, פּסוקים ט—יד). אָדער אַז די געשיכטע אין שמואל א׳ י״ג, פּסוקים ח—טו וועגן שמואלס פאַרהאַלטן צו שאולן, איז אויגנשיינלעך אַ לעגענדאַרישע, אויב מ׳שטעלט זיי אַקעגן דעם, וואָס ווערט דערציילט אין שמואל א׳ קאַפּ. ט״ו.

2. פ ר אַ ג ע: ווי איז דען בכלל אַ תנך-מעסיקער אונטעררייכט מעגלעך, אויבן וועגן אייניקע פערזאָנען און געשעענישן, זייבען פאַראַן צוויי אָדער דריי באַריכטן, וואָס זיינען, צום טייל, פאַרשיידן פונאַנאַנדער; לויט וועלכן באַריכט זאָל אין אַזאַ פאַל דערציילט ווערן? און ווי, אַז איינצעלנע באַריכטאָפּגעבער דערציילן פון זייערע העלדן אַזוינע מעשיות, וואָס זיינען זיטלעך נישט שיין?

א) די ערשטע פראַגע וואַקסט פון אַ פאַלשער הנחה, אַז דאָס פאַרייניקן די איינצלנע בילדער, ווי זיי זיינען געווען אין די קוועלן (צ. ב. ש. י., א. און פּ.), אין איין אַלגעמיין בילד, איז נ י ש ט „תנך-מעסיק”. דער פאַרפאַסער פון איצטיקן בראשית, וואָס מיר זיינען זיך נוהג אים אָנצורופן רעדאַקטאָר (ר), האָט פאַקטיש קיין שום אַנדער זאַך נישט אין זינען געהאַט, ווי באַר אונזער הייניקע לערנביכער פון דער ביבלישער געשיכטע, נעמלעך: מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיט פון די אַלע פאַרשיידענע נאַכריכטן, וואָס זיינען געלעגן פאַר אים, אויסצואַרבעטן אַן איינהייטלעך ווערק. עס איז דערום זיכער, אַז אברהמס מעשים,

וואָס האָבן באַוויזן זיין שטאַרקן גלויבן (בראשית טו פסוק ו׳), האָט ער באַזונדערס געוואָלט אונטערשטרייכן, און די נאָטיצן, וואָס ער האָט גע־לעגנטלעך געהאַט בקבלה, וועגן אברהמס קווענקלען זיך און זיין צוויפ־לען (בראשית ט״ו ח׳), האָט ער זיכער פאַרשטאַנען נאָר אין דעם זין פון צופעליקייטן, פאַרבייגייענדיק, וואָס פאַרטונקלט נישט דאָס אַלגע־מיינע בילד. ביי „תנך-מעסיקן" אונטעררריכט ווי ווייט ס׳האַנדלט זיך וועגן יונגערע קינדער — קאָן די פראַגע אַזוי גאָרנישט געשטעלט ווערן: צי זאָל מען דערציילן ליטן נוסח פון י אָדער א. אז. וו., נאָר ס׳דאַרף פשוט דערציילט ווערן לויט ר., ד. ה. לויט דעם איצטיקן נוסח פון בראשית. די פאַרשיידנהייטן מ ו ז ן , ווי ווייט די כוחות ערלויבן דאָס, אויסגעגליכן ווערן. ערשט אויף אַ העכערער שטופע קאָן מען טראַכטן וועגן אָנצייכענען אַ געשיכטלעכע אויפפאַסונג. אָבער פריער, ווי דאָס לעצ־טע געשעט, מוזן דאָך די ערציילונגען, ווי זיי זיינען, איבערגעגעבן ווערן. די פראַגע, אין וועלכן עלטער זאָל מען דערמיט אָנהייבן, — לאָז איך איבער פאַר פאַכלייט.

ב) די שאָטן-זייטן אין בילד פון די ביבלישע מענער, צ. ב. דודס, אָדער אברהמס צו יעקבס, דאַרפן כלל נישט פאַרשוויגן ווערן. אָבער אויף קיין שטופע פון שול-אונטעררריכט קאָנען איינצלנע פון די פעלערס נישט געשאַצט ווערן (ווי וויל מען דען דערקלערן פאַר קינדער דאָס פאַר־העלטעניש פון אברהם צו הגרן ?!) מ׳דאַרף אָבער געדענקן, אַז אויך בנוגע צו אונדזערע פאַטריאַטישע און ליטעראַרישע גרויסע, האַלט עס די שול נישט פאַר איר אויפגאַבע זיך צו גריבלען אין זייערע קליינע שטריכן, זייערע ליבעס-אָנגעלעגנהייטן אָדער אַנדערע מענטשלעכקייטן. זיינען די שילער דערוואַקסן — זאָלן זיי געוואָר ווערן די שטרענגסטע געשיכטלע־כע אויפפאַסונג פון אונדזערע פירסטן, דיכטער און העלדן. אָבער אין דער יוגנט זאָלן זיי הערן דאָס ג ר ו י ס ע און זיי זאָלן זיך לערנען דאָס צו שעצן. און וואָס פאַר זיי איז רעכט, איז פאר די ביבלישע מענער ניחא. אויסערדעם, קאָן אויך אברהמס נישט-אמת ריידן, אָבער זיין פארהאַלטן צו הגר, רויק דערקלערט ווערן ווי א שוואכקייט. דערביי קאָן געזאָגט ווערן, אַז אפילו אזא מענטש איז אויך נישט פריי פון שוואכקייטן. אָבער דאָס אַלץ, און אויך די מעשה אין בראשית כ״א פסוק ו׳, קענען נישט דינען ווי קיין מאָטיוו, גאָרנישט צו באַקענען די

יוגנט מיט די אלע שטאָפּן.

עס מוז אָבער ווידער און ווידער איבערגעחזרט ווערן: נישט היס־טאָרישע אורטיילן זיינען מכריע בנוגע רעליגיעזע ווערטן, נאָר רעלי־גיעזע.

וואָס ס'קומט דערפון אַרויס פאַר דער פּראַקטיק איז שוין פון זיך אַליין קלאָר. ווייל זי האָט אין זינען די רעליגיע, ד. ה. דאָס רעלי־גיעזע לעבן, דאַרף זי, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שטענדיק קודם כּל האָבן צו טון מיט די רעליגיעזע ווערטן. אויף די ריין־היסטאָרישע, ליטעראַטור־קריטישע פראַגן וועט זי דערום שטענדיק מעגן קוקן ווי אויף אָנגעלעגנ־הייטן פון צווייטן און דריטן ראַנג. ביים באַווערטן די מענטשלעכע זייטן פון תנך האָבן זיי אַ גרויסן ווערט, און אויף יענער מדרגה, וווּ מ'קאָן זיי תּופס זיין, טאָרן זיי נישט פעלן. פון זיי שטראַלן אָבער נישט אַרויס נישט קיין רעליגיעזע לעבן, נישט קיין וואַרעמקייט און נישט קיין קראַפט. זיי רויבן זיי נישט, פאַרקירצן זיי נישט — אַזוי צו מיינען דאַרפן מיר פאַרגעסן. זיי געבן זיי אויך נישט — דאָס צו געדענקען דאַרפן מיר זיך לערנען.

IV פונם שמועס וועגן חלק 3 קאַפּיטלעך 9—11.

1. פּראַגע: אין פאַרטראַג זיינען דערמאָנט געוואָרן אַזוינע תּנכ־ישע שטאַנדפּונקטן, וואָס צום טייל זיינען זיי נאָך נישט פּאָלקאָם זיכלעך, און אויך אַלטע דערציילונגען, וואָס האָבן נישט קיין שטרענג געשיכטלעכן כאַראַק־טער — ווי קאָנען זיי אַלזאָ מיט נוצן אָנגעווענדט ווערן ביים לערנען די יוגנט?

ענטפער: אַפילו קיין איינציקע מינוט צווייפל איך נישט, אַז די דאָזיקע פראַגן געהערן צו די פאַך־פראַגן פון דער רעליגיעזער פּעדאַגאָ־גיק אין קאַטעכעטיק — פון דער געגנוואַרט און נאָנטער צוקונפט. פון די ריכטיקע תּשובֿות אויף אָט די פראַגן הענגט, צום טייל, אָפּ דער גורל פון דעם רעליגיע־אונטערריכט אין די נאָנטסטע דורות. צוליב דעם טעם, און אויך צוליב דעם, וואָס די ריין־וויסנשאַפטלעכע באַטראַכטונג האָט אונדז געבראַכט אַזוי נאָנט צו די פראַגן, אַז ס'איז כּמעט נישט מעגלעך זיי אויסצומיידן, — וויל איך מיך אויך פּרוּוון צו ענטפערן אויף זיי, הגם, ווי כ'האָב שוין פריער דערמאָנט, איך בין נישט קיין פאַכמאַן אויף דעם

געביט. איך וואָלט דיביידע פראַגן אָפּגעטיילט איינע פון דער אנדערער און אויף יעדער פון זיי געענטפערט זעלבסטשטענדיק.

א) די זיטלעכע אָנשוױנגען. שטרענג גענומען, מוזן שוין דאָ צום אָנהייב דערמאָנט ווערן אויך די רעליגיעזע אָנשוױנגען. וואָרום ס'איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך זיי האָבן נאָך דאַן נישט געהאַט דערגרייכט די פולע הייך פון דער געטלעכער דערקענטעניש.

לויט מיין מיינונג, קומען די דאָזיקע פראַגן בכלל אויף ערשט דאַן, ווען מ'טרעט צו צום תנך מיט דער פאָדערונג, אַז אַלץ, וואָס דאָרט שטייט מוז אין אַלע פּרטים שטימען מיט די שפּעטערע און איצטיקע אָנשוױנגען און דערקענטנישן. אָבער ווער עס מיינט אזוי, דער האָט פאַרגעסן, אַז די זיטלעכקייט און די רעליגיע זיינען אויך געגליכן צו אַ פּאַרזייט פעלד, ווו דאָס פּאַרזייטע אַנטוויקלט זיך און וואַקסט פון שטופע צו שטופע. וואָס ווייטער, אַלץ רייפער, אַלץ פולקאָמענער ווערן זיי.

פריער שוין האָבן מיר אָנגעוויזן דערויף, אַז די געטלעכע דערציִונגס־קלוגשאַפט האָט עס געפונען פאַר נייטיק און ניצלעך צולאָזן אין תנך אויך מינדערווערטיקס — סיי זיטלעך סיי רעליגיעז — מחמת דער האַרטהאַרציקייט פונם מענטשן און דער קולטורשטופע אין יענער צייט. אין פאָרטראַג האָבן מיר עס מיט פאָלגנדע ווערטער אויסגעדריקט:

ווען מ'וואָלט זיך נישט גערעכנט מיט די אַלגעמיינע פאַרהעלטענישן פון דער צייט, נישט מיטן קולטורצושטאַנד און נישט מיט דער דערקענטעניש־מדרגה פון פאָלק ישראל, און מ'וואָלט אים געבראַכט די העכערע גאָט־פאָרשטעלונג אָדער די העכערע זיטלעכע פאָדערונג, וואָלט עס געהייסן, דערלאַנגען אַ שטיין אָנשטאָט ברויט.

דאָס בילד פון פּאַרזייטן פעלד און זיין וואַקסן ביסלעכווייז גיט, לויט מיין מיינונג, די מעגלעכקייט, מקרב צו זיין דעם ענין צום שׂכל פונם עולמשן מענטשן און פונם רייפערן קינד. דערביי ווערט מען נאָר שטענדיק אַליין מוזן געדענקען און דערמאָנען די צוהערער, אַז דער ענין וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט לאָזט זיך מיט קיין זאַך נישט אַזוי גוט פאַרגלייכן, ווי מיט מענטשלעכער דערציִונג. דאָ ווערט דאָס מענטשנגעשלעכט דערצויגן צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכער שלימות. אָבער די וויכטיקסטע אַרבעט פונם דערציער איז קלוג און באַזאָרגט זיך האַלטן

אָן דער הדרגה ביים איבערגעבן די צוהערער דעם לערן־שטאָף און בכלל ביים טון די דערציִונגס־אַרבעט. מיט אַנדערע ווערטער: דעם, וואָס מיר זיינען אויסן צו דערציִען, דאַרף מען שטענדיק געבן פון דערקענטעניש און פון לעבן נאָר דאָס און נאָר אַזוי פיל, וויפל ער איז אימשטאַנד צו פאַרדייען לויט זיין תפיסה און לויט זיין קערפערלעכער און גייסטיקער אַנטוויקלונג־שטופע. און דער דערציִער מוז אימשטאַנד זיין צו רעדן מיטן קינד אין קינדס שפראַך און מוז זיך רעכענען מיטן שכל פונם אומרייפן.

דאָס איז אַלף בית, און איך זאָג דערמיט קיין נייעס נישט. אָבער אָט דער אלף בית איז פאַר אונדז וויכטיק. ווארום דאָ האָבן מיר צו טון מיט גאָט אַלס דערציִער. און איז דאָס געזאָגטע ריכטיק, דאַן דאַרף מען דאָס אָנווענדן אויך צו גאָט אַלס דערציִער פון מענטשן און באַזונדערס פונם פאָלק ישראל. און ווען אינם פאָלק ישראל אַנטפלעקט זיך גאָט דעם מענטשן און ווען דאָס פאָלק האָט ער אויסגעקליבן, ס'זאָל אים דינען, און דאָס פאָלק האָט ער געוואָלט דערציִען און צוגרייטן צו דער העכסטער שלימות, צו יענער צייט, ווען גאָטס קעניגרייך וועט קאָנען עקזיסטירן אויף דער ערד — דאַן האָט זיך גאָט אַליין אויך געמוזט רעכענען מיטן כוח־התפיסה פון דעם פאָלק און זיך צופאַסן צו זיין דערקענטעניש־פעיקייט און אַנטוויקלונגס־שטופע אין דער איינער אָדער אַנדערער צייט. ער האָט געמוזט צולאָזן, אַז אויפן פעלד זאָל פריער גראָז וואַקסן, נאָכדעם זאַנגען און ערשט אין די זאַנגען זאָל ווערן פאַרטיק ווייץ. און צוליב דער „האַרטהאַרציקייט", ד. ה. צוליב דער אומפולקאָמענער אַנטוויקלונגס־שטופע בנוגע דער קולטור, דערקענטעניש און זיטלעכקייט, האָט ער געמוזט סובל זיין אויך אַזוינס, וואָס אַ שפעטער, רייפערע צייט, האָט זיך געמוזט באַמיען צו פאַרגעסן.

קוקט מען אַזוי אויף דעם גאַנצן ענין, דאַן, דוכט זיך מיר, וועלן אַנדערע שוועריקייטן און מוקשהדיקע זאַכן פון זיך אַליין פאַרשווינדן. דאַן, מיין איך, וועט עס דעם רייפערן שילער און דעם דענקנדן סתם־מענטשן פון זיך אַליין איינלייכטן, אַז ווען יעקב נאַרט אָפ זיין פאָטער און ביי לבנען דערלויבט ער זיך אומווירדיקע שפיצלעך; ווען יידן נאַרן אָפ די מצריים, שמואל באַהאַנדלט אַכזריותדיק דעם געפאַנגענעם פיינט אליהו לאָזט קוילן די געצנדינער־כהנים, אלישע הייסט טייטן צוויי און

פערציק קינדער שטיפער, און איינצלנע קאַפּיטלעך תהילים אָדער נביאים לעכצן נאָך בלוטיקער נקמה — זיינען דאָס אַלץ זאַכן, וואָס אַמוויניקסטן גילטן זיי פאַר אונז ווי ביישפּילן אויף נאָכצוטון. דאָס, וואָס זיי געפינען זיך אין תנך, הייסט נאָך כלל נישט, אַז זיי זיינען גוט און אַז מיר דאַרפן אויך אַזוי האַנדלען. דאָס הייסט נאָר, אַז אין די גרענעצן פון דעם געטלעכן געוועלטיקן איבערן פאָלק ישראל האָבן אויך יענע מעשים זייער פּלאַץ געהאַט. מיט אַנדערע ווערטער: ביים בויען די מלוכה פון גערעכטיקייט און זיין פאָלק ישראל האָט זיך גאָט געמוזט באַנוצן אויך מיט אַזעלכע ווערקגעצייג, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט דערגרייכט די מדרגה — פולקאָמען אים צו דערקענען אין אַלע פּרטים און האָבן דאָס העכסטע איינזען אין זיין ווילן.

בכלל וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז ס'וואָלט שוין לכתחילה געווען אַ פאַרקערטע פאָדערונג, ווען מ'וואָלט פונם אַלטן פאָלק ישראל פאַרלאַנגט דיזעלבע רעליגיעזע און זיטלעכע פולקאָמענהייט, ווי די, צו וועלכער מ'איז געקומען ערשט מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער. דערפאַר איז עס אויך געווען אַ גרויסער טעות פון דעליטשן, ווען ער האָט אין זיין צייט קעגן דעם אַנטפּלעקונגס-כאַראַקטער פון תנך — אַרויסגעשטעלט אַזוינע טענות, ווי בלוט-נקמה און נקמה-לידער, וואָס מיר געפינען דאָרט. וואָרום ס'איז זייער מעגלעך, אַז דער אייגענער מענטש, וואָס אין איינעם אָדער דעם אַנדערן פונקט טראַכט ער און האַנדלט נאָר ווי אַ קינד פון זיין צייט, זאָל אויף אַנדערע געביטן זיין אַ טרעגער פון ריינע געטלעכע געדאַנקען. וואָרום די אומפולקאָמענהייט זיינע ליגט אין אַ באַשטימט „ווינקל" פון זיין מהות, אָדער גאָר אין דער נידעריקער דערקענטעניש-שטופע פון זיין צייט. דאָס שטערט אָבער נישט, אַז אי דער דאָזיקער מענטש, אי די דאָזיקע צייט זאָלן, אין די ראַמען פונם גאַנצן, קאָנען דערפילן זייער גרויסע אויפגאַבן.

ב. שטאָפן, וואָס זיינען נישט „געטלעכע" געשיכטלעך. בנוגע דעם צווייטן טייל פון דער געשטעלטער פראַגע, מיין איך, אַז אַהער געהערן די אור-געשיכטעס, די געשיכטעס וועגן די אָבות און די געשיכטעס וועגן משהן. וועגן זיי איז פריער געזאָגט געוואָרן, אַז אָפט פעלט אונז די ריכטיקע מאָס אָדער דאָס פּאַסנדע קריטעריום, וואָס זאָל אונז געבן די מעגלעכקייט אויסצופאָרשן די געשיכטלעכקייט

פון יענע דערציילונגען. נאָכמער: אויף איניקע שטיקער, האָבן מיר געזאָגט, דאַרף מען בפירוש קוקן ווי אויף נישט שטרענג-געשיכטלעכע.

ביים באַהאַנדלען די דאָזיקע שטאָפן, מוז, דוכט מיר, קודם כל גילטן דער פּרינציפּ, אַז פּאַר אַ געוויסער עלטער און אַ געוויסער דערקענטעניש-שטופע איז די פּראַגע וועגן דער געשיכטלעכקייט אָדער נישט-געשיכטלעכקייט פונם שטאָף בכלל נישט וויכטיק. אַן אמת קינד און פּשוטע מענטשן צווישן די עולמשע דערוואַקסענע וועלן די פּראַגע גאָר נישט אָנהייבן צו פאַרשטיין. און אויב, נישט געקוקט דערויף, וועט מען זיי פאָרט אַריינציִען אין קרייז פון די דאָזיקע ענינים, וועלכע זיי זוכן נישט, וועט מען זיי דורכדעם גיכער פאַרטונקלען די מוחות איידער אויפקלערן. דאַן שטייען זיי פאַר דער געפאַר, אויף איין זייט צו פאַרלירן און דערפאַר אויף דער אַנדערער זייט גאָרנישט צו געווינען. דאָ וועט מען דערום מוזן איבערגעבן די שטאָפן אַזוי ווי זיי זיינען. אַן אויסנאַם, מיין איך, וואָלט געווען צו מאַכן נאָר, ווען פון אויסן ווערן פראַגן געשטעלט און צווייפלען אַרויסגעזאָגט בנוגע דער געשיכטלעכקייט פון די דערציילונגען, און שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע פּראַגן און ספקות — שטעלט דער צוהערער אַליין ענלעכע פּראַגן. אין דעם פאַל, דאַרף מען גאַנץ רויק און אויפריכטיק ענטפערן דעם אמת אויף דער געשטעלטער פּראַגע.

אַנדערש איז עס ביי רייפערע שילער און אַנטוויקלטערע עולמשע מענטשן. אויך דאָ איז זיך קיינמאָל נישט צו פאַרנעמען מיט קריטיק — בלויז פון דער קריטיק וועגן. ביים רעליגיעזן אונטערריכט איז זי קיינמאָל נישט קיין זעלבסטצוועק. גיכער איז איר צוועק שטענדיק: די ר ע ל י ג י ע ז ע שטאַרקונג און די זיטלעכע ד ע ר ה י י ב ו נ ג. צו דעם צוועק דאַרף מען זיך באַנוצן מיט אַזוינע דערציילונגען. | אויך אַזוי איז דאָס וואָס האָט אַ רעליגיעזן און זיטלעכן ווערט, דאַרף אַרויסגעשיילט ווערן פון זיי און אויף דעם זאָל דאַן געוויזן ווערן, אַז הגם נישט קיין געשיכטלעכע אורקונדן, הגם, אַלזאָ, אין איינצלנע שטריכן פון דער לעגענדע אויסגעבילדעט, אָדער בכלל נישט שטרענג געשיכטלעך, — פונדעסטוועגן האָט עס אונדז נאָך, לויט דער ריכטונג, עפּעס צו זאָגן.

ווען יהוה קומט צו אדמן אָדער צו אברהמן, אונטערהאַלט ער זיך מיט זיי ווי מענטשן מיט מענטש, גייט אום מיט זיי און עסט מיט זיי: דאַן

קאָן אויך אַ שילער, אָדער אַ פּשוטער מענטש גרינג דערקענען, אַז דאָס איז נישט קיין אייגנטלעכע געשיכטע, נאָר דאָ איז איבערדערציילט דאָס וואָס די קינדיש־נאַיווע אָנשויאונג אין דער פאַרגאַנגענער צייט האָט געטראַכט וועגן דעם פאַרקער צווישן גאָט און מענטשן. אָבער אויך די פאָלקסטימלעכע פאָרשטעלונג קאָן דייטלעך אָנשוילעך מאַכן דעם הויכן רעליגיעזן ווערט פון דעם אָפטן פערזענלעכן פאַרקער מיט גאָט און פון דעם שטענדיקן צוטרוילעכן אומגאַנג מיט אים. למשל: יעקב זעט אין חלום דעם לייטער, וואָס גרייכט ביזן הימל און מלאכים גייען אַראָפּ און אַרויף אויף אים, אָדער ווען ער מוז פירן אַ הייסן קאַמף מיט גאָט, כּדי צו באַקומען אַ ברכה. אַפילו ווען דאָ האַנדלט זיך מער וועגן אַ דיכטערישער פרייער שפּונג, ווי וועגן שטרענגער געשיכטע, וועט דאָך קיינער נישט קאָנען אָפּלייקענען דעם גרויסן מוסר־השׂכּל פונם געדאַנק, אַז פאַרן פרומען האָט גאָט געשאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן הימל און ערד; האָט אים געגעבן אַ צוטריט צו זיך און געעפנט פאַר אים דעם פאַרקער מיט זיך... אָבער אַ ברכה פון גאָט קאָן מען באַקומען נאָר אין הייסן שטרייט און געבעט. ווען גאָט וויל אַפילו נישט אָננעמען דעם קרבן פונם אייגענעם קינד (בראשית כ״ב), און אַברהם איז פאָרט גרייט געווען מקריב צו זיין פאַר זיין גאָט אַפילו דאָס אויסערסטע — וועט זיך דאָ קיינער נישט טאָרן באַנוגענען נאָר מיטן רעדן וועגן דעם כּנעניש׳ן מנהג מקריב צו זיין זייערע קינדער. דעם אמתן ווערט פון דער דערציילונג וועלן מיר ערשט דאַן אַרויסהאָבן, ווען מיר וועלן אָנווייזן אויף דער העכסטער מאָס פון גלויבנס-געהאָרכזאַמקייט, וואָס דער דערציילער זעט אין אברהמען, און אַז אין אַלע פאַלן, ווען גאָט פאָדערט פון אונדז אַ שווערן קרבן, דאַרף אברהם אונדז דינען פאַר אַ מוסטער. דאָס אייגענע גילט אויך בנוגע דער געשיכטע מיט יוספן. אויך זי פאַרלירט נישט איר טיף רעליגיעזן ווערט, — הגם אירע פּרטים קאָנען מיר געשיכטלעך נישט קאָנטראָלירן. שוין דאָס מאָטאָ אירס: „איר האָט דאָס געטראַכט צו בייזן, גאָט האָט דאָס אָבער געטראַכט צו גוטן“ (בראשית, נ׳ פּסוק כ׳), דריקט אויס אַ טיפן רעליגיעזן געדאַנק. דאָס אייגענע לאָזט זיך אויך זאָגן מכּוח יענע שטיקער פון דעוטעראָנאָמישער אָפּשטאַמונג, פון וועלכע ס׳איז שוין פריער גערעדט געוועזן.

הוספות

נאָכדעם, ווי דאָס בוך איז שוין געווען אויסגעזעצט, האָבן מיר באַקומען די נייע, פערטע, אויסגאבע פון קיטעלס בוך, ווו עס קומען אריין אייניקע ענדערונגען און הוספות, געמאכט דורכן מחבר, וועלכע מיר גיבן דאָ ווייטער.

רעד.

צום קאַפיטל 2 § 4.

די „גרויסע נארעריי". — און דאָך קאָנען מיר נישט פארלאָזן דעם געגנשטאנד, איידער מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע אָנגריפן, וואָס דער בערלינער אסיריאָלאג, פרידריך דעליטש, האָט נישט לאנג צוריק געמאכט אויף דער תורה. ער פאַרגלייכט די תורה מיט די געזעצן פון בבל און אשור, און דערקלערט, אז די ערשטע, די געזעצן פון דער תורה, שטייען נידעריקער, ווי די לעצטע, און די דערציילונג פון גאָטס אנטפּלעקן זיך אויף דעם בארג סיני רופט ער אָן: איינע פון די גרויסע נארערייען, מיט וועלכע די תורה איז אזוי רייך.

בנוגע דעם ערשטן פונקט, איז קיין צווייפל נישט—ווי עס איז שוין פריער באוויזן—אז דאָס אלטבבלשע געזעץ פון האמוראפי איז פיל עלטער ווי דאָס ביבלישע—אפילו ווען אָדער אזוי ווייט ווי עס ווערט פארבונדן דירעקט מיט משהן. דערפון איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז ווו עס האנדלט זיך וועגן בארירונגען צווישן די ביידע, האָט דאָס בבלשע געזעץ אויפצו-

ווייזן גרעסערע אָריגינאַליטעט, ווי דאָס יידישע. עס איז אויך נאַטירלעך, אַז די פיל-עלטערע קולטור און די פיל-פאָרגעשריטענערע לעבנס-פאַרהעלטענישן אין בבל האָבן דאָרט געבראַכט צו א רייכער-אַנטוויקלטער און פיינער-אויסגעבילדעטער געזעצגעבונג. דאָס אַלץ שליסט אָבער נישט אויס, אַז דער רעליגיעזער ווערט פונם געזעץ און זיין באַדייטונג פאַר דער אַלגעמיינער רעליגיעזער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, איז ביי יידן העכער ווי אין בבל. עס מאַכט נישט אויס, וואָס איינצלנע געזעצלעכע באַשטימונגען זיינען אין בבל אָריגינעלער, אַנדערע אַפילו פּאָלקאָמענער ווי ביי יידן,—הגם גראָד די ביבלישע באַשטימונגען, וואָס ווערן אין דעם פּרט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, ווי רחמנות און מענטשלעכקייט בנוגע צו אָרעמע און אַפילו בנוגע צו שונאים, געפינען כמעט נישט זייער גלייכן אין קיין אַנדערע געזעצגעבונגען,—דער עיקר איז דאָ ניט די איינצלנע באַשטימונג, נאָר דער גייסט פון דער גאַנצער געזעצגעבונג. און דער גייסט פון דער יידישער געזעצגעבונג — איז דער גייסט פון דער יידישער רעליגיע; דער גייסט פונם בבלשן געזעץ איז דער גייסט פון רעליגיעזן לעבן אין בבל. דאָ האָבן מיר גראָבע פיל-געטעריי, פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט גלויבן אָן כשוף און אָן שדים. דאָרט אָבער האָבן מיר די איינהייטלעכע גאָטהייט, וואָס האָט זיך אַלץ שענער און ריינער אַרויסגעאַרבעט און אַנטוויקלט פון אַ אומפאָלקאָמענעם אָנהויב, און איר פאַרטרעטער האָט אויפגענומען דעם קרעפטיקן און אָפּטמאָל ערפאָלגרייכן קאַמף קעגן דעם כשוף, קעגן דעם גלויבן אין שדים און רוחות—וואָס האָט דאָך אָנגעהערט צום עצם מהות פון דער בבלשער רעליגיע.

דערפאַר איז עס אויך פאַלש, ווען דעליטש כאַפּט זיך אָן אין איינצלנע סתירות, וואָס לאָזן זיך באַמערקן אין דער דערציילונג וועגן דער געטלעכער אַנטפּלעקונג אויפן באַרג סיני, און שטיצנדיק זיך אויף זיי, דערקלערט ער דעם אַנשפּרוך אויף אַנטפּלעקונג, וואָס די תורה מאַכט, ווי א נאַרעריי. די נישט-ענלעכקייט און נישט-איינשטימיקייט אין דער דערציילונג באַווייזן נאָר, אַז מיטן איבערגעבן געשעענישן, געשיכטלעכע, אָדער, וואָס מ׳האַלט פאַר געשיכטלעכע, איז עס ביי יידן צוגעגאַנגען אַזוי ווי אומעטום, נעמלעך: אַז עטלעכע דערציילער גיבן כמעט קיינמאָל נישט איבער דעם אינהאַלט גענוי-איינשטימיק. דערמיט האָט דעליטש קיין שום נייעס נישט געזאָגט דער וועלט.

אָבער דער אנשפּרוך אויף געטלעכער אנטפּלעקונג איז דאָך אויסן נאָך עפּעס אנדערש, און ניט בלויז צו באַהויפּטן, אַז די דערציילונג וועגן איר איז אָן סתירות. אמתע רעליגיע איז: לעבן אין גאָט, זי קומט פון גאָט ווי זי פירט צו גאָט. דערפאר איז זי אַנטפּלעקונג ד. ה. געטלעכע אויסערונג, געטלעכעס באַווייזן זיך. האָט די יידישע רעלי־גיע פאַרגיכערט די אנטוויקלונג פונם רעליגיעזן לעבן פון דער מענטש־הייט; האָט זי די מענטשן נענטער געבראַכט צום לעבן אין גאָט — איז זי גאָטס ווערק און גאָטס אויסערונג. און האָט די תורה א חלק אין דער יידישער רעליגיע, האָט זי אויך איר חלק אין דער געטלע־כער אַנטפּלעקונג, וואָס יענע רעליגיע שטעלט פאָר. ווערט די פראַגע אזוי געשטעלט, מיט אנדערע ווערטער: מאַכט מען זיך קלאָר, וואָס אַזויגס הייסט געטלעכע אנטפּלעקונג, וועט מען לאכן פון דעליטשעס איינווענדונגען. ווארים אָן דער תורה, ווי גרויס אירע שוואַכע שטעלן און ווי פיל נישט־פולקאָמענהייטן עס זאָלן זיך אויך געפינען אין איר, לאָזט זיך די יידישע רעליגיע נישט דענקען. דער ייד און זיין רעלי־גיע איז אָבער און בלייבט די מוטער־שויס פון קריסטנטום.

דריטנס איז זיכער, אַז אַ גרויסער טייל פון חומש, ווי עס וועט נאָך שפּעטער געוויזן ווערן, שטאַמט פון אַ ווייט־שפּעטערדיקער, ווי משהס צייט, אָדער באַלד — נאָך אים. די געזעצגעבערישע טעטיקייט, וואָס משה האָט אָנגעהויבן און איז לויט זיין אָנרעגונג פאָרטגעזעצט געוואָרן, האָבן די יידישע גייסטליכע וויי טער געפירט. נייע צייטן מאַכן נויטיק נייע באַשטימונגען. ווערן פריערקע געזעצן צייטמעסיק געענדערט, און נייע, צו די נייע באַדערפעענישן צוגעפּאַסטע געזעצן, ווערן צוגעגעבן צו די אַלטע. די גייסטלעכע, אָדער די כהנים, וואָס דאַגהן פארן ווייטער־פירן די געזעצגעבונג, ווייסן, אַז דאָס, וואָס זיי טוען, איז אַ המשך פון משהס ווערק. זיי ווייסן: וואָלט משה היינט געלעבט, וואָלט ער גערעדט דאָס אייגענע, וואָס זיי רעדן. אַזוי גיבן זיי־צו צו די אַלטע געזעצן — נייע, רופן זיי אויף משהס נאָמען, און לאָזן זיי זיין פון אים געגעבן.

עס לאָזט זיך אָבער נישט טאַדלען יענע מענטשן ווי שווינדלער, און קוקן אויף זיי ווי אויף באַוווסטזיניקע אָפּנארער. זיי האַבן גע־

האַנדלט מיט דיינעם געווּיסן און אַזוי, ווי דער שטייגער איז געווען אין זייער צייט. א סך שפּעטער האָט מען געגלויבט די שילער פון פּיטאַגאָראַס דערפאַר, וואָס זיי האָבן זייערע אייגענע מיינונגען,—גלויבנדיק, אז זיי שטימען מיט דער כוונה פון לערער,—ארויסגעגעבן נישט אין זייער נאָמען, נאָר אין נאָמען פון פּיטאַגאָראַס.

צו קאַפּיטל 3 ז. 54.

אָט די זאַצן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פאַר עטלעכע יאָר, און וועלכע אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַר צו-געוואַגט, האָבן ביני-לביני באַקומען ממש אַן איבערראַשנדיקע באשטעטיקונג. נאָכמער: עס איז באַשטעטיקט געוואָרן מ ע ר, ווי איך האָב געוואַגט. לאַנג שוין זיינען אין דער וועלט פון געלערטע באַקאַנט געוועזן געוויסע אויפשריפטן אויף דעם האַלב-אינזל סיני, און זייער שטאַרקע ענלעכקייט מיט די סעמיטישע שריפטצייכן האָט שטענדיק גערייצט צו נייער און נייער פאָרשונג, ביז איצט, אָן ערפאָלג. און איצט זיינען געקומען די עגיפּטן-פאָרשער: ג אַ ר ד י נ ע ר און ס ע ט ה ע, און זיי איז געלונגען צו באשיידן דאָס רעטעניש, וואָס שטעקט אין די סיני-אויפשריפטן. ס ע ט ה ע מיינט, אַז דאָ האָט מען אנטדעקט דעם ערשטן אָנהויב, דער אורשפּרונג פונם א ל ף-ב י ת. ער מיינט, אַז די היקסאָס זיינען די שאפער פון דער נייער שריפט. זי איז א ווייטערדיקע אויסבילדונג פון דער עגיפּטישער שריפט, און אין 16-טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס קומט זי דורך די היקסאָס קיין כנען. דאָס רעזולטאַט פון דער אנטדעקונג, אויב עס וועט זיך באשטעטיקן, האָט פאר דער קולטור-געשיכטע און רעליגיאָנס-געשיכטע, אין צווייטן יאָרטויזנט פאר קריסטוס, א גרויסע באדייטונג. די געגנטן פון דער סיני-האלב-אינזל, וואָס קומען דאָ אין באטראכט, זיינען פון אור-אַלטע צייטן אָן געוועזן דער פּלאַץ פאר זייער פיל עגיפּטישע שאכטעס. די ארבעטער האָבן געקאָנט זיין געמישט: פון מצרים, בעדויִנער פון דער מדבר און כנענים. דערפון לאָזט זיך אָננעמען די עקזיסטענץ פון א מצרים-אמרישער געמישטער קולטור און געמישטער רעליגיע. אין הסכם דערמיט איז עס אויך, וואָס די געטין האַטהאָר

וועלכע ווערט דאָ געדינט, רופט מען „בעלית״. באַטראַכט מען די רוימלעכע נאָנטקייט פון דאנען ביז גשן, קאָנען מיר זיך דערפון גאַנץ גענוי פאָרשטעלן, ווי עס האָט אויסגעזען די גאָט-פאַרערונג ביי די יידן אין גשן, אין משהס צייטן.

צום סוף פונם 2-טן אָפּזאַץ 3 § קאַפּיטל 3:

אָנשטאָט דעם איצטיקן לעצטן זאַץ, וועלכן מען דאַרף אַרויסוואַרפן, דאַרף שטיין: נאָך דעם, וואָס עס איז פריער געזאָגט געוואָרן, קאָן מען אָננעמען, אַז אין מיטן דעם צווייטן יאָרטויזנט איז די שריפט ערפינדן געוואָרן און געקומען קיין כנען.

קאַפּיטל 11
דער אופן און פאַרנעם פונם איינגעמען דאָס לאַנד

נישט-לאַנג צוריק האָט זיך פרידריך דעליטש, — אין זיין שטאַרק אויפגעפוצטער פאַמפלעט-שריפט: די „גרויסע נאַרעריי,״ — פאַרנומען אויך מיטן אריינדרינגען פון יידן אין לאַנד כנען. דערביי מאַכט ער עטלעכע באַהויפּטונגען וועגן דער „ליגנערישער מעשה פון יריחו״: יריחו איז אריינגעפאַלן אין יידישע הענט נאָר צוליבן פאַרראַט פון אַן אונטערגעקויפטער זונה; פונם בלוטבאַד אין דרום-פאַלעסטינע: מיט גרויזאַמער איינטאָניקייט ווערט דערציילט דערפון, ווי מ׳האָט אומגעבראַכט די דאָרטיקע באַפעלקערונג. ער פאַלט אריין איבער דעם אין גרימצאָרן אויך נאָך דערפאַר, וואָס ער מוז פעסטשטעלן, אַז אין אמתן איז קיין אויסראָטונג פון דער אַלטער באַפעלקערונג גאָרנישט פאָרגעקומען. דאָס שטערט אים אָבער נישט צו זיין אויסער-זיך דערפון, וואָס די יידן, זייענדיק אַ „ברידערפאָלק פון די אמורים״, זיינען זיי דאָך ארויסגעטרעטן קעגן די לעצטע, און ער, דעליטש, קוקט בכלל אויף די יידן נישט פיל אַנדערש ווי אויף אַ רויבער-און מערדער-באַנדע, ווי אויף רויבנדיקע און מאָרדנדיקע נאָמאַדן״. אזוי קומט דעליטש צום אויספיר, אז פאַלעסטינע איז קיינמאָל נישט

געווען, און נישט-געקוקט אויף דער ברוטאַלער געוואַלט, איז עס דאָך קיינמאָל נישט געוואָרן דאָס רעכטמעסיקע לאַנד פון די יידן און פון יהוה; אַז אַ גרויסער טייל פון לאַנד איז אויך שפּעטער, ווי פריער, געבליבן אין די הענט פון זיינע אַלטע איינוווינער און דערוים... איז אויך ווייטער בעל געווען דער איינציקער, רעכטמעסיקער גאָט פון לאַנד. אַ רויק שילדערן דעם דעמאָלטיקן צושטאַנד וועט די זאַך אויפקלערן.

1. די דערציילונג אין יהושע. דער גאַנצער ספר יהושע איז געווידמעט דער דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי די יידן האָבן איינגענומען און צעטיילט דאָס לאַנד צווישן זיך. נאָך משהס טויט, אַזוי שטייט דאָרט געשריבן, האָט יהושע איבערגענומען די אָנפירונג, און דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אויף יענער זייט ירדן, אין לאַנד מואָב, האָט ער אַריבערגעפירט איבערן ירדן. דערביי האָט זיך דער ירדן, אויף גאָטס באַפעל, אַזוי צעטיילט, ווי ס'פלעגט פון צייט צו צייט אויך טרעפן אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער, אַז די יידן זיינען אים אַריבערגעגאַנגען אין טרוקעניש. אַ צווייטער גאָטס-וווּנדער לאָזט די פעסטונג יריחו, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון ירדן, אַריינפאַלן אין יידישע הענט, און דערמיט איז דער וועג צום באַרגיקן מיטללאַנד געוואָרן פריי. די שטעט עי און בית-אל זיינען אויך געפאַלן צו די יידן, און דורך דער מלחמה ביי גבעון געלינגט עס יהושען איינצונעמען דעם דרום-טייל פון פּאַלעסטינע, הגם אַלע דאָרטיקע מלכים האָבן זיך פאַראייניקט אין פאַרטיידיקונגס-קאַמף. זייער מפּלה ברענגט אויך די מלכים פון צפון-פּאַלעסטינע צו פאַראייניקן זיך קעגן די יידן, אָבער אָן ערפאָלג. יהושע האָט זיי אויך איינגענומען, און אַזוי אַרום האָט זיך דאָס גאַנצע לאַנד געפונען אין זיין רשות. עס בלייבט אים נאָך נאָר די אויפגאַבע: דאָס איינגענומענע לאַנד פאַנאַנדערצוטיילן צווישן די יידן. דער צווייטער טייל יהושע פאַרנעמט זיך מיט דער אויפגאַבע. נאָכדעם טרעט יהושע אָפּ פון פּלאַץ.

2. די דערציילונג אין שופטים. — אויב פון יהושע באַקומען מיר די פאָרשטעלונג, אַז יהושע האָט שוין איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד און האָט דאָס צעטיילט צווישן די שבטים, באַקומען מיר אָבער פונעם ערשטן קאַפּיטל שופטים גאָר אַן אַנדער בילד. הגם שופטים

קומט נאָך יהושע, און באהאנדלט, ווי עס שיינט, די צייט, וואָס נאָך יהושעס טויט, געהערט עס דאָך צו יהושע, און איז, נישט אנדערש, ווי אַ טיילווייזער פּאַראַלעל צו יהושע. אין אים האָבן מיר, נעמלעך, זייער אַ וויכטיקע שילדערונג דערפון, ווי אַזוי עס איז, אין אָנהויב, צוגעגאַנגען דאָס איינגעמען פּאַלעסטינע. לויט דער שילדערונג, האָבן די יידן, נאָך משהס טויט, צוערשט אַרויסגעשיקט יהודהן קעגן כנען. דער שבט יהודה האָט מיטגענומען מיט זיך דעם שבט שמעון. זיי געלינגט עס צו צעשלאָגן די כנענים, איינגעמען חברון, די בערג פון יהודה און אויך געוויסע געביטן פון דער דרום-מדבר. אין דער אייגענער צייט, אָדער באַלד נאָכדעם, טרעט אַרויס דאָס „בית יוסף”, ד. ה. אפרים און מנשה איניינעם מיט די אונטערשבטים, וואָס האָבן זיך אָן זיי אָנגעשלאָסן, קעגן בית-אל און נעמען זי איין; דערביי איז זיי באהילפיק איינער פון די אָרטיקע איינוווינער, וואָס האָט פאַרראַטן זיין שטאָט.

דאָ רייסט זיך איבער די געשיכטע, וועלכע האָט אַמאָל פאַרציטן געוויס דערציילט אויך דערפון, וואָס עס האָבן דערוואָרבן די אַנדערע שבטים: מנשה, אפרים, זבולון, אשר, נפתלי און דן. די דאָזיקע אַלע נאָכריכטן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן. אָנשטאָט זיי איז אונז געבליבן א קורצער, אָבער זייער א ווערטפולער איבערזיכט איבער דעם, וואָס די דערמאָנטע שבטים האָבן נ י ש ט דערוואָרבן. פון אים ווערן מיר געוואָר, וואָס מיר האָבן פון יהושע, אויב נישט רעכענען איינצלנע אויסנאמען, נישט געקאָנט געוואָר ווערן, — נעמלעך: אַז ביי זייער אומגעבראָכענער גבורה איז עס די אַריינדרינגענדיקע יידן געלונגען איינצונעמען עטלעכע וויכטיקע פונקטן אין די בערג און זיך דאָרט באַזעצן, און אויך עטלעכע שטעט צו געווינען, אָבער אַז א גרויס געביט איז נאָך פאַרלויפיק געבליבן נישט איינגענומען. די פרוכטבאַרע טאָלן און די גוט-אַרומגעמויערטע און קונסטמעסיק פאַרטיידיקטע שטעט זיינען פאַרבליבן אין די הענט פון די אַלטגעזעסענע אין לאַנד— ווייל זייער הויכע קריגס-קונסט און באַוואָפנונג האָט זיך דאָ געקאָנט שטאַרק אַנטוויקלען. דער ווילדער, פאַרצייטיקער שטורם פון די העלדישע יידישע מחנות האָט ווייט נישט געקאָנט ביישטיין קעגן דעם שטרייטוואָגן אין טאָל און נישט קעגן די כנענישע קונסטמעסיק-גע-

בויטע פעסטונגען אויף די בערג. מוז מען זיך אויף א לענגערע צייט איינריכטן אזוי, אז מ׳זאָל קאָנען צוזאַמענלעבן מיט די כנענים. ערשט ביסלעכווייז, הויפּטזעכלעך אין די צייטן פון די ערשטע מלכים, איז עס די יידן געלונגען ענטגילטיק צו ווערן די בעלי־בתים אין לאַנד. די פאָלגן פונם צוזאַמענלעבן פאַר דער רעליגיע — האָבן זיך געלאָזט דערקענען. וואָרים די כנענים האָבן געדינט צום בעל, און זייער גאָט־פאַרערונג איז שטענדיק געווען אַן ערנסטע געפאַר פאַר די יידן. אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

3. די דערציילונג אין ספר במדבר. אויסער די דאָזיקע צוויי דערציילונגען, וואָס פירן אונז אריין אין דער צייט, וואָס נאָך משהס טויט, עקזיסטירט נאָך איין דערציילונג פון משהס צייט גופא. לויט איר, האָט משה אַליין געוואָלט, דירעקט פון דער מדבר, אלזאָ פון דרום אויס, אריינצודרינגען אין לאַנד כנען. צו דעם צוועק שיקט ער מרגלים, אויסצוזוכן דאָס לאַנד, און זייער באַריכט נעמט אָפּ דעם מוט ביים פאָלק. און אז נישט־געקוקט דערויף, וואַגט מען דאָך אָנצופאַלן אויף די כנענים, קערן זיך די אָנפאַלער אום צוריק מיט בזיונות און מיט שווערע שאָדן. אָבער אין א קורצער אָדער לענגערער צייט אַרום — גענויערס לאָזט זיך וועגן דעם נישט זאָגן — געפינט מען די געלעגנהייט דאָס פאַרלאָרענע צו געווינען. כנענים פונם פאַלעסטינישן דרום־געביט טרעטן ארויס קעגן די יידן, זיי ווערן אָבער צעשלאָגן און אומגעבראַכט. ביידע מאָל האַנדלט עס זיך וועגן דער געגנט אַרום חרמה אין דער דרום־מדבר. לויט דער דערציילונג קומט אַלזאָ אויס, אז טיילן פון יענעם דרום־געביט זיינען שוין אין משהס צייטן געווען אין יידישע הענט.

4. רעזולטאַט. דער אופן פון קריג־פירונג. נאָך דעם איבערזיכט, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, איז עס אָבער קיין ספק נישט, אַז די באַריכטן וועגן דעם אַריינדרינגען פון יידן קיין כנען דאַרפן קריטיש באַהאַנדלט ווערן און זיי מוזן איינער קעגן אַנדערן געוויגן ווערן. פאַרגלייכט מען דעם ערשטן באַריכט (יהושע) מיטן צווייטן (שופטים), איז קלאָר, וועלכער פון זיי פאַרדינט מער צוטרוי. אויב דער לעצטער דערציילט: ישראל האָט גרעסערע געביטן פון לאַנד פאַרלויפיק נישט געקאָנט איינגעמען, האָבן מיר דאַ דעם אמת. א עדות־זאַגן, וואָס רעכנט זיך אזוי ווייניק מיטן

באַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין, און פאַרקערט, ער טרעט אַרויס קעגן אים, וואָלט די לעגענדע גיכער באַזייטיקט אײדער געשאַפן. האָבן מיר דאָס אָבער פאַר זיך, שטימט עס מיטן אמת.

דערמיט איז אויך שוין געזאָגט, אַז די באַריכטן, וואָס מיר האָבן אין ספר יהושע, וועגן די נצחונות אין דרום פון לאַנד און אין צפון, און אויך דער איבערזיכט איבערן צעטיילן דאָס לאַנד, דאַרף מען נאָר אַזוי פאַרשטיין, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ שפּעטערער דערציילונג, וואָס האָט די זאַכן פאַראַלגעמיינערט. געוויסע געביטן אין דרום ווי אין צפון האָבן די יידן איינגענומען, וועגן אַנדערע האָבן זיי נאָך ערשט לאַנגע יאָרן געדאַרפט מלחמה האַלטן. וועגן אַ צעטיילונג פונם לאַנד צווישן די איינצלנע שבטים, קאָן מען דערום רעדן נאָר אַזוי ווייט, ווי ס׳איז שוין איינגענומען, אָדער וואָס מ׳טרעט ערנסט צו איינצונעמען. דער איבערזיכט איבער די געביטן, וואָס זיינען פאַרטיילט צווישן די שבטים, ווי מיר האָבן זיי פאַר אונז אין יהושע, קאָן שטאַמען נאָר פון אַ ווייט־שפּעטערדיקער צייט. ס׳רוב זיינען דאָ אָנגעגעבן גראָד יענע אידעאַלע שבטים־גרענעצן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

לויט דעם געזאָגטן ביז אַהער, מוז דער ערשטער באַריכט דערגאַנצט און ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן דורך דעם צווייטן. אָבער דער צווייטער אַליין גיט אויך נאָך נישט איבער דעם גאַנצן צושטאַנד, ווי ער איז געווען ערשטנס איז ער, ווי ס׳איז שוין באַמערקט געווען, נאָר אַ טייל פון אַ באַריכט, וואָס באַלד שוין נאָכן אָנהויב, ענדיקט ער זיך. דאָ קאָן קומען דער ספר יהושע און אַ סך פּרטים דערגאַנצן. דערצו האָט דער דריטער באַריכט די גרויסע מעלה קעגן דעם צווייטן, וואָס די נאַכריכט: די דרום־געביטן זיינען פון דרום (אַלזאָ פון דער מדבר אויס, און שוין אין משהס צייטן, אין פאַרבינדונג מיטן גאַנג אין דער מדבר) דורך די יידן איינגענומען געוואָרן, טראָגט די אינעווייניקסטע וואַרשיינלעכקייט אין זיך. לויטן געזאָגטן, וועלן מיר זיך דעם גאַנג פון די געשעענישן אַזוי האָבן פאָרצושטעלן: שוין אין משהס צייטן האָבן זיך איינצלנע משפחות, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די יידן, אריינגעקריגן אין די גרעניץ־געביטן פון פּאַלעסטינע און דאָרט זיך באַזעצט. און אַז יהודה און שמעון זיינען, אין יהושעס צייט, אַרויסגעטרעטן קעגן די בערג

פון יהודה, האָבן זיי דאָרט שוין געפונען איינגעזעסענע, פאַרוואַנדטע פון זייערע שבטים, די משפחות כלב און עתניאל, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געקאָנט שטיצן. די איבעריקע שבטים, מיט „בית יוסף" און יהושע בראש, זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן די בערג פון אפרים און האָבן איינגענומען דעם קאַם און די זייטן פונם באַרג-לאַנד. אין איינצלנע שטעט און באַצירקן לעבן די יידן איניינעם מיט דער אַלטער באַפעלקערונג. אַנדערע געביטן ווידער, דערהויפּט אַזוינע, וואָס זיינען געשיצט געוואָרן דורך פעסטע פלעצער, בלייבן פאָרלויפיק אין די הענט פון זייערע אַלטגעזעסענע איינוווינער.

ווי אַזוי זיינען זיך די יידן באַגאַנגען מיט זייערע איינגענומענע פיינט? דאָרט, וווּ זיי זיינען געווען פולשטענדיקע זיגער, זיינען זיי זיך מיט די פיינט באַגאַנגען אַזוי, ווי ס'איז אין יענער צייט געווען דער שטייגער: די, וואָס זיינען לעבעדיקערהייט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די זיגער, ווערן נישט-זעלטן דערשלאָגן „מיטן שאַרף פונם שווערד", און אַפילו פון יהושעס כבוד וועגן. ווייל דער קריג איז שטענדיק געפירט געוואָרן אין יהושעס נאָמען, זיינען די פיינט באַהאַנדלט געוואָרן ווי באַשטימטע פאַר גאָט אָדער — ווי לוטער זעצט עס איבער — ווי פון גאָט „פאַרשאָלטענע". פאַרן געלייטערטן געפיל האָט אַזאַ באַהאַנדלונג געוויס פיל אָפּשטויסנדיקס אין זיך. פאַרגלייכט מען דאָס אָבער מיטן געוויינלעכן רויב-צוג, וואָס זיין איינציקער ציל איז רויב, און אַלץ, וואָס אים שטעלט זיך אין וועג, ברענגט ער אום, — דאַן האָט די יידישע האַנדלונג — ביי איר גאַנצער ריקזיכטסלאָזער האַרטקייט, — דאָך נאָך אין זיך עטוואָס אַזוינס, וואָס פאַרדינט אַכטונג. פון גאָטס וועגן זאָגט מען זיך אויך אָפּ פון קריגס-געווין. און דערמאָנט מען זיך ווייטער, ווי אין מוסלמענישן מזרח איז דער אַנדערשגלויביקער אויך איצט נאָך אונטערגעוואָרפן כלערליי פאַרפאָלגונגען, און אַז אין אַנדערע געגנטן מוז מען זיך רעכענען דערמיט, אַז אַלס שונא פון איסלאַם קאָן מען אויך געהרגעט ווערן, און רעכנט מען צו דערצו די גרויסע געפאַר — און דאָס קאָן מען נישט אָפּלייקענען! — וואָס איז פאָרגעשטאַנען דער יהוה-רעליגיע מצד דער אַלטער באַפעלקערונג פון לאַנד: דאַן וועט מען אַפילו אויף אָט דעם באַרבאַרישן מנהג אויך ווייכער קוקן. דאַן וועט מען עס פרווון, אָנשטאָט אַריינצופאַלן אין כעס און ביליקער אויפרעגונג,

בעסער פון דער געשיכטע אויס אים צו פאַרשטיין. אַמווייניקסטן אָבער איז פאַראַן גרונט פאַר דעם מנהג צו מאַכן אַ באַזונדערן פאָרוואורף יידן, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער פון יענער צייט. אַז דער דאָזיקער מנהג איז אויף קיין פאַל נישט שטענדיק אָנגעווענדעט געוואָרן, און וואַרשיינלעך אין אַ פיל שוואַכערער מאָס, ווי די שפּעטערדיקע באַריכטן לאָזן משער זיין — אַפילו כאָטש נאָר צוליב דעם, וואָס פיל מאָל האָט יידן פשוט געפעלט די מאַכט דערצו, און זיי זיינען אָנגעוויזן געווען אויף קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג — וועגן דעם איז שוין גערעדט געוואָרן. אָבער אויסער דעם איז גענוג אַ קוק צו טאָן אין די באַריכטן וועגן די נצחונות פון די מלכים פון אַשור, כדי צו דערקענען, אַז אין פאַרגלייך מיט יענע בלוט־טריפנדיקע, העסלעכע און ראַפינירטע גרויזאַמקייטן, מיט וועלכע די שילדערונגען רימען זיך, זעען די יידישע האַנדלונגען אויס, כמעט ווי קינדישע אומשולד

איינקע ביישפּילן געניגן: „זייער (דעם שונאס) בלוט לאָז איך פליסן ווי וואַסער, לענג־אויס זייער פאָרשטאָט... פינף טויזנט מתים האָב איך אויף שטיקער צעשניטן". „די שטאָט האָב איך איינגענומען, און די פעלצער ארום זייערע שטעט האָב איך מיטן בלוט פון זייערע קריגער געלאָזט פאַרבן, ווי מ׳פאַרבט וואָל; זעקס טויזנט קריגער זייערע האָב איך דערשלאָגן... טויזנט צוויי הונדערט שטעט האָב איך חרוב געמאַכט און פאַרברענט". „מיט טויטע קערפּער האָב איך פול געמאַכט דאָס פלאַכע פעלד, דעם באַרג האָב איך מיט זייער בלוט געפאַרבט, ווי מ׳פאַרבט וואָל; אַ זייל פון מענטשן־קעפּ האָב איך אויפגעשטעלט אַנטקעגן זייער שטאָט". „דריי טויזנט געפאַנגענע האָב איך פאַרברענט אין פייער". „פון זעקס הונדערט קריגער זייערע האָב איך די קעפּ אָפּגעשניטן. דריי טויזנט געפאַנגענע האָב איך אויסגעראָטן, לעבעדיקע מענטשן האָב איך אויף שפּיזן אויפגעשטעקט אַרום־און־אַרום דער שטאָט, אַנדערע האָב איך די אויגן אויסגעשטאָכן". „זיבן הונדערט מענער זייערע האָב איך אַרויפגעשטעקט אויף פלעקער, זייערע ייִנגלעך און מיידלעך האָב איך פאַרברענט צו אַש... צוויי הונדערט מענער האָב איך גענומען אין געפאַנגענשאַפט און זיי אָפּגעשניטן די הענט". „גרויס און קליין האָבן זיי מיט וואָפן אויסגעהרגעט... אויף שטאַנגען האָבן זיי די טויטע קערפּער אויפגעהאָנגען. די הויט האָט מען פון זיי אַראָפּגעצויגן און מיט איר באַדעקט די מויער

פון שטאָט". „זייערע העלזער האָב איך איינגעשניטן... די פערד פון מיין וואָגן בראָדזשען אין זייער בלוט, ווי אין אַ שטראָם... איך שנייד זיי אויס די געשלעכטס-אברים, רייס זיי אויס דעם גליד, שנייד זיי אָפּ די הענט". „זייערע ציגגער רייס איך אויס און הרגע זיי אויס אַלע איניינעם".

איך האָף, אַז די דאָזיקע ביישפּילן וועלן גענוגן כדי צו איבערצייגן דעליטשן, אַז די פיינט פונם פאָלק ישראל האָבן געהאַט רעכט, ווען זיי האָבן די יידישע מלכים—נישט-געקוקט אויף זייערע ווילדע קריגסזיטן — אין פאַרגלייך מיט זיך אַליין, דאָך נאָך אָנגערופן: „באַרמהערציקע מלכים" (מלכים א. קאַפּ. 20 פסוק 31). ער וועט זיך אָבער אויך איבערציינן, ווי אומגערעכט ער איז, ווען ער שרייבט-צו יידן באַזונדערע גרויזאַמקייט. דערמיט איז אויך שוין אַרויסגעזאָגט דער משפּט אויף דעליטשעס אַנדערע נישטיקע מיינונגען. אַז די יידן זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד אַריין ווי עראָבערער, און נישט ווי מיט קיין גרינגער האַנט, דאַרף זיין זעלבסטפאַרשטענדלעך. נאָר דער, וואָס שרייבט פאַר קינדער, קאָן דערפון אַריינקומען אין כעס און יאָמערן אויף דער „ברוטאַלער געוואַלט". ווילט זיך איינעם נעמען קריגער-מחנות, וואָס קומען פון דער מדבר, און זיי אָנרופן מיטן נאָמען: „רויבערישע נאָמאַדן"; און ווייל די כנענים האָבן נאָך אַ לענגערע צייט געלעבט אין לאַנד איניינעם מיט די יידן, דערפאַר וויל ער דוקא דעם בעל אָנרופן „דעם רעכטמעסיקן גאָט פון לאַנד", איז וועגן אַזעלכע באהויפּטונגען נישטאָ וואָס צו שטרייטן. און פונקט אַזוי ווייניק לאָזט זיך אויך שטרייטן וועגן דעם איינגעמען יריחו. וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, אין אַלע פרטים, וועט קיינער געגוי נישט קאָנען זאָגן. עס איז אָבער נישט וואַרשיינלעך, אַז דאָס פאַררעטערישע טאָן פון רחב זאָל דאָ האָבן מיטגעווירקט*). און וואָלט דאָס יאָ אַזוי געווען, וואָלט מען דאָס נישט פאַרשוויגן, פונקט ווי מ'האָט דאָס ביי בית-אל נישט פאַר-

*) גראָד אויף אַ פאַלשער איבערזעצונג פון יהושע כ' י"ח, וואָס געפינט זיך, איבעריקנס, אויך אַנדערש-ווו, שטיצט זיך דעליטשעס מיינונג, רחב האָט די מרגלים אויף איר רויטן פאָדעם אַראָפּגעלאָזט דורכן פענסטער — און זיי האָבן אַפילו דערביי דעם האַלז און נאַקן נישט געבראָכן! עס דאַרף הייסן: „אָן דעם פענסטער, דורך וועלכן דו האָסט אונז אַראָפּגעלאָזט".

שוויגן. פון רחב ווערט דאָך נאָר געזאָגט, אַז זי איז געווען דאָס, וואָס איז אונז אַזוי גוט באַקאַנט: אַ מענטש מיט אַ „לייכטן געוויסן". פאַרוואָס זאָל דער שטריק גראָד זיין אויסגעטראַכט? אָבער ווי עס זאָל אויך זיין, האָט דאָך דערפון נישט געקאָנט אויסוואַקסן די לעגענדע וועגן די אַיינגעפאלענע מויערן. דאָ האָבן נאָך אַנדערע געשעענישן געמוזט מיטווירקן, וועלכע האָבן דער קומענדיקער וועלט געדאַרפט איבערגעבן דעם אַיינדרוק פון יהושע'ס וווּנדערבאַרער פירונג. עטוואָס מער זין פאַר געשיכטע וואָלט געקאָנט דעליטשן פאַרהיטן פון אַנדערע צו-געיילטע באַהויפּטונגען.